STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05075

DAT VE-DAAT

H. Hirsh

*Permanent preservation of this book was made possible
by Judith B. Kaplowitz & family
in memory of
Moshe Aaron & Edna Balter*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דת ודעת

(רעליגיאָן און וויסענשאַפט)

וויסענשאַפטליכע אַפּהאַנדלונג וועגען דער אידישער אמונה, פאַר אַלע קלאַסען אידען.

תורה און רעליגיאָן

באַגרינדעט אויף פארשידענע רעליגיעזע און פילאזאפישע ווערק, מיט מאָדערנער באַלייכטונג.

פון ב. צ.

ארויסגעגעבען פ׳ן דער „נר תמיד׳׳ פאַבלישינג קאָ.
ניו־יאָרק.

א פּאָר ווערטער צום לעזער.

א געוויסער דענקער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז מיט אָפּלייקענען די עקזיסטענץ אָדער די גערעכטיגקייט פון עטוואָס, ווערט יענער עטוואָס ניט געענדערט דורך דעם.

מיט אָפּלייקענען די עקזיסטענץ פון דעם וועלט־בּעשעפער שאַפט מען איהם אָבער ניט אָפּ, פּונקט ווי מיט פערהייליגען אַן אָבערגלויבערישע נאַרישקייט וועט זי ניט פערוואַנדעלט ווערען דורך דעם אין א חכמה.

און מיט אָפּלייקענען די הימלישקייט און געטליכקייט פון דער אידישער תורה, קען ניט געענדערט ווערען דער פאַקט, וואָס זי איז דאָס גראָדע יאָ.

מיט ניט וועלען אָנערקענען דעם פאַקט פון השארת הנפש, ווערען דערמיט די נשמות פון די פערשטאָרבּענע ניט פערניכטעט.

די מעהרסטע מאָדערנע פריידענקער, זענען בּלויז לייקענער און אָפּט זענען זיי סתם פערפיהרטע און אָפּגענאַרטע; זיי טראָגען זיך אַרום מיט פאַלשע געדאַנקען, מיינענדיג אַז דאָס איז ריינע אמת׳דיגע פילאָזאָפיע.

איהר מעגט ליעב האָבּען די פילאָזאָפען און דענקער, ווען איהר בּעטראַכט אַלס אייערע לעהרער און וועג־ווייזער. אָבּער דעם אמת מוזט איהר נאָך שטאַרקער ליעב האָבען!

און דער צוועק פון דיעזער און די נאָכפאָלגענדע בּראָשורען, איז צו בּעפעסטיגען דעם אמת וועגען דער אידישער תורה און אמונה, איהר דאַרפט עס דעריבּער לעזען; עס איז פאַר אייך פון העכסטען אינטערעס אין לעבּען.

דאָס ליכט פון׳ם אמת קען פערשטעלט ווערען, אָבּער ניט פערלאָשען ווערען; עס לייכט, וואַרימט און בּרענט אייביג, אפילו ווען איהר אליין זעהט עס ניט; אייער בּלינדקייט איז אָבּער אַן אומגליק פאַר אייך זעלבּסט, ווייל איהר טאַפּט אין דער פינסטער און מוזט סוף כל סוף אומפאַלען און זיך שאָדען בּרעגגען.

אויבּ, פריינד לעזער, דיעזע בּראָשורע איז דיר געקומען צום האַנד, זאָלסטו זי ניט אַרויסלאָזען אומגעלעזען; זי קען מיינען א נייע ווענדונג אין דיין לעבּען און אייבּיגען גליק פאַר דיר דאָ אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט.

אויבּ דו האָסט א זכות, וועט דיר דיעזע בּראָשורע צום האַנד קומען און אויבּ דו האָסט א צווייענדיגען זכות, וועסטו זי אויך איבּערלעזען און דערזעהען דעם אמת!

ד ע ר פ ע ר פ א ס ע ר.

דיאַלאָג.

אונגלויביגער:

איך קען ניט גלויבען זאַכען געגען שכל,
איך קען ניט זאָגען טאָג אויף נאַכט,
אויף דיין אמונה מוז איך געב'ן א שמייכעל,
איך לאַך פון אַלע ראיות וואָס דו האָסט געבראַכט!

גלויביגער:

דיין שכל, ברודער, איז בעגרעניצט, זעהר שוואַך,
אָפט זעהסטו ניט די געגענשטאַנדען וועלכע זענען דאָ,
אָפט קענסטו ניט דערקענען גאָר א פּראָסטע זאַך,
אַבוואָהל דו זעהסט עס יעדען טאָג, אי־עדער שעה.
אָט, זאָג מיר נור, דו גרויסער ־על־ידיעה!
ווי הייסט די זאַך? (דו קענסט עס גוט און ווייסט עס אַקוראַט,)
דאָס איז א קליינע, בייסענדע און בייזע בריאה,
וואָס עסט אָהן שיעור און קיינמאָל ווערט זי זאַט;
איהר פּאַרציע שפּייז איז צעהן מאָל גרוים ווי זי אַליין און שווערער,
און אויב מען גיט איהר נור געניג צום פרעסען,
דאַן קאָן זי לעבען טויזענד יאָהר און מעהרער,
פערבלייבענדיג אי יונג אי שעהן, גאָר פּראַכטפול, אונטערדעסען;
זי ווערט געבאָרען מאָמענטאַל, ווערט גרוים אין א סעקונדע,
און תיכף האָט זי קינדער אַלערליי;
זי וואַרפט זיי איינס נאָך איינס, אָפט שפּיציגע, אָפט רונדע
און שטאַרבט נאָכהער אין איין מאָמענט מיט זיי.
זי איז דער גרעסטער שונא פון דער וועלט,
זי טהוט אָן צרות, שוינט ניט קיינעם,
ס'איז אָבער שווער און ביטער ווען זי פעהלט,
ווייל זי איז אויך דער בעסטער פריינד פון יעדען איינעם.
און כאָטש ז'איז ניט קיין גייסט, נור פּשוט פּראָסט א גוף,
דאָך קען מען זי בשום אופן ניט צוטהיילען, ניט צושניידען
און אימער נור אין יענעמס שוים זי האַלט־זיך־אויף,—
נעהם ריים זי אָפּ, דאַן קומט דער טוידט, זי קען איהם ניט פאַרמיידען.
נו זאָג מיר, גרויסער קענער, גרויסער ווייסער!
וואָס איז עס פאַר אַזאַ מין זאַך דאָ אויף דער וועלט?
און מערקווירדיג! דען טאָמער טרעפסטו, ביזטו זיך אַליין דאַן סותר,
ערשט דאַן דערזעהסטו ווי דיר שכל פעהלט!

דעם ענטפער צו דיעזער רעטעניש, וועט דער לעזער אויסגעפינען נאָכדעם ווי ער וועט איבערלעזען די גאַנצע בראָשורע און אויב איינער טרעפט עס גלייך, וועט איהם אין דעם ענטפער קלאָהר ווערען, אַז דאָס איז דער בעסטער בעוויין ווי ווענג שכל מיר פערמאָגען און ווי בערעכטיגט עס איז די אמונה וואָס מיר האָבען בקבלה פון גרעסערע און קלוגערע מענשען ווי מיר אַליין זענען.

תורה און רעליגיאן.

> יש חכמה בגוים—תאמין, יש
> תורה בגוים—אל תאמין!
> (מדרש איכה.)

וואס עס שטעקט אמאל אין א נאמען.

איינער פון די גרעסטע שווינדלען אדער טעות'ן, איז צו קלאסיפיצירען די אידישע תורה ואמונה צוזאמען מיט אלע אנדערע תורות ואמונות און צו בעטיטלען זיי אלעמען מיט דעם אלגעמיינעם נאמען „רעליגיאן".

דער דאזיגער שווינדעל אדער טעות ווערט זעהר אפט בעמערקט אויך אין דער מסחר־וועלט, וואו שווינדלערישע סוחרים זוכען צו אפנארען דערמיט אונערפאהרענע נארישע קונדען. אמאל לעגט מען אריין א ביליגע סחורה צווישען בעסערע, טהייערע סחורה אום צו מאכען אימעצען גלויבען, אז די ביליגע סחורה איז אויך א טהייערע און אמאל טהוט מען פערקעהרט, מען לעגט אריין א טהייערע סחורה צווישען ביליגע, כדי דורכצושמוגלען זי אלס ביליגע, ווי למשל עס טהוען די יעניגע, וועלכע ווילען גנב'ענען דעם גרעניץ־אפצאהל און אין אנדערע פעלע.

מיט דער אידישער תורה ווערט דער דאזיגער שווינדעל פראקטיצירט אין ביידע פארמען; אמאל פערמישט מען זי מיט די ביליגע פאלשע תורות כדי צו מאכען דעם איינדרוק, אז יענע פאלשע תורות זענען פונקט אזוי גוט און הייליג ווי זי, די אידישע תורה, און אמאל טהוט מען דאס מיט דעם פערקעהרטען צוועק — צו צייגען, אז די אידישע תורה איז פונקט אזוי נישטיג און פאלש ווי אלע אנדערע ביליגע תורות.

אין ביידע פעלע העלפט מען זיך ארויס דורך דעם שווינדעל צו אנרופען אלע תורות מיט דעם אלגעמיינעם נאמען „רעליגיאן"; דערמיט ווערט גלייך בעהאלטען דער וויכטיגער פאקט, אז א געטליכע תורה איז פאראן, און קען נור זיין איינע, וועהרענד אלע אנדערע זענען בלויז מענשליכע תורות; עס ווערט געמאכט דער איינדרוק, אז אלע תורות זענען גלייכע יחסנים, אדער גלייכע קנאפע יחסנים; עס ווערט בעשאפען א בעגריף, אז עס האנדעלט זיך וועגען „מיין" רעליגיאן, „דיין" רעליגיאן און „יענעמס" רעליגיאן און נאטירליך איז דאן „מיין" רעליגיאן ניט ערגער ווי דיינע, אדער דיינע איז אזא שמאטע ווי מיינע, לויט ווי עס לוינט זיך דעם שווינדלער צו טענה'ן, אמאל אזוי און אמאל פארקעהרט.

אום צו בעהאלטען דעם פאקט, אז עס זענען פאראן עכטע דימענטען און אויך נאכגעמאכטע געשלייפטע שטיקלאך גלאז וועלכע קוקען אויס ווי דימענטען, אבער זיי זיינען דאס ניט, האבען די פעראינטערעסירטע גענומען רופען די ביידע סארטען מיט דעם פארעווען אלגעמיינעם נאמען „שטיינדלאך" כאטש דער אונטערשייד צווישען א דימענט און א שטיקעל גלאז, איז ווי פון טאג צו נאכט און אן עקספערט קען עס אימער אויסגעפינען. נור דאס איז א מיטעל צו אפנארען דעם פראסטען עולם, וועלכער האט ניט קיין מבינות אין דעם ענין און ביי וועמען דער נאמען פון א זאך שפיעלט די גאנצע ראליע.

אונטער דעם פארעווען נאמען „שטיינדלאך", קען דער שווינדלער פערקויפען צום עולם־גולם פראסטע שטיקלאך גלאז אלס עכטע דימענטען, ער דארף נור האבען ביי זיך אן איינציגען עכטען דימענט און דעמאנסטרירען זיינע מעלות; ער קען אויך דורכשמוגלען עכטע דימענטען אין קאסטום־הויז אלס פראסטע שטיקלאך גלאז, צייגענדיג דעם צאהל־בעאמטען א נאכגעמאכטען פראסטען שטיינדעל.

אונטער דעם נאמען „רעליגיאן" קען מען פערהייליגען יעדע פאלשע תורה אלס געטליכע ווערק, אנצייגענדיג אויף געוויסע עכט־געטליכע עלעמענטען פון דער אידישער אמת'ער תורה, און אונטער דעם זעלבען נאמען „רעליגיאן", קען מען צונישט מאכען די אידישע אמת'ע תורה, אנצייגענדיג די נישטיגקייט פון אלע אנדערע פאלשע תורות.

מענשליכע רעליגיאָנען און תורה מן השמים.

די צבו'עטסטווע פון די שווינדלער און די אידיאָטס־
טווע פון זייערע בלינדע נאָכפאָלגער בעשטעהט אין
דעם, וואָס מען מישט צוזאַמען די מענשליכע רע־
ליגיאָנען מיט דער געטליכער אידישער תורה; די קירכען און עבודה־זרה־טעמפּ־
לען, מיט די אידישע שוהלען; די גלחים מיט די רבנים, און מען מאַכט דעם
פאַלשען ליגנערישען איינדרוק, אַז דאָס אַלעס איז איינע און די זעלבע זאַך, נור
פון פערשיעדענע רעליגיאָנען, כאָטש באמת איז דאָס א הימעלשרייענדער סקאַנ־
דאַליעזער שווינדעל; די אידישע תורה איז צווישען אַלע אַנדערע רעליגיאָנען
ווי א דימענט צווישען געשלייפטע שטיקלאַך פּראָסטע גלאָז און אויב מען זאָל
זי נור אונטערזוכען בעזונדער, וועט תיכף דער שווינדעל ענטדעקט ווערען; מען
וועט גלייך איינזעהען, אַז די אידישע תורה איז טאַקי א געטליכע, א תורה מן
השמים, וועהרענד די אַלע פערשיעדענע רעליגיאָנען זענען די ווערק פון מענש־
ליכע הענד און זיי זענען נור דערפאַר עהנליך צו דער אידישער תורה, ווייל זיי
האָבען זי אין פיעלעס קאָפּירט און נאָכגעמאַכט, כדי זיי זאָלען אויבערפלעכליך
אויסקוקען פונקט ווי זי.

די ניט־אידישע פערעהרער פון רעליגיאָן קענען ניט אָנצייגען, אַז זייער רע־
ליגיאָן איז זיי געגעבען געוואָרען פון הימעל, ווי דאָס איז דער פאַל מיט דער
אידישער תורה, און די געגנער פון רעליגיאָן קענען ניט אָנצייגען, אַז זייערע גענ־
נערישע פיילען האָבען אַמאָל אריינגעשאָסען אין דער אידישער תורה. אין דער
ריכטיגקייט פון דעם צווייטען פאַל קען דערמאָהנט ווערען דאָס פאָלגענדע:

עס זענען למשל געווען גאַנץ אַנשטענדיגע און בעריהמטע ניט־אידישע דענ־
קער, וועלכע זענען געוואָרען די בלוטיגסטע שונאים פון רעליגיאָן און זיי זענען
דערצו געקומען שטודירענדיג די קירכע, די גלחים. די מאָנאַסטירען, דעם ברית
חדשה, דעם וואַטיקאַן אין רוים און די רעאַקציאָנערע פיגסטערע פּאָליטיק פון
די פּאַבסטען מיט זייערע אינקוויזיציעס, שייטער־הויפענס און עהנליכעס; דיעזע
דענקער זענען נאכהער אַרויסגעקומען מיט די אויפגעדעקטע פאַקטען און מיט
א פייערדיגער פערדאַמונג געגען דער רעליגיאָן און איהרע פאָרשטעהער; זיי
האָבען אויך פיעל קראַפט אַוועקגעלעגט אין אַרונטעררייסען דעם בעגריף פון א
מענשען־גאָט און פון א געטליכער דריי־איינינגקייט, נו האָבען זיי דען דערמיט
כאָטש אָנגעריהרט אַן איינציגען אות פון דער אידישער תורה? האָבען זיי דען
כאָטש מיט אַן איינציגען פאַקט אריינגעשאָסען אין דער אידישער שוהל, אָדער
אין די אידישע רבנים?

רעדט דען אויך די אידישע תורה וועגען א מענשען־גאָט? האָט מען אַמאָל
אפשר ענטדעקט אויך אין די אידישע שוהלען אַזאַ אויסגעלאַסענקייט, ווי אין
מאַנכע קירכען, וואו „היילינע" ברידער האָבען געזינדיגט מיט „היילינע" שוועס־
טער און נאַכהער ערמאָרדעט די פרוכט פון זייער זינד און דאָס בעגראָבען אין
קעלער אונטער'ן קירכע? האָבען דען די אויסגעדאַרטע, אויסגעהונגערטע אידישע
רבנים אַמאָל אויך געצייגט סמנים פון בלוט־דורשטיגקייט ווי מאַנכע גייסטליכע
ביי די אומות העולם?

וואָס אַנבעלאַנגט ווידער די ניט־אידישע פערעהרער און אָנהענגער פון זיי־
רע רעליגיאָנען, בעשטעהט זייער גאַנצער רעליגיעזער פערמעגענס פון א מענש־
ליכען מאָראַל־קאָדעקס; יעדע רעליגיאָן באַשטעהט פון אַ סכום פילאָזאָפיש־
אויסגעהאַלטענע און ניט־אויסגעהאַלטענע פאָרשריפטען, וועלכע זענען דורכאויס
די ערפינדונג פון מענשליכען מאַרך און טאַקי דעריבער בייטען זיך די וועלט־
רעליגיאָנען לויט דעם פראָגרעס פון דער מענשהייט און לויט דעם גייסטיגען צו־
שטאַנד פון די פעלקער און פון די פערשיעדענע דורות; גאַר אַמאָל זענען געווען
פערשיעדענע געצענדיענסט־רעליגיאָנען, נאכהער זענען געקומען די מעהר־אַנשטענ־
דיגע רעליגיאָנען, קריסטענטהום, מאַכמעדאַנענטהום און בודהאַ'איזם,; איצט זענען
שוין זאָגאַר פאַראַן קריסטליכע יוניטאַריער, וועלכע גלויבען אין איין גאָט, אָבער
זייער אַלעמענס רעליגיעזער באַגאַזש בעשטעהט הויפטזעכליך אין א צאָהל מאָ־
ראַלע פליכטען. וועלכעס האָט דעם צוועק צו אַרויסנעהמען דאָס שלעכטע פון'ם מענ־
, ווי למשל די פליכט צו ליעבען דעם צווייטען און עהנליכעס, איז דאָך דאָס
ערשטענס אויך פאַראַן אין דער אידישער תורה און איז פון דאָרט קאָפּירט גע־
וואָרען, אָדער עס האָט געקענט פון דאָרט קאָפּירט ווערען. ווייל די אידישע

תורה איז עלטער פון זיי, אָבער אפילו ווען מיר זאָלן זאָגן, אַז דאָס ביסעל גוטע אין די וועלט־רעליגיאָנען איז זייער אייגענס, ספעציעל געשאַפען צוליעב זיי דורך יעזוסען, מאַכמעד'ן און בודהא'ן, אין גאַנצען אָהן דער הילף און דעם איינפלוס פון דער אידישער תורה, איז דאָס אויך קיין גרויסע חריפות ניט, נור דער געוועהנליכער רעזולטאַט פון מענשליכען נאָכדענקען און אינסטינקט; עס זענען פאַראַן גענצליך־ווילדע שבטים אויף דער וועלט, ביי וועמען עס הערשט אויך א היבש־הויכע מאָראַל בין אָדם לחבירו און קיינעם וועט זיכער ניט איינפאַלען צו זאָגען, אַז יענע ווילדע האָבען דאָס בעקומען דורך א תורה מן השמים.

אַלעס גוטעס וואָס די מאָדערנע אַנשטענדיגע רעליגיאָנען פערמאָגען און דאָס וואָס איז אונבעשטרייטבאַר זייער אייגענער אויפטהו, איז אַזוי נאַטירליך־מענשליך, אַז דאָס האָט געקענט פאָרגעשריבען ווערען פון א קלוגען פילאָזאָף, פון א קעניג, אָדער פון א פאַרלאַמענט; אַזוי אַז ס'איז אַבסאָלוט ניטאָ קיין נויטווענדיגקייט צו בעהויפטען, אַז זיי האָבען דערצו געמוזט האָבען א באַרג סני מיט הימליש־געשריבענע לוחות פון גאָט אַליין, און דערמיט וואָס דער גרינדער פון א רעליגיאָן האָט זיך ערקלעהרט, אָדער ער איז פון אַנדערע ערקלעהרט געוואָרען אַלס נביא, צי אַלס גאָט'ס זוהן, און ער האָט פערשפראָכען זיינע אָנהענגער דעם אייביגען גן־עדן, ווערט נאָך ניט זיין רעליגיאָן קיין אמת'ע תורה מן השמים, זי קען העכסטענס בעטראַכט ווערען אַלס תורה פון א קלוגען און עהרליכען מענשען, וועלכער איז געטליך געזאָנען.

די אמת'ע סמנים פון א געטליכער תורה.

אַלס אמת'ע תורה מן השמים, קען נור בעטראַכט ווערען יענע תורה, וועלכע ענטהאַלט אויסער די פערשטענדליכע מאָראַלע געזעצען, אויך אונבעוואוסטע און אונפערשטענדליכע געזעצען און ערקלעהרונגען; אויסער דעם דאַרף זי נאַטירליך ניט זיין, אפילו בנוגע די מאָראַלע געזעצען, קיין נאָכשלעפעריין נאָך אַנדערע פריהעריגע תורות, נור זי דאַרף טאַקי זיין די ערשטע און די טאָן־געבערין אין דיעזער הינזיכט; זי דאַרף אויך ענטהאַלטען אין זיך נבואה אויף דער צוקונפט, וואָס זאָל מיט דער צייט מקוים ווערען אויף אַן אונבעשטרייטבאַרען אופן, און דיעזע אַלע סמנים, ווי אויך איינינגע אַנדערע שטאַרקע סמנים, קען מען נור געפינען אין אונזער אידישער תורה, אַזוי אַז מען דאַרף זיין אַ בלינדער שוטה דאָס ניט צו זעהען, אָדער א חכם להרע, ניט צו וועלען דאָס זעהען!

די געטליכקייט פון דער אידישער תורה צייגט זיך שוין אַרויס אין איהר אייסערליכער פאָרמע, אין איהר ניט־פלאַנמעסיגקייט, אַזוי צו זאָגען, ווייל אַלע געטליכע ווערק צייכענען זיך אויס דערמיט. בלויז דער מענש, זייענדיג אַליין א פלאַנמעסיגע בריאה, מוז אַרויסצייגען א געוויסע פלאַנמעסיגקייט אין זיין יעדער פונג, אָבער די געטליכע ווערק זענען קיינמאָל ניט פלאַנמעסיג לויט אונזער בעגריף, אָבוואָהל זיי זענען פלאַנמעסיג לויט דעם געטליכען בעגריף; די גאָט־הייט שטעלט־אויף בערג, ציהט־אויס טייכען און טאָהלען, אויסגעמישט, אָהן א סימעטריע, אָהן אָרדנונג, אָהן א גלייכער מאָאס, נור אָנגעוואָרפען ווילד און אַזוי ווי צופעליג; דאָס זעלבע איז מיט די קלימאַטען, מיט די געוויקסען און מינעראַלען, מיט די פערשיעדענע פעלקער און ברואים און מיט די אַלע געשיכטליכע פאַסירונגען; פאַר אונז מענשען ערשיינט יעדע געטליכע ווערק אַלס ניט פלאַנמעסיג, נור ראַדיאָ־מעסיג, פונקען־וויז, אַלעס ווי אָהן א סדר לויט דעם כלל פון „אין מוקדם ומאוחר", און פונקט אַזוי איז אויך די אידישע תורה, זי האָט פון אַלעס, מאָדנע אָנגעוואָרפען, אָהן אָרדנונג און דאָך אַזוי פראַכטפול־שעהן און איינהאַלטס־רייך.

איהר געפינט אין תורת משה ביאָלאָגי, (די לעהרע פון וועלט־באַשאַפונג) פילאָזאָפי, געשיכטע, געאָגראַפי, שטראַף־רייד, טרייסט, ביאָגראַפי, פערגאַנגענהייט, צוקונפט, ענטשטעהונג פון דעם מענשען, פון לענדער, פון פעלקער און פון דער גאַנצער וועלט, געזעצליכקייט, מאָראַל, פאַר'ן יחיד און פאַר'ן שטאַאט, היגיענע, דיעטע, פראָזע, פאָעזי, בעלעטריסטיק און נבואה, א ווירקליכער מיש־מאַש און אויסגוס פון ראַדיאָ־פונקען. סיי אין'ם אינהאַלט און סיי אין דער שפראַך, וואָס אפילו בלויז נאָכצומאַכען אַזאַ פאָרמע און סטיל, שרייבענדיג וועגען ענינים וואָס זענען בעוואוסט, קען מען אויך ניט, ובפרט נאָך. אַז די תורה טהוט דאָס מיט

אונבעוואוסטע ענינים, בעשרייבענדיג אין איהר געטליכען סטיל אזעלכע אונבעוואוסטע זאכען ווי בריאת העולם, נבואה וועגען דער צוקונפט און אז. וו.

די אידישע תורה, זייענדיג א געטליכע, האט זי אויך גאנץ־אונפערשטענדליכע געזעצען, די אזוי־גערופענע „חוקים", געזעצען אהן א בעגרייפבארען טעם, ווי דער פערבאט צו קליידען זיך אין שעטנז, די מצוה צו טראגען ציצית, צו מל'ע זיין די קינדער, ניט צו אנצינדען קיין פייער אום שבת און עהנליכעם, אלץ אזעלכע זאכען, וואס קיין שום מוטער־מענש וואלט דאס ניט איינפאלען צו פעראָרדערען, נור בלויז אין א געטליכער תורה קען דאס געפונען ווערען, אבער דער גרעסטער און בעסטער בעווייז אויף דעם, איז די פאראויסגעזאגטע נביאות וואס מיר געפינען אין דער אידישער תורה.

ווען אלע וויסענשאפטס־לייט, רעליגיעזע פאטערס און אלע דיפלאמאטען פון דער וועלט צוזאמענגענומען, זאלען וועלען אויסגעפינען און פאראויסזאגען די צוקונפט פון אירגענד וועלכען פאלק פאר בלויז איינע הונדערט יאהר, קענען זיי דאס ניט פאר קיין פאל, וועהרענד תורת משה האט ריכטיג פאראויסגעזאגט די אידישע צוקונפט פאר אייביג און מיר האבען די וועלט־געשיכטע אלס עדות, אז יעדעס ווארט פון דער נבואה ווערט מקוים.

זי האט אונז פאראויסגעזאגט דעם שרעקליכען גלות, דעם גרויזאמען קאמף פון אלע פעלקער געגען אונז, אונזער אייגענע עקשנות צו פערבלייבען אידען, די אונמעגליכקייט פון פערניכטען אונז גאר אין גאנצען, אונזער ענדליכע בעפרייאונג פון גלות און מיר זעהען איצט, אז די גרעסטע העלפט איז שוין פאלשטענדיג מקוים געווארען און דאס איבעריגע פאנגט שוין אויך אן צו פערווירקליכט ווערען.

ווייטערע סמנים אויף תורה מן השמים.

די געטליכקייט פון דער אידישער תורה, ציינט זיך אויך ארוים אין די פאלגענדע סמנים:

א) אין יעדער מענשליכער רעליגיאן, געשאפען פון א מענשען, שפיעלט דער גרינדער איהרער די הויפט־ראליע; יעזוס, מאכמעד און בודהא, ווערען אין זייערע רעליגיאנען אליין די פערגעטערטע; זיי ריידען כסדר און הויפטזעכליך וועגען זיך זעלבסט און פערשפרעכען פערזענליך אויפצופאסען אויף זייערע נאכפאלגער ביים לעבען און נאך'ן טוידט, אין גן עדן אויף יענער וועלט, וועהרענד משה רבינו איז ניט מעהר ווי א שליח, וועלכער ברענגט גאט'ס תורה און אליין פערשווינדעט ער אין'ם הינטערגרונד ווי אן איינפאכער בשר ודם, ניט איבערלאזענדיג אפילו זיין קבר פאר די נאכפאלגער, כדי מען אל איהם ניט פערהייליגען, ווייל ס'איז באמת קיין נפקא מינה ניט ווער עס האט די תורה געבראכט, דער עיקר איז די תורה זעלבסט; איהר ברענגער רופט מען אפילו ניט מיט'ן נאמען „דער הייליגער". נור „אונזער לעהרער" — משה רבינו.

ב) יעדער רעליגיאן זוכט וואס מעהר גרים, וואס מעהר אנהענגער, מעהר לענדער און פעלקער, מעהר מאכט און איינפלוס; די רעליגיאן בעצוועקט צו פערשטארקערען איהרע טרעגער, צו דיענען דער ראסע, וועהרענד די אידישע תורה וויל ניט קיין גרים, זוכט ניט צו בעקעהרען אנדערע, זוכט ניט קיין מאכט און איינפלוס אויף אנדערע און זי איז ניט פאר דעם צוועק צו פערשטארקערען די אידישע ראסע, נור פערקעהרט, די אידישע ראסע איז צו דיענען און צו פערשטארקערען די תורה.

ג) דער פאקט וואס געגען דער אידישער תורה קעמפפט אזוי פערביטערט און אזוי אונאויפהערליך די גאנצע וועלט, אבוואהל מיר זענען גלות־מענשען און אינזער תורה איז סיי ווי סיי מאכטלאז, און זיכער ניט שעדליך פאר אימעצען. וואס ארט די וועלט, אז א הייפעלע רוהיגע אונבאוואפענטע מענשען, האבען זיך א בעזונדערע תורה און בעזונדערע צערעמאניעס, ובפרט נאך אז אונזער תורה איז גענוג גוט צו זיין פערהייליגט אפילו ביי אונזערע בעקעמפער; די זעלבע אידען־פערפאלגער קוויקען זיך דאך מיט אונזער תורה און נביאים, זינגען אונזער תהילים אין זייערע קירכען און זיי האבען אבסאלוט ניט וואס אויסצוזעצען געגען תורת משה, אבער פון דעסטוועגען פערפאלגען זיי אונז צוליעב איהר און חלש'ען אזועק, אז מיר זאלען זיך מיט זיי אויסמישען!

ווארום איז דאס אזוי?

דער תירוץ איז, אז די שנאה שטאמט פון קנאה; אונזערע פערפאלגער פערשטעהען אליין, אז אונזער תורה שטעהט העכער פון אלע רעליגיאנען און אז זי איז די גרעסטע קאנקורענטין צו זייערע פאלשע תורות, כאטש מיר אליין זוכען גארניט אימעצען צו בעאיינפלוסען צו אננעהמען אונזער תורה; אונזערע בע־קעמפפער אליין שעפען אהן אויפהער פון איהרע געטליכע קוואלען און ווען זיי זאל חלילה געלינגען אונז צו פערניכטען, וואלטען זיי דאן אליין איבערגענומען אונזער תורה און שטאלצירען מיט איהר, אצונד אבער פאסט עס זיי ניט; די מעכטיגע אומות העולם שעהמען זיך צוצוגעבען זייער טעות און שולד געגען אונז און זיי זענען אין דער לאגע פון יענעם פארברעכער, וואס נאכדעם ווי ער האט בעגאנגען א מארד, מוז ער שוין בעגעהן מעהרערע מארדען אום צו ראטע־ווען זיך פון נעכאפט ווערען.

די גאנצע וועלט אלס עדות אז די תורה איז געטליך.

ד.) די וועלט האט באמת ניט קיין פנים צו קוקען אונז אין די אויגען; זי האט בעגנב'עט אונזער תורה רעכטס און לינקס; זי האט זיך פון אונז געלערענט ווי צו ווערען ציוויליזירט; איהרע פיינסטע און בעסטע געזעלשאפט־ליכע איינארדנונגען, ווי א טאג רוה אין וואך, קדושין און גיטין, די עשרת הדברות, פילאזאפי און מאראל און פיעלע אנדערע גייסטיגע אוצרות, האט זי גע־נומען פון אונזער תורה, און גלייכצייטיג אונז אליין אימער געפייניגט און גע־רודפ'ט; דאס אלעס ווייסט זי און ניט־קענענדיג אדער ניט־וועלענדיג גוט־מאכען די עולה און מודה זיין איהר טעות, טרייבט זי איהר פערברעכען אלץ ווייטער און טיעפער פערטויבענדיג איהר אייגענעם געוויסען מיט פאלשע באבע־מעשיות ווע־גען אידישע עולות; זי וויל זיך איינריידען אז זי האט רעכט און זוכט פטור צו ווערען פון אונז גאר אין גאנצען, ווייל זי פיהלט אומרוהיג כל זמן מיר לעבען, וויסענדיג אז מיר וועלען איהר כסדר דערמאהנען איהרע זינד און פערשווארצען דאס פנים, און וואס נאך ערגער, מורא האבענדיג אז די נביאות פון דער תורה זאל ניט מקוים ווערען, ווייל דאן איז דאך א סוף און עק צו אלע פאלשע רעלי־גיאנען און דער געקרייוודעטער, פערהאסטער איד, וועט גאר ווערען דער האר פון דער גאנצער וועלט.

ווען די אומות העולם זאלען ניט גלויבען אין דער געטליכקייט פון אונזער תורה און ניט מורא האבען פאר דער פערווירקליכונג פון איהר נביאות אויף אונז, וואלט מען אונז צורוה געלאזט ווי מען לאזט צורוה די ציגיינער; מען וואלט אונז בעטראכט מיט א שמייכעל און אפשר געשפאסט פון אונז, אבער קיינער וואלט אונז מעהר ניט רודף'ן, ווייל נאך אלעמען זענען מיר דאך טאקי א גול און אב־סאלוט קיין שום געפאהר פאר אימעצען, אויב עס זאל אראפפאלען די אמת'דיג־קייט פון אונזער תורה און די געטליכע נביאות, אז מיר וועלען אמאל צוריק אויפ־לעבען.

די גאנצע וועלט פיהלט אלזא אינסטינקטיוו, אז די אידישע תורה איז געט־ליך און די פעלקער זייענדיג נאריש און פערדארבען, טהוען זיי טאקי דאס וואס די תורה האט פאראויסגעזאגט, זיי בעשטראפען אונז מיט אלע מכות פון דער תוכחה, און דאס איז דער גרעסטער איבערצייגענדסטער פאקט, אז אונזער תורה איז געטליך, ווייל די גאנצע וועלט האט פאר איהר מורא אינסטינקטיוו און זעהט זיך אין איהר ווי אין א שפיגעל; די וועלט זעהט זיך איצט פונקט אזוי ווי די אידישע תורה האט איהר פאראויסגעזאגט; די וועלט וועט אונז אימער בעקעמ־פען און פאגראמירען אויף דעם אונמענשליכסטען אופן, האט די תורה פאראויס־געזאגט, און אזוי איז עס פאקטיש, טראצדעם וואס על פי שכל וואלט עס ניט בעדארפט זיין אזוי, ווייל מיר ברענגען יעדען לאנד נוצען און מיר זענען פון די טרייעסטע בירגער איבעראל.

די אמת'דיגקייט פון דער תורה.

ה.) מיר האבען שוין אנגעצייגט דעם פאקט, אז די אידישע תורה, זייענדיג א געטליכע, איז זי אלל־זייטיג און זי נעמט ארום בוכשטעבליך אלעס וואס דער יחיד און דער רבים בע־נויטיגט פאר זייער גליק און עקזיסטענץ און זי ערקלעהרט אויך אלע העכערע

פראגען פון דער וועלט־בעשאפונג און פון דעם מענשענ׳ס צוועק אין לעבען.

די אלל־זייטיגקייט פון דער תורה זעהען מיר אין דעם, וואס זי בעגנוגענט זיך ניט מיט זאגען סתם „לא תגנוב״, „לא תרצח״, נור זי צייגט אויך אן די פערשיעדענע שטראפען פאר פערשיעדענע גנבים און מערדער און ווי אזוי דער פראצעס געגען זיי דארף געפיהרט ווערען; וויפיעל עדות עס זענען נויטיג, ווי די ריכטער דארפען זיך אויפפיהרען, מיט אייןווארט, זי גיט דעם פולען קאדעקס פון געזעצען וועגען יעדען פערברעכען. און אזוי איז אויך ווען זי רעדט וועגען דער היגיענע פון שפייזען, זאגט זי ניט סתם, אז מען דארף עסען ריינע און נאר־האפטע שפייזען, נור זי צייגט אן א גענויעם און פינקטליכען צעטעל פון די כשרע און טריפה בהמות, עופות און חיות, פיש, היישעריג און שרצים; זי גיט אן די קלאהרסטע און שארפסטע סמנים פאר אונטערשיידען דאס גוטע פון דאס שעד־ליכע און פונקט אזוי איז זי קלאהר, דייטליך און אלל־אומפאסענד וועגען יעדער אנדער זאך וואס זי שרייבט פאר, און זי לאזט ניט דורך קיין איינציגען וויכטיגען לעבענס־פראבלעם, וועגען וועלכען זי זאל ניט פארשרייבען עטוואס. אזוי אז די מאראלע געזעצען וואס ריהרען אן דעם בין אדם לחבירו און וואס זיי זענען די הויפט־זאך פון יעדער מענשליכער רעליגיאן, פערנעהמען בלויז א קליין ווינקעלע אין דער אידישער תורה און ווייט ניט דעם וויכטיגסטען ווינקעלע.

דער פאקט איז דאבײ, אז פון מאנכע גאנץ זייטיגע תורה־געזעצען, קען מען לערנען אויף דער אמת׳דיגקייט פון איהר אין גאנצען; אזוי למשל ווייסען מיר איצט, אז די מאדערנע מעדיצינישע וויסענשאפט אנערקענט די שפייז־געזעצען פון תורת משה אלס וויסענשאפטליך קארעקט און וואונדערבאר־גוט אויך פאר דער איצטיגער צייט און מען קען זיך גארניט אפחדוש׳ען פון וואנען האט עס משה געקענט דאמאלס וויסען אזעלכע הויך־וויסענשאפטליכע מעדיצינישע סודות, בײ אונז דארף דאס אבער קיין קשיא ניט זיין, ווייל טאקי דערפון איז געדרונגען, אז תורת משה איז א תורה מן השמים.

מיר וועלען דא דערמאהנען א גוט־בעוואוסטען פאקט וועגען איינעם אזא חדוש. ריידענדיג וועגען די סמנים פון כשר׳ע און טריפה בהמות, דערצעהלט אונז די תורה פערבייגעהענדיג, אז דריי סארטען בהמות בײ וועמען עס איז פאראן נור איינער פון די צוויי כשר׳ע סמנים, (געשפאלטענע קלויען, אדער דאס מעלה־גירה׳ן.) בעלאנגען זיי צו די טריפה סארטען און טאהרען ניט געגעסען ווערען; זייט יענער צייט ווען די תורה איז געגעבען געווארען, מיט קנאפע 35 הונדערט יאהר צוריק, זענען שוין ענטדעקט געווארען עטליכע נייע וועלט־טהיילען, מיט טויזענדע נייע עקזעמפליארען חיות ובהמות. וועגען וועלכע קיינער האט אמאל קיין אהנונג ניט געהאט און צווישען זיי אלעמען איז ניט געפונען געווארען קיין איינציגע פערטע בעשעפעניש מיט בלויז איינעם פון די צוויי סמנים; עס זענען געפונען געווארען נייע סארטען בהמות מיט ביידע סמנים און אויך אהן ביידע סמנים, אבער קיין איינציגע מיט בלויז איינעם פון די סמנים, דאס צייגט, אז דער געבער פון דער תורה האט געוואוסט דעם סוד הבריאה און אז אזעלכעס איז מעהר ניטא אויף דער וועלט אויסער די דריי דערמאהנטע עקזעמפליארען און עס וועט ניט זיין.

בלויז אן אמת׳דיג־געטליכע תורה האט געקענט געבען מיט 3500 יאהר צו־ריק אזעלכע מין טאהר־ניטס און מען־מאגס, וואס די איצטיגע וויסענשאפט זאל עס מוזען בעשטעטיגען און דאס איז א סמן, אז אויך אלע אנדערע תורה־בעהויפ־טונגען זענען אמת און געטליך!

די אייביגע פרישקייט פון דער אידישער תורה.

ו.) נאך א סמן אויף דער געטליכקייט פון תורת משה, איז איהר אייביגע פרישקייט און דאס וואס זי ענדערט זיך ניט; די וועלט האט שוין געהאט פערשיעדענע רעליגיאנען און זיי אויסגעביטען אויף בעסערע און די בעסערע אויף נאך בעסערע און היינט צו טאג זענען שוין די לעצטע בעסטע געווארען אלט און אפגעלעבט און זיי האבען פערלארען זייער גאנצען גלאנץ; א מאדערנער מענש קען איצט מעהר ניט פערדייען די פילאזאפי פון א דריי־גאריגער גאטהייט און פון א גן־עדן מיט זיבען ווייבער פאר יעדען גלויביגען פרומען, דאגעגען איז שוין די אידישע תורה עלטער פון די מאדערנע רעליגיאנען און קיין איינציגער אות

איז נאָך אין איהר ניט געענדערט געוואָרען; זי איז צאַפּעלדיג־פריש און אינטערעסאַנט ווי זי וואָלט ערשט נעכטען געוועזען געשריבען. אַזוי איז די תורת משה, אַזוי זענען די נביאים און אַזוי איז די גאַנצע אידישע תורה־ליטעראַטור.

פּרובירט לעזען אירגענד וועלכען וויסענשאַפטליכען בוך פון איינע הונדערט יאָהר צוריק און איהר וועט מוזען שמייכלען אויף די אַמאָליגע נאַרישקייטען און ־עכערליכקייטען, אָבער ווען איהר לעזט די אידישע תורה, מוזט איהר שטוינען פון איהר אינהאַלט; אַלעס אין איהר שמעקט אייך ווי פרישע פרוכט ערשט פון׳ם בוים; איהר קענט עס בענוצען און איהר בענוצט עס מיט דעם גרעסטען בענעפיט אין אייער מאָדערנעם ריידען אָדער שרייבען; איהר קענט דערמיט בעלייכטען די לעצטע וועלט־פּאַסירונגען און אַליין בעלויכטען ווערען, טראָצדעם וואָס מען האָט די זעלבע תורה געברענט אויף שייטער־הויפענס אַלס אָפּגעלעבטע נוצלאָזע זאַך, פון מיט טויזענד יאָהר צוריק.

ווער, אויב ניט די גאָטהייט זעלבסט, האָט עס געקענט שאַפען אַזאַ אייביג־יונגע, אייביג־פרישע ווערק? דאָס קען נור די זעלבע גאָטהייט, וועלכע שאַפט אויך יערען זומער אַ בענייעטע פרישע ערד מיט נייע פרישע בלומען. אַלעס וואָס מענשען שאַפען, ווערט צופוילט, פערשימעלט און צופאַלען; מענשליכע ווערק קענען פערבלייבען יונג און פריש בלויז אַ קורצע צייט, אָבער זיי מוזען ענדליך ווערען אָפּגעלעבט, אַלט און ווערטהלאָז, וועהרענד בלויז די געטליכע ווערק אַליין, זענען אייביג און אימער יונג און פריש!

די געטליכע ווערק קען מען אפילו דורך געוואַלד ניט אָפּשאַפען; איהר קענט אָפּשאַפען אַלע רעליגיאָנען און געפינען עטוואָס צו פערבייטען זיי, אָבער איהר קענט ניט אָפּשאַפען די אידישע תורה און איהרע עלעמענטען אין דער מענשליכער געזעלשאַפט; ערציהט אַן איינציגען דור, וואָס זאָל אין גאַנצען ניט וויסען פון דעם תורה־אינהאַלט און איהרע פּרינציפּען, וועט עס זיין אַ דור פון ווילדע מענשען, וועלכע וואָלטען ווידער איינפיהרען די שמוציגסטע געצענדיענסט ווי אין די צייטען פון פאַר׳ן דור המבול. די גאַנצע וועלט האָט זיך אָנגעשטרענגט צו פערניכטען די אידישע תורה און איהרע טרעגער, די אידען, און עס איז איהר ניט געלונגען, ווייל די אידישע תורה איז אַ געטליכע ווערק און איז אייביג, דערפאַר עקזיסטירט זי אַזוי לאַנג און איבט נאָך אויס דעם גרעסטען איינפלוס אויף אַלע מענשען.

וואָרום אויך אַנדערע רעליגיאָנען האַלטען זיך.

איהר וועט אפשר זאָגען, אַז אויך מאַנכע אַנדערע רעליגיאָנען עקזיסטירען באַלד אַזוי פיעל צייט ווי די אידישע תורה, אָבער מען דאַרף ניט פערגעסען, אַז קיין שום אַנדער רעליגיאָן, איז אַזוי פיעל ניט פערפאָלגט געוואָרען ווי די אידישע תורה און קיין שום אַנדער רעליגיאָן קען זיך ניט האַלטען אין אַזאַ פינסטערען גלות ווי די אידישע תורה; די עקזיסטירענדע רעליגיאָנען געפינען זיך אונטער׳ן שוץ פון פּאָליטישער אָדער טעריטאָריעלער זיכערהייט; די יעניגע רעליגיאָנען וועמעס טרעגער עס האָבען פערלאָרען די פּאָליטישע זעלבסט־שטענדיגקייט און די אייגענע טעריטאָריע, ווי מיר אידען האָבען עס פערלאָרען, זענען זיי טאַקי פערשוואונדען; עס איז ניט קיין קונץ ווען אַ רעליגיעזע גרופּע זיצט רוהיג אויף איהר פּלאַץ און האַלט אַן איהר רעליגיע, אַ קונץ איז, ווען מיר אידען זענען צוזייהט און צושפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט און צאָהלען איבעראַל אַ בלוטיגען פּרייז פאַר האַלטען זיך מיט אונזער תורה און דאָך האָבען מיר זי ניט אויפגעגעבען און ניט אויסגעביטען אויף אַן אַנדערער.

די מעהרסטע רעליגיאָנען גיבען זייערע אָנהענגער אַלע אירדישע בענעפיטען, אַלע רעכטע און זיכערהייט, איז עס אַבסאָלוט קיין וואונדער ניט, אַז מען האַלט זיך מיט זיי, אָבער קיינער וועט ניט חושד זיין אונז אידען אין האַלטען די תורה צוליעב געוויסע בענעפיטען; פון דעם פּאָליטישען און געזעלשאַפטליכען שטאַנדפּונקט האָט שוין אונז לאַנג צוריק געלוינט צו אָפּשאָקלען זיך פון דער תורה און ווערען „לייטען־גלייך“, אָבער ניט מיר ווילען דאָס טהון און ניט מיר קענען דאָס טהון, און דאָס איז טאַקי ווידער אַ בעווייז, אַז אונזער תורה איז אַ געטליכע, ווייל וועגען דעם האָט זי אונז אויך פאָראויסגעזאָגט פּינקטליך ווי דאָס פּאַסירט מיט אונז אין די גלות־יאָהרען; די גאָטהייט האָט אונז בפירוש געוואָרענט, אַז

מיר וועלען זיין אויף צרות און אז מיר וועלען צייטנוויז פּרובירען אָפּטרייסלען זיך פון דער תורה מיט דער שטראָף צוזאַמען, נור דאָס וועט אונז קיינמאָל ניט געלינגען צוליעב איינ׳גע און פערשיעדענע אורזאַכען.

ס׳איז יעדענפאַלס ניטאָ קיין נאָך איינציגער פאַל אין דער וועלט, אז א רע־ליגיאָן זאָל איבערלעבען אזוי פיעל בלוטיגע צרות פאַר אזוי פיעל יאָהר־הונדערטע און אז זי זאָל נאָך עקזיסטירען און שפּיעלען אזא ראָליע אין דער וועלט, ווי דאָס איז דער פאַל מיט דער אידישער תורה; אזעלכעס האָט נור געקענט פּאַסירען מיט א תורה מן השמים, אזוי ווי אונזערע!

די פאַלשע קלאַסיפיצירונג.

מיר מוזען אַלזאָ קומען צום שלוס, אז ווען אימעצער רייסט אַרונטער די רעליגיאָן אין אַלגעמיין, מעג ער דאָס טהון אויף א גערעכטען אָדער אומגערעכטען אופן, האָט עס אַב־סאָלוט ניט צו טהון מיט דער אידישער תורה, פּונקט ווי בשעת איינער זאָל צו־קלאַפּען מיט א האַמער א צאָהל פאַלשע שטיינדלאַך און צייגען דערמיט זייער ביליגקייט, וואָלט ער דערמיט ניט בעוויזען די ביליגקייט פון דעם אמת׳ן די־מענט, ווייל זאָל ער אדרבה פּרובירען צו צוקלאַפּען א דימענט, וועט ער דאָס טאַקי ניט קענען!

די רעליגיאָנען קען מען טאַקי געוויסערמאַסען אַרונטעררייסען, ווייל זיי זע־נען מענשליכע ווערק און ווייל דאָס בעסטע אין זיי איז דער צוועק צו איינצוימען די חיה אין׳ם מענשען, בכדי ער זאָל ניט רויבען, ניט מאָרדען און בכלל ניט שטע־רען דער געזעלשאַפט צו לעבען אין רוה און זיכערהייט; די קלוגע און עהרליכע קענען דערויף טענה׳ען, אז מען דאַרף גאָר ברענגען די מענשהייט צו אזא מדרגה פון יושר און עהרליכקייט, דורך בילדונג און געוועהנליכער אויפקלעהרונג און ניט דורך רעליגיאָן, וועלכע איז אָנגעפּיקעוועט מיט א סך „נאַרישקייטען", אָבער ווען עס זאָל שוין געלינגען צו ערציהען אזא דור דעה, וועלכער זאָל פערשטעהן דעם גליק פון האָבען א ריינעם געוויסען און וועלכער זאָל צוליעב דעם זיך אויפפיהרען אָרענטליך און אַנשטענדיג און טאַקי באמת זיך מעהר ניט נויטיגען אין א רע־ליגיאָן וואָס זאָל איהם אָפּהאַלטען פון שלעכטס, וואָלט אזא דור ערשט דאַמאָלס ווערען א קאַנדידאַט פאַר אַננעהמען די אידישע תורה, ווייל הויבענדיג זיך אויף דעם לייטער פון פילאָזאָפיע, וויסענשאַפט און מאָראַל, וואָלט ער מוזען צוקומען צום געדאַנק פון אן איין־גאָטהייט און דאַן וואָלט ער ביסלעכווייז איינזעהען, אז ער איז עפּעס שולדיג צו דער איין־גאָטהייט, און דאַן וואָלט ער אויך איינזעהען, אז די איין־גאָטהייט האָט די מענשען א תורה געגעבען און אז דער תורה־בעגריף וועגען דעם מענשענס צוועק אין לעבען, איז א פּיעל העכערער ווי ניט צו זיין קיין גנב און מערדער, און אז ווען דער מענש וויל דערגרייכען א הויכע מדרגה, מוז ער אַנערקענען די פּרינציפּען פון כשר און טריף, פון טהרת המשפחה און עהנליכע תורה־געזעצען; מיט איין וואָרט, ער וואָלט דאַן אויסגעפינען, אז די אידישע תורה איז גענצליך אַנדערש פון אַלע רעליגיאָנען און אז זי האָט נור אויף אזוי פיעל שייכות צו זיי, אויף וויפיעל קליינינגקייטען זיי האָבען ביי איהר גענומען און זיך אויסגעפּוצט דערמיט.

די תורה קען דעריבער בשום אופן ניט קלאַסיפיצירט ווערען מיט די וועלט־רעליגיאָנען; זי איז דורכאויס געטליך, דירעקט מן השמים, ווייל די מענשען זע־נען נאָך אפילו ניט דערוואַקסען צו אָפּשאַצען איהר ריכטיגען ווערטה, שוין ניט־ריידענדיג וועגען זייער אונפעהיגקייט צו האָבען אַליין געקענט שאַפען אזא געט־ליכע ווערק; דאַגעגען זענען די רעליגיאָנען דורכאויס מענשליכע אַרבייט, בעגרינ־דעט אויף שכל און געדאַנקען־ספּעקולאַציע, אזוי ווי די וויסענשאַפט איז דאָס.

„יש חכמה בגוים, תאמין!" אז מען זאָגט אייך, דאָס די אומות העולם האָ־בען חכמה און שכל און קענען צוזאַמענשטיקעווען פערשיעדענע דאָגמעס און מאָ־ראַל־געזעצע, מאַכענדיג דערפון א רעליגיאָן, מעגט איהר דאָס גלויבען, אָבער „יש תורה בגוים, אל תאמין!" ווען מען זאָגט אייך, אז די פעלקער פערמאָגען א תורה, זאָלט איהר דאָס ניט גלויבען, ווייל יעדענפאַלס האָט גאָט מעהר ווי אן איינציגע תורה פאַר דער וועלט ניט געגעבען און די איינציגע וועלכע האָט אַלע סמנים פון געטליכקייט אין זיך, איז נור די אידישע תורה, די תורת משה!

די רעליגיאָנען זענען מענשליכע ווערק, און אויב איהר ווילט, מענשליכע חכמה, וועהרענד די אידישע תורה איז געטליך; זי איז א תורה מן השמים און דאָס קען מען זעהען סיי אין איהר אויסערליכער פאָרמע און וואונדערבארען סטיל, סיי אין איהר אלל־זייטיגען אינהאַלט, סיי אין איהר אייגענשאַפט צו קענען עקזיסטירען און דורכטראָגען איהרע טרעגער אונטער די אונמעגליכסטע אומשטענדען און הויפטזעכליך אין איהרע פאָראויסגעזאָגטע נביאות, וועלכע ווערען פינקטליך פערווירקליכט זייט יאָהר־טויזענדע אין אלע עקען וועלט, אין אלע דורות און מיט אלע פאָראויסגעזאָגטע קלענסטע איינצעלהייטען.

קאפיטעל ב.

תורה שבעל פה.

אפילו מה שתלמיד ותיק עתיד להורות לפני רבו,
כבר נאמר למשה מסני. (ירושלמי פאה פ״ב.)

וואו ענדיגט זיך די געטליכע תורה?

ווען מיר קומען צו דעם בעשלוס, אז די אידישע תורה איז געטליך, מוז דאמאלס ארויפשווימען די פראגע, „וואו ענדיגט זיך די געטליכע תורה?" ענדיגט זי זיך אין דער תורת משה, אדער ווערט זי פארטגעזעצט אין די נביאים, אין משנה, גמרא, מדרשים און אלערליי אנדערע ספרים, און אויב יא, איז וואו ענדיגט זי זיך? וואו הערט אויף די אידישע תורה צו זיין גאט'ס ווערק און ווערט שוין פון דארטען מענשליך? אין וועלכען דור און מיט וועלכען ספר האט זיך די געטליכקייט פון אונזער תורה געענדיגט?

דער ענטפער דערויף איז, דאס די געטליכע תורה ענדיגט זיך קיינמאל ניט, פונקט ווי אלע אנדערע געטליכע ווערק ענדיגען זיך ניט; פונקט ווי דער מענשליכער מין ענדיגט זיך ניט, ווי די אלע לעבעדיגע באשעפענישען און פלאנצען ענדיגען זיך ניט; די געטליכע תורה ענטהאלט אין זיך זריעה צום פארטפלאנצען זיך; זי גיט אימער ארויס נייע לומדי־תורה, וועלכע ברענגען אנדערע לומדי תורה און אלעס וואס ווערט פון יעדען בעל תורה געשאפען אין'ם גייסט פון דער תורה, איז תורה מן השמים.

דאס איז אבער גערעדט געווארען נור אין'ם פילאזאפישען זין; ווען א היינטיגער רב גיט ארויס א פסק־דין באזירענדיג עס אויף דער תורה, הייסט דאס אויך הלכה למשה מסני, פונקט ווי אן אורטהייל פון א ציווילען ריכטער הייסט „געזעץ", און אזוי איז ווען איינער רעדט אדער שרייבט וויסענשאפט, פילאזאפי אדער מאראל אין'ם גייסט פון דער תורה, איז דאס געטליכע וויסענשאפט, געטליכע פילאזאפי און געטליכע מאראל, פאקטיש אבער איז פאראן א בעגרעניצטע מאאס פון דער תורה מן השמים, אזוי ווי ס'איז פאראן א בעגרעניצטער געזעץ־קאדעקס ביי יעדער רעגיערונג, און ביי אונז אידען איז עס די תורה וואס משה רבינו האט געגעבען צו די אידען העלפט בכתב, און העלפט בעל פה, אדער קלאהר געזאגט, די פינף חומשים און די משנה.

נאטירליך זענען פאראן מענשען וועלכע גלויבען ניט אז די משנה איז אזוי געטליך ווי די תורת משה; די דאזיגע מענשען לייקענען אין דער הייליגקייט פון דער משנה און זיי בעהויפטען אז דאס איז די ארבייט פון שפעטערע אידישע רעליגיעזע פארשטעהער; אפט לאכען זיי פון אונז און פרעגען אונז מיט שפאט: „ווי קומט צו אייך די משנה? איהר האט דאך שוין אין תורת משה די גאנצע פרשים דערויף? ווער האט דאס אלעס בעשאפען? ווער האט זיי געגעבען די קדושה? צו וועלכען צוועק און וואָרום זאלט איהר זיך האלטען געבונדען דערמיט?"

דאס זענען אבער נארישע פראגען וואס יעדער איינער וועלכער שטעלט זיי, בעווייזט דערמיט זיין אינוויסענהייט, נור איידער מיר וועלען דאס קלאהר מאכען און בעווייזען דעם טעות פון די פראגע־שטעלער, וועלען מיר אין קורצען ערקלערען וואס אזוינס איז די משנה לויט איהר פשוט'ן אינהאלט.

וואס ענטהאלט די תורה שבעל פה?

אויבערפלעכליך איז די משנה א געזעץ־בוך, איינגעטהיילט אין זעקס טהיילען אדער בענדער. (וואס זי איז אינערליך און וואס זי בעדייטעט פאר אונז, וועט שפּעטער ערקלעהרט ווערען).

אלזא די זעקס טהיילען משנה ענטהאלטען פאלגענדעס:

דער ערשטער באנד האט צו טהון מיט אגריקולטור, אין איהם ווערען פערהאנדעלט די געזעצען לויט וועלכע דער ערד־ארבייטער דארף זיך פיהרען, וואס און ווען ער מעג פלאנצען; אונטער וועלכע אומשטענדען ער מעג עס פלאנצען; ווי אזוי ער מוז זיינע פרוכטען און תבואות ארונטערנעהמען; ווי אזוי און וויפיעל ער דארף אפּטהיילען פאר די כהנים, לוים און ארימע לייט און אין דיעזער טהייל געפינען זיך אויך די דינים ווי צו מאכען א ברכה אויף אלעם וואס מען געניסט דא פון דער נאטור.

דער צווייטער באנד ענטהאלט די געזעצען פון אונזערע ימים טובים און פון שבת און אלעם וואס האט צו טהון דערמיט.

דער דריטער באנד גיט זיך אפּ מיט פרויען־רעכטע, ער בעהאנדעלט די געזעצען פון הייראטה, גט, כתובה און פון אלעם וואס האט צו טהון מיט די ציווילע און מאנכע רעליגיעזע געזעצען בנוגע דער בעציהונג צווישען מאן און פרוי.

דער פערטער באנד איז דער קאדעקס פון געזעצען פאר די ריכטער וועגען ציווילע און קרימינעלע פּראצעסען אין זייער גאנצער אינערליכער פערשיעדענהייט, פון א ווערטערליכען אדער געשריבענעם קאנטראקט צווישען שותפים ביז טוידטשטראף פאר געוויסע קרימינעלע פארברעכענס.

דער פינפטער באנד בעהאנדעלט אלע דינים וועגען די קרבנות און אויך וועגען שחיטה בפרט און כשרות בכלל.

דער זעקסטער באנד גיט זיך אפּ מיט מעדיצין און היגיענע און ער שרייבט פאר די געזעצען פון האלטען ריין דעם קערפּער און ווי צו קורירען געוויסע קראנקהייטען; ווי דיזענפיקצירען מענשען און כלים נאכדעם ווי זיי ווערען ארויסגעלאזען פון אונטער׳ן קאראנטין. לויט דעם אידישען דין געהט היגיענע פיעל ווייטער ווי אין דער איצטיגער וויסענשאפט, ווייל ביי אונז אידען איז פאראן אזא זאך ווי טומאה און טהרה; ביי אידען, בשעת זיי געפינען זיך אויף דעם ארץ ישראל־באדען, ווערען מענשען און כלים אומריין, אזוי שנעל ווי זיי בעריהרען עטוואס אומריינעס, אדער געפינען זיך אונטער איין דאך מיט, א טוידטען קערפער פון אירגענד וועלכער בעשעפעניש; דיעזע אומריין־געווארענע מענשען און כלים מאכען אומריין אלעם און אלעמען מיט וועמען זיי קומען אין בעריהרונג און די אלע אומריינע מענשען און זאכען מוזען דיזענפיקצירט ווערען און געוואשען ווערען איידער די טומאה ווערט ארויסגעטריבען פון זיי. דיעזער באנד פערהאנדעלט אויך די ריינקייט און אומריינקייט פון דער פרוי אין געוויסע צייטען, ווי דאס איז בעוואוסט צו יעדען אידען.

די קורצקייט פון דער משנה.

דיעזע זעקס בענדער און זייער אינהאלט, זענען אבער אזוי קורץ געפאסט אין אלעם, אז אין בעצוג צום פּראקטישען לעבען קענען זיי בלויז בעטראכט ווערען ווי רויהער מאטעריאל פון וועלכען מיר דארפען ערשט פּראדוצירען די נויטווענדיגע זאכען און ארטיקלען.

פונקט ווי מיר האבען ניט אין דער נאטור קיין פארטיגע הייזער, מעבעל און קליידער, אדער קיין אויסגעבאקטע ברויט, בייגעל און טארט, נור מיר מוזען דאס אליין פּראדוצירען פון רויהע מאטעריאלען אין דער נאטור, אזוי איז אויך אין דער משנה אנגעווארפען געווארען א בארג רויהע מאטעריאלען וואס אויב איהר ווייסט די נויטיגע געזעצען ווי צו בעגעהן זיך דערמיט, ווי דאס צו בויגען און הנייטשען, קענט איהר דערפון ארויסבעקומען אלעם וואס איהר ווילט, אלע וויסענשאפטען, אלע נאטור־געזעצען, אלעם וואס מאכט פאלקאם די געזעלשאפט און אלעם וואס איז נויטיג אום צו דערנעהנטערען דעם מענשען צו דער געטליכקייט.

און אט צוליעב דער גוואלדיגער קורצקייט אין דער משנה, זענען אויף איהר בערפאסט געווארען דריי און זעכציג גמרות פון תלמוד בבלי און כמעט נאך אמאל אזוי פיעל אין תלמוד ירושלמי און הונדערטע וואנדערבאר־שכל׳דיגע קאמענטא־

רען אויף זיי בײדען און טויזענדע ספרים אויף זיי אלעמען און די משנה ווארט ערשט אויף נייע פירושים, ווייל איהרע אוצרות זענען אונערשעפליך און אפשר פופציג פראצענט פון איהר, זענען נאך ניט ריכטיג ענטדעקט אזוי צו זאגען.

דאס איז אזוי ווייט ווי עס אנבעלאנגט דער אויסערליכקייט אדער אויבער־פלעכליכקייט פון דער משנה, ד. ה. דאס וואס מיר קענען זעהען מיט די אויגען, אבער וואס אנבעלאנגט איהר אינערליכקייט, איהר מהות אלס שאפונג, איהר טיעפער טראדיציאנעלער בעדייטונג, איז די משנה:

די אונגעשריבענע געזעצליכע תורה, וועלכע איז געגעבען געווארען צו משה'ן אין דער מדבר פאר די אידען און וועלכע מאכט אונז פאר דעם אויסדערוועהלטעסטען פאלק פון אלע פעלקער, ווי מיר וועלען דאס נאך בעווייזען.

און דא קעהרען מיר זיך אום צו די צווייפלער וועגען דער משנה און מיר וועלען בעווייזען ווי לעכערליך עס זענען די אויבענדערמאהנטע פראגע־שטעלער וועגען איהר געטליכקייט און הייליגקייט.

די משנה האבען מיר בקבלה.

ערשטענס, אויב מיר זענען מודה אין תורת משה און ווילען מקיים זיין אלץ וואס אין איהר שטעהט, (די געטליכקייט פון תורת משה איז דאך שוין בעוויזען געווארען אין אונ־יער ערשטען קאפיטעל!) מוזען מיר אויך אויספאלגען אלעס וואס די חכמי־המשנה הייסען אונז טהון, ווייל טאקי דורך זייערע הענט האבען מיר דאך בעקו־מען די תורת משה זעלבסט; זיי אליין האבען אונז איבערגעגעבען משה'ס תורה און זיי טאקי האבען אונז אויך איבערגעגעבען דעם קרי וכתיב, די מסורה, די נקודות פון דער תורה און אויך די ערקלעהרונגען ווי צו אויספיהרען די מצות, דאביי ערקלעהרען זיי, אז דאס אלעס האבען זיי בקבלה פון משה רבינו, טא ווי אזוי קענען מיר זיי גלויבען א העלפט און די צווייטע העלפט לייקענען? אויב מיר זאלען זיי חושד זיין, אז אפשר האבען זיי א געוויסע ערקלעהרונג אויסגע־טראכט פון זייער אייגענעם קאפ, דארפען מיר דאך זיי אויך חושד זיין, טאמער האבען זיי אין דער תורה גופא צוגעשטעלט עפעס, אדער ארונטער גענומען עפעס און דאן פאלט דאך איין די גאנצע פעסטונג פון תורת משה גופא!

צווייטענס, געפינען מיר טאקי אין תורת משה א קלאהרע אנדייטונג אויף דער תורה שבעל פה; משה זאגט אונז אין איין פלאץ (דברים א. ט'ו) „און איך האב גענומען די עלטסטע פון אייערע שבטים און איך האב זיי אנגעזאגט ווי איהר זאלט זיך אין אלעם אויפפיהרען און טהון". הייסט דאך עס, אז ער האט זיי איבערגעגעבען א געוויסע תורה שבעל פה, נור ער זאגט דארטען ניט אין וואס די תורה איז בעשטאנען; אין א צווייטען פלאץ זאגט ער ווידער, (דברים י'ז, ח'.) „ווען פון דיר וועט פערבארגען זיין אירגענד וועלכע געזעץ־פראגע זאלסטו קומען צו די כהנים ולוים און צו דעם שופט וועלכע וועלען זיך געפינען אין יענער צייט, און דו זאלסט טהון ווי זיי וועלען דיר זאגען און זאלסט היטען אלעס וואס זיי וועלען דיך לערנען". נו זעהט מען דאך אז די שופטים, כהנים ולוים האבען גע־האט עפעס צו לערנען מיט'ן פאלק אויסער דעם וואס געפינט זיך אין דער תורה, מא וואס־זשע האט עס געקענט זיין אויב ניט די ערקלעהרונגען אויף די מצות, די תורה שבעל פה אונזערע?

און דריטענס איז עס פשוט אונמעגליך צו מקיים זיין די מצות פון דער תורת משה אהן די ערקלעהרונגען דערויף וואס מיר האבען בקבלה פון משה רבינו'ס צייט; און ס'איז דאך אונמעגליך, אז אין די פערציג יאהר וואס די אידען זענען געזעסען מיט משה'ן אין דער מדבר, זאלען ניט געווען פארקומען ביי זיי פער־שיעדענע שאלות וועגען יעדער מצוה אויף וועלכע משה האט געדארפט געבען אן ענטשיידונג; אין געוויסע פעלע האט משה געדארפט אנפרעגען ביי גאט אליין ווי צו ענטשיידען א דין, ווי עס ווערט דערצעהלט וועגען אזעלכע פעלע ביי דעם דין פון פסח שני, ביי דעם נוקב את השם, ביים מקושש עצים און וועגען דעם ירושה־דין פון די בנות צלפחד.

מיר וועלען דא ברענגען וועגען דיעזען ענין אן אויסצוג פון א געוויסער

טער ווערק וועלכע וועט ווארפען א ליכט אויף דער אויבענדערמאהנטער בעהיפטונג.

„עס איז געווען די געטליכע חכמה צו געבען א תורה וואס ענטהאלט בלויז קורצע כללים און פונדאמענטען, אויף וועלכע די חכמים פון יעדען דור זאלען קענען בויען לויט'ן פלאץ און לויט דער צייט, די גרעסטע בנינים, ווייל אויב ער זאל געווען אריינגעבען אין דער תורה, אלץ וואס מען האט שפעטער ארויסגעבראכט פון איהר, סיי אין תורה־זאכען, סיי אין ציווילער געזעצליכקייט און סיי אין וויסענשאפט, וואס פאדערט זיך אפט אין צוזאמענהאנג מיט דער תורה, ווי די פילאזאפי פון איין־גאטהייט, די אונשטערבליכקייט פון דער נשמה, די חכמת העיבור צו שאפען דעם לוח און עהנליכעס, וואלט די תורת משה געדארפט זיין אזוי גרויס, אז מען וואלט מוזען האבען עטליכע טויזענד קעמלען צו פיהרען זי, און דערפון איז געדרונגען, אז צוזאמען מיט דער תורה, האט משה אויך בעקומען א תורה שבעל פה מיט געוויסע כללים ווי אזוי צו ארויסנעהמען פון דער תורה שבכתב אלעם וואס וועט אין איהר געזוכט ווערען.

מיר נעהמען צום ביישפיעל די מצות מילה, וועגען וועלכער די תורה זאגט בקצור, אז מען דארף יעדען זכר מל'ע זיין אין דעם אכטען טאג נאך זיין געבורט; עס איז אבער אן אונמעגליכקייט פאר אירגענד וועלכען שופט צו לערנען דיעזען דין אזוי בקצור צום פאלק, ווייל עס וועלען תיכף געבארען ווערען א סך קשיות אין בעצוג צו דעם דין, ווי למשל, ווי אזוי איז מען מל? מיט וואס איז מען מל? ביז ווענען איז מען מל? וואס זאל מען טהון מיט אזא קינד וואס ווערט געבארען א גע'מל'עטער? וואס זאל מען טהון מיט א ברית וואס פאלט אויס אום שבת? וואס זאל מען טהון מיט א קינד וואס איז קראנק? וואס זאל טהון א פאטער מיט א קינד ווען זיינע פריהעריגע קינדער זענען געשטארבען פון דער זעלבער אפעראציע? און עהנליכע צעהנדליגע פראגעס וועלכע קענען פאסירען בלויז ביי דיעזער איינציגער מצוה און דאס זעלבע ביי יעדער אנדער מצוה, טא ווי אזוי קענען מיר דענקען אז אין א משך פון פערציג יאהר נאך מתן תורה, וואס די כהנים און שופטים זענען כסדר גיט אפגעטראטען פון משה'ן און וואס זיי האבען איהם זיכער געפרעגט פערשידענע שאלות וועגען די ערקלעהרונגען אויף אלערליי מצות, זאל ביי זיי ניט געווען פערבלייבען אין האנד א געוויסע צאהל אזעלכע ערקלעהרונגען און וועלכע זיי האבען שפעטער איבערגעגעבען צו זייערע נאכפאלגער בקבלה פאר אלע צוקונפטיגע דורות?

פיעלע מאל געפינען מיר אין דער תורה געבאטען וועלכע ענטהאלטען אין זיך אין צוויי דריי ווערטער א גאנצען געזעץ־בוך, און וואס ביי אנדערע פעלקער האט מען וועגען דעם אויך געמוזט פערפאסען גאנצע ווערק. נעהמט די געזעצען פון קויפען און פערקויפען, לייהען געלד, געבען א שבועה, אדער די געזעצען וועגען שבת, יום טוב, קרבנות, אדער מעדיצינישע געזעצען, ווי כשרות, פאמיליענלעבען און דאס גלייכען, ווי אזוי וואלטען מיר געקענט געפינען אונזערע הענט און פים אין די אלע איינצעלהייטען פון דיעזע געזעצען, ווען ניט די תורה שבעל־פה, די פיעלע ערקלעהרונגען וואס די הכמי התלמוד האבען געהאט בקבלה דור נאך דור און ווען ניט די כללים וואס משה רבינו האט איבערגעגעבען אויף צו ווערען און מעסטען יעדען דין לויט פערגלייכונג. (גזרה שוה) אפלערנען א ביישפיעל פון א שווערער זאך אויף א לייכטערער, (קל וחומר.) און די אנדערע עלף כללים פון די בעוואוסטע שלשה עשר מדות שהתורה נדרשת בהם?".

ווארום די תורה שבעל פה איז געווארען א תורה שבכתב.

דערפון איז צו זעהן קלאהר, אז ביי די עלטסטע פון אונזער פאלק האט זיך געפונען בקבלה זייט די צייטען פון משה רבינו א צאהל געזעצע און תקנות, וועלכע זענען פראקטיצירט געווארען אין דעם אידישען לאנד און וועלכע האבען זיך גערופען מיט דעם נאמען משניות, אדער הלכות. דער נאמען „הלכות" בעדייטעט אין דער תלמודישער שפראך דאס זעלבע ווי „הליכות", נעמליך: „אנגבארע" אדער „געברויכבארע", דאס הייסט, זאכען וועלכע זענען געווען אין אומגאנג ביים פאלק זייט אלטע צייטען און פיעלע מאל זעהט זיך עס פון דער משנה זעלבסט, ווי צום בייספיעל אין דעם אנפאנג פון משניות, וואו עס זאגט זיך: „ווען איז די צייט צו לייענען קריאת שמע אין אווענד? — ווען די כהנים

קומען אריין צו עסען זייער תרומה". די משנה זאגט אלזא ניט, אז יעדער איד איז מחויב צו לייענען קריאת שמע, וואס דאס וואלט געהייסען, אז מען האט דא צו טהון מיט עפעס א נייעם געזעץ, נור עס רעדט זיך ווי וועגען א זאך וואס אלע טהוען דאס שוין סיי ווי סיי, נור די משנה זוכט צו פעסטשטעלען די ריכטיגע שטונדע, ווען ס'איז נויטווענדיג צו לייענען די קריאת שמע.

ווען די הלכות זאלען ניט געוועזען זיין אין אומגאנג ביים אידישען פאלק, פון די אלטע צייטען, איז דאס פשוט אן אונמעגליכקייט צו גלויבען, אז עס זאל ניט געוועזען ענטשטעהן א גרויסער קאמף געגען די חכמי המשנה פאר זייער וועלען איינפיהרען נייע פאראנדקעס; מען וואלט זיי דאך געשטאכען די אויגען און זיי געפרעגט א קשיא, סטייטש? ערשט נעכטען האבען מיר געגעסען פלייש אהן שחיטה און היינט איז ביי אייך געבארען געווארען א ניי געזעץ צו דארפען עסען דוקא על פי דיני שחיטה? ערשט נעכטען האבען מיר גארנישט געוואוסט פון דאווענען מיט תפילין און היינט פערלאנגט איהר עס?" און אזוי וואלט מען פראטעסטירען געגען יעדען נייעם געבאט, אזוי ווי קרח האט אמאל פראטעסטירט געגען משה'ס נייע געבאטען; עס איז אבער קלאהר צו יעדען איינעם וועלכער איז בעקאנט מיט דער אידישער געשיכטע, אז סיי די צדוקים, סיי די שומרונים, סיי די קאראאימען און אויך אלע אנדערע אידישע סעקטען, וועלכע זענען געווען פערשפרייט אין פיעלע ווייטע פלעצער ארום ארץ ישראל, האבען אלע מודה געווען אין די עיקרים פון די פערשיעדענע דינים, מען האט בלויז ניט געקענט איינשטימען וועגען די זייטיגע קלייניגקייטען, און אפילו די קאראאימען האבען אויך א תורה שבעל פה, זייער „ספר המצות" וועלכער ענטהאלט טאקי די מעהרסטע הלכות פון משניות, נור אביסעל פערענדערט, לויט זייער אייגענעם געשמאק.

לויט די גאונים, ר' סעדיה, ר' האי און אנדערע, איז עס געווען אזא תקנה פון משה רבינו זעלבסט, ניט צו ערלויבען די אידען בכתב דאס וואס האט געזאלט פערבלייבען בעל פה; ער האט מורא געהאט, אז מען זאל מיט דער צייט ניט צוזאמענמישען אין איין ספר דעם טעקסט פון דער תורה גופא מיט די קאמענטארען אויף איהר, אזוי אז נאכהער זאל מען ניט וויסען דעם אונטערשייד צווישען די ביידע תורות, די געשריבענע, דער עיקר, און די ערקלעהרונגען אויף איהר, דער טפל; ער האט בלויז ערלויבט צו די מלכים, כהנים און אנדערע עלטסטע פון פאלק צו פערשרייבען די תורה שבעל פה און דערפאר טאקי רופט זיך די תורה שבעל-פה „דברי סופרים", אדער „דברי חכמים", ווייל נור די סופרים וחכמים האבען דאס ביי זיך געמעגט האלטען בכתב; נאכהער איז דאס איבערגעגאנגען פון איין דור צום צווייטען, פון איין ישיבה צו דער צווייטער, פון איין סנהדרין צו דער צווייטער, ביז רבינו הקדוש, וועלכער האט איינגעזעהען, אז די אידען צושפרייטען זיך אין אלע גלות-לענדער און די תורה שבעל פה קען פשוט פערגעסען ווערען, צוליעב די פיעלע גזירות אויף אידען, האט ער צוזאמענגענומען אלע הלכות און זיי אויפגעשריבען אין באזונדערע ווערק, שפעטער זענען געקומען די תלמידים פון דעם נעקסטען דור און זיך גענומען ערקלעהרען די משנה אויף פערשיעדענע אופנים, און צוליעב איהר גוואלדיגען קיצור הלשון, איז ביי זיי נאטירליך געבוירען געווארען א מאסע פראגען, אנטווארטען און דיסקוסיאנען, וועלכע זענען שפעטער פערשריבען געווארען אין איין זאמלונג אונטער'ן נאמען גמרא.

די אלע גזירות און תקנות פון די בעלי התלמוד זענען נאכהער אנגענומען געווארען ביי אלע אידען, ווייל דאס גאנצע פאלק האט דערויף מסכים געווען און אזוי איז עס געווארען די נאציאנאלע אידישע תורה, די אלטע טראדיציאנעלע תורה, וועלכע איז אין איהרע הויפט-פונקטען געקומען צו אונז בקבלה דור נאך דור פון דעם גרויסען אידישען געזעצגעבער און געטליכען מאן, משה רבנו."

די משנה אלס שאפונג.

די אריגינעלע געטליכע תורה בעשטעהט אלזא גלייכוויז אי פון דער תורת משה, אי פון דער משנה און ביידע צוזאמען זענען ניט קיין שאפונג פון א יחיד און ניט קיין שאפונג פון א גאנץ פאלק, נור א געטליכע מתנה צו אונזער פאלק. ביידע צוזאמען שטעלען צונויף דעם לעבענס-בוך פאר'ן פרט און פאר'ן כלל: זיי זענען די געטליכע ענציקלאפעדיע פאר רעליגיאז און וויסענשאפט, די געזעצען צווישען מענש און

גאָט און צווישען מענש און מענש; די כּללים ווי דער יחיד זאָל זיך פיהרען און ווי דער רבים זאָל זיך פיהרען.

די משנה קען מיט רעכט אָנגערופען ווערען „מאַשינע", ווייל דאָס איז אַזאַ סאָרט מאַשינע, וואָס אויב איהר לעגט אין איהר אַריין פון איין זייט אַ מענשען, געהט אַרויס פון דער צווייטער זייט אַ איד, און אויב איהר לעגט אין איהר אַריין אַ מדינה מענשען, געהט אַרויס פון דער צווייטער זייט אַ אידיש פאָלק און אַ אידישע מדינה, אָבער נאָך אַ מין פאָלק און אַ מין מדינה! אַ פאָלק וואָס איז העכסט אָריגינעל, אַ מדינה וואָס איז איינציג אין איהר מין; אַן אָריגינעלעם פאָלק, אַן אָריגינעלע מדינה, אָריגינעלע געזעצען, אָריגינעלע מנהגים אָריגינעלע ימים טובים, אַן אָריגינעלע רעליגיאָן, אָריגינעלע פיהרונגען, אַן אָריגינעלע מאָראַל, אַן אָריגינעלער גלויבען אין גאָט, אַן אָריגינעלע קולטור, אַן אָריגינעלעם לעבען, אַזוי אַז דאָס אָריגינעלע פאָלק דאַרף שוין ניט נעהמען ביי קיין שום אַנדער פאָלק אירגענד וועלכע זאַך, אויסער אַ שבת־גוי.

און אויב עס געפינען זיך אין אונזער משנה געוויסע זאַכען, וועלכע זענען פאַר אונז אונפאַרשטענדליך און וועלכע געפינען זיך ניט אין תורת משה, אָדער ניט מיט אַזוי פיעל איינצעלהייטען, פערשיעדענע חומרות, שוועריגקייטען, ווי ביי די דינים פון שבת, תפילין און אַזוי ווייטער, טאָהרען מיר ניט זאָגען, אַז דאָס אַלעס טויג ניט און איז איבעריג, נור מיר מוזען מודה זיין אין אונזער אייגענעם קורצען שכל און איינזעהען, אַז מיר פערשטעהען דאָס ניט, עס איז אַ פאַקט, אַז אונזערע חכמי המשנה האָבען געהאַט קבלה און געוואוסט אַ סך זאַכען דירעקט פון משה רבינו וואָס ער האָט עס בעקומען פון הימעל זעלבסט, ווייל אַנדערש קען מען בשום אופן ניט ערקלעהרען פון וואַנען זיי האָבען געוואוסט אַזוי פיעל טיעפע נאַטור־סודות, וואָס אפילו די היינטיגע וויסענשאַפט איז נור צו מאַנכע דערגאַנגען דורך פיעל אַרבייט און מיה, און צו דער גרעסטער טהייל קען זי נאָך ניט צוטרעטען עד היום, אַבוואָהל זי קען עס אויך ניט בעשטרייטען און אָפּלייקענען.

מיר ווילען דאָ ברענגען בלויז אַ קורצען אויסצוג פון דער וואונדערבאַרער קענטניס וואָס די חכמי המשנה האָבען בעזעסען.

זיי האָבען אָנגעצייגט אויף הונדערט סאָרטען טריפה פויגלען און געגעבען אַ סמן, אַז ביי יעדער איינער פון זיי שיילט זיך ניט די אינוועניגסטע פעל פון דעם פויגעל־מאָגען און אַז די טויזענדע אַנדערע פויגלען וועלכע זענען כשר, שיילט זיך ביי זיי יאָ די מאָגען־פעל. וועלכער מענש קען אָבער מאַכען אַזאַ בעהויפּטונג און ניט מורא האָבען, אַז אימעצער זאָל איהם ווידערשפּרעכען און אָפּלייקענען דורך צייגען אַן איינציגען פערקעהרטען פאַל? דיעזער סמן איז נאָך דערווייל ניט אָפּגעלייקענט געוואָרען, אַבוואָהל וויסענשאַפטס־לייט האָבען דאָס שטרענג אונטערזוכט.

זיי האָבען געזאָגט, אַז אַ טריפה'ער פיש ווערט געבאָרען דירעקט פון זיין מוטערס בויך און אַ כשר'ער פיש ווערט געבאָרען פון דער איקרע וואָס די מוטער לעגט, (אַנשטאַט אייער ביי די פויגלען).

זיי האָבען געזאָגט, אַז יעדע בעשעפעניש וואָס איז געבאָרען דירעקט פון אַ מוטער'ס בויך, מוז ערנעהרט ווערען דורך מילך און יעדע בעשעפעניש געבאָרען פון אַן איי, קלייבט זי איהר שפּייז אויף דער ערד אַזוי ווי די עלטערע פון איהר מין, חוץ פון דער פלעדערמויז וועלכע איז אַן אויסנאַהם דערביי, זי ווערט געבאָרען פון אַן איי און דאָך זויגט זי איהר מוטער'ס מילך, און זיי האָבען קיין מורא ניט געהאַט טאָמער וועט מען אָנצייגען, אַז ס'איז פאַראַן אויך אַ טריפה'ער פיש וואָס לעגט אייעלאָך, אָדער אַ כשר'ער וואָס לעגט ניט, אָדער נאָך אַזאַ בעשעפעניש ווי די פלעדערמויז.

זיי האָבען געגעבען אַ סמן, אַז דער זכר וועלכער האָט זיין געשלעכטס־אָרגאַן אויסוועניג, האָט די נקבה קינדער, און אויב ער האָט עס אין זיין בויך, לעגט די נקבה אייער. זיי האָבען געזאָגט, אַז אַ הוהן גיט געבורט צו איין און צוואַנציג טאָג, אַ הונד צו פופציג טאָג, אַ שלאַנג צו 7 יאָהר און דאָס אַלעס האָבען זיי געדרשנט פון תורת משה און די וויסענשאַפט בעשטעטיגט עס.

זיי האָבען געזאָגט אַז טאָמער וועט אַמאָל אַ מענש שווערען, אַז ער האָט געזעהען אַ שלאַנג וואָס איז געפלעקט אויף'ן רוקען, איז דאָס אַ פאַלשע שבועה

פאר וועלכער ער מוז קריגען מלקות, ווייל ס'איז ניטא אויף דער גאנצער וועלט קיין שלאנג געפלעקט אויף'ן רוקען. נור בלויז אויף'ן האלז. זיי האבען אויך געזאגט, אז אין דער גאנצער נאטור איז ניט בעשאפען געווארען קיין איינציגע זאך וואס איז פיער־עקאכדיג.

זיי האבען געזאגט טויזענדער אנדערע אזעלכע זאכען, אוועקגעלעגט כללים פאר יעדער וויסענשאפט, פאר אלע חיות, פויגלען און אינזעקטען, זיי האבען זאגאר אנגעצייגט אויף דער עקזיסטענץ פון מיקראבען, און ביז היינטיגען טאג איז ניט געפונען געווארען קיין איינציגע בעשעפעניש, וועלכע זאל סותר זיין די טיפע וויסענשאפטס־כללים פון די חכמי המשנה אויף אלע געביטען און עס איז ניט געפונען געווארען, אז זיי זאלען האבען געמאכט דעם מינדעסטען טעות אויף א האהר, טא פון וואנען האבען זיי דאס אלעס געוואוסט, אויב ניט על פי קבלה פון משה רבינו?

פון וואנען האבען די חכמי המשנה גענומען די טיעפסטע נאטור סודות וועגען כשרות, די וואונדערבארע געזעצען וועגען היגיענע, די חכמת העיבור? (צייטרעכנונג.) פון וואנען האבען זיי גענומען די געטליכע לאגיק אין זייערע דינים וועגען געלד־זאכען, שאדענערזאץ, וואס אין פיעלעס טאפט נאך עד היום די ווי־כענשאפט ווי אין דער פינסטער און וואס פיעלעס פון דער משנה בעשטעטיגט זי און קיין איינציגע זאך קען זי ניט אפלייקענען?

און אויב דאס וואס די אנטיסעמיטען איבעראל זאגען א ווערטעל, „רייך ווי א איד", זאל פון זיי זיין געמיינט אויף דער רייכקייט פון אונזער משנה, האבען זיי רעכט, ווייל אין דיעזער הינזיכט זענען מירווירקליך רייכער פון אלע פעלקער: די גאנצע וועלט פערמאגט ניט קיין גרעסערען רייכטהום ווי דער אונערשעפליכער אוצר פון אונזער משנה, אזוי אז א ראקעפעלער קוקט אוים מיט זיין רייכטהום ווי א מילב געגען אן עלעפאנט, ווען ער זאל פערגליכען ווערען צו א אידען אן ארימאן, וועלכער איז אבער קלאהר אין גאנץ משנה ווי עס בעדארף צו זיין.

דער ווערטה פון דער משנה.

איינער קען זיך וויצלען איבער אונזער גרויסען רייכטהום און פרעגען די קשיה: „וואס האבען מיר פון דער דאזיגער עשירות?" אבער דער תירוץ דערויף איז קורץ, שארף און ערנסט: מיר האבען צו פערדאנקען דער דאזיגער עשירות אונזער גאנצע עקזיסטענץ אלס פאלק און אלס אויסדערוועהלטער פאלק דערצו!

עשו איז געבענשט געווארען מיט דער ברכה „על חרבך תחיה!" און ער לעבט ווירקליך אויף זיין שווערד; אמאל איז עס פשוט א שווערד, אמאל איז עס אן אנדער קאמפס־מיטעל, ווי א גרעסערע אינדוסטריע, א גרעסערע פלאטע, א גרעסערער וועלט־האנדעל; עשו מוז פיהרען אימער א מאטעריעלען קאמף פאר זיין עקזיסטענץ און פערלירט ער איז'ם לעבענס־קאמף, מוז ער אונטערגעהן; זאל אירגענד וועלכע מדינה פערלירען איהר פאליטישע אדער עקאנאמישע פאזיציע אין דער וועלט, מוז זי אונטערגעהן; די אומות העולם וויסען נור פון פראקטישע לעבענס־פראבלעמען, פון עקאנאמישע, פאליטישע און ספארטישע אינטערעסען: דערפון ריידען זיי, דערמיט פערנעהמען זיי זיך און אויסער דעם וויסען זיי ניט פון קיין שום אנדערע פליכטען; אפילו די פרומע און גלויביגע צווישען זיי דארפען זיך בלויז איבער'צלם'ן א פאאר מאל אין טאג, געהן הערען דעם גלח'ס א דרשה איין מאל א וואך און דערמיט זענען זיי יוצא זייער גאנצע הימלישע פליכט.

דער איד אבער איז געבונדען הענט און פים דורך זיין הלכה, דורך זיין משנה: זיינע רעליגיעזע פליכטען לאזען איהם ניט אפ פאר א רגע זיין גאנצען לעבען; דאס עס ניט, דאס טרינק ניט, דאס רייד ניט, אהין געה ניט, דאס טהו ניט, מוזט דאווענען, מוזט מאכען א ברכה אויף יעדער זאך וואס דו עסט, מוזט בענשען, מוזט אפגעבען א שטונדע אין טאג פאר לערנען תורה, און אזוי כסדר: דער איד האט אויף זיך תרי"ג מצות און צוויי מאל אזוי פיעל מנהגים און האלבע מצות.

צווישען דעם איד און דעם גוי, איז אלזא דער גאנצער אונטערשייד נור אין דעם, וואס דער איד איז געבונדען דורך די דינים פון דער משנה, וועהרענד דער גוי איז פריי דערפון: א איד וועלכער האלט ניט פון משנה, איז פונקט ווי א גוי.

ווייל תורת משה האלטען אויך די גוים, נור די תורת משה אהן דער משנה, פערלאנגט פון זיי כמעט גארנישט; זאל מען ערציהען איין אידישען דור אהן דעם איינפלוס פון דער משנה, וועט שוין ניט זיין קיין שום אונטערשייד צווישען איד און גוי.

די משנה האט דעריבער ניט דערלאזען דעם אידען צו אויסמישען זיך מיט די אנדערע פעלקער און זי איז געווען פאר אונז ניט נור א בעזונדער רעליגיאן, נור אויך אנשטאט א בעזונדער פאטערלאנד, און א בעזונדער טעריטאריע; דער מענש וועלכער לעבט לויט תורת משה אליין, איז קיין איד ניט, ווייל אזא מענש האט גאר קיין תורה ניט אויף זיך, נור בלויז דער יעניגער וועלכער האט די תורה שבעל פה, איז אן אמת'ער איד אין אלע הינזיכטען און שטעהט אפגעזונדערט פון דער גאנצער וועלט.

און דאס איז די אורזאכע, ווארום פיעלע פעלקער זענען אונטערגעגאנגען און נור דאס אידישע פאלק איז פערבליבען עקזיסטירען ביז היינטיגען טאג; די אנדערע פעלקער ווען זיי פערלירען זייער לאנד, פערלירען זיי אויך זייער פאלקסנשמה, אבער דעם אידענס פאלקס־נשמה איז די משנה, קען ער זי מיטנעהמען וואוהין ער געהט נור, און דעריבער זענען מיר אויסער געפאהר אונטערצוגעהן.

נעהמט אוועק ביי דעם אידישען קינד די משנה, האט איהר אוועקגענומען זיין אידישע נשמה און אויב ער אליין וועט נאך ניט זיין קיין גוי, וועלען זיינע קינדער דאס ווערען און קיין ביישפיעלען דערויף זענען ניט נויטיג, מיר האבען זיי איבער געגוג אין אלע לענדער צווישען די רעפארמער און אסימילאטארען מכל המינים; מיר ווייסען שוין פון גאנצע קהלות וואס זענען אונטערגעגאנגען אין מאנכע לענדער, נאכדעם ווי מען האט דארטען אויפגעהערט צו לעבען לויט דער משנה.

דער ווערטה פון משנה פאר אונזער צוקונפט.

און ניט נור האבען מיר צו פערדאנקען דער משנה אונזער עקזיסטענץ אין דער פערגאנגענהייט, נור אויך אונזער גליקליכע צוקונפט קען נור פערווירקליכט ווערען א דאנק דער משנה; קריגען א ריכטיגע אידישע היימלאנד אין פאלעסטינע און ווערען דארט א זעלבסט־שטענדיג פאלק, איז אן אונמעגליכקייט אהן דער הילף פון דער משנה.

צוויי פונקטען מוזען דאביי גענומען ווערען אין אנבעטראכט.

ערשטענס, דאס אלס פאלק, זענען מיר אידען די שוואכסטע און צווישען די קלענסטע, א פאלק וואס מען צווייפעלט גאר אין אונזער רעכט צו אנרופען זיך א בעזונדער פאלק, וועהרענד אלס רעליגיעזע סעקטע זענען מיר איינע פון די דריי רעליגיעזע גרויס־מעכטע און טאקי די גרעסטע און שטארקסטע צווישען זיי, ווייל אונזער רעליגיאן איז די ריינסטע און ריכטיג־געטליכע.

צווייטענס, אז די איראניע פון'ם שיקזאל האט גראדע אזוי געוואלט, דאס אויף אונזער פיצעל ירושה־לאנד, וואס איז די גרויס ווי א גענוץ, זאלען זיך געפינען די ווארצלען פון די צוויי גרעסטע וועלט־רעליגיאנען, קריסטענטהום און מאכמעד'אנענטהום, און וואס דאס מיינט, אז מיט פיזישען כח אלס פאלק, וועלען מיר קיינמאל ניט קענען צוריק־קריגען אונזער מדינה, נור בלויז מיט'ן כח פון גייסט, ווען אונזער רעליגיאן זאל אנערקענט ווערען, אלס די איינציגע ריכטיגסטע פון אלע און דאס אידישע פאלק אלס דאס פריסטער־פאלק פון דער גאנצער מענשהייט.

אלס פאלק קענען מיר אפילו א רומעניען, אדער א פוילען ניט בעזיעגען, אבער אלס רעליגיעזע סעקטע קענען מיר די גאנצע וועלט געווינען פאר זיך!

די וועלט איז באנקראט און זינקט מיט יעדען טאג אלץ נידעריגער, עס וועלען איהר ניט העלפען קיינע נייע אידעאלען קיינע נייע סיסטעמען און קיינע וויסענשאפטליכע תרופות, און זי וועט סוף כל סוף אויסגעפינען, אז די אלע צרות קומען צוליעב דער מענשליכער פערדארבענקייט; די פערדארבענקייט קומט פון שלעכטער בלוט און דאס שלעכטע בלוט איז דער רעזולטאט פון דער מענשהייט'ס פיהרען זיך גענען דעם גייסט פון דער געטליכער פראגראם, די פראגראם וואס איז אזוי וואונדערבאר פערקערפערט אין דער משנה און תלמוד.

די חכמי התלמוד גופא ערקלעהרען אונז טאקי אויף וועלכען אופן די אידישע

גאולה וועט קומען; דאס וועט פאסירען נור דאן, זאגען זיי, ווען די אידישע תורה שבעל פה וועט ווערען דער לייטענדער גייכט ביי דער גאנצער מענשהייט; ווען די וועלט וועט איינזעהען, אז אום צו האבען א ריינע נשמה אין א ריינעם גוף, מוז מען לעבען ווי עס לעבט דער פרומער איד, עסען זיין שפייז, און אויפפיהרען זיך אזוי ווי ער. נור דאמאלס ווען די גרעסטע רעליגיעזע אויטאריטעט אויף דער וועלט, וועט זיין א איד און אנערקענט אלס אויטאריטעט ביי אלע פעלקער, וועט מען אונז פרייוויליג אפגעבען אונזער ארץ ישראל און פרייוויליג אנערקענען אונז, אלס די פריסטער פון דער גאנצער מענשהייט.

די תורה שבעל פה, זייענדיג די געטליכע ערקלעהרונג אויף דער תורה שבכתב, איז די איינציגע תורה אין דער וועלט, וועלכע איז בכוח צו פערוואנדלען דעם מענשען אין א האלבען מלאך און צו ארויסרייסען די חיה־אינסטינקטען פון איהם און עס וועט מוזען פאסירען אזא זאך אויף דער וועלט, וואס זאל דאס קלאהר מאכען פאר דער גאנצער מענשהייט, ווי למשל דאס אנקומען פון משיח'ן, וועט דאן די מענשהייט במילא אפגעבען ארץ ישראל צום אידישען פאלק און אליין העלפען אונז בויען די אידישע היימלאנד; דאס האבען אונז פאראויסגעזאגט די נביאים און שפעטער האבען דאס אונז פאראויסגעזאגט די חכמי התלמוד מיט כמעט אלע איינצעלהייטען אויף וועלכען אופן דאס וועט פאסירען, און מיר קענען אליין פערשטעהן, אז אויף אן אנדער אופן קען דאס ניט זיין, ווייל קוים וועלען מיר ניט קענען ווערען דער גרעסטער גייסטיגער מיוחס־פאלק אויף דער וועלט, וועט מען אונז ארץ ישראל ניט אפגעבען און קוים וועט טאקי פאסירען אזוי, דאס מיר וועלען אנערקענט ווערען אלס דער מיוחס־פאלק צווישען אלע פעלקער, וועט דאך טאקי דערמיט באשטעטיגט ווערען די געטילכקייט פון אונזער תורה און דער פאקט, אז מיר זענען גאט'ס אויסדערוועלטער פאלק!

האלטענדיג די תורה שבעל פה, האבען מיר געקענט עקזיסטירען אזוי לאנג אלס גלות־פאלק און נור דורך דער זעלבער תורה שבעל פה, וועלען מיר קענען אפשאפען דעם גלות; עס וועט מוזען קומען א צייט, ווען אלע פעלקער וועלען אנערקענען, אז דער אידישער גאט איז דער גאט פון דער וועלט, אז דאס אידישע פאלק איז זיין אויסדערוועהלט פאלק און אז ארץ ישראל איז דעם אידענס לאנד פון וועלכער עס דארף ארויסגעהן גאט'ס ווארט פאר דער גאנצער מענשהייט.

אויב דאס אידישע פאלק האט א צוקונפט, און וועגען דעם דארף קיין ספק ניט זיין, ליגט אונזער צוקונפט אין דער תורה שבעל פה, ווייל דאס איז די פארטזעצונג פון דער געטליכער תורת משה און אליין אויך געטליך!

שלום־ווארט.

וויסענדיג אז נור בזכות דער תורה שבעל פה וועלען מיר קענען אויסגעלייזט ווערען פון גלות, איז דאס דער בעסטער בעוויז אויף איהר געטליכקייט, און וויסענדיג אז די תורה שבעל פה איז געטליך, ווייסען מיר שוין וואו די געטליכע תורה ענדיגט זיך, אדער, ריכטיגער געזאגט, וואו זי ענדיגט זיך יא און וואו זי ענדיגט זיך ניט; אלעס וואס איז געשאפען אלס פארטזעצונג פון דער תורה שבעל פה און אין איהר גייסט, איז געטליך, ווערענד אלעס וואס קעהרט זיך אפ אן א זייט פון דער תורה שבעל פה, איז דארטען די ענדע פון דער געטליכער תורה. דער שולחן־ערוך, די מוסר־ספרים, דרוש־ספרים, און אפילו צייטונגען, וועלכע ווערען ארויסגעגעבען אין'ם גייסט פון דער תורה, איז דאס אלץ די אונענדליכע פארטזעצונג פון דער געטליכער תורה און דער יעניגער איד וועלכער פיהרט זיך לויט דיעזע אלע דערמאהנטע ווערק, איז דער ריכטיגער איד, דער אמת'ער טרעגער פון דער געטליכער תורה.

ווענען גלויבען אָדער פילאָזאָפירען.

ווענען דער אַלגעמיינער פראַגע פון גלויבען, אָדער פילאָזאָפירען, איז שוין ביי אונז לאַנג צוריק געזאָגט געוואָרען פון דעם נביא חבקוק, „וצדיק באמונתו יחיה”, דער פרומער דאַרף זיך ניט קלִיגען, ניט חקרנ׳ען און ניט פער־לאָזען זיך אויף די ספּעקולאַציעס פון שכל, נור ער דאַרף פּשוט זיין א מאמין, און דאָס איז אויך ריכטיג אזוי, ווייל אונזער מענשליכער שכל איז נאָך אַלעמען אזוי בעגרעניצט, אַז ס׳איז ניטאָ וואָס צו פאַרלאָזען זיך אויף איהם.

אין׳ם אָנפאַנג פון דיעזער העפט, געפינט זיך א דיאַלאָג צווישען א גלויביגען און אונגלויביגען און וואו דער ערשטער פרעגט ביים צווייטען אַן אינטערעסאַנטע רעטעניש. אפשר ניין פון צעהן קלוגע וועלען די רעטעניש ניט קענען טרעפען, טראָצדעם וואָס דאָרט האַנדעלט זיך ווענען א גאַנץ געוועהנליכער זאַך, וועלכע איז שוין צופיעל אַלעמען בעקאַנט, נעמליך „פייער”.

איצט שטעלט זיך פאָר די לעבערליכקייט דערפון, אַז דער מענשליכער שכל זאָל ניט קענען טרעפען אַזאַ לייכטע זאַך און ווי נאָך לעבערליכער עס איז אַז מיט אַזאַ שכל זאָל מען נאָך וואַגען צו גריבלען זיך אין דעם סוד פון דער וועלט־בעשאַפונג און פון דעם וועלט־בעשאַפער!

יעדענפאַלס, ווען איהר זענט שוין אפילו צווישען די ווייניגע טרעפער, איז דאָך דאָס נור דערפאַר ווייל איהר קענט אזוי גוט דעם געגענשטאַנד, אָבער ווען קיין פייער זאָל זיך אויף דער וועלט ניט געפינען און איינער זאָל אייך ערקלערה־רען. אַז ס׳איז פאַראַן אַזאַ זאַך מיט אַזעלכע אייגענשאַפטען אין׳ם הימעל, וואָלט איהר דאָס פאָזיטיוו בשום אופן ניט גלויבען, ווייל דער שכל בעגרייפט עס ניט, און דאָך ווייסט איהר שוין, אַז ס׳איז יאָ פאַראַן אַזאַ זאַך ווי פייער מיט די אַלע מאָדנע אייגענשאַפטען וואָס ער בעזיצט!

דאָס צייגט, אַז צו פערלאָזען זיך אין חקירה־זאַכען אויף אונזער מענשליכען שכל, איז ניט מעהר ווי א טרויעריגער וויץ; דער שכל קען אָפט ניט דערקענען זאַכען וועלכע זענען איהם גוט בעקאַנט און ער איז ניט גרויס גענוג צו מערקען וואונדער אפילו אויף דיעזער וועלט, ניט נור אויף יענער וועלט און דעריבער איז טאַקי גלייכער און שכל׳דיגער צו גלויבען, דאָס אזוי ווי עס קען זיך געפינען אויף דער וועלט אַזאַ זאַך ווי פייער, וואָס לויט׳ן שכל וואָלט דאָס דאַרפען זיין אַן אונמעגליכקייט, אזוי איז אויך מעגליך, אַז מיט פיעלע דורות צוריק זענען געווען אַזעלכע צדיקי־הדור און בעלי־רוח הקודש, וועלכע האָבען אונז איבערגעלאָזען בקבלה די גרעסטע אמת׳ן און טיעפסטע סודות פון הימעל, כאָטש לויט אונזער שכל קענען גאָר אַזעלכע מענשען אויף דער וועלט ניט זיין!

עס איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס דער שכל זאָל עס צוריקווייזען אַלס אונמעגליך און דאָס זאָל פון דעסטוועגען ניט קענען זיין מעגליך, ווייל אונזער שכל איז געוואַלדיג בעגרעניצט און לעבערליך הילפלאָז.

וצדיק באמונתו יחי׳!...

קורצע ביאָגראַפיע פון רבינו בחיי הדין.

אין דעם 11־טען יאָהר־הונדערט, ווען אין שפּאַניען האָט געבליהט אַ דור פון אידישע געלעהרטע, פון צדיקים, פּילאָזאָפען, פּאָעטען און אַלערליי אַנדערע גדולי ישראל, איז דאָן אויך בעקאַנט געוואָרען דער נאָמען פון דעם געטליכען פילאָזאָף און צדיק הדור רבינו בחיי הדין, אָדער ווי זיין ריכטיגער נאָמען איז געווען, ר׳ יוסף אבן פקודא, דער פערפאַסער פון דעם היילינגען ספר „חובת הלבבות״.

דער דאָזיגער ספר איז דער ערשטער פון זיין סאָרט זינט דאָס אידישע פאָלק האָט אָנגעפאַנגען צו פאַרשפּרייטען פערשיעדענע ספרים; רבינו בחיי איז געווען דער ערשטער צו פערפאַסען אַ ספּעציעלען ספר פאַר די פליכטען פון הארץ, פאַר יענע געטליכע פליכטען וועלכע דער מענש האַלט פערבאָרגען טיעף אין זיין האַרצען און וואָס זיי ווערען ניט גערעכענט בפירוש צווישען די מצות פון דער תורה, ווי למשל דער גלויבען אין השארת הנפש, בטחון, תשובה, חשבון הנפש, הויכע מדות און עהנליכעס. רבינו בחיי בעווייזט אין זיין ספר חובת הלבבות דורך זעהר לאָגישע און שטאַרקע אַרגומענטען פון תורה נביאים וכתובים, אַז ווען דער מענש ערפילט ניט די פליכטען פון האַרצען, וואָס נור ער אַליין קען דערפון וויסען, רעכענט זיך איהם אויך ניט פאַר קיין פערדינסט דאָס וואָס ער איז מקיים אַלע אַנדערע מצות, וועלכע האָבען צו טהון מיט די אויסערליכע גלידער פון גוף; אָהן די מצות פון האַרצען זענען די אַנדערע מצות ווערטהלאָז און נוצלאָז, אַזוי ווי דורך דער אָפּשטעלונג פון דער האַרץ, ווערט אָפּגעשטעלט די טהעטיקייט פון אַלע איברים, אין דעם פיזישען זין.

דער גרויסער גאון ר׳ חיד״א ז״ל (ר׳ חיים דוד אַזולאַי) זאָגט אין זיין ספר „שם הגדולים״, אַז אָט ווי נור מען פאַנגט אָן צו לערנען דעם חובת הלבבות, דערשפּירט מען באַלד די שטאַרקע היילינגקייט פון דעם פערפאַסער; מען דערזעהט באַלד ווי אין אַ שפּיגעל די לויטערקייט און היילינגקייט פון דעם פערפאַסער׳ס הייכער נשמה, זיין געטליכע ריינקייט, זיין גרויסע חכמה און יראת שמים, זיין גוואַלדיגע ליעבע צום מיט־מענשען און זיין עדעלען גייסט, וועלכער שיינט ווי זיבען זונען אויף אַלע געביטען פון מענשליך־געטליכע מעלות; דער ספר חובת הלבבות איז דעריבער אַזוי גרויס און ערהאַבען, אַז מען קען ניט געפינען זיין גלייכען אין דער וועלט, און פאַקטיש ווייסט מען שוין איצט, אַז טויזענדע מענשען, אידען, מאָכמעדאַנער און קריסטען, זענען אונטער דעם איינפלוס פון׳ם חובת הלבבות פערוואַנדעלט געוואָרען אין היילינגע הויכע גייסטער, וועלכע האָבען זיך דערהויבען צו דער העכסטער מדרגה פון מאָראַל און געטליכער ערקענטניש.

אינטערעסאַנט איז אויך דער פאַקט, וואָס לכתחלה האָט רבינו בחיי פערפאַסט דעם חובת הלבבות צוליעב זיך אַליין, כדי ער זאָל געדענקען ווי אַזוי צו ערציהען זיין אייגענע נשמה און צו דערהויבען זי. אָבער שפּעטער ווען איהם איז די אַרבייט געלונגען און ער האָט צונויפגעזאַמעלט דעם גאַנצען וואונדערבאַרען מאַטעריאַל פאַר זיין ספר, האָט איהם זיין געוויסען און גוטע האַרץ געצוואונגען צו מהנה זיין דערמיט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק און ער האָט זיין ערהאַבענע ווערק פערעפענטליכט.

פון דעם פּריוואַטען לעבען וואָס דער גרויסער איד און געטליכער מאַן האָט געפיהרט, איז אונז בעוואוסט זעהר ווענינ; מיר וויסען נור, אַז ער האָט זיין ווערק פערענדיגט אין שנת ת״ת לאלף החמישי, ס׳הייסט קרוב צו ניין הונדערט יאָהר צוריק, און אַז אויסער דיעזען ספר, האָט ער מעהר קיין ספרים ניט פערפאַסט, נור דער איינער איז שוין אויך גענוג.

אין דער אַלטער וועלט פלעגען זיך גרינדען ספּעציעלע חברות פאַר לערנען יעדען טאָג חובת הלבבות און עס איז אַ פאַקט, אַז דער איינפלוס פון דיעזען היי־ליגען ספר קען אפילו ווירקען דאַ אין דיעזע לענדער, ווען דער עולם זאָל זיך ווייעדער אַ נעהם טהון צו טרינקען פון דעם דאָזיגען גאָט־געבענשטען קוואַל.

מיר דרוקען דאַ אַן איבערזעצונג פון רבינו בחיי׳ם שטראָף־פּאָעמע „נפשי״.

וועלכע געפינט זיך צום ענדע פון זיין גרויסער ווערק, און וועלכע ווערט פון איהם דערמאהנט אויך אין עטליכע פלעצער אין'ם ספר זעלבסט; די לעזער וועלען פון דער פאעמע אליין שוין קענען איינזעהען די גרויסקייט פון דעם מחבר און היי־ליגען מאן, ווייל יעדע שורה אין איהר אטהעמט מיט יראת שמים און פייערדיגען מיסר, וואס נור די פעדער פון אזא געטליכען מאן ווי רבינו בחיי, האט עס געקענט אויף'ן פאפיר ארויסברענגען.

מיין זעעל!

(א שטראף־פאעמע פון רבינו בחיי, פערפאסער פון „חובת הלבבות".)

איבערזעצט פון ב. צ.

בענש, מיין זעעל, דיין גאט, זיין נאמען,
און איהר, די גליעדער מיינע, ענטפערט „אמן!"

* * * * *

מיין זעעל!

געה תמיד גלייך, מיט פעסטע טריט,
דיין שעפער בענש אויף יעדען שריט;
גיס־אויס פאר איהם דיין שווער געמיטה;
ערוואך פון שלאף,
געדענק דיין שטראף,
בעטראכט דיין לאגע, ווי דו שטעהסט,
פון וואו דו קומסט, וואוהין דו געהסט!

* * * * *

מיין זעעל!

פון טיעפען שלומער, שנעל ערוואך,
דיין שעפער זינג א שעהנעם שבח,
זיין נאמען לויב, איהם ריהם א סך,
דערצעהל גאט'ס וואונדער איבעראל
און האב א כלל:
אט וואו דו זאלסט זיך ניט געפינען,
צו איהם, מיט מורא, דארפסטו דיענען.

* * * * *

מיין זעעל!

ניט זיי דא ווי א פערד, וואס אהן פערשטאנד,
און ווי א שכור, דרעמלענדיג צוטומעלט נאכאנאנד.

ווייל דו ביסט דאָך פון שכל־קוואַל ענטנומען,
פון גאָר א הייליג פּלאַץ ביסטו אהער געקומען;
ס'האָט גאָט פון הימעל דיך אַרויסגעריסען,
פון'ם קוואַל, וואו חכמה און אויך גבורה פליסען,
דו ביסט א הימליש־וועזען, פּראַכטפּול־שעהן,
א טהייל פון גאָט אַליין.

* * * * *

מיין זעעל!

אין שכל־קליידער טהו־זיך־אָן,
דעם גאַרטעל פון פערשטאַנד, גורט־אָן,
און ראַטעווע זיך פון דעם פגר'דיגען גוף,
פון אַלע נאַרישקייטען, וואָס ער טהוט דאָ אויף,
און וואָס דו זיצסט אין איהם געפאַנגען,
געהאַלטען ווי מיט צוואַנגען.
דאָס הארץ זאָל דיך ניט איריידען, — פערוויגען,
מיט זיינע זיסקייטען פון פאַלשען פערגעניגען;
מיט ליידענשאַפטען פון א פאַלשען פלאַם געצונדען,
וואָס ווי א וואַסער, ווערען זיי צוגאַנגען און פערשוואונדען;
געדענק זיי פאַנגען זיך ניט אָן צו ברענגען נוץ.
זיי טהוען דיר קיין גוטס,
און זייער סוף איז דאָך פאַר דיר א קלאָהרע זאַך,
— פיעל וועהטאָג, שאַנדע שמאַך.

* * * * *

מיין זעעל!

אין אַלע ווינקעלאַך פון דיין פערשטאַנד דרינג־איין,
אין אַלע צימערען פון חכמה קוק אַריין,
בעגרייף די איינגענשאַפטען פון דיין גוף,
פון אונטען ביז אַרוף;
בעטראַכט דעם בנין רונד און רונד,
און זעה, עס שטעהט אין דר'ערד זיין גרונד;
א שברי־כלי,
אַן עקעלהאַפטע נבלה,
וואָס קומט אַרויס, אין ערשטען פאַל,
פון א פער'עפּושט און פערדאַרבען קוואַל,
און ציהט זיין אָפּשטאַמונג פון שמוץ, געסרוכע,
(א תאוה־פייער אויסגעברענטע טפה סרוחה.)
און ער פאַנגט־אָן זיין לעבען שרעקליך אָרים,
געשטאַלטעט ווי אַן עקעלהאַפטער וואָרים,
ס'איז שוידערליך דערויף צו בליקען!
עס ליגט אין מוטער־לייב פערשלאָסען צום דערשטיקען,
אין שמוץ און אומריינקייט פאַר ניין מאָנאַטען,
נאָכהער אין וועהעניש געבאָרען צו די טרויעריגסטע רעזולטאַטען,
צו פּלאָגען זיך, נאָך נאַרישקייטען זיך צו יאָגען,
פיעל צרות אויף'ן קאָפּ צו טראָגען.
מיט יעדען טאָג פאַרגרעסערט זיך זיין לוסט;
פון גאָטהייט און מאָראַל, זיין האַרץ ווערט פּוסט;
ער קומט פון פינסטערניש און געהט אין פינסטערניש אַוועק,
אין ציטערניש און שרעק,
ער לעבט אַלס בעטלער, אָרים, עלענד,

זיך קיינמאָל ניט צופרידענשטעלענד.
אהן דיר, מיין זעעל, ער האָט ניט קיין פערשטאַנד;
אהן דיר, בּאַוועגט ער ניט, קיין פוס, קיין האַנד;
ביים לעבען איז ער ערד און ליימ,
ביים טוידט — א קופּע אַש; א קבר איז זיין היים;
ער לעבּט ארומגערינגעלט מיט מיקראָבען,
פון ווערים ווערט ער אויפגעפרעסען, ווען בּעגראָבען,
מיט שטיקער ערד, ער ווערט בעשאָטען,
אין בלאָטע און אין מיסט פערקנאָטען;
ער ווייסט ניט דאָן פון זיינע הענט און פיס,
זיין שיקזאַל איז אין דר'ערד, דער סוף איז מיאוס!
דעריבּער, געה מיין זעעל און ווער זיין קעניג,
— דער נאַר מוז זיין צום קלוגען אונטערטהעניג —
דו ביסט דאָך פיעלע חכמות משיג,
איז דיר די מלוכה פּאַסיג!
און געה ניט נאָך דער ווילדער לוסט,
וואָס בּרענט אין הארצען, אין דיין בּרוסט;
ניט ווער געשטרויכעלט דורך א שלעכטער טהאַט,
ווען ער, דיין הארץ, דיר גיט א פאַלשען ראַטה;
פערמיאוס זיין גערויבּטע, אויסגעשמוצטע געלט,
ניט נאַר זיך מיט קיין זאַך, וואָס איז אויף רויב געשטעלט,
וויי‍ל אומרעכט קען פערדולען יעדען איינעם,
דעם קלוגסטען, עהרליכסטען און ריינעם.

* * * * *

מיין זעעל!

בּעטראַכט דעם וועג וואָס דו בּיסט שוין פּאַראיבּער,
זעה, אַלעס קומט פון ערד און געהט צו ערד צוריק אריבּער;
ס'ווערט יעדע זאַך צוריק גענומען
צום פּלאַץ, פון וואַנען ס'איז געקומען;
צו יעדער וועלט־בּעשעפעניש, צו יעדען שטאָף,
איז דאָ אַ ענדע, דאָ א סוף,
דאָס לעבּען און דער טוידט, דאָ זענען ווי צוויי בּרידער,
צוזאַמען וואָהנען זיי, בּעהעפט ווי גליעדער;
דו זעהסט זיי דאָ צוזאַמען בּיידען,
דו קענסט זיי ניט צושיידען;
זיי שטעהען בּיי צוויי עקען פון א שוואַכען בּריק;
צוגעבּונדען ווי מיט שטריק,
ביים גאַנג אַרויף שטעהט לעבּען, ביים גאַנג אראָפּ — דער טוידט;
און אַלע בּרואים זענען דורכצוגעהן דעם בּריק, גענויט.
דאָס לעבּען בּויעט, פערמעהרט,
דער טוידט צושטערט;
דאָס לעבּען פּלאַנצט און זייהט,
דער טוידט רייסט אויס און אַלץ פערגעהט;
דאָס לעבּען בּינדט, בּאַהעפט און היילט,
דער טוידט בּינדט־אָפּ, צוטהיילט;
דאָס לעבּען ניזשעט פּעריל אויף א שנור,
דער טוידט צעוואָרפט זיי, לאָזט פון זיי קיין שפּור;
און וויים, און זעה, ניט זיי גענאַרט,
דער בּעכער סם אויף ד י ר אויך וואַרט;
אין איין מינוט וועסטו דיין ארבּעריג פּאַרלירען,
ווען קומען וועט דיין צייט, דאָס אומגליק זאָל פּאַסירען;
דו וועסט זיך אומקעהרען אַהין,

וואו אלע לעבען אייביג, שטעלען זיך צום דין:
וועסט אפגעבען א חשבון דארט אן אקוראטען,
פאר אלע מעשים, אלע טהאטען,
און נעהמען וועסטו דארטען דיין געצאהלט,
ווי דו האסט דא פערדיענט — געוואלט;
ווי דו האסט זיך אויף דיעזער וועלט געמיהט,
סיי דו האסט גוט געטהון, סיי ניט.
דעריבער הער מיך אויס, לעג־צו דיין אויער גוט,
פארגעס, פארלאז דאס שלעכטס, דיין אייגען פלייש און בלוט.
שטעה אויף און לויב דיין שעפער,
פערליר קיין טאג, ניט זיי ביי נאכט קיין פעפער;
סיי פריה, סיי שפעט,
הויב אויף די הענט צו גאט און בעט;
צו דר'ערד זאלסטו זיך פאר איהם בוקען,
מיט טרעהרען אין די אויגען צו איהם קוקען
און פאלען זאלסטו פאר איהם אויף די קניה
ניט שפאר קיין צייט, קיין מיה,
פיליכט וועסטו דעם קעניג־גאט געפעלען,
און אויפנעהמען דיך וועט ער וועלען,
און פריעדען שענקען דיר, אין דיינע על'נדע טעג.
דערבארעמען זיך אויף דיין פארשווערטען וועג,
און אויך נאכדעם ווי דו וועסט קומען צו דיין רוה,
ווייל ער האט דאך געטהון דיר גוטעס אימער־צו.

• • • • •

מיין זעל!

פארגרייט זיך שפייז וואס מעהר, א גאנצען בארג,
ניט שפאר, ניט קארג,
כל זמן דו לעבסט און האסט די מאכט:
נעהם גוט אין אכט,
די רייזע וועט זיין לאנג און ווייט,
און זאג ניט: „ד'האב נאך צייט!"
די טעג, זיי לויפען שנעל, זיי פליהען,
דו ווייסט ניט וויפיעל מארגענס דו וועסט ציהען,
דער נעכטען, אבער, איז אוועק און מעהר
וועט ער שוין ניט צוריק קומען אהער,
און אלעס וואס דו האסט געטהון אין'ם נעכטען,
צום גוטען אדער שלעכטען,
געוואויגען איז, געמאסטען און געקליבען,
אויף אייביג שטעהט עס דארט פערשריבען,
און זאג ניט: „ד'קען נאך טהון די גוטע ארבייט מארגען!"
— דער טאג פון טוידט איז דאך פערבארגען,
טהו יעדען טאג, וואס פאדערט זיך ד ע ר ו ו י י ל.
ווייל ס'קען דער טוידט אט באלד ארייגשיסען זיין פייל,
בעדארפסטו ניט פערזאמען יעדען טאג דיין פליכט,
דו קענסט נאך ווי א פויגעל — אומגעריכט.
געצוואונגען ווערען צו פערלאזען דא דיין נעסט,
און וועה, צו דעם ווער דיעזען אמת דא פערגעסט!
און זאל אויף'ן געדאנק דיר ניט ארוף,
אז שפעטער, ווען דו וועסט בעפרייען זיך פון'ם גוף.
בעפרייען זיך פון דיין געפענגניש אין'ם פגר,
— ערשט דאן א שטייגער —
וועסטו חרטה האבען אויף די זינד.

ניט מעהר זיין ווילד און בלינד.
אָה, ניין!
דאָס וועט ניט געהן!
ווייל נאָך'ן טוידט איז אוים מיט דיינע טהאַטען,
דו קענסט זיך ניט פערריכטען, קענסט זיך מעהר ניט שאַטען,
דו קענסט ניט טהון, ניט שלעכטס, ניט גוטס,
און תשובה ברענגט דיר דאָרט ניט מעהר קיין נוץ;
דו קענסט שוין דאַן ניט האָבען אויף די זינד חרטה,
קענסט מעהר אַליין ניט אָפּוואַשען פון זיך די בלאָטע;
ס'איז יענע וועלט דורכאוים פאַר חשבון געבען,
וועג'ן אַלץ וואָס דו האָסט אָפּגעטהון ביים לעבען,
און אַלעס צייגט דער בוך, דיין יעדע זינד איז קענטיג,
דו זעלבסט האָסט אַלעס איינגעשריבען אייגענהענטיג;
און דאָרטען קריגט זיין לוין דער קלוגער און דער נאַר;
מען גיט דעם גאָטספאָרכטיגען, זיין פערדיענטען גוטען שכר,
און ראַכע נעהמט מען פון די לייט, וואָס האָבען גאָט פערגעסען,
וואָס טרייבען איהם פון זיי'רע לעבענס אינטערעסען;
וואָס זאָגען צו איהם: „געה פון אונז אַוועק!
מיר ווילען מעהר ניט געהן דיין וועג:
וואָס טויג אונז דער אַלמעכטיגער, מיר זאָל'ן איהם דיענען?
וואָצו איהם בעטען? וועלכע נוצען קענען מיר אין איהם געפינען?

* * * * *

מיין זעעל!

אויב דו ביסט גוט און קלוג, וועסטו באַקומען גוטען לוין,
און אויב דו שפּעטסט פון גאָט, דאַן מאַכסטו שפּאָט פון זיך אַליין;
דאַרום זיי קלוג, די שטראָף־רייד הער,
און זיך אַליין דיין גליק ניט שטער;
האָב שטענדיג אין דיין זינען,
וואָס קהלת זאָגט דיר וועגען גאָט צו דיענען;
ער זאָגט צו דיר:
„דער שלום צו וועלכען דו מוזט קומען,
נאָכדעם ווי דו האָסט אַלעס אויסגעהערט, פערנומען,
איז האָבען פורכט פאַר גאָט
און אָפּהיטען זיין הייליגען געבאָט,
ווייל דאָס איז גאָר דער מענש, זיין גאַנצער צוועק;
פון אַלע בּרואים ער אַליין באַגרייפט די שרעק,
אַז יעדע טהאַט קומט אָן צום געטליכען געריכט;
דער טיעפסטער סוד קומט דאָרט אַרויס אין ליכט,
סיי אומגערעכט, סיי רעכט,
סיי גוט, סיי שלעכט!"
און ניט פערגעס, אַז דו אַליין האָסט עס פערשריבען,
אין בוך איז דאָס פערבליבען.

און אַלע דאָרט אין הימעל ווייסען קלאָהר,
דיין יעדע טהאַט ביז אויף'ן האָהר!
און ס'איז ניטאָ קיין פינסטער ווינקעל, קיינע שאָטענדיגע שפּאַלטען.
וואו דער פערברעכער זאָל זיך קענען דאָרט בעהאַלטען,
דאַרום זוך דיין באַשעפער מיט דיין גאַנצער קראַפט און מאַכט,
און וועגען איהם כסדר טראַכט;
זוך עהרליכקייט, גערעכטיגקייט און האַלט זיך קליין,
וועסטו פיליכט ביי גאָט געפינען חן,
און דו וועסט זיין געראַטעט אין דעם טאָג פון צאָרן,
ווען אַלע רשעים וועלען געהן פערלאָרען;

פּילייכט וועסטו דאַן, לויטער, ווי ז'ער הימעל, זיין
און ווי די שטאַרקסטע זונען־שיין,
ווייל ליכטיג־לויטער, שיינט די זון פון אמת'ער גערעכטיגקייט,
זי ברענגט דיר היילונג אויף די פליגעל פון איהר פרעכטיגקייט,
אַצונד, בעט גאָט דעם האַר, זיין גנאָד פערלאַנג;
הויב־אויף צו איהם דיין שטימע מיט געזאַנג,
לויב גאָט, ווייל דאָס איז גוט ביז גאָר,
בעזינג איהם, ווייל ס'איז אַנגענעהם, און אויך איז קלאָהר,
אַז איהם צו לויבען פּאַסט זיך מעהר, ווי יעדען איינעם דאָ,
הללויה!

פאָרוואָרט.

וועהרענד דער פאַרגאַנגענער צייט פון אונזער לאַנגען גלות, האָבען מיר אידען אימער געוואוסט ווער מיר זענען און אויב מיר האָבען איבעראַל און אימער געליטען צרות, האָבען מיר געהאַט די טרייסט אין הארצען, אַז מיר געפינען זיך אין דער בחינה, „את אשר יאהב ד׳ יוכיח״, און ס׳איז אונז ניט געווען אַזוי שווער צו ליידען, מיר האָבען געוואוסט צוליעב וואָס דאָס איז, און ווען מען האָט אונז דאַמאָלס געגעבען די ברירה אויסצוקלייבען, גלות־צרות אָדער שמד, האָבען מיר מיט שמחה גענומען די צרות, די גירושים, די אינקוויזיציעס, די שייטער־הויפענס און מיט ענטריסטונג צוריקגעשליידערט דעם שמד מיט זיינע אַלע בע־געפיטען.

דאָס איז אָבער גאַנץ אַנדערש היינט צו טאָג, ווען טויזענדע פון אונז וויי־סען גאָרניט אפילו צוליעב וואָס מיר ליידען; זיי האַלטען באמת אויך ניט פון שמד׳ען זיך, ווייל זיי פיהלען אַן איינגעבאָרענעם ווידערווילען געגען אַזאַ שריט, אָבער ניט־וויסענדיג ווער און וואָס זיי זענען אַלס אידען, איז פאַר זיי דער בי־טערער גלות א שווערער אומגליק: זיי זענען ניט־גענוג אידען, אום צו קענען טראָגען דעם גלות באהבה און ניט־גענוג ווייט אוועק פון יודענטהום, אום צו ווערען אין גאַנצען אויס אידען, אַבוואָהל עס איז מעגליך, אַז ווען היינט צו טאָג זאָלען מיר דאַרפען אויסקלייבען צווישען שייטער־הויפענס און שמד, וואָלטען טאַקי פיעלע פון אונז דעם גרויסען נסיון ניט קענען בייסטעהן.

אין דיעזען העפט ווערט דעריבער ערקלעהרט וואָס און ווער איז דער איד און וועלכען פלאַץ ער פערנעהמט אויף דער וועלט. עס ווערט דאַ באַוויזען פאַר די אָפגעפרעמדעטע פון אונז וואָרום מיר ליידען און אויף וועלכען אופן מיר קע־נען די צרות פאַרמיידען, אָדער פיעל פאַרלייכטערען זיי.

דער אמת׳ער איד ליידעט ניט אַזוי שטאַרק בכלל, און אפילו ווען ער ליי־דעט יאָ, איז דאָס פאַר איהם פיעל לייכטער אריבערצוטראָגען ווי פאַר דעם אָפ־געפרעמדעטען אידען, און דעריבער איז עס וויכטיג, אַז יעדער איד זאָל דערפון וויסען און אין דיעזען העפט וועט ער דאָס אויסגעפינען צו זיין פולער צופריע־דענהייט.

דער פערפאַסער.

אונזער אתה בחרתנו׳ניזם

בא אתה וכל ביתך אל התבה כי אותך
ראיתי צדיק לפני. (בראשית ז׳. א׳.)

דער איד צווישען די פעלקער.

די וויסענשאפט צוטהיילענדיג דעם גאנצען וועלט־בעשאף אויף זיינע הויפט מינים, האט איהר קלאסיפיצירונג געמאכט אויף דעם פאלגענדען אופן: צוערשט ווערט אלעס איינגעטהיילט אויף צוויי טהיילען, די טהייל וואס וואקסט ניט און די טהייל וואס וואקסט, נאכהער ווערט די טהייל וואס וואקסט, צוטהיילט אויף לעבענסלאזע וואקסענדע זאכען, ווי בוימער, פלאנצען און אז. וו. און לעבעדיגע בעשעפענישען, נאכהער ווערט די לעבעדיגע טהייל צוטהיילט אויף שטומע בעשעפענישען און אויף ריידענדיגע, מיינענדיג מיט דאס לעצטע די מענשהייט, וועלכע איז געבענשט מיט א צונג און שפראך־ארגאנען.

די מענשהייט אלס טהייל פון דער וועלט איז אין איהר עצם מעהר ניט טהיילבאר, לויט דער וויסענשאפט: עס קענען נור זיין מעהר ציוויליזירטע אדער וועניגער ציוויליזירטע מענשען, אבער אלס בעזונדער מין איז די גאנצע מענשהייט איינס, דער מאן וואס בעזיצט שפראך־ארגאנען; דער מענש ווערט גערעכענט אלס דער בחיר היצורים, די קרוין פון דעם וועלט־בעשאף און די העכסטע מענשליכע מדרגה, איז דער אמהערסטען־ענטוויקעלטער שכל אין׳ם מענשען.

די בעלי קבלה אונזערע זענען אבער געגאנגען א שריט ווייטער און צוטהיילט אויך דעם מענשליכען מין אויף צוויי טהיילען — די אלגעמיינע מענשהייט און דער איד. לויט זייער בעהויפטונג זענען די אלע פעלקער צוטהיילט געווארען אויף זיבעציג הויפט־גרופעם און יעדע גרופע האט א שר אין הימעל אונטער וועמעס השגחה זי געפינט זיך, ווערענד דאס אידישע פאלק איז געשטעלט געווארען אונטער דער דירעקטער השגחה פון גאט אליין; אונז אידען האט ער אויסדערוועהלט פון אלע פעלקער, געגעבען אונז זיין הימלישע תורה און ער האט אונז אריינגעגעבען אן עקסטרא נשמה, וועלכע ציהט איהר שורש פון א העכערען פלאץ אין הימעל ווי דאס פלאץ פון וואנען די אנדערע פעלקער ציהען דעם שורש פון זייערע נשמות. לויט די בעלי קבלה, איז נאך דער מענש ניט דער לעצטער תכלית פון דעם וועלט־בעשאף, נור דאס איז דער איד אין דער מענשהייט, און די העכסטע מדרגה איז ניט דער אממעהרסטען־ענטוויקעלטער מענשליכער שכל, נור די אממעהרסטען־ענטוויקעלטע אידישע נשמה עליונה, וועלכע בעהעפט זיך נאך׳ן טוידט מיט דער געטליכקייט אליין.

די קבלה מאכט ניט די דאזיגע בעהויפטונג סתם אזוי זיך, נור זי ענטוויקעלט א טיפע טהעאריע וועגען דעם שורש פון אלע נשמות אנצייגענדיג די פערשיעדענע הימלישע ספערען און פעסטשטעלענדיג דעם פאקט, אז די אידישע נשמה קומט פון דער בחינת השמים דעשיה, ווערענד די אלגעמיינע שכל־נשמה קומט פון די אירדישע פיער יסודות דעשיה.

ווער עס איז בעקאנט מיט דער דאזיגער קבלה־טהעאריע, ווייסט ריכטיג ווי דאס ערקלעהרט זיך, אבער פאר דעם אלגעמיינעם לעזער איז גענוג צו וויסען דעם איינפאכען רעזולטאט פון דער קבלה־טהעאריע, אז די אידישע נשמה שטאמט פון א העכערען שורש ווי די נשמות פון אלע אנדערע פעלקער אויף דעם ערד־קוגעל.

די דאזיגע טהעאריע מעג זיך אויסקוקען ווי זעלבסט־בעריהמעריי, זי מעג אויך זיין געוויסערמאסען געפעהרליך פאר אונז, צוליעב דעם געפאהר פאר דעם שוואכערען שקלאף צו בעהויפטען אז ער איז מעהר יחסן פון זיין בעל הבית, און די פראקטיק האט באוויזען, אז מיר צאהלען טאקי היבש טהייער פאר דער דאזיגער בעהויפטונג, ווייל די הערשענדע פעלקער פערדריסט טאקי אונזער האלטען זיך אלס אתה־בחרתנו־פאלק, אבער ווען מען וויל דערגעהן דעם אמת, דארף מען זיך מיט דיעזע אלע פאקטען ניט רעכענען נור שטודירען די בעהויפטונג אן און פאר זיך. ווען א געפאנגענער פרינץ שקלאפט ביי א פויער און האט מורא צו אויסדערצעהלען הויך וועגען זיין יחוס, און ווען דער פויער לייקענט עס דערצו און שלאגט זיין שקלאף נאך מעהרער, צוליעב דעם לעצטענס בעריהמעריי, איז

אויב מיר ווילן אויסגעפינען דעם אמת, קענען מיר זיך ניט רעכענען מיט דעם שקלאף'ס מורא און מיט זיין האר'ס קלעפ און שפאט, נור מיר דארפען אונטערזוכען די אמת'ע פאקטען ווי זיי זענען בעצם און ווען מיר געפינען טאקי אויס, אז דער שקלאף איז עדעלער, געבילדעטער, קליגער און נאבעלער פון זיין בעל הבית, איז דאס טאקי א סמן, אז ער איז אפשר א געבארענער פרינץ, ובפרט נאך, אז מיר געפינען דאקומענטאלע באווייזע דערויף, איז דאך אודאי זיכער, אז דער שקלאף זאגט דעם אמת.

אין אונזער פאל האט מען אונז שוין אזוי פיעל געשלאגען, אזוי פיעל פערשפאטעט און דערנידעריגט, אז מאנכע פון אונז האבען מורא צו אויסריידען א ווארט וועגען אונזער יחוס און מאנכע זענען שוין אזוי טיעף געזונקען אין דער שקלאפעריי, אז ענטוועדער זיי האבען אליין אויך פערגעסען אלעם וועגען זייער נאבעלער אפשטאמונג און זיי זענען טאקי היבש פערגרעבט געווארען, אזוי אז זיי אליין לאכען זיך אויך אויס פון זייער אייגענעם יחוס, אדער זיי געדענקען עפעס יא, נור הערענדיג כסדר ווי מען שפאט פון זיי, צווייפלען זיי אין דער זאך און ווייסען ניט אויב דאס איז טאקי אמת, אדער בלויז א פאלשע איינריידעניש.

די פערשקלאפטע אידישע פרינצען פון ביידע דערמאהנטע סארטען וואלטען נור דאמאלס אנפאנגען צו בעטראכטען זיך אלס פרינצען, ווען פלוצלונג זאל זיך בעווייזען זייער קעניגליכער פאטער און זיי אויסלייזען פון דער שקלאפעריי, אנטהון זיי ווידער אין די פרינצליכע קליידער און צוריקנעהמען זיי ווידער צו זיך אין דעם קעניגליכען פאלאץ.

און אט אויף דעם האפען טאקי די פרומע אידען, וועלכע ווייסען פון דעם אידישען יחוס און צווייפלען ניט דערין; זיי ווארטען אלץ, אז היינט־מארגען וועט זיך דער מלך מלכי המלכים בעווייזען צו דער וועלט אין זיין פולער פראכט און גלאנץ און אונז צוריק עטאבילירען אין זיין לאנד אלס די פרינצען פון זיין קעניגרייך, ווען די אלע פעלקער און מיר אידען גופא, וועלען אויסגעפינען די ריכטיגקייט פון אונזער בעהויפטונג און אנשטאט צו האלטען אונז אין שקלאפעריי, וועלען זיי אנפאנגען רעספעקטירען און אפגעבען אונז דעם געהעריגען כבוד וואס זיי זענען אונז שולדיג.

אט דאס איז די לאגע פון דעם אידען צווישען די פעלקער; מיר זענען שקלאפען, מיר ווערען געדריקט און געפייניגט, מעהר ווי אלע אנדערע שקלאפען; מען לאזט אונז ממש ניט דעם קאפ אויפצוהויבען און אבוואהל מיר פיהלען זיך אזוי הילפלאז און פערלארען, אבוואהל אונזערע הארצען זענען אזוי רייך און מעכטיג און האלטען אונז געפאנגען אין קייטען, האפען מיר פון דעסטוועגען אויף א טאג, ווען זיי וועלען אונז מוזען פריי־לאזען און מיט שאנדע צוגעבען, אז זיי האבען געגען אונז פערברעכעריש געזינדיגט, אז מיר זענען באמת טאקי גרעסערע מיוחסים פון זיי און דאן וועלען זיי מיט זייער אייגענעם ווילען זוכען צו גוטמאכען אלע בעגאנגענע עולות געגען אונז, אבי מיר זאלען זיי מוחל זיין דאס פערגאנגענע און ווערען פריינד מיט זיי אין דער צוקונפט.

די סמנים אויף אונזער יחוס־אפשטאמונג.

ווען מען נעהמט שטודירען די אידישע געשיכטע און דעם מהות פון דעם אידישען פאלק אלס גאנצעס, מוז מען איינזעהען, אז די בעהויפטונג וועגען אונזער אתה בחרתנו'ניזם, איז ניט סתם פוסטע רייד, נור א זאך וואס קען גאר ניט אפגעלייקענט ווערען.

עס איז א פאקט וואס נור בלינדע קענען איהם ניט זעהען. אז מיר אידען שטעהען אונטער א השגחה פרטית, אז עפעס א געהיימע קראפט היט אונז אויס פון אונטערגאנג, ווייל באמת קומט דאך אונז אויס צו קעמפען ניט בלויז געגען די נאטירליכע אומשטענדען, ווי דאס איז דער פאל מיט אלע אנדערע פעלקער, נור מיר מוזען אויך כסדר קעמפען געגען טויזענדער שונאים, וועלכע זוכען אונז צו פערניכטען און וועלכע זענען אימער טויזענד מאל שטארקער פון אונז; „שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותנו והקדוש ברוך הוא מצילנו מידם”. אין יעדען דור שטעהען אויף נייע המנס, וועלכע זוכען אונז צו פארניכטען און דער אויבערשטער ראטעוועט אונז פון זייערע הענט; דער דאזיגער קאמף ציהט זיך שוין זייט יאהר־טויזענדע און אין אלע לענדער פון דער וועלט און ביז היינטיגען טאג:

מיר זענען די איינציגע אומה אין דער וועלט, וואָס איז אַזוי שוואַך און הילפלאָז און צו דער זעלבער צייט אַזוי אומבעזיעגבאַר, סיי פיזיש, סיי גייסטיג; אי די וועלט וויל פון אונז פּטור ווערען, אי מיר אַליין זענען מיט זיך ניט צופריעדען. נור פּונקט ווי די געהיימע קראַפט היט אונז פון די פרעמדע שונאים, אַזוי דערלאָזט זי אונז אויך ניט צו בעגעהן זעלבסט־מאָרד.

מיר זענען אויך די איינציגע אומה אין דער וועלט, וועלכע טהוט קיינעם ניט קיין שלעכטס און קיינער האָט פאַר אונזער „גבורה" קיין מורא ניט און דאָך ווערען מיר אַזוי געהאַסט אויף דער גאַנצער וועלט בוכשטעבליך אין אַלע לענדער, אין דער ציווילזירטער אַמעריקע ווי אין דעם ווילדען מאַראָקאָ, אין דער באָלשעוויסטישער רוסלאַנד ווי אין דעם פינסטערען אַביסיניען; איבעראַל וויל מען פון אונז פּטור ווערען, אָבער איבעראַל איז עפּעס פאַראַן אַזאַ זאַך וואָס דערלאָזט ניט דערצו.

און דאָס מערקווירדיגסטע דערביי איז, וואָס דאָס דאָזיגע איז אונז פאָראויס געזאָגט געוואָרען גלייך נאָכדעם ווי מיר זענען אַ פאָלק געוואָרען; נאָך צו אברהם'ן דעם ערשטען אידען איז געזאָגט געוואָרען: „כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם", דיינע קינדער וועלען אימער זיין גרים אין פרעמדע לענדער און דער תלמוד דערציילט אונז נאָך דאַביי אַ וואונדערבאַרע זאַך, אַז אברהם אבינו האָט אַליין אויסגעקליבען פאַר אונז דעם גלות, ווייל מען האָט איהם געגעבען די ברירה צו נעהמען גלות אָדער גיהנום, ס'הייסט אונטערגאַנג.

לאָמיר די זאַך פערשטעהן אַביסעל בעסער. עס איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז פילע פעלקער זענען אונטערגעגאַנגען און עס איז פון זיי קיין זכר ניט געבליבען, נו איז דען דאָס ניט ערגער ווי פּלאָגען זיך אין גלות און פערבלייבען עקזיסטירען? ווער פון אונז וואָלט ניט געהאַנדעלט פּונקט אַזוי ווי אברהם, ווען מען זאָל איהם זאָגען, אַז פון איהם וועט אַרויסקומען אַ פאָלק, קינדער און קינדסקינדער, און אַז ער זאָל אויסקלייבען פאַר זיי איינס פון די ביידע, ענטוועדער עטליכע הונדערט יאָהר פרייע רוהיגע זעלבסטשטענדיגקייט און נאָכהער אונטערגאַנג, אָדער אַ פאַר טויזענד יאָהר גלות־ליידען און נאָכהער אַן אייביגע גלאָררייכע צוקונפט? וועלכער אברהם, זרח ברוך אָדער געציל, וואָלט ניט אויסגעקליבען פאַר זיינע קינדער ליעבערשט דעם גלות איידער אונטערגאַנג? און מיר זעהען טאַקי, אַז כאָטש מען האָט פון אונז אויסגעקוילעט אין פערשיעדענע צייטען ביז עטליכע מיליאָן מענשען, זענען מיר אָבער נאָך אַלץ אַ פאָלק מיט אַ צוקונפט, בשעת אַזעלכע פעלקער ווי אשור, בבל, די פלשתים, אדום, עמון און מואב, רוים, עגיפּטען און פילע אַנדערע זענען גענצליך און אויף אַמאָל אָפּגעווישט געוואָרען אויף אייביג.

צייגט עס ניט מעהר ווי טויזענד עדות, אַז מיר זענען אין גאַנצען אַנדערש ווי אַלע פעלקער? וועלכער אַנדער פאָלק האָט אַזאַ פיער־טויזענד־יאָהריגע געשיכטע הינטער זיך מיט אַזאַ פאַראויסגעזאָגטען שיקזאַל, מיט אַזאַ פּינקטליכער פערווירקליכונג פון דער פאָראויסזאָגונג? דאָס איז אויך דער תירוץ וואָרום אַלע האַסען אונז און פּלאָגען אונז; דער טאַטע אונזערער אין הימעל האָט אונז אַבזיכטליך אָפּגעגעבען אין געפאַנגענשאַפט צו די פערשיעדענע פויערים־פעלקער מיט דעם אויסדריקליכען בעדינג אַז זיי זאָלען אונז אָנטהון צרות, נור פערניכטען אונז זאָלען זיי ניט טאָהרען, און אויב אַ פאָלק כאַפּט אַריבער די מאָאָס און פּלאָגט אונז צופיעל, ווערט ער פון דעם זעלבען גאָט, אונזער פאָטער, בעשטראָפט מיט אונטערגאַנג; עס איז נור ערלויבט די פעלקער צו לאָזען אונז פיהלען די פרעמדקייט, דעם גלות, צו בעדיענען זיך מיט אונזער אַרבייט און שכל, אָבער צו דער זעלבער צייט מוזען זיי אונז האַלטען אַלס פּריווילעגירטע שקלאַפען; זיי מוזען אונז ערלויבען צו פּראַקטיצירען אונזער רעליגיאָן, צו רוהען אין אונזערע ימים טובים, צו פיהרען אונזער אייגענעם אַרט לעבען און אַזוי לאַנג ווי די פעלקער האַלטען זיך ביי דיעזען קאָנטראַקט, ערלויבט מען זיי צו דריקען און שטיקען אונז געזעלשאַפטליך, צו דערנידעריגען אונז און אַמאָל זאָגאַר צו ערמאָרדען און בערויבען קליינע טהיילען פון אונז, אָבער אַזוי שנעל ווי זיי פאַנגען אָן צו צושטערען דעם פונדאַמענט פון אונזער רעליגיאָן, אָדער ווען זיי ווילען אונז אַלעמען אויסראָטען ביז איינעם, ווערען זיי ביטער בעשטראָפט, ווי דער זעלבער פערשפּרעכען צו אברהם'ן לעזט זיך: „וגם את הגוי אשר יעבודו דן אנכי", דאָס

פאָלק וועמען דיינע קינדער וועלען דיענען וועל איך בעשטראָפען, ווייל ניט צו דיענען זיי ווי אמת'ע שקלאַפען, זענען מיר צו זיי אריינגעגעבען געוואָרען, נור צו אַרבייטען פאַר זיי פּריוויליגיע אויף א פּריוויליגירטען אופן. עס קוקט אויס, אז יעדער פאָלק קריגט זיין עקזאַמינייישאָן פאַר עקזיסטענץ דורך זיין האַלטונג צום אידישען פאָלק, ווער עס האַלט זיך צו אונז אין די גרעניצען פון עהרליכקייט לויט דעם קאָנטראַקט, פערבלייבט עקזיסטירען און לעבט זיך גאַנץ גוט, און וועלכער פאָלק עס פערמעסט זיך צו פערניכטען אונז, ווערט אַליין אָפּגעמעקט אָדער ער פאַלט אַרונטער פון זיין גדולה.

> די וועלט האַסט אונז און לערנט פון אונז.

א צווייטער סמן, אז מיר זענען אַן אתה־בחרתנו־פאָלק, איז פון דעם פאַקט וואָס ניט־קוקענדיג אויף דעם האַס צו אונז, לערנט די וועלט אונזערע וועגען, זוכט צו קאָפּירען אונזערע פיהרונגען און עס קומט אויס, אז דער בעל הבית מוז זיך גאָר לאָזען פיהרען און לערנען פון זיין שקלאַף!

וואו איז נאָך פאַראַן אַזאַ ביישפּיעל אויף דער וועלט? און ציינט עס ניט, אז דער שקלאַף איז גאָבעלער און שטעהט העכער פון זיין האַר?

פערגלייכט דעם אידען אין רוסלאַנד, פּוילען, רומעניען, אונגאַרן און אַנדערע עהנליכע לענדער מיט זיינע ניט־אידישע שכנים און עס איז איינפאַך צום ערשטוינט ווערען מיט וויפיעל דער איד שטעהט דאָרטען העכער אין אַלע הינזיכטען פון די הערשער זיינע, און אפילו אין די מעהר־ציוויליזירטע לענדער, ווי דייטשלאַנד, ענגלאַנד און עהנליכע, איז דער איד אין פיעלעם העכער און פעהיגער פון די ניט־אידישע מאַסען; ווען ער זאָל האָבען אמת'ע רעכט און גלייכהייט, וואָלטען אַלע הויכע עמטער פערנומען זיין פון אידען און אפילו אונטער די איצטיגע אומשטענדען, וואו נור איינצעלנע אידען האָבען א צוטריט צו די העכערע קלאַסען, זענען זיי פון די ערשטע און פעהיגסטע פיהרער, אזוי אז ס'איז ניטאָ קיין לאַנד, וואו איינגע אידען זאָלען זי ניט בעאיינפלוסען דורך זייער פעהיגקייט און פיעלע גרויסע ניט־אידישע פיהרער האָבען צו פערדאַנקען זייער ערפאָלג צו א אידישען אַרויסהעלפער, וועלכער ציינט זיי דעם וועג צו ערפאָלג.

און וואָס איז בכלל די גאַנצע ציוויליזאַציע פון דער וועלט, אויב ניט דער רעזולטאַט פון אידישער אַרבייט און פון אידישען מאָרך? וויפיעל אמת'ע ווערטה־זאַכען פערמאָגט די ציוויליזאַציע, אין וועלכע אידען זענען ניט געווען קיין אַנפאַנגער, די וועג־ווייזער און אָפט אויך די יעניגע, וואָס האָבען דאָס געמוזט אַרויפצווינגען אויף דער וועלט?

אַלעס וואָס האָט געהאָלפען צו מאַכען די מענשהייט עדלער, אידעאַלער און מענשליכער, איז דורכאויס אידישעס; אַלע גוטע נייע בעוועגונגען, אַלע נייע שטרעבונגען זענען געבאָרען געוואָרען צווערשט אין די אידישע מחות, אָדער געשעפּט פון אידישען קוואַל, און עד היום איז דער פערהאַסטער איד אויך דער לעהרער פון דער וועלט; מען שעפּט גאַנצע הויפענס פון זיינע אַלטע און נייע גייסטיגע אוצרות און מען נעהמט פון איהם אַוועק גרויסע כחות, אין דער פאָרמע פון א צאָהל משומדים אין יעדען דור, וועלכע בערייכערען די ניט־אידישע וועלט מיט אַלעם גוטען.

טויזענדע פון דער וועלט'ס בעריהמטע פערזאָנען, די פיהרער, די שריפטשטעלער, די קינסטלער, די וויסענשאַפטס־לייט, זענען ענטוועדער אידען, אָדער אָפּשטאַמלינגע פון אידען, אָדער ניט־אידען, וועלכע האָבען זיך בענוצט מיט אידישע קוועלען; די רעליגיאָן, די פילאָזאָפי, די מעדיצין, די פינאַנס און אַלעס וואָס שאַפט די ציוויליזאַציע, איז דורכאויס געבאָרען און ערצויגען געוואָרען אויף אונזער אידישען שויס און אפילו אונזערע ערגסטע שונאים מוזען צוגעבען, אז קיין שום אַנדער פאָלק האָט ניט בייגעשטייערט פאַר דער וועלט־ציוויליזאַציע אזוי פיעל ווי דער איד, כאָטש ער האָט אימער געקראָגען בעצאָהלט פאַר דעם מיט קלעפּ און מיט פיינליכע יסורים.

און אויב א פאָלק וואָס איז באַדענלאָז און שוצלאָז, אימער אין שקלאַפעריי ביי פרעמדע, איהם האַסענדע פעלקער, האָט געקענט אַרויסצייגען אַזוי פיעל גייסט, פעהיגקייט און טאַלאַנט אויף אַלע העכסטע און וויכטיגסטע געביטען, איז דאָך שוין אָט דאָס אַליין גענוג פאַר ערקלעהרען איהם אַלס דעם וואונדער צווישען די

נאציאנען, און טאקי דערפון נעהמט זיך דאך דער האס צו אידען; צוליעב אונזער גרעסערער פעהיגקייט און אויסדערוועהלטקייט, האסט מען אונז איבעראל; צוליעב אונזער רייכער גייסטיגער ירושה, פערפאלגט מען אונז, מען איז אונז מקנא, מען לאזט אונז ניט קלעטערען העכער און מען זוכט אימער צו ארונטערשלעפען אונז נידעריגער, אבער טראצדעם שטייגען מיר און שפיעלען די גרעסטע ראליע אויף אלע געביעטען, אזוי אז אונזער איינפלוס וואקסט פון יאהר צו יאהר און מיט איהם וואקסט אויך דער אומזיסטער האס צו אונז.

די אלע פעלקער קאפירען אונז און לערנען פון אונז און שטייגען אין פיעלעס העכער א דאנק אונזער לעהרע און אונזער מאראלישער אויפפיהרונג, וועלכע דיענט פאר זיי אלס גוטער ביישפיעל; זאל מען ארויסנעהמען פון דער ציוויליזאציע דעם אידישען עלעמענט פון אלע צייטען און פון אלע שאפונגען, וועט פון איהר גארנישט פערבלייבען.

עס קוקט דעריבער אויס,אז מיר זענען ניט געקומען אויף דער וועלט צו שקלאפען און צו טהון שווארצע פראסטע ארבייט, נור צו קנעלען מיט דער מענשהייט און צו אויפהויבען זי צו א העכערער מדרגה, ווייל מיר זענען קליגער, פעהיגער, נאבעלער און העכער פון אלע פעלקער — ווייל מיר זענען דאס אויסדערוועהלטע פאלק, וועמען די גאטהייט האט בעשטימט אלס לעהרער און וועג־וויי־זער פאר אלע פעלקער.

מיר ברענגען מיט זיך שפע איבעראל.

א דריטער סמן אויף אונזער אתה־בחרתנו־בעהויפטונג איז דאס וואס מיר ברענגען שפע איבעראל וואו מיר קומען. יעקב אבינו האט רייך געמאכט זיין בעל הבית לבן׳ען, יוסף האט רייך געמאכט זיין האר דעם שר הטבחים און נאכהער גאנץ מצרים, און אזוי איז אויך מיט דעם אידישען פאלק בכלל; אין יעדען לאנד וואו מיר קומען, ברענגען מיר אריין מיט זיך שפע פאר׳ן לאנד און די ברכה בעגלייט אונז איבעראל וואו מיר בעזעצען זיך. מיר אלע ווייסען וואס שפאניען איז געווען אין דער צייט ווען זי האט געהאט אידען און וואס פאר א בעטלערין זי איז געווארען נאכדעם, ווי די אידען זענען פארטריבען געווארען פון דארטען; מיר ווייסען ווי ענגלאנד, האלאנד, אמעריקא און אנדערע אידען־פריינדליכע מדינות זענען געשטיגען צוליעב אונזער מיט־ארבייטען מיט זיי און ווי מאנכע מדינות ליגען אין ווערים, צוליעב זייער אונטערדריקען דעם אידענ׳ס פעהיגקייט און גייסט.

דאס ציינט, אז ניט נור זענען מיר פעהיגע און ארבייטסזאמע בירגער איבעראל, נור אז מיר זענען אויך געבענשט מיט דער געטליכער ברכה צו ברענגען גליק אויך פאר אנדערע; עס איז ניט וואס מיר זאלען אליין ווערען רייך, לעבען אין לוקסוס ארומגערינגעלט מיט ארימע לייט, ווי דאס איז געווען און איז נאך איצט דער פאל מיט דער פארפוילטער אריסטאקראטיע ביי אלע פעלקער, נור מיר שאפען גליק און פראספעריטע פאר אלעמען; מיר ענטוויקלען גרויסע אינדוסטריעס און האנדעל און ארום אונז געניסען אלע בירגער; מיר ווערען ניט אין קיין שום לאנד א לאסט אויף אימעצען, נור מיר נעהמען ארונטער א סך לאסט פון אנדערע. מיר העלפען בויען און ענטוויקלען שטעדט און פאבריקען; מיר פיהרען איין פראגרעס גייסטיג און עקאנאמיש; מיר דערהויבען די אלגעמיינע מאראל און פערטרייבען דעם ווילדען בארבאריזם; מיר מאכען ליכטיג און צוטרייבען די פינסטערניש.

ווען מען גיט אונז איינע פינף און צוואנציג אדער פופציג יאהר פרייהייט אין א לאנד, פערוואנדלען מיר זי פון א חורבה אין א פאלאץ, ווייל מיר טראגען מיט זיך אריין די געטליכע ברכה אין אלעס; מיר האבען א זכות און צוליעב איהם געניסען אויך אנדערע; מיר זענען די יעניגע וואס זענען משפיע גוטעס אויף א לאנד און דאס איז דערפאר, ווייל מיר זענען גאט׳ס אויסדערוועהלטער פאלק וועמען ער האט צוגעזאגט: „דיינע בענשער וועל איך בענשען און דיינע שעלטער וועל איך שעלטען!״ (ואברכה מברכיך ומקללך אאור).

איינער פון די גרעסטע סמנים אויף דער השגחה פרטית אונטער וועלכער מיר אידען שטעהען און ווי די גאטהייט גיט אכטונג אויף אונזער עקזיסטענץ, איז די געלד־סיסטעם, וועלכע האט זיך אנגעפאנגען ענטוויקלען אין דער זעלבער

צייט ווען דאָס אידישע פאָלק איז אַרוים אין גלות; ביז דאַמאָלס איז געלד כמעט ניט געווען אין דער מאָדע, נור פּראָדוקטען, ערד, שאָף און רינדער און דער מסחר איבעראַל פלעגט געפיהרט ווערען דורך ביטען סחורה אויף סחורה, אָבער אַזוי שנעל ווי דאָס אידישע פאָלק האָט געמוזט צושפּרייט ווערען איבער דער וועלט, האָט דער געטליכער חסד געבראַכט אויף דער וועלט די געלד־סיסטעם און נור אַ דאַנק דיעזען חסד האָט דאָס אידישע פאָלק געקענט בלייבען לעבען און עקזיסטירען, ווייל קיין ערד און קיין גיטער האָט מען זיי ניט ערלויבט צו האָבען אין די מעהרסטע גלות־לענדער און דאָרטען וואו מען האָט עס יאָ ערלויבט, פלעגט מען דאָס ביי זיי אָוועקרויבען, אַזוי אַז געלד איז געוואָרען דער איינציגער רעטונגס־מיטעל פון דעם אידען; פאַר געלד האָבען זיך די אידען אויסגעקויפט פון פיעלע צרות; פאַר געלד האָבען זיי געקענט רייזען פון לאַנד צו לאַנד; פאַר געלד פלעגען זיי קויפען רעכטע, דינגען הייזער און קריגען שפּייז און געלד איז געווען לייכט צו בעהאַלטען און צו אַריבערפיהרען פון פּלאַץ צו פּלאַץ. דורך געלד זענען אידישע יחידים דערהויבען געוואָרען צו הויכע רעגיערונגס־עמטער און זיי האָבען זיך דערמיט בענוצט צו פערמיידען און צו מבטל זיין פיעלע גזירות, ווי אויך צו טהון פערשיעדענע טובות צו די אָרימע גלות־ברידער; מיט איין וואָרט, געלד איז געווען און איז עד היום דער איינציגער אידישער רעטונגס־מיטעל איבעראַל; פאַר געלד קען נאָך דער פערהאַסטער איד אויספיהרען צו בעקומען אַלץ וואָס ער וויל, פאָהרען אין אויטאָמאָבילס און אויף באַהנען, געהן געקליידעט ווי אַ מענש און רוהען ווען ער וויל, אָבער וועה וואָלט צו איהם געווען, ווען ער זאָל דאַרפען לעבען אין אַ געזעלשאַפט אָהן געלד, וואו אַלע וואָלטען דאַרפען גלייך אַרבייטען און גלייך געניסען פון דער אַרבייט; ער וואָלט דאַן באַקומען די ערגסטע שווערסטע אַרבייט און געניסען וואָלט מען איהם ניט לאָזען גאַרנישט; קיין ספּעציעלע שוהלען פאַר זיינע קינדער וואָלט מען איהם זיכער ניט בויען, קיין ספרים וואָלט מען פאַר איהם ניט דרוקען, טאָ ווי אַזוי וואָלט געקענט פערבלייבען דאָס אידישקייט אין עקזיסטענץ?

מיר זעהען איצט דעם ביישפּיעל אין רוסלאַנד, וואו עס איז איינגעפיהרט געוואָרען דער קאָמוניזם; די ערשטע כפּרה־היהנדעל זענען געוואָרען די דאָרטיגע אידען, ווייל עס זענען פערניכטעט געוואָרען די אידישע אַנשטאַלטען און יעדע מעגליכקייט צו פיהרען אַ בעזונדער אידישען לעבען; מיר האָפען, אַז דאָס וועט לאַנג ניט דויערען, נור ווען עס זאָל אַזוי אָוועקגעהן דאָרטען אַ פּאָאר דורות, וואָלט חלילה קיין שריד ופליט ניט פערבליבען פון די דאָרטיגע אידען.

דער גרעסטער חסד וואָס די גאָטהייט האָט מיט אונז געטהון אין די גלות־לענדער, איז דאָס וואָס געלד איז בעשאַפען געוואָרען; אידען זענען געווען די יעניגע, וועלכע האָבען דאָס געצוואונגענערהייד ענטוויקעלט אַלץ מעהר און מעהר געשאַפען וועקסלען און באַנק־געשעפטען, פּאַפּיר געלד און אַקציען־געזעלשאַפטען, הויפּטזעכליך דעם אינטערנאַציאָנאַלען האַנדעל; די גאָטהייט האָט אויך אַזוי געפיהרט, אַז ביי אַנדערע פעלקער איז מסחד צוערשט פערעכענט געוואָרען אַלס שאַנדע און זיי האָבען דאָס א־בערגעלאָזען כמעט דורכאויס אין אידישע הענט; זיי האָבען אונז אַלזאָ גערודפט מיט זייער גאַנצער מאַכט און אַליין אונז איבערגעגעבען דעם גרעסטען שוץ־מיטעל אין די הענט, ביז מיר זענען געוואָרען פאַר זיי דער וויכטיגסטער עלעמענט אין יעדען לאַנד און אויף דיעזען אופן האָבען מיר געקענט עקזיסטירען און צוליעב דיעזען פאַקט האָבען מיר געקענט ווערען איבעראַל די שפּע־ברענגער אין יעדען לאַנד.

מיר מעגען דעריבער זיין זיכער, אַז מיט דער אָפּשאַפונג פון געלד, וועט זיך איינפעסטיגען די אידישע גאולה; ריכטיגער געזאָגט, דער קאַמפּף געגען געלד קען זיין אַ סמן, אַז אונזער גאולה איז נאָהענט, ווייל געלד איז געקומען אויף דער וועלט, אום צו דערהאַלטען דעם אידען אין גלות און אַזוי שנעל ווי מיר וועלען צוריק בעקומען אונזער היימלאַנד, וועט עס מעהר ניט נויטיג זיין, ווי די חכמי התלמוד האָבען אונז מרמז געווען: „אין בן דוד בא לעולם אלא משתכלה פרוטה מן הכיס״, משיח וועט ניט קומען ביז דער צייט, ווען דאָס געלד וועט אויפהערען עקזיסטירען, ווייל אויב חלילה דאָס געלד זאָל אָפּגעשאַפט ווערען איידער משיח קומט, וועט עס מיינען דער אונטערגאַנג פון׳ם אידישען פאָלק איבעראַל, און מיר זענען זיכער, אַז דערצו וועט קיינמאָל ניט קומען.

און א פאלק פאר וועמעס אויפהאלטונג דער בעשעפער האט אזא ספעציעלען חסד בעוויזען צו איינפיהרען געלד אויף דער וועלט, (ווייל אלע אנדערע פעלקער האבען ווירקליך געקענט אויסקומען אין גאנצען אהן דעם.) אזא פאלק איז פאזיטיוו אן אויסדערוועהלטער, א גאט־געבענשטער און איז שטענדיג אונטער א ספעציעלער געטליכער השגחה; אזא פאלק מעג מיט שטאלץ און בערעכטיגונג זיך קרוינען מיט דעם נאמען ,,אתה־בחרתנו־פאלק'', ווייל ער איז עס אהן יעדען ספק.

דער לעצטער און בעסטער סמן.

מעהר פון אלעם וואס מיר האבען ביז איצט בעהויפטעט, איז דער פאקט פון אונזער גלויבען אין אחדות הבורא, א סמן אויף אונזער אתה־בחרתנו'ניזם. דער אמת איז דאך, אז ס'איז פאראן א גאט אויף דער וועלט און אז די מענשהייט דארף איהם אויף א געוויסען אופן דיענען און אויב איינער וויל דיעזען פאקט מודה זיין, מוז ער גלייך צוגעבען, אז דאס אידישע פאלק האט דעם ריכטיגסטען און אמת'דיגסטען בעגריף וועגען דער גאטהייט, וואס דאס אליין איז מעהר ווי גענוג צו בערעכטיגען אונז טראגען דעם נאמען ,,גאט'ס אויסדערוועהלטער פאלק''.

די מעהרסטע וועלכע לייקענען אין אונזער יחוס, זענען ענטוועדער די גאטלאזע כופרים, אדער די גאר־אונוויסענדע פעלקער און מענשען, וועלכע בעגרייפען נאך ניט וואס אחדות הבורא מיינט, און ביי וועמען עס איז רעכט, אז א מענש, א חיה אדער אן אנדער בעשאפענע זאך אין דער נאטור איז גאט. קוים אבער זאל עס קלאהר ווערען, אז אחדות הבורא איז ניט קיין פאנטאזיע פון פאנאטיקער, נור דער אמת אין וועלכען אלע דארפען גלויבען, דאן איז דאך א פאקט, אז די אידען זענען אויסדערוועהלטע, ווייל די אנדערע פעלקער האבען דאס ניט געוואלט אנערקענען זאגאר אין דעם צוואנציגסטען יאהר־הונדערט פון זייער זאגענאנטער ציוויליזאציע, בשעת מיר אידען האבען דאס דערקענט גלייך ביי אונזער געבורטה אלס פאלק, ווען די גאנצע מענשהייט האט נאך געדיענט צו געצען און זיך געבוקט צו א שלאנג, אן אקס, א שאף אדער א קראקאדיל, מיינענדיג, אז דאס איז גאט!

מיר אידען האבען ניט געהאט פון וועמען צו לערנען און ביי וועמען צו אויסגעפינען דיעזען אמת, וועהרענד די אנדערע פעלקער האבען שוין זייט פיער טויזענד יאהר געהאט אונזער בעגריף וועגען דעם און זיי האבען דאס ניט געקענט אדער ניט געוואלט בעגרייפען.

אזוי לאנג ווי עס געפינען זיך מענשען וועלכע לייקענען אין גאנצען אין גאט, אדער וועלכע גלויבען אין דריי־געטעריי און פיעל־געטעריי, איז אונזער אידישער יחוס א זאך וואס קען אפגעלייקענט ווערען, אבער אין דעם מאמענט ווען די גאנצע מענשהייט וועט מודה זיין אין אחדות הבורא, וועט זי מוזען צוגעבען, אז אידען זענען א טויזענד־פאכער אתה־בחרתנו־פאלק, ווייל ניט נור זענען מיר געווען די ערשטע צו אנערקענען דעם גרויסען היילינגען אמת און ניט נור האבען מיר דאס אנערקענט פון אונזער ערשטען טאג אלס פאלק מיט טויזענדע יאהר צוריק, נור מיר האבען נאך פאר דעם דאזיגען אמת געבלוטעט און געליטען די שוידערליכסטע יסורים די גאנצע צייט; ווען מיר זאלען בוכשטעבליך קיין שום אנדער מעלה ניט פארמאגען און קיין שום יחוס־בריעף ניט האבען, אויסער דעם פאקט וואס מיר זענען די איינציגע אין דער וועלט צו האבען געבראכט דעם גלויבען אין אחדות הבורא, וואלטען מיר שוין צוליעב דעם אליין געשטאנען מיט טויזענד קעפ העכער פון אלע אנדערע פעלקער, ובפרט נאך, אז מיר האבען אויך די אלע פריהער־אויסגערעכענטע מעלות, ובפרט נאך, אז מיר האבען די געטליכע תורה און אין איהר גופא ווערט אונזער יחוס בעשטעטיגט און אפילו די ניט־אידישע פעלקער עהרען און שעצען די דאזיגע תורה!

ס'איז אבער גאר ניט נויטיג צו ווארטען ביז די גאטהייט וועט זיך ענטפלעקען פאר דער גאנצער וועלט און בעשטעטיגען דעם אידישען יחוס, ס'איז גענוג דער פאקט וואס מיר אידען האבען געגעבען דער וועלט, דאס בעסטע און שעהנסטע וואס זי פערמאגט, די תורה, די נביאים, די דענקער און פילאזאפען פון אלע צייטען; די העכסטע אידעאלען און די אלע קעמפער פאר'ן אמת, פאר יושר און גערעכטיגקייט, און אפילו זייער אייגענע רעליגיאן איז צו זיי געקומען פון

אידען; זייער גאָט, זייערע היילִיגע, זייער גאָט'ס מאַמע, זייערע אַפּאָסטאָלען, זייערע תפלות, זייערע פסאַלמען, זייער נגינה אין קירכע, די מעהרסטע רעלי־גיעזע צערעמאָניעס, זענען דורכאויס אידיש, גענומען ביים אידישען פאָלק מיט גוטען אָדער מיט בייזען, געבאָרגט אָדער גע'גנב'עט, אָפען אָדער פערשטעלט, און צי דען איז אפילו דאָס אַליין ניט גענוג צו געבען אונז דעם טיטול „גאָט'ס אויס־דערוועהלטער פאָלק״?

און צו דעם אַלעמען דאַרף מען צוגעבען דעם פאַקט, אַז די אידישע תורה האָט אונז פאָראויסגעזאָגט אונזער גאַנצע צוקונפט און אַלעס ווערט אזוי פּינקט־ליך פערווירקליכט, און טאַקי אין דער זעלבער תורה איז פערזיגעלט אונזער יחוס־בריעף, און די זעלבע תורה ווערט פון דער גאַנצער וועלט געהאַלטען היילִיג, אויסער פון די שוטים פריידענקער, וועלכע ווילען דוקא זיין בלינד און מאַכען זיך ניט־ווויסענדיג פון די וואונדערבאַרע נביאות אין דער תורה וועגען אונז אי־דען, די תורה איז דעריבער פשוט א דאָקומענטאַלער בעוויז אויף אונזער יחוס און וואָס נור רשעים אָדער אידיאָטען קענען דאָס אָפּלייקענען.

און ווי באַלד, אַז ס'איז פאַראַן א גאָט אויף דער וועלט, וועלכער האָט פון אַלע פעלקער אויסדערוועהלט איין איינציגען פאָלק פאַר זיך און היט איהם פון אונטערגאַנג און בענוצט איהם אַלס א לעהרער און וועג־ווייזער פאַר אַלע אַנדערע פעלקער, איז דאָך עס זעלבסט־פערשטענדליך, אַז צווישען דער אַלגעמיינער מענש־הייט און דעם אידען, איז פאַראַן א גרויסער אונטערשייד ווי צווישען טאָג און נאַכט, און אַז דער תכלית פון דער מענשהייט איז דער איד, וועהרענד דער תכלית פון דעם אידען, איז די הויכע ענטוויקלונג פון זיין נשמה ביז צו דערגרייכען די העכסטע קאָנצעפּציע וועגען גאָט, ווי אונזערע בעלי קבלה בעהויפּטען עס.

און דאָס איז טאַקי דער סוד פון דער אייביגער אידישער עקזיסטענץ און וואָרום מיר לעבען אריבער אַלע וועלט־חורבנות און א סך גרויסע, מעכטיגע פעל־קער; מיר זענען אימער די יעניגע, וועמען די גאָטהייט בעהאַלט אין א תבה, בשעת די אַרומיגע מענשען און פעלקער ברענגען אַליין אויף זיך א מבול, ווייל צו אונז קען די גאָטהייט אימער זאָגען, „כי אותך ראיתי צדיק לפני״. (דיך גע־פין איך אַלס דעם בעסטען און גערעכטעסטען.)

און מיר זעהען איצט, אין דעם יאָהר תרפ״ג ווען דיעזע שורות ווערען גע־שריבען, אַז די וועלט האַלט אין ברענגען אויף זיך א נייעם מבול, אַז אַזעלכע גרויסע מדינות ווי רוסלאַנד און דייטשלאַנד האַלטען אין חרוב ומוחרב ווערען, אַז די גאַנצע אויטאָריטעט פון געזעץ און מאָראַל איז געבראַכען און צושטערט, אַז גרויסע מעכטיגע פעלקער ציטערען פאַר דעם מאָרגענדיגען טאָג און ווייסען ניט וואָס זיי ערוואַרטעט, בלויז דאָס אידישע פאָלק, אַבוואָהל עס געהט אָפּ מיט בלוט און שווימט אין א ים טרעהרען, האָפט צו איבערלעבען דעם גרויסען חורבן, וועלכען זיינע נביאים האָבען איהם פאָראויסגעזאָגט אזוי פּינקטליך, ממש ווי זיי וואָלטען דערביי זיין אין אונזער דור און אַלעם אַליין צוזעהען.

לעזט אדרבה דעם פאָלגענדען אויסצוג פון ישעיה, קאַפּיטעל כ״ד, און זאָגט אַליין, אויב אַזא נבואה האָט געקענט געשריבען ווערען מיט דריי טויזענד יאָהר צוריק פון אירגענד וועלכען מענשען, וואָס זאָל ניט זיין א ריכטיגער געטליכער נביא, א זוהן פון דעם אויסערוועהלטען אידישען פאָלק, און וועמעס שרעקליכע נבואה ווערט איצט אזוי פּינקטליך פערווירקליכט אין רוסלאַנד און אַנדערע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער, דראָהענדיג דאָס זעלבע פאַר דער גאַנצער וועלט:

נון, עס קומט א צייט ווען גאָט,
וועט דאָ אויסלעדיגען לאַנד און שטאָדט,
חרוב מאַכען גאָר די וועלט און זי צושטערען,
ס'זאָל א פוסטקע פון איהר ווערען!
איהר געשטאַלט וועט ער צוקרימען און צודרעהען,
איהרע איינוואָהנער צושפּרייטען און צוזייהען.
און ס'וועט זיין אַן אויסגלייכונג פון אַלע קלאַסען,
פּריסטער ווי די פּראָסטע מאַסען,
אַלע וועלען פיהלען ביטער, שלעכט:

האר ווי קנעכט;
האַרינגטע ווי דיענסט, דער קויפער ווי פערקויפער,
אַרבייטער ווי סוחר,
אַרעם פונקט ווי רייך,
דער פראַצענטניק ווי דער בּאַרגער, אַלע גלייך.
לעדיג, פּוסט וועט זיין די גאַנצע וועלט,
בּלויז אויף רויב און מאַרד געשטעלט;
לאַנד און לייט געמאַטערט און געפּלאָגט,
דען אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
ס'וועט די וועלט פערוועלקען, קלאָגען,
אומגליק וועט זיך איבער איהר צוטראָגען;
אומגליקליך די אַדעל-לייט, די הויכע קלאַסען,
טיעף דעגענערירט די גרויסע בּרייטע מאַסען,
דען זיי וועלען אויפגעבען די אידעאַלע לעהרען,
אויסלאַכען געזעצליכקייט, די וועלט צושטערען,
די געזעלשאַפטליכע פיהרונגען פון אַלטע יאָהרען
וועל'ן זיין אָפּגעשאַפט, פערניכטעט און פערלאָרען,
אייביגע טראַדיציעס וועלען זיין פערגעסען,
ס'וועט א קללה דאַן אַרומכאַפּען די וועלט און זי צופרעסען,
און דערפון וועט אויסוואַקסען די גרעסטע שטראָף,
אויף דער מענשהייט קומען וועט א ווינסטער סוף,
אויסבּרענען איהר מעהרהייט ווי א פלאַם,
און פערבּלייבען וועט אַ מינדערהייט, ניט מעהרער ווי דער שטאַם.

* * *

ס'קלאָגט דער ווייך, דער וויינשטאָק איז פערשניטען,
האַרצענס-פרייד האָט זיך אויף קרעכץ און זיפץ פערבּיטען,
אָפּגעשטעלט האָט זיך די פרייד פון פּויק, פון דער מוזיק,
אויפגעהערט דאָס רוישען פון די לוסטיגע אין גליק
און פערשטומט געוואָרען איז די זיסע האַרף,
קיינער זוכט זי, קיינער דאַרף.
מיט געזאַנג וועט מען ניט טרינקען מעהר קיין וויין,
ס'וועט דער בּיער צו זיינע טרינקער שטאַרק פערבּיטערט זיין,
יעדע שטאָדט צובּראָכען, פּוסט און לעהר,
יעדע הויז פערוואָלגערט מיט רואינען — צו צוקומען שווער,
אַנשטאָט וויין-געזאַנג אין גאַס — געשריי און לייד,
פינסטער און פערשטערט איעדע פרייד;
גאָר די לוסטיגקייט פון לאַנד און לייט פערטריבּען,
וויסטעניש אין יעדער שטאָדט פערבּליבּען,
טהיר און טהויער רואינירט, צושלאָגען,
בּלויז פערוויסטונג וועט זיך פון זיי טראָגען.
דען אזוי וועט זיין די לאַגע דאַן געשטעלט
צווישען אַלע פעלקער אין דעם צענטער פון דער וועלט,
ווי אַן אוילבּערט-בּוים וואָס אָפּגעשאָקעלט איז פון זיינע פרוכט,
קוים אויף איהם אַן אוילבּערט צו געפינען ווען געזוכט;
ווי דער וויינשטאָק נאָך דער טרויבּענזאַמלונג, נאַקעט, ריין,
קוים א טרויב צו זעהען הענגען — אָרים, קליין,
אָט אַזוי, אָהן מענשען, בּלייבּען וועט די וועלט,
דאָ און דאָרט אַן איינצעלנער געצעלט.

* * *

אָבּער זיי, וואָס זענען איבּער ימים דאָרט צושפּרייט,
וועלען מיט א שטאַלץ א געטליכען דערפיהלען זיך דערפרעהט,
זיי, די אידען, וועלען פון דערוויטענס זינגען,
אויפהויבּען א שטימע און די וועלט פערקלינגען.
איהר, פערטריבּענע אויף אינזעל-לענדער, וויט.

עהרט מיט פאַקעל־ליכטער אייער גאָט אין יענער צייט,
עהרט ישראל׳ס גאָט, זיין גרויסען נאָמען,
לעגט פונאַנדער פייערס, ליכט פערשפּרייט דאָרט גאַנצע שטראָמען,
אָה! עס הערען זיך שוין די געזאַנגען,
פון עק־וועלט צו מיינע אויערען דערלאַנגען,
און זיי שרייען: „הערליכקייט צו דעם גערעכטען, צו דעם אידען!
ענדליך איז ער פריי, צופריעדען!״

* * *

און איך זאָג, אַרויסלאָזענדיג א געשריי,
סוד מיינס, סוד מיינס, ווינד איז מיר און וועה!
א געהיימע זעהונג קען איך זעהען,
ווי דאָס וועט פּאַסירען דאָן, געשעהען.
פעלשער און פעררעטהער וועלען אַלעמען פערראַטען,
נור אויך געגען זיי און זייערע פערשמוצטע טהאַטען,
וועלען פון פעררעטהערישע קרייזען,
אַנדערע פעררעטהער זיך בעווייזען.
שרעק, א גרוב, אַ נעץ — דריי גרויזאַמע צושטערער,
קומען אויף דיר, וועלט! ס׳איז איינס פון צווייטען שווערער.
און ס׳וועט זיין, אַז דער וואָס וועט אַנטלויפען פון דער שרעק,
וועט אַריינפאַלען אין גרוב, אַרונטער ביז צום דעק,
און דער יעניגער, וואָס וועט פון גרוב ארויס, זיך פרעהען,
וועט אין נעץ אַריינפאַלען און זיך פערדרעהען,
דען פון הימעל וועט עס רעגענען מיט צרות אַלערליי,
און די פונדאַמענטען פון דער וועלט, וועל׳ן ציטערען אין וועה,
ס׳וועט די ערד צוטרייסעלט ווערען ווי פון שטורעם,
און צובויגען און צודרעהען וועט זיך גאָר איהר פורעם:
זי וועט זיך צוברעקלען אויף פיעל שטיקער,
וואַנקען, וואַקלען זיך ווי איינער וואָס איז שכור,
ווי א גאָרטען־ביידעל שאָקלען זיך פון ווינד,
הין און הער געשטויסען פון די שווערע זינד;
און זי וועט א פאַל טהון, בלייבען ליגען,
קיינמאָל מעהר ניט אויפשטעהן, מעהר זיך שוין ניט וויעגען.
און ס׳וועט זיין אין יענעם טאָג, וועט גאָט דערמאָהנען,
צו בעשטראָפונג אַלע הערשער פון די טראָהנען,
ער וועט זיי אַרונטערוואַרפען און צושטערען,
זיי, צוזאַמען מיט דעם שר אין הימעל, אין די הויכע ספערען;
הויפענווייז וועט מען די קעניגע אַריינזעצען אין תפיסה,
אונטער שלאָס זיי האַלטען ביז דער מיתה,
נור ווייל פיעל וועל׳ן זיין די טעג פון שטראָף,
וועט מען נאָך די קעניגע זאָגאַר, פערבענקען זיך צום סוף,
זאָגענדיג מיט שאַנדע און מיט וועה.
אַז אָהן די טיראַנען־קעניגע איז נאָך פיעל ערגער ווי מיט זיי. א
דאָן וועט גאָט אַליין צום קעניגען זיך נעהמען
און זיין ליכט אין ציון, וועט די לבנה מיט דער זון פערשעהמען,
עהרע וועט עס ברענגען נור צו זיינע אַלטע לייט,
וועלכע האָבען פעסט געגלויבט אין איהם די גאַנצע צייט.

ווען דאָס אידישע פאָלק זאָל נור געוועזן האָבען איין ישעיה און ווען דער דאָזיגער נביא זאָל נור געוועזן אַנשרייבען די איינציגע אויבענגעבראַכטע נבואה, וואָלטען מיר שוין אויך האָבען דעם גרעסטען בעוויז אויף אונזער אתה בחרנו־ניזם און אויף אונזער אייביגער עקזיסטענץ און גלאָררייכער צוקונפט!

קאפיטעל ב.

דער איד אלס יונה

קום לך אל נינוה העיר הגדולה וקרא עליה
כי עלתה רעתם לפני. (יונה א׳. ב׳.)

אונזער מיסיע אלס אויסדערוועהלטער פאלק.

נאכדעם ווי מיר איבערצייגען זיך אז דאס אידישע פאלק איז אנדערש פון אלע פעלקער אויף דער וועלט און איז געשאפען פון א העכערען גייסטיגען מאטעריאל ווי די איבעריגע מענשהייט, שווימט ארויף די פראגע, צו וועלכען צוועק איז די אידישע נאציע בעשאפען געווארען, וועלכע מיסיע האבען מיר צו ערפילען און ווי אזוי ערפילען מיר זי?

דער ענטפער דערויף קענען מיר געפינען אין אונזער ספר הספרים, אין דעם הייליגען תנ״ך, נעמליך אין די פיער קליינע קאפיטלעך פון יונה הנביא.

אין תנ״ך זענען ניטא קיין פוסטע מעשיות, ווייל אפילו די ערצעהלונגען, וועלכע קלינגען ווי לעגענדעס, זענען אויך שטיקער געטליכקייט און זיי ענטהאלטען טיעפע סודות פון אייביגען ווערטה און דאס איז וואס מיר רופען „סתרי־תורה״, מען מוז אבער קענען אריינדרינגען אין זיי, אום צו דערזעהען און ענטדעקען זייער אמת׳ע בעדייטונג.

די גרויסקייט פון אונזער תנ״ך און פון אונזערע נביאים, ליגט טאקי אין דעם פאקט וואס זיי ענטהאלטען סתרי תורה, וואס אין זיי געפינען זיך טיעפע וויכטיגע סודות פון אונזער לעבען און פון דעם גאנצען וועלט־בעשאף, און פונקט ווי די גאנצע נאטור איז פול מיט סודות, מיט די זאגענאנטע סתרי הטבע, וואס וויסענשאפטס־לייט ענטדעקען זיי ביסלעכווייז דורך גריבלען זיך אין יעדער נאטור־ערשיינונג, אזוי איז אויך דער געטליכער תנ״ך פול מיט גרויסע וויכטיגע סודות און וואס מעהר מען גריבעלט זיך אין איהם, אלץ מעהר געפינט מען אין איהם אוים נייע ענטדעקונגען, נייע אמת׳ען און זעהר ניצליכע אמת׳ען.

די נאטור האט אין זיך אימער געהאט דעם כח פון עלעקטריק, פון ראדיום, פון דראטלאזער טעלעגראפיע און פון פליהען אין דער לופטען, אבער דיעזע אלע כחות זענען געלעגען טיעף פערבארגען און בעהאלטען אין איהר, דאס זענען געווען די סתרי הטבע, אזוי צו זאגען, נור ביסלעכווייז ענטדעקט מען זיי און מען בענוצט זיי פאר פראקטישע צוועקען; מענשען זיצען טאג־טעגליך און שטודירען יעדעם פיצעלע אין דער נאטור און דעריבער מאכט מען כסדר נייע ערפינדונגען. דאס זעלבע איז אויך מיט אונזער הייליגען תנ״ך און מיט אונזער תורה בכלל; וואס מעהר מען שטודירט זי, מעהר וויכטיגע ענטדעקונגען געפינט מען אין איהר; די תורה ענטהאלט א מאסע טיעפע סודות וועגען דער גאנצער וועלט־בעשאפונג און וועגען אלץ און אלעמען, וואס געפינט זיך אויף דער וועלט; זי ערקלעהרט די פערגאנגענהייט, געגענווארט און צוקונפט, אזוי אז ווען א איד זאל זיך זיין גאנצען לעבען אפגעבען מיט דער תורה און לעבען פינקטליך לויט איהרע פארשריפטען, קען ער ווערען א נביא, א הייליגער מענש און ענטדעקען אזעלכע זאכען פון וועלכע די וויסענשאפטס־לייט קענען אפילו קיין אהנונג ניט האבען.

אן איינפאכער פראסטער מענש קען ניט פערשטעהן די סודות פון דער נאטור און אפילו ווען ער זעהט שוין א קונציגע מאשין ווייסט ער אפט ניט וואס דאס איז און ווי אזוי דאס ארבייט, און פונקט אזוי, קען א פראסטער מענש, וועלכער פערשטעהט ניט די סודות פון דער תורה, ניט פערשטעהן דעם סוד פון לעבען, און אפילו ווען ער זעהט שוין געוויסע פאסירונגען, פערשטעהט ער ניט זייער צוועק און בעדייטונג.

און פונקט ווי אין דער נאטור איז יעדער ערשיינונג א פאקט, א ריכטיגע טהאטזאך, אבוואהל עס ענטהאלט אין זיך אפשר אויך א טיעפען סוד, אזוי איז אויך אין דער תורה ניטא קיין לעגענדעס מיט קיין סתם מעשה׳לאך, נור יעדע דערצעהלונג איז קודם א וואהרע פאסירונג און צו דערזעלבער צייט ענטהאלט זי אויך סודות, אייביגע אמת׳ען און נבואה אויף דער צוקונפט.

אט דעריבער איז דער תנ״ך געטליך פונקט ווי די נאטור; בלויז די גאטהייט קען שאפען אזעלכע ווערק, וואס זאלען זיין אי אמת, אי איינפאך, אי קאמ־

פליצירט; די גאָטהייט למשל שאַפט לופט, איז לופט אַ פאַקט, ניט קיין פאַנטאַזיע, עס איז דערצו נאָך איינפאַך און פאַר אַן איינפאַכען געברויך צו אַריינאָטהעמען דאָס, צו פיהלען אין דעם וואַרימקייט אָדער קעלט, גוטע געשמאַקע ריחות, אָדער פערדאַרבענעם עפוש, טרוקענקייט אָדער פייכקייט, אָבער צו דער זעלבער צייט האָט עס אויך פערבאָרגענע קאָמפּליצירטע כחות: עס ענטהאַלט אין זיך עלעקטראַציטעט; עס האָט אויך דעם כח צו אַריבערטראַגען קלאַנגען פאַר טויזענדע מייל ווייט און עס האָט די שטאַנדהאַפטיגקייט צו טראַגען אויף זיך פליה־מאַשינען, עראָפּלאַנס און אַזוי ווייטער.

ווען אַ מענש שאַפט אָבער אַ מאַשין, איז זי אויסגערעכענט צו טהון אַ געוויסע אַרבייט און מעהר קען זי גאָרנישט טהון, איהר קענט אין איהר ניט געפינען קיין שום פערבאָרגענע כחות אויסער דעם איינציגען כח, וועלכען דער טעכניקער האָט אין איהר אַריינגעלעגט.

אַ מענש שאַפט אַ בוך, איז עס ענטוועדער אַ פּאַסירונג, אָדער אַ פאַנטאַזיע, אָדער עס ענטהאַלט לעהרע, מוסר־השכל און אַז. וו. אָבער אימער איז עס ניט מעהר ווי איין איינציגער אינהאַלט מיט אַן איין־איינציגען צוועק, אָבער דער געטליכער תנ״ך ענטהאַלט אין זיך פיעלע כחות: די פּאַסירונג איז אמת, און עס האָט נאָך אין זיך אויך פאַרבאָרגענע סתרי־תורה, אַ מוסר השכל און אַ נבואה אויף אַלע צייטען.

דאָס זעלבע געפינען מיר אין די פיער קאַפּיטלאַך יונה. די פּאַסירונג אַן און פיר זיך איז אָהן צוויפעל אמת, אָבער זי ענטהאַלט אויך אַ נבואה, אַ מוסר־השכל און אַ טיעפע בעדייטונג פאַר אונזער געגענוואַרט און צוקונפט; זי גיט אונז איבער אין קורצע פיער קאַפּיטלאַך דעם גאַנצען אינהאַלט און צוועק פון דעם אידישען פאָלק, אונזער מיסיע אויף דער וועלט, ווי מיר ערפילען זי, און ווי אַזוי מיר דאַרפען זי ערפילען.

אין קורצען דערצעהלט זיך דאָרטען דאָס פאָלגענדע:

גאָט האָט געהייסען דעם אידישען נביא יונה צו געהן קיין ננוה, אַ ווייטע ניט־אידישע שטאָדט, און מחזיר למוטב זיין די דאָרטיגע זינדיגע בעפעלקערונג.

יונה האָט דאָס זעהר ניט געוואָלט טהון; וואָרום זאָל ער, דער איד, פערלאָזען זיין היים, זיין רוה און זיינע פריינד און געהן ראַטעווען אַ פרעמדע מדינה פון אונטערגאַנג? וואָס אַרט עס איהם און וואָס געהט עס איהם אָן, אַז יענע פרעמדע מדינה מיט איהרע זינדיגע גוים וועלען יאָ אונטערגעהן? פאַר די אינטערעסען פון אידען וואָלט נאָך זיין בעסער ווען ננוה זאָל אונטערגעהן, ווייל זי פלעגט אינטריגירען געגען ארץ ישראל און פיהרען קריעג געגען דעם אידישען פאָלק און געווען אימער אַ שונא פון אידען.

דער נביא האָט זיך אַלזאָ אַרויפגעכאַפּט אויף אַ האַנדעלס־שיף און אַנטלאָפען קיין תרשיש, דער דאַמאַלסדיגער האַנדעלס־צענטער פון דער וועלט; דערמיט האָט ער געוואָלט דערשטיקען אין זיך די געטליכע נבואה און אָפּרוקען זיך פון ננוה וואָס ווייטער.

פון גאָט קען מען זיך אָבער ניט בעהאַלטען, האָט זיך אויפגעהויבען אַ שטורם אויף׳ן ים און די שיף האָט געהאַלטען ביים אונטערגעהן. דער קאַפּיטאַן און די פּאַסאַזשירען האָבען גענומען תפלה טהון יעדערער צו זיין גאָט; מען האָט געפּראָוועט אַ געמיינשאַפטליכע גאָטעס־דיענסט, געקניעט צו די געטשקעס, זיי געקושט און געבעטען רעטונג. נאַטירליך האָט יונה דער איד ניט געקענט אַנטהייל־נעהמען אין אַזאַ גאָטעס־דיענסט און ער האָט זיך באַהאַלטען ערגעץ אין אַ ווינקעלע און כלומרשט געכאַפּט אַ דרעמעל, מען האָט איהם אָבער בעמערקט, מען האָט איהם אויפגעוועקט, גענומען איהם אויף׳ן צימבעל און בעשלאָסען, אַז דער שטורם־ווינד איז געקומען צוליעב איהם, אַז ער איז דער שולדיגער אין גאָט׳ס צאָרן און מען האָט איהם אַריינגעוואָרפען אין ים אַריין. דאַמאָלס איז געקומען אַ גרויסער פיש, וועלכער האָט דעם נביא איינגעשלונגען און איהם אַרויסגעשפּיעט אויף דעם ברעג טאַקי פון דער שטאָדט ננוה, און ער האָט שוין קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי צו טהון זיין פליכט, ער האָט די שטאָדט גוט אויסגעמוסרט, געזאָגט איהר די געטליכע נבואה און מען האָט זיך דאָרטען דערשראָקען, געטהון תשובה און גערעטעט געוואָרען.

ווען מיר טראַכטען זיך אַריין אין דיעזער מערקווירדיגער געשיכטע, דער־

זעהען מיר אין איהר, אז דאָס איז א פערשטעלטע אַלעגאָריע וועגען דעם שיקזאַל פון דער גאַנצער אידישער אומה פון אַלע צייטען און פון אַלע לענדער, ווייל יעדע מדינה און יעדע שטאָדט איז א ננוה און יעדע אידישע קהלה איז א יונה.

מיר זענען די יונה'ס פון דער מענשהייט.

די פעלקער פון דער וועלט זענען געוועזן און מאַנכע פון זיי זענען נאָך ביז דעם היינטיגען טאָג ווילדע באַרבאַרען און משוגע'נע געצענדיענער; מיר זעהען נאָך אפילו ביי די איצטיגע ציוויליזירטע פעלקער געגוג ווילדקייטען. קענען מיר זיך פאָרשטעלען וואָס זיי זענען געוועזן מיט טויזענדע יאָהרען צוריק; מיר ווייסען, אַז זיי פלעגען דאָמאָלס עסען אבר מן החי. ס'הייסט אָפּשניידען א שטיק פלייש פון א לעבעדיגער בהמה און דאָס עסען רויהערייד, אָדער זיי פלעגען מקריב זיין זייערע אייגענע קינדער צו די עבודה־זרה'עס און בעגעהן טויזענדע אַנדערע עהנליכע באַרבאַריזמען.

מען האָט זיי אַלזאָ געדאַרפט אויסמענשלען, ברענגען זיי נעהענטער צו דעם בעגריף פון געטליכקייט און עס איז אין הימעל בעשלאָסען געוואָרען צו שיקען נאָך יעדען לאַנד א אידישען יונה; דער רבונו של עולם האָט אונז צווייהט און צושפרייט איבער אַלע לענדער און אונז געהייסען זאָגען נביאות, צייגען אַלע פעלקער ווי מען דאַרף לעבען אויף דער וועלט און אויסציוויליזירען זיי ביסלעכווייז אויף פערשיעדענע אופנים.

מיר זעהען למשל, אַז אין דער גרויסער ווילדער רוסלאַנד זענען אַריינגעוואָרפען געוואָרען גאַנצע פינף מיליאָן יונה'ס; אין דער קלענערער און פונקט אַזוי ווילדער פוילען — צוויי מיליאָן יונה'עס; אין דער נאָך־קלענערער ווילדער רומעניען — א האַלבער מיליאָן יונה'עס; אין דער גרויסער אָבער מעהר־ציוויליזירטער דייטשלאַנד — דריי הונדערט טויזענד יונה'ס; אין דער ציוויליזירטער ענגלאַנד — 150 טויזענד יונה'ס; אין דער גרויסער אַמעריקע, וועלכע איז געמישט פון אַלערליי נאַציאָנאַליטעטען — דריי מיליאָן יונה'עס, און אַזוי אין יעדען אַנדער לאַנד לויט איהר גרויס און לויט איהר גראַד ציוויליזירטקייט, פונקט אַזוי פיעל יונה'ס וויפיעל ס'איז נויטיג צו קענען ווירקען אויף איהר.

זענען מיר מיט'ן גוטען ווילען געפאָהרען צו דיזע אַלע פרעמדע מדינות?

די געשיכטע דערצעהלט אונז, אַז ניט פאַר נחת, נור פאַר צרות זענען מיר איבעראַל געקומען; נאָך א שיפס־ברוך אין איין מדינה, זענען מיר געגאַנגען אונזער ווילען נעבראַכט געוואָרען צו א צווייטער און מיר האָבען געמוזט ערפילען די געטליכע שליחות געצוואונגענערהייד.

עס איז א זעהר־אונאַנגענעהמע און ביטערע מיסיע פאַר'ן אידישען פאָלק צו קנעלען מיט די ניט־אידישע לענדער און פעלקער; קנעלען מיט גוים, איז ווייט ניט קיין לייכטע שטיקעל אַרבייט, ווייל אויסער וואָס זיי זענען גראָבע קעפּ און קענען אונז ניט פערשטעהן אַזוי שנעל, דערלאַנגען זיי אונז נאָך די ריכטיגע קלעפּ פאַר וועלען זאָגען זיי א דעה; ניט איין מאָל און ניט אין איין לאַנד, האָבען מיר זיך דעריבער ענטזאָגט פון דעם כבוד צו קנעלען מיט די פרעמדע באַרבאַרען און מיר האָבען זיך אַרויפגעכאַפּט אויף א שיף וואָס געהט קיין תרשיש; מיר פלעגען זיך כאַפּען צום האַנדעל־וואַנדעל און געוואָלט אויסדרעהען זיך פון אונזער מיסיע, אָבער דאָס האָט געמיינט צו אַנטלויפען פון גאָט, פלעגט ער אויף אונז אַנשיקען א שטורם; עס זענען געקומען אויף אונז אינקוויזיציעס, פּאָגראָמען, רדיפות, שחיטות און אַלערליי צרות, מען האָט אונז געוואָרפען אין ים, פיש האָבען אונז איינגעשלונגען, אָבער זיי האָבען אונז צוריק געמוזט אַרויסשפּייען און מיר זענען סוף כל סוף געוואָרען נביאים און מלמדים געצוואונגענערהייד; מיר האָבען מיט די ווילדע ננוה־באַרבאַרען געקנעלט און מיט דער צייט האָבען מיר זיי דאָך געמאַכט פאַר שטיקלאַך „מענשען".

אַזוי איז געווען כמעט אין יעדען לאַנד און מיר זעהען דאָס אויך איצט אין די היגע אַמעריקאַנער לענדער. עס זענען אהער פערוואָרפען געוואָרען ביז דריי מיליאָן אידען, כן ירבו, און דער צוועק איז זיכער דער אַלטער יונה־צוועק; מיר דאַרפען דאָ פערשפרייטען די געטליכקייט, די מאָראַל און די הויכע לעהרע פון אונזער תורה; מיר האָבען דאָ געזאָלט באַרטזעצען צו לעבען אַלס עכטע אידען. הייליג היטען די פאָרשריפטען פון אונזער אמונה, וואָלטען די ניט־אידישע שכנים

אונזערע זיך צוקוקען צו אונזער לעבען און פיעלעס לערנען פון אונז: עס וואלט אונז אפשר אנקומען אביסעל שווערליך אזא לעבען; ס'איז טאקי ניט לייכט צו זיין א איד, צו היטען שבת און צו לעבען עהרליך אין די היגע מדינות, אבער מיר מוזען דאס טהון, ווייל דאס איז דער גאנצער צוועק פון אונזער אהער קומען.

ליידער האבען מיר זיך דא ווידער ארויפגעכאפט אויף די אניות תרשיש; מיר זענען אנטלאפען פון אונזער געטליכער מיסיע און זיך געכאפט צו'ם האנדעל; מיר פאהרען אויף דער היגער האנדעלס־שיף צוגלייך מיט אלעמען; די היגע אידען האבען זיך א נעהם געטהון צו ביזנעס, צו געלד־מאכעריי, צו פאליטיק און צו אויסבעסערען די עקאנאמישע סיסטעם, ווי מאנכע פון אונז ווילען עס; אונזער ערשטער ארויספאהר איז גראדע געווען ניט קיין שלעכטער, אידען זענען דא געווארען אלרייטניקעס, האלבע און גאנצע מיליאנערען; מאנכע זענען געווארען פיהרער ביי די ארבייטער מאסען, אבער די פראגע איז, ווי לאנג וועט אונזער רייזע קיין תרשיש דויערען? עס וועט זיכער קומען א שטורם־ווינד, די פינאנץ־וועלט, די אינדוסטריע און די גאנצע האנדעלס־שיף וועלען זיך נעהמען ברעכען און ביי דעם ערשטען געשריי, אין טומעל וועט מען זיך א נעהם־טהון צו'ם אידען. מיר האבען שוין זאגאר געהאט די ערשטע ערפאהרונג בנוגע דיעזען אנקומענדען שטורם; מיר האבען שוין געזעהען ווי באלד נאך דער קריעג, אזוי שנעל ווי די שפע האט זיך אויסגעלאזען און עס איז געקומען א שטיקעל קריזיס, האבען געוויסע אמעריקאנער גענומען טייטלען מיט די פינגער אויף אונז אלס אויף די שולדיגע; שרייעט דען ניט א געוויסער אמעריקאנער המן, אז די אידישע באנקירען האבען געמאכט א וועלט־פערשווערונג און אז די אידישע ארבייטער זענען באלשעוויקעס? און דאס איז דאך ערשט אן אנפאנג, קען מען דעריבער זיכער זיין, אז טאמער וועט די אמעריקאנער האנדעלס שיף חלילה ארייננווארפען אימעצען אין ים אריין, וועט דער קרבן זיכער זיין ניט קיין אנדערער ווי אונזער ר' יונה!...

פערניכטען אונז קען מען טאקי ניט; אפילו די יעניגע אידען וועמען די סביבה האט שוין איינגעשלונגען און אסימילירט, וועלען סוף כל סוף אויך ארויסגעשפיגען ווערען: ווען יונה ליגט שוין ביי דעם פיש אין בויך און עס ווערט איהם דארטען פינסטער און ביטער, פאנגט ער אן תפלה טהון צו גאט ווי דער פסוק דערצעהלט אונז: „ויתפלל יונה אל ד' אלקיו ממעי הדגה"; ווען עס קומען חלילה צרות אויף אזעלכע אידען, ווערען זיי צוריק אידען און פאנגען ווידער אן צו דאווענען און צו לערנען; נאך דער שפאנישער אינקוויזיציע, זענען אין אייראפע אויסגעוואקסען די גרעסטע ישיבות און די גרעסטע תורה־צענטערס, בשעת ביז דער אינקוויזיציע האט א ין שפאניען געהערשט אזא הפקר־גייסט און עס הארצות צווישען די אידען. ווי דאס איז איצט דער פאל אין אמעריקע; עס איז אויך זיכער, אז נאך דעם איצטיגען חורבן אין אייראפע אויב עס איז נאך אפילו ניט בעשערט, אז משיח זאל קומען, וועט דארטען יעדענפאלס פארקומען א גרויסע אויפלעבונג פון דעם אידישען גייסט און גלויבען און די אידישע תורה וועט ווידער געפינען איהר תקון צווישען די דארטיגע אידען, אבער צו וואס דארפען מיר די צרות לכתחלה? ווארום אנטלויפען פון גאט'ס ווילען און דארפען דורכמאכען א שפס־ברוך יעדען מאל?

אונזערע פערפאלגער האבען רעכט.

אם פערדריסליכסטען דאריי איז דער פאקט, וואס דער תנ"ך אליין גיט גערעכט די שיפס־לייטע פאר ארייננווארפען יונה'ן אין ים; עס איז ליידער ווירקליך אמת, דאס דער שטורם קומט צוליעב יונה'ן, ווייל ער וויל ניט ערפילען די געטליכע שליחות און בעהאלט זיך אויף דער האנדעלס־שיף; עס הייסט ניט, אז דער איד ברענגט די וועלט־שטורעמס, ווי די אנטיסעמיטען טענה'ען דאס אימער, נור דער שטורם קומט דאך צוליעב דעם אידען, ווייל ווען ער זאל ניט אנטלויפען פון גאט און פון זיין מיסיע, וואלט דער שטורם ניט קומען.

עס איז א א געוויסען זין ליידען טאקי די פעלקער צוליעב אונז, פונקט ווי מיר ליידען צוליעב זיי; ווען זיי זאלען זיין פיינע מענשען, וואלטען מיר פערשפארט צו דארפען ווערען זייערע לעהרער און וועג־ווייזער, אבער נאכדעם ווי מיר זענען געצוואונגען דאס צו טהון און ווילען ניט, קומען די שטורעמס און די פרעמדע

פעלקער ווערען אויך אויף צרות און אזוי ליידען מיר צוערשט צוליעב זיי און זייער ליידען שפעטער צוליעב אונז.

די געשיכטע מיט דעם נביא יונה, איז דעריבער אויך דער סימבאל פון אונזער גאנצען פאלק און פון אונזער ראליע צווישען די פעלקער; מען האט אונז אויסדערוועהלט צוליעב געוויסע אורזאכען צו ווערען די וועג־ווייזער פון דער גאנצער מענשהייט; מען האט אונז געגעבען א הימלישע תורה און געהאלטען אונז א געוויסע צייט אין ארץ ישראל, וואו מיר האבען די תורה אויסגעלערנט און זי איינגעזויגען אין אונזער בלוט און דאן האט מען אונז ארויסגעשיקט צו געהן שטראפען און לערנען די זינדיגע וועלט. דער חשבון איז געווען, אז מיר וועלען היטען די תורה איבעראל וואו מיר קומען און וועלען ליידען צוליעב איהר, וועט זיך דערווייל די וועלט אויך פעראינטערעסירען מיט דער האזיגער תורה און ביסלאכווייז בעקעהרט ווערען צו תשובה און ציוויליזאציע.

און ווייל די השגחה העליונה האט געוואוסט, אז מיר וועלען זיך אביסעל אונטערפוילען צו ערפילען אונזער מיסיע, האט זי אזוי איינגעארדענט, אז די זעלבע תלמידים אונזערע זאלען אונז וועקען צו אונזער פליכט און פון צייט צו צייט דערטרינקען אונז אין ימים פון בלוט און טרעהרען; די פערפאלגונגען דערמאהנען אונז אימער וואו מיר האלטען אין דער וועלט און דערלאזען אונז ניט צו אנטלויפען פון גאט, ווייל עד היום איז די ערשטע פראגע וואס די ניט־אידישע וועלט פרעגט אונז, „מה לך נרדם? קום קרא אל אלקיך!" שטעה אויף דו פעפער און טהו תפלה צו דיין גאט! די אורזאכע פון דער ערשטער שנאה צו אונז אין יעדען לאנד איז דאס וואס אידען פערבויגען זייער אידישקייט; די קלענסטע אידישע עולה איז דער וועלט גרויס אין די אויגען; א גאטלאזען באנקיר אדער פריידענקערישען סאציאליסט, האסט מען טויזענד מאל מעהר ווי אן ארטהאדאקסישען אידען, און עס איז א פאקט, אז די אמת־פרומע אידען און די בעלי־מדות, ווערען זאגאר רעספעקטירט פון אלע שונאי ישראל.

עס איז אימער די זעלבע געשיכטע פון „ויעשו בני ישראל את הרע בעיני ד' וימכרם ביד פלשתים"; אידען פערגעסען זיך אפט און געהען ארונטער פון וועג, שיקט מען אויף אונז אן אלערליי אונטערדריקער און פערפאלגער, ביז מיר נעהמען שרייען צו גאט און ער שיקט אונז ארונטער א שטיקעל ישועה. אזוי איז געווען אמאל אין ארץ ישראל און אזוי פאסירט עס כמעט אין יעדען לאנד וואו מיר פראווען גלות: אונזערע פערפאלגער, וועלכע זענען אגב די ערגסטע פון יעדען לאנד, זענען טאקי אומגערעכט אין זייער פערפאלגען אונז, זיי מאכען אויף אונז בלבולים, דערצעהלען וועגען אונז שקרים און זיי זענען די נידעריגסטע פערברעכער אין בעצוג צו אונז, אבער זיי זענען די חיות רעות, וועלכע דער הימעל שיקט אויף אונז אן צוליעב א מ ת'ע זינד וואס מיר בעגעהען; ווען מען פאגראמירט אונז צוליעב א בלוט־בלבול, אדער צוליעב אנדערע בלבולים, זענען טאקי די פאגראמשציקעס אויסען ניט מעהר ווי רויב און מארד, אבער אונז קומט אפשר די שטראף פאר חלול־שבת, פאר שנאת חנם צווישען זיך, פאר גניבה און גזילה איין איד ביים צווייטען, אדער פאר דער זינד פון בטול־תורה און אז. וו.

די געשיכטע מיט יונה הנביא, איז דעריבער א קלאהרער סימבאל פון אונזער אידישען שיקזאל; אזוי לאנג ווי מיר זענען ארויסגעשיקט געווארען פון אונזער לאנד, מוזען מיר געהן שטראפען און לערנען די זינדיגע ננוה־וועלט און מיר טאהרען זיך ניט בעהאלטען און איינשלאפען אין א ווינקעלע פון דער האנדעלסשיף: מען זוכט אונז אויס. מען וועקט אונז אויף און מען ווארפט אונז אין ים אריין: אויב מיר ווילען ניט געהן נאך ננוה מיט אונזער גוטע ווילען, ברענגט מען אונז אהין אין דעם בויך פון א פיש; אויב מיר ווילען ניט זיין קיין טרייע אידען מיט גוטען, שיקט מען אויף אונז אן ביטערע צרות און מיר ווערען דאס מיט בייזען.

כל זמן דער איד איז אין גלות און פלאגט זיך, איז דאס א סמן, אז ננוה האט נאך ניט געטהון קיין תשובה, און מיר מוזען דעריבער אנגעהן מיט אונזער געטליכער מיסיע און זיין א ביישפיעל פאר אלע זינדיגע; מיר מוזען פהרען א אידישען לעבען, היטען שבת, אנהאלטען ישיבות, לערנען די קינדער צו זיין אידען און אליין אויך טהון דאס זעלבע, וועלען אונזערע קריסטליכע שכנים האבען פע־

לעם צו לערנען פון אונז. א קליינעם ביישפּיעל קענען מיר זעהען פון דעם טאָג יום כפּור; אין דיעזען טאָג, ווען כמעט אַלע אידען פאַסטען און פילען־אַן די שוהלען איבעראַל, שרייבט דאַן די קריסטליכע פּרעסע וועגען דעם מיט דעם גרעסטען רעספּעקט און זי דערצעהלט איהרע מיליאָנען לעזער וועגן דער הייליגקייט פון דיעזען טאָג ביי אידען און ווי מיר פאַסטען און בעטען פערגעבונג אויף אונזערע זינד; דערמיט ווערט פערשפּרייט גאָט'ס נאָמען און זיין געבאָט אויף דער וועלט; די קריסטליכע שכנים לערנען דאַן פון אונז עטוואָס, זיי געפינען אויס אונזער בעגריף וועגען תשובה און חרטה אויף בעגאַנגענע זינד, זיי פאַנגען־אָן אריינצוטראַכטען אין דעם און זיי פערגלייכען עס מיט זייער אייגענעם בעגריף וועגען תשובה ווי זיי זענען דאָס יוצא מיט ודוי פאַר'ן גלח און מיט קריגען זיין פערגעבונג, וואָס דאָס איז באמת לעבערליך און פיעלע פון זיי זעהען דאָן איין, אז ס'איז פיעל לאָגישער צו תשובה טהון דורך פאַסטען און אמת'ער חרטה. אזוי ווי אידען טהוען דאָס; דערפון ווערען טאַקי פיעלע קריסטען אליין אויך בעסערע מענשען און מיר אידען ערפילען אין יענעם טאָג אונזער געטליכע מיסיע אויף'ן שעהנסטען אופן, אָבער איין טאָג אין יאָהר איז ניט גענוג, מיר דאַרפען יעדען טאָג אין יאָהר לעבען אזא לעבען, וואָס זאָל קענען זיין א ביישפּיעל פאַר אַנדערע. וואָס זאָל ארויסרופען רעספּעקט צו אונזער גאָט און צו אונזער תורה; ווען די קריסטען זאָלען ניט קענען אַנצייגען אויף אידישע פערברעכענס און אידישע פערברעכער; ווען זיי זאָלען ניט קענען געפינען ביי אונז קיין גאָטלאָזיגקייט און חלול השם, וואָלטען זיי שוין אפשר לאַנג צוריק געוואָרען אליין אויך בעסערע און פיינערע מענשען. אָבער אז יונה טהוט ניט זיין פליכט, קען ננוה ניט חרטה האָבען אויף איהרע זינד און יונה איז דער שולדיגער איהם קומט די שטראָף אין ים אריינגעוואָרפען צו ווערען!...

דער געטליכער סוד וועגן דעם.

אָפט פערדריסט אונז זעהר שטאַרק וואָרום אויף אונז אידען איז ארויסגעפאַלען דער גורל צו לערנען די וועלט; וואָרום פיעלע פעלקער זויגען אריין אונזערע גייסטיגע אוצרות און ווערען געראַטעוועט פון אונטערגאַנג; מיר זאָגען דאַן ווי יונה הנביא, „טוב מותי מחיי!” בעסער שטאַרבען. בעסער אויפהערען זיין וועלט־נביאים און אַסימילירען זיך, ווייל צו וואָס זאָלען מיר זיין די לעהרער פון אַנדערע. די פּרימערע פון דער גאַנצער וועלט און ליידען צרות, ווען די זינדיגע פעלקער זענען ביי גאָט מעהר מיוחסים ווי מיר? ווען ער איז זיי אלעם מוחל ביי זייער ערשטער קליינער תשובה?

אָפט ווינשען מיר אונזערע שונאים און פערפאַלגער אונטערגאַנג און עס טהוט אונז באַנג, וואָס גראַדע צוליעב אונזער פעהיגקייט און טרייהייט וואַקסען זיי אויף און בליהען, ווערענד דער שכר וואָס מיר בעקומען דערפאַר, איז קלעפּ, פערפאַלגונג און פּיין, מיר פערשטעהען ניט וואו איז דאָ דער געטליכער יושר און זיין גערעכטיגקייט, אָבער מיר געפינען שנעל אויס דעם תירוץ דערויף, ווען מיר אליין בעהאַלטען זיך ערגעץ אין שאָטען פון א צייטווייליגען פרעמדען לאַנד, ווען מיר שטעלען זיך אונטער אימעצענס שוץ און פערלירען דאָס באַלד; עס טהוט אונז דאַן באַנג אויף דעם פערלוסט פון אונזער שוץ און שטיצע וואָס מיר האָבען זיי אזוי פלוצלונג פערלאָרען און פערבליבען אויסגעזעצט צו די ברענענדע שטראַהלען פון דעם גלות־בראַנד און ערשט דאַמאָלס קלינגט אונז אָפּ אין די אויערען דער געטליכער ענטפער צו יונה'ן, אין וועלכען ער זאָגט צו איהם: „אויב דיך פערדריסט דער פערלוסט פון א צופעליגען שוץ־פּלאַץ, טאָ ווי אזוי זאָל מיך ניט פערדריסען דער אונטערגאַנג פון הונדערטע טויזענדע מענשען, אין פון קינדער און פיה, וועלכע האָבען אין גאַנצען ניט געזינדיגט?”

עס איז דער געטליכער סוד צו אונטערברענגען נור די גענצליך צופוילטע פעלקער, וועלכע וויקען זיך אין זינד, האָפנונגסלאָז, אָבער צו לאָזען לעבען און עקזיסטירען די יעניגע פעלקער, וועלכע זענען קליינע בעלי־עבירה; וועלכע בעגעהען ניט קיין צו־גרויסע עולות; ס'איז אויך דער געטליכער סוד צו אויפהאַלטען א בעזונדער פאָלק מיט ספּעציעלע פעהיגקייטען און אייגענשאַפטען פאַר ווע־

קען די בעסערע פעלקער צו תשובה און צו א העכערען גייסטיגען לעבען, און דער ספּעציעלער פאָלק זענען מיר אידען, אבער ווארום דאָס איז אזוי און וועלכען שכר מיר בעקומען פאר אונזער טרחה און יסורים, קענען פערשטעהן בלויז ווענינע, בלויז די יעניגע, וועלכע האבען טיעף בעגריפען דאָס יודענטהום און פיהרען אן עכט-אידישען לעבען.

די וועלט בכלל מאטערט זיך צו פערשטעהן דעם אידען און זי קען אונז נאָך זעהר ווענינ; עס זענען אויך פאראן א סך אידען, וועלכע פערשטעהען ניט דעם גאַנצען פּלאַנטער מיט דער אידישער נאציאָן; זיי ווייסען ניט פאר וואָס מיר לייַדען, צו וואָס דארפען מיר דאָס, ווארום ווערען מיר ניט אויס אידען און צי זענען מיר טאקי ערגער פון אלע פעלקער, אדער בעסער פון זיי; מיר זענען א רעטעניש פאר זיך און פאר אנדערע, אבער דער אמת איז, דאָס מיר זענען אן אויסדערוועהלט פאָלק פאר א געטליכער שליחות: א נביא-פאָלק פאר אלע פעלקער און מיר פיהרען אן אייביגען קאמף געגען זיך אליין, געגען גאָט און געגען דער וועלט, אבער איבעראל וואו מיר געפינען זיך און ווי אזוי מיר זאָלען זיך ניט אויפפיהרען, ברענגען מיר נייעס, רודערען אויף די סביבה און ערפילען אונזער פליכט וועלענדיג אדער ניט.

ווען מיר אנטלויפען פון אונזער שליחות, ברענגען מיר א שטורם אויף דער סביבה, און מיר מאכען בעקאנט די געטליכע וואונדער דורכדעם גופא וואָס מען ווארפט אונז איז ים אריין; אלע ריידען דאן וועגען דעם אידען און מען נעהמט זיך אריינטראכטען אין זיין שיקזאל, אין זיין תורה, אין זיין רעליגיאן און דערווייל ווערט בעקאנט דער געטליכער נאָמען און די געטליכע תורה.

ווען מיר קומען קיין ננוה און נעהמען מוסר'ען דעם עולם; ווען מיר פאנגען אָן צו לעבען אלס ביישפּיעל פאר אנדערע און אנדערש ווי אלע אנדערע, ווערט דערמיט נאָך מעהר מפורסם דער געטליכער נאָמען און די געטליכע תורה: סיי ווען דער פיש שלינגט אונז איין און סיי ווען ער שפּייעט אונז אויס; סיי פריהער, סיי דערנאָך, איז אימער די וועלט פול מיט אונז; מיר וועקען צו זיך דעם אינטערעס און די אויפמערקזאמקייט פון דער גאנצער מענשהייט און יעדען מאָל לאָזט דאָס איבער א געוויסען שטעמפּעל און ווירקונג אויף איהר, אזוי אז ביי היינטיגען טאָג, איז שוין די ציוויליזירטע מענשהייט היבש נאָהענט צו דעם אמת, גאָר ניט ווייט פון דעם בעגריף וועגען אחדות הבורא און וועגען ריינער מאראל, צוויי זאכען וועלכע זענען איהר גענצליך פרעמד געוועזן אפילו מיט יאָהר-הונדערטע צוריק, שוין ניט ריידענדיג וועגען יאָהר-טויזענדע צוריק.

דאָס איז דער סוד פון אונזער עקזיסטענץ דאָ אויף ד ע ר וועלט; מיר זענען דער יונה פון דער מענשהייט; מיר מוזען בעקעהרען די וועלט צו תשובה און מעשים טובים און מיר טהוען דאָס טאקי אלע מאָל ביודעים ובלא יודעים; אמאָל אָפען און שטאָלץ און אמאָל געצוואונגענערהייד; אמאָל דורכדעם וואָס די וועלט הערט אונזערע קולות דורך די פענסטער פון די בתי-מדרשים בשעת מיר לערנען אדער דאווענען, און אמאָל דורך דעם וואָס מיר שרייען בשעת מען ווארפט אונז אין ים אריין; בשעת מען שיט פעך אין שוועבעל אויף אונזערע פריידענקער און סאָציאליסטען, אויף אונזערע באנקירען, אדער באָלשעוויקעס, און בשעת מען מאכט אויף אונז אלעמען שחיטות אין פּאָגראָמען.

אנטלויפען קענען מיר ניט, ליגען ערגעץ רוהיג און דרעמלען לאָזט מען אונז ניט, ווייל עס ווערט באלד א שטורם און מען זוכט אונז אויס אין מען נעהמט זיך צו אונזערע ביינער.

און כל זמן די וועלט וועט האבען זינדיגע ננוה'עס, וועלען מיר אידען מוזען רופען, שרייען און וועקען זיי צו תשובה סיי מיר ווילען דאָס טהון, סיי ניט, ווייל באמת האבען מיר דאָס א סך מאָל ניט געוואָלט און עס האָט אינז גאָרנישט געהאָלפען, מיר האָבען געמוזט ערפילען אונזער פליכט מיט בייזען, ווען מיר האבען דאָס ניט געוואָלט טהון מיט גוטען!

„קום לך אל ננוה העיר הגדולה וקרא עליה, כי עלתה רעתם לפני!”

קאפיטעל ג'.

אונזערע כהנים און אונזערע קרבנות

ישראל אעפ"י שחטא, ישראל הוא.
(סנהדרין מד. א.)

> אונזער שיקזאל איז אין אונזערע אייגענע הענט.

ווען דאס אידישע פאלק האט אנגענומען די געטליכע תורה און אנערקענט דעם אמת וועגען דער גאטהייט, האט מען אונז געגעבען די בחירה צו אויסקלייבען לעבען אדער טוידט, אייביגען גליק אדער אומגליק; מען האט אונז אנגעזאגט און געווארענט פיעלע מאל, אין פערשיעדענע פלעצער פון דער תורה, אז מיר קענען פערבלייבען אין אונזער לאנד בכבוד, אין רייכטהום און אין גליק, **אויב מיר** וועלען אפהיטען די געטליכע תורה און ניט ארונטער פון דרך הישר. נור טאמער וועלען מיר ניט פאלגען און נעהמען דיענען די פרעמדע געטער, אזוי ווי די ארומיגע פעלקער, וועלען מיר פערלירען אונזער זעלבסט-שטענדיגקייט, פערטריבען ווערען פון לאנד און אויסשטעהן די גרעסטע צרות אלס גלות-מענשען אין אלע עקע וועלט.

דער סוף איז געווען, אז מיר זענען טאקי ארונטער פון וועג און דאס אליין איז געווארען די ערשטע אורזאכע פון אונזער אומגליק, דאס האט געבראכט א בירגערקריעג אין לאנד און שפעטער אויך דעם חורבן און דעם גלות.

דאס זעלבע ווידערהאלט זיך מיט אונז אין אלע גלות-לענדער: אויך אין דער פרעמד האבען מיר די ברירה צו אויסקלייבען צווישען לעבען און טוידט, צווישען גוטעס און שלעכטעס; אויך אין גלות קענען מיר זיך רעטען פון א סך אומגליקען דורך פערבלייבען טרייע אידען, אדער ברענגען אויף זיך חורבן און צרות דורך ארונטערקריכען פון גלייכען וועג.

מיר זענען בעשטימט געווארען פון דער השגחה צו זיין כהנים, צו ווערען א פריסטער-פאלק פאר דער גאנצער וועלט, אדער צו ווערען אליין די קרבנות; מיר האבען געקענט פערבלייבען א פריסטער-פאלק און מאכען פון אונזער לאנד א טעמפעל פאר דער גאנצער מענשהייט, אבער מיר האבען דאס פערזינדיגט און געווארען א קרבן-פאלק און פערוואנדעלט אונזער לאנד אין א קרבן-לאנד.

דאס זעלבע איז מיט אונז אין די גלות-לענדער. אפילו דא אין דער פרעמד. קענען מיר זיין כהנים אדער קרבנות און מיר זענען פריי צו אויסקלייבען איינס פון די ביידע.

זייענדיג בעשטימט צו לערנען און צו דערהויבען די מענשהייט צו א העכערער מדרגה, וואלטען מיר דאס קענען טהון אמבעסטען דורך פיהרען א שטרענג-אידישען לעבען, ריכטיג על פי התורה והמצוה; ווע מיר זאלען זיך היטען פון אלע זינד, האלטען הייליג דעם שבת, אפהיטען שטרענגע כשרות, טהרת המשפחה און זיין בעלי מדות: ניט ארומרייסען זיך, ניט פערארזאכען קיין חלול השם, ניט מסור'ן איינער דעם צווייטען, ניט זאגען קיין ליגען, היטען זיך פון גנבה און גזילה און אפילו פון גזל-עכום, וואלטען מיר במילא ווערען דערמיט א ביישפיל פאר אלעמען און מיר וואלטען דערמיט בעליעבט געמאכט די אידישע תורה אויף דער גאנצער וועלט: מיר וואלטען דאמאלס פערשנעלערט דעם אנקומען פון דער גאולה און עס וואלט אויף אונז מקוים געווארען דער „זכו אחישנה": יעדענפאלס וואלטען מיר שטארק רעספעקטירט ווערען צווישען אונזערע ניט-אידישע שכנים. און מיר וואלטען זיכער שפיעלען די ראליע אלס פריסטער אין גלות, אלס לעהרער פאר אלעמען.

ליידער האט זיך דאס אידישע פאלק בכלל אזוי ניט אויפגעפיהרט אין גלות: עס זענען בלויז געווען יחידים אין יעדען דור, וועלכע זענען געווען צדיקים תמימים און זיי זענען טאקי פערעכענט געווען אלס פריסטער ביי אידען און ביי גוים: זיי האבען צופיעל גלות ניט געליטען און אפט געהאט דעם גרעסטען כבוד זאגאר ביי דער ניט-אידישער בעפעלקערונג; די אידישע מאסען אבער, האבען אימער פערבויגען א היבשע ביסעל פון זייער אידישקייט און געלעבט א לעבען פון

זינד : מחלוקת און גאוה, כבוד־זוכעניש און נקמה, שנאת חנם און קנאה, האבען אין אלע צייטען געהערשט אויף דער אידישער גאס אין א גרויסער מאאס און מיר האבען זיך דערמיט פערהאסט געמאכט ביי די אומות העולם און געגעבען דעם שטן א שליטה איבער אונז ; מיר זענען אלזא געווארען אפט די קרבנות אנשטאט צו זיין די כהנים.

צוליעב כבוד און פוסטער גאוה, האבען אידען איבעראל געזוכט א לוקסוס־לעבען: מען פלעגט וואהנען אין פאלאצען און קליידען די פרויען אין זייד און אין סאמעט, אויפרייצענדיג דערמיט די מאסען פון די ניט־אידישע שכנים און ברענגענדיג צו פאגראמען און גירושים, ווי דאס איז בעוואוסט צו יעדען איינעם, וועלכער איז בעקאנט מיט דער געשיכטע פון אידען אין׳ם מיטעל־אלטער און ביז היינטיגען טאג.

דער געיעג נאך די תענוגי העולם הזה, האט שוין במילא געפיהרט א סך אידען צו עבירות בין אדם לחבירו, צו מסירות, צו גנבה, צו גזילה און צו אלערליי מעשים־תעתועים, וועלכע האבען פעראורזאכט א חילול השם, און ווי באלד מיר האבען שוין ניט געקענט ווערען קיין ביישפיעל פאר אנדערע מיט אונזער פרומקייט און גוטסקייט, זענען מיר געווארען אלס ביישפיעל פאר אלעמען, מיט אונזערע צרות און אומגליקען.

און ביז היינטיגען טאג עקזיסטירט דער זעלבער צושטאנד איבעראל און מיט יעדען אידישען יחיד: מיר אלע מוזען לערנען די וועלט און דערנעהענטערען זי צו די העכערע אידעאלען פון אונזער תורה און יעדער איד בעזונדער ערפילט די דאזיגע פליכט לויט זיין אייגענעם ווערטה פאר׳ן יודענטהום.

אונזערע פרומע לייט, וועלכע זענען אידיש אין זייער אויפפיהרונג און אין זייער אויסזעהען, ערפילען זיי דערמיט דעם חלק פון זייער פליכט אלס כהנים : דאס ארטהאדאקסישע יודענטהום דערמאהנט דער וועלט אונאויפהערליך, אז ס׳איז פאראן א אידיש פאלק אויף דער וועלט, וועלכער גלויבט אין איין גאט, האלט שבת, האט א באזונדער תורה און דאס אליין ברענגט שוין די אומות העולם צו פעראינטערעסירען זיך מיט אידען און מיט דער אידישער תורה; זיי געפינען אויס אויף אזא אופן, וואס דאס מיינט א איד, וואס דאס מיינט די אידישע אמונה און דאס ווירקט אויף זיי און דערנעהענטערט זיי צו דעם צוועק ; זיי ווערען אלץ מעהר און מעהר בעקאנט מיט אונזער תורה, מיט אונזערע נביאים און ווערען בעסערע מענשען.

אויב ארטהאדאקסישע אידען ליידען אויך די יסורים פון גלות, איז דאס ערשטענס דערפאר, ווייל זיי זענען ניט אין גאנצען ווי עס בעדארף צו זיין, ווי מיר ווייסען, אז דאס איז אזוי דער פאל בעונותינו הרבים, און צווייטענס ליידען זיי צוליעב די זינד פון די איבעריגע אידען, ווייל כל ישראל ערבים זה בזה, אבער בכלל ליידעט די ארטהאדאקסי ווייניגער ווי אנדערע אידען; מיר ווייסען אז אפילו אין רוםלאנד אמאל און אין פוילען איצט ליידעט די ארטהאדאקסי ווייניגער ווי די פרייע אידישע עלעמענטען און די שנאה צו איהר אין די רעגיערונגס־קרייזען איז זעהר קליין. און זי וואלט אין גאנצען ניט עקזיסטירען ווען ניט די פריידענקערישע אידען און ווען ניט געוויסע חסרונות ביי דער ארטהאדאקסי גופא, וועלכעם איז טאקי אויך געגען דער תורה.

דער אמת׳ער גלות פאנגט זיך אן דאמאלס, ווען עס בעווייזען זיך אידען האלבע אדער גאנצע אסימילאטארען, ווען מען פאנגט אן צו קריכען דעם גוי אין דער גרגרת אריין, ווען מען נעהמט מיט איהם קאנקורירען אין גוטע־גויאישקייט, אזוי צו זאגען, ווען מען וויל איהם אין אלעם איבערשטייגען און מען הערט אין גאנצען אויף צו זיין א ביישפיעל פאר איהם אלס איד און אלס פערשפרייטער פון די אידישע גייסטיגע אוצרות.

די השכלה האט צוערשט אריינגעבראכט צווישען אידען דעם פריידענקערישען גייסט און באלד נאכדעם די פאגראמען און דאס איז אויך, ווי שוין אויבען געזאגט, די ערפילונג פון אונזער מיסיע: אויב דער גוי קען ניט לערנען פון דעם אידען׳ס פרומקייט, לערנט ער פון דעם אידען׳ס צרות, פון די פאגראמען אויף דעם אידען.

אונזער שיקזאַל איז אלזא אין אונזערע אייגענע הענט, ביז צו א געוויסען גראַד. אויב מיר ווילען זיין כהנים, פּריסטער־מענשען, לעבען מיר רוהיג און אויב מיר ווילען די כהונה ניט פיהרען, ווערען מיר די קרבנות!

ווי די פריידענקער צאָהלען דעם חוב.

ווי שוין געזאָגט זענען מיר אלע קינדער פון דעם אויסדערוועהלטען פאָלק און מוזען אלע טהון די געטליכע שליחות, סיי מיר ווילען, סיי ניט און דאָס איז די מיינונג פון דעם מאמר התלמוד, „ישראל אף על פי שחטא, ישראל הוא.” אפילו א זינדיגער איד איז אויך א איד און ער ערפילט אויך די מיסיע פון דעם אידישען פאָלק, נור אויף זיין בעזונדערען שטייגער. „אז מען גיט ניט יעקב׳ן גיט מען עשו׳ן” זאָגט דאָס אידישע שפּריכוואָרט און דאָס איז אמת און הייליג; די יעניגע צווישען אונז, וועלכע ווילען זיך ניט מקריב זיין פאר אידישקייט, ווערען זיי געצוואונגען זיך צו מקריב זיין פאר אנדערע זאכען; מיר ווייסען אז טויזענדע אידישע יונגע לייט האָבען זיך מקריב געווען פאר דער רוסישער רעוואָלוציע, געזעסען אין טורמעס, אויסגעריסען געוואָרען אין סיביר, געשמיסען געוואָרען, געגאַנגען צו דער תליה און זיי האָבען זיך אלזא מקריב געווען פאָר דער מענשהייט, פאר פרייהייט, פאר אַלערליי אידעאַלען און אָפט זאָגאָר פאר פאַלשע אידעאַלען.

„ווער עס וואַרפט אַרונטער פון זיך דעם עול תורה, וואַרפט מען אויף איהם אַרויף דעם עול דרך ארץ,” זאָגען אונז די חכמי התלמוד, און דאָס קען מען זעהען קלאָהר און דייטליך אין דעם שיקזאַל פון דער איצטיגער פרייער יוגענד ביים אידישען פאָלק דאָ אין אמעריקע; מען האָט אויפגעגעבען דעם לימוד התורה ביי אונז, מען לערנט ניט מעהר אין די ישיבות, איז וואָס האָט אונזער יוגענד בעקומען דערפאַר? מיט וואָס איז זי איצט גליקליכער? זי ליגט אין די שעפּער, שקלאַפט ביי נעהען הויזען אָדער היטעלאַך און קעמפּט פאר דעם פּראָלעטאַריאַט, מיינענדיג אז דאָס איז אַ הויכער אידעאַל. כאָטש דער אמת איז, אז וועגען דעם דאָזיגען אידעאַל איז נאָך אַ גרויסע פראַגע.

די אידישע תורה און אונזערע נביאים דונערען אויך געגען אונטערדריקען דעם ארבייטער און רעכענען דאָס פאָר א שרעקליכען פערברעכען, אָבער זייער מיטעל צו אָפּשאַפען דעם פערברעכען, איז דורך דערהויבען דעם מענשליכען גייסט און זיין מאָראַל, ניט דורך פערכאַפּען די פּאָליטישע מאכט; די אידישע תורה איז געגען אונטערדריקונג אין אַלגעמיין און פון יעדען סאָרט, ווערענד דער מאָדערנער קלאסען־קאמפף איז פאָר בייטען זיך מיט די ראָליען, אַז אנשטאָט דעם וואָס די בורזשואזי אונטערדריקט דעם ארבייטער, זאַל דער ארבייטער אונטערדריקען די בורזשואזי, איז דאָס אָבער ערשטענס א פאַלשער אידעאַל, ס׳איז ניט מעהר ווי א פשוט׳ער קאמף פאר מאַכט און צווייטענס. איז דאָס א קאמף אין וועלכען ביידע צדדים מוזען גע׳הרג׳עט ווערען און וועלכער קען גאָר ברענגען א חורבן אנשטאָט א ישועה, ווי מיר זעהען איצט ווי דאָס האָט פּאַסירט אין רוסלאַנד.

אונזער אידישע אויפגאַבע וואָלט בעדאַרפט זיין צו פערשפּרייטען די תורה, צו לערנען זי און צו פּראַקטיצירען איהרע געזעצען; ווען די אידישע בעלי־בתים און אַרבייטער זאָלען אלע זיין בני תורה און אָפּהיטען די אידישע דינים ריכטיג ווי מען דאַרף, וואָלט ביי אונז צווישען ביידע קלאסען געהערשט אזא שלום און אזא ברידערליכקייט, אַז יעדער קלאַסען־קאַמף וואָלט זיין איבעריג און די אויסערע וועלט וואָלט דאן האָבען א פּאַרטיגען ביישפּיעל פון די בעסטע בעציהונגען צווישען אַרבייטער און בעל הבית, אָבער אַזוי ווי מיר ווילען דאָס ניט טהון, מיר ווילען ניט זיין די פריסטער און לעהרער פאר דער מענשהייט אין דיעזען פאַל, מוזען מיר אויף אַן אנדער אופן העלפען אָפּשאַפען די שקלאַפעריי פון די אַרבייטער און ווערען די קרבנות פון דעם קאמף...

וויפיעל אידישע יונגע־לייט האָבען שוין פערלאָרען זייער לעבען אין דעם קאמף צווישען קאפּיטאַל און ארבייט! וויפיעל קרבנות עס האָט שוין ביי אונז צוגענומען דער קאמף פאר פרייהייט אין רוסלאַנד! וויפיעל אידישע לעבענס עס האָט שוין אָפּגעקאָסט די רוסישע רעוואָלוציע און ווער ווייסט וויפיעל עס וועט נאָך קאָסטען!

דאָס זענען אלץ אונזערע קרבנ׳ת וואָס מיר ברענגען אויף דעם מזבח פון צי־

ווליזירען די וועלט דורך בייזען, ווייל מיר ענטזאגען זיך צו לערנען זיי ווי צו שטייגען העכער מיט'ן גוטען ווילען.

מיר אידען האבען א כלל: „מגלגלין חוב על ידי חייב!" א שטראף אויף איינעם קומט אימער דורך א שליח וואס איז אליין אויך א שולדיגער; ווען איינער ווערט פארמשפט אין הימעל בע'גנב'עט צו ווערען אדער ערמארדעט צו ווערען, טהוט עס שפעטער א גנב און א מערדער, אבער ניט א פיינער עהרליכער מענש: דאס זעלבע איז מיט אונזער יוגענד, וועלכע קעמפפט דעם קלאסען־קאמף. אונזערע אזוי־גענאנטע „רויטע" מכל המינים.

זיי זיינען נעבאך חייבים, זיי זענען שולדיג אין ארונטערווארפען פון זיך די תורה און די אלע אידישע פליכטען, קלייבט מען פאר זיי אויס דעם געפעהרליכען „דזשאב" צו פיהרען און צו העלפען אין דעם קלאסען־קאמף; אויב רוסלאנד למשל דארף חרוב ווערען, סיי אויף אימער און סיי ווי מאנכע בעהויפטען, אום צו אויפבויען אויף די חורבות א בעסערע רוסלאנד, און אויב די דאזיגע ארבייט פון חרוב מאכען זי מוז געהאלפען ווערען דורך אידען, קלייבט מען אויס פאר דיזער ארבייט אזא כופר בעיקר ווי טראצקי און זיינס גלייכען, ווייל דער ווילנער רב אדער דער „חפץ חיים", זאלען זיי ביידע מאריך ימים זיין, וועלען די ארבייט זיכער ניט וועלען טהון; זיי וועלען ניט וועלען, אז צוליעב זייערען אן אויפטהו זאל פערגאסען ווערען אן איינציגער טראפען בלוט, אדער אפילו אן איינציגע טרעהר, וועהרענד ביי טראצקי'ן, ביי יפה'ן, ביי ליטווינאווען און נאך דארטען ביי אזעלכע כופרים, זענען ימים טרעהרען און בלוט אויך גארנישט.

דאס אידישע פאלק איז דער זויער־טייג פון דער וועלט. דורך אונז וואקסט דער טייג און ווערט געראטען און דורך אונז ווערט ער אמאל מכולה: די גאטהייט בענוצט זיך מיט אידען סיי פאר ברענגען גוטעס און סיי פאר ברענגען שלעכטעס אויף אלע פעלקער; דורך די טרייע עהרליכע אידען שיקט ער די ברכה און דורך די אונטרייע, גאטלאזע אידען, שיקט ער אפט די קללה, אזוי אז יעדע מדינה קריגט אריין אזעלכע אידען ווי זי פערדיענט און יעדער איד ערפילט די געטליכע מיסיע לויט זיין זכות אדער לויט זיין חוב

ס'איז יעדענפאלס א פאקט וואס קיינער וועט ניט אפלייקענען, אז אונזער פריידענקערישער עלעמענט לעגט אוועק אונגעהייערע כחות פאר דאס וואס ער דענקט, אז ס'איז אין די אינטערעסען פון דער מענשהייט, אין די אינטערעסען פון אנדערע פעלקער, כאטש די מעהרסטע פון דיעזער חברה פערבלייבען אליין אידען; און דאס בעשטעטיגט דאך די טהעאריע, אז מיר זענען וועלט־שמשים, אז מיר ארבייטען נור פאר אנדערע פעלקער, נור דער אידישער באנקיר העלפט די רעגיערונגען מיט הלואות און דער אידישער רעוואלוציאנער העלפט די ארבייטער־קלאסען צו בעקעמפפען די בורזשואזי; דער אמת איז, אז די ביידע טהוען דאס אונבעוואוסטזיניג: זיי ערפילען זייער מיסיע צו שטופען די פערשיעדענע פעלקער פארווערטס אדער ריקווערטס, יעדערער לויט זיין זכות אדער חוב: ווער עס שמעקט נאך מיט אביסעל אידישקייט שטופט די וועלט פארווערטס און ווער עס האט אין גאנצען פערלארען דעם אידישען ריח, שטופט זי ריקווערטס, ווייל אונזער מיסיע איז צו שטופען, צו שלעפען, צו לויפען פאראויס; מיט אונז בענוצט זיך די גאטהייט סיי פאר בויען, סיי פאר צושטערען, סיי פאר פרעדיגען שלום און גליק, סיי פאר זאגען נביאות אויף א שווארצען פינסטערען סוף.

אויך די וואס לייקענען אין אונזער געטליכער מיסיע, צאהלען אלזא דעם חוב פון דער זעלבער מיסיע און זענען „בראדער שמשים" ביי די אומות העולם, נור די פרומע אידען העלפען די רעגיערונגען און דער מענשהייט בכלל, וועהרענד די מעהרסטע פריידענקער העלפען בלויז דער ארבייטער־קלאס, ווייל זיי גלויבען, אז נור דורכדעם וועט קומען די ישועה אויף דער וועלט.

אויך די פריידענקערישע אידען זענען קינדער פון דעם אתה־בחרתנו־פאלק גענען זייער וויסען און טראץ זייער לייקענען אין דעם. ווייל בלויז מיט'ן מויל לייקענען זיי אפ זייער יחוס, אבער מיט זייערע טהאטען בעשטעטיגען זיי דאס, והראיה, זיי ארבייטען זעלטען פאר די אינטערעסען פון זייער אייגענעם פאלק, זיי זענען זאגאר געגנער צו דעם אידישען נאציאנאליזם און זיי ארבייטען נור פאר

דער וועלט, נור פאר די אנדערע פעלקער, אבער ניט אלס כהנים און לעהרער, נור אלס קרבנות, ברענענדיג אפט זיך אליין און אנדערע אידען אויף'ן פייער.

די געפאהר פון גאטלאזיגקייט ביי אונז.

און אצונד ווען מיר וויסען שוין, אז מיר מוזען סיי ווי סיי ערפילען די געטליכע מיסיע פון העלפען בויען דאס גוטע אויף דער וועלט און צושטערען דאס שלעכטע, און ווען מיר קומען צו'ם בעשלוס, אז דער איד וועלכער וויל דאס ניט טהון דורך תורת משה, ווערט ער אריינגענארט אין זאק און טהוט דאס זעלבע דורך תורת קארל מארקס, ווערט דאך פאר אונז קלאהר, אז ס'איז פיעל בעסער צו זיין כהנים ווי צו זיין קרבנות; ס'איז פיעל בעסער צו זיין זכאים און מזכה זיין די וועלט מיט דער געטליכער הויכער מאראל דורך לערנען זי, איידער צו זיין חייבים חלילה און העלפען דעם אשמדאי אין זיין צושטערונגס־ארבייט.

די צרה איז, וואס מיר אידען ווערען אלע געהאלטען פעראנטווארטליך פאר אונזערע גאטלאזע יחידים און מיר ליידען פאר זייערע זינד, אבוואהל מיר זענען אומשולדיג. די וועלט זאגט ניט, אז עטליכע אידען זענען אין רוסלאנד באלשעוויקעס, נור אז אלע רוסישע אידען זענען דאס, און די רוסען אליין זוכען ניט זיך צו נוקם זיין בלויז אן די אידישע קאמיסארען, נור אן אלע רוסישע אידען, אזוי, אז פאר אונזערע גאטלאזע יחידים ליידען מיר אלע, און דער אמת איז, דאס מיר זענען טאקי יא שולדיג אין אלעם, ס'הייסט, ניט אין די מעשים תעתועים פון די טראצקי'ס, נור אין דעם וואס צווישען אונז האבען געקענט אזעלכע אידישע קינדער אויסוואקסען.

פון וואנען קומען גאר צו אונז אזעלכע אידישע קינדער, וועלכע זוכען עוקר מן השורש צו זיין דאס אידישקייט ? פון וואנען קומט צו אונז אזא גרויסע צאהל גאטלאזע צווישען דעם יונגען דור ? דאס איז אונזער אייגענע שולד דורך און דורך : מיר האבען זיי אליין געפיהרט דערצו אויף פיעלע וועגען ; מיר האבען זיך פשוט מוסר נפש געווען אין מאנכע פעלע צו מאכען גוים פון אונזערע אידישע קינדער !

טויזענדע אידען אין רוסלאנד האבען אליין אוועקגעריסען זייערע קינדער פון למוד התורה און מיט אלערליי קונצען זיי אריינגעשפארט אין די גימנאזיעס ; טויזענדע אידען טהוען דאס זעלבע אויך אין דיעזע לענדער; זיי זוכען פאר זייערע קינדער קאריערעס, ווילען זיי אויסבילדען אלס לאיערס, דאקטוירים און דענטיסטען, און עס ארט זיי פיעל מעהר ווען זייערע קינדער ברענגען שלעכטע ,,מארקס'' פון דער גויאישער שולע, איידער דאס וואס זיי דאווענען ניט, לערנען ניט און ווילען די הייליגסטע אידישע מצוות ניט היטען.

פיעלע אנדערע גאנץ־פרומע אידען קוקען גלייכגילטיג וואס אויף דער אידישער גאס ערשיינט א הפקר־פרעסע, וועלכע פערדיגט גיפט פאר דער יוגענד ; די פרומע טאטעס און מאמעס לעזען אליין די דאזיגע פרעסע און קוועלען אן פון איהרע ,,חכמות,'' לאבען זיך מיט די נבול־פה־ראמאנען און ערלויבען נאטירליך דער גאנצער הויז־געזינד צו לעזען דאס דאזיגע שמוץ, איז שוין עפעס א וואונדער, אז די גאטסלאזיגקייט פערשפרייט זיך אויף דער אידישער גאס און אז שפעטער ווען דאס ברענגט צו שחיטות אויף אידען, ליידען די טאטעס און מאמעס נאך מעהר ווי זייערע גאטלאזע קינדער ?

דער חילול־שבת אליין איז שוין גענוג צו ערציהען א פאלשטענדיג־גאטלאזען דור, און אז מען איז א מחלל שבת, ווערט שוין די טהרת המשפחה אויך ניט אפגעהיט און פאר כשרות, זאגט מען מען דאן, זאל דער רב זארגען, הייסט אז ביי אזעלכע טאטעס ווערען געבוירען קינדער ממזרים און בני נדה, און קיין אידישע ערציהונג קריגען די אומגליקליכע קינדער אויך ניט, טא ווי אזוי זאלען מיר האבען א אידישע יוגענד ? ווי אזוי זאלען די איצטיגע אידישע קינדער ניט זיין גאטלאז ? ווי אזוי זאלען זיי ניט קריכען אין אלע פייערען און ניט ברענגען כל הצרות אויף כלל ישראל ?

די דאזיגע גאטלאזיגקייט צווישען אונז, האט געבראכט דערצו, אז מיר האבען היינט אידישע שונאי ישראל פון דעם ערגסטען מין; ניט נור מומרים להכעים, נור אמת'ע המנס, וועלכע זוכען טייפלישע מיטלען צו פערניכטען די גאנצע אי־

דישע נאציאן: מיר האבען א פרעסע, וועלכע שפייעט אויף אלעם וואס איז הייליג ביי אידען, ערשיינט יעדען שבת און יום טוב ווי אנדערוואכען, לאכט זיך אויס עפענטליך פון תורת משה; מאטערט זיך זאגאר צו בעווייזען בק"ן טעמים, אז די תורה איז א שפעטערע געפעלשטע ארבייט פון פערשיעדענע מענשען און איז קיינמאל ניט גענעבען געווארען אויף'ן בארג סני, אפילו ניט פון משה'ן און פון גאט אודאי ניט.

וואס קען מען ערווארטען פון א אידישען דור, וועלכער ווערט געבארען פון זינד, וויקט זיך אין כפירה און שפייזט זיך מיט אזא פרעסע? וואס פאר א נחת קענען ערווארטען די טאטעס פון דעם דאזיגען דור אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט? אידען זענען מיר נאך אלץ און אונזער מיסיע אויף דער וועלט מוזען מיר טרייבען ווייטער, וועלען מיר חלילה מוזען אלע ווערען קרבנות, ווייל די כהונה האבען מיר אוועקגעווארפען און ווילען פון איהר ניט וויסען!

„ישראל אעפ"י שחטא ישראל הוא"; פאר גאט און פאר דער וועלט פערבלייבען מיר אידען אפילו ווען מיר זענען די תורה ניט מקיים און לאכען זיך אויס פון איהר; אין הימעל האבען מיר קיין אויגען ניט און אויף דער ערד האבען מיר קיין פנים ניט; מיר זענען ארומגערינגעלט פון שונאים וועלכע זוכען אונז צו דערשטיקען און אויב מיר האבען ניט דעם זכות פון גוטע-אידישקייט, קריגען זיי די שליטה איבער אונז און מיר זענען דאן הפקר פאר אלע אונבעשרייבליכע רציחות און שחיטות חו"ש!

דער אמת איז דאך, אז די תורה האט ניט בלויז געזעצען, אין וועלכע עס איז לייכט פאר יעדען עם הארץ צו לייקענען, נור זי איז אויך א קאנטראקט צווישען גאט און דעם אידישען פאלק און וואו עס שטעהט בפירוש, אז פאר אוועקגעהן פון די געטליכע געזעצען ווערען מיר בעשטראפט מיט א שרעקליכער תוכחה, און דאס קען דאך קיינער ניט אפלייקענען, אז דער קאנטראקט איז אימער אפגעהיט געווארען ביז צו דעם לעצטען ווארט, ווען מיר האבען די תורה פערווארפען; מיר האבען דאך יעדען מאל געבלוטעט מיט אלע אכט און נייינציג קללות פון דער תוכחה און מיר בלוטען נאך עד היום מיט זיי אין מאנכע לענדער!

ביים ענדע פון דיעזען העפט, וועט דער לעזער געפינען די ווערטערליכע איבערזעצונג פון דער תוכחה, און זאל אימעצער אפלייקענען, אז דאס האט ניט פאסירט מיט'ן אידישען פאלק ביים חורבן און שפעטער אין אלע אנדערע גלות-לענדער ביז היינטיגען טאג!

די גאטלאזיגקייט צווישען אונז, מיינט דעריבער די גרעסטע געפאהר פאר אונזער עקזיסטענץ, פאר אונזערע לעבענס און פאר די לעבענס פון אונזערע ליעבסטע, די עלטערען, די פרויען, די קינדער און מיר שפיעלען זיך פשוט מיט פייער. ווען מיר ערלויבען צווישען זיך אזא כפירה, אזא גאטלאזע פרעסע און אזא ווילדע הפקרות אויף דער אידישער גאס!

שלום-ווארט.

מיר זענען אידען; מיר זענען גאט'ס אויסדערוועהלטער פאלק; מיר האבען די געטליכע שליחות צו פראקלאמירען פאר דער גאנצער וועלט דעם אמת וועגען דער איין-גאטהייט, וועגען הויכער מאראל, גערעכטיגקייט, וועגען י ו ש ר , מענשען-ליעבע, גלייכהייט און פרייהייט פאר אלעמען; מיר מוזען וועקען די מענשהייט פון איהר שלאף און שכרות פון איהר בארבאריזם און ווילדקייט; מיר מוזען זי רופען צו תשובה און אליין דיענען אלס ביישפיעל פאר איהר.

דאס אלעס קענען מיר ערדייכען דורך פיהרען א אידישען לעבען, דורך אפהיטען די אידישע טראדיציעס און דורך ערציהען אונזערע קינדער על פי דרכי התורה, פונקט ווי אונזערע עלטערען האבען אונז ערצויגען.

מען קען זיין א פאבריקאנט און א טרייער איד; און מען קען אויך זיין א לאיער, אדער א דאקטאר און בלייבען א ריכטיגער איד און אט דערצו דארפען מיר שטרעבען ; אויף אזא אופן דארפען מיר ערציהען אונזערע קינדער און אליין זיין א ביישפיעל פאר זיי.

עס איז פאראן ביי אונז א דין, אז ווען איינער כאפט זיך אין מיטען דאווענען, דאס ער האט סתם געזאגט די ווערטער אויסווענינ און ניט בכונה, זאל ער לאזען דעם שטן האלטען דאס וואס יענער האט שוין אריינגעכאפט און ראטעווען

דאָס איבעריגע, דערדאַווענען די צווייטע העלפט מיט דעם ריכטיגען עיון תפלה און פונקט דאָס זעלבע מוזען מיר טהון מיט אויפהאַלטען דאָס אידישקייט, סיי דער כלל דאַרף אַזוי טהון און סיי יעדער איד בעזונדער.

וואָס געווען איז פערפאַלען; דאָס פערגאַנגענע קען מען ניט צוריקכאַפּען, אָבער אויף להבא מוז מען שנעל ענדערען דעם סדר החיים און ראַטעווען דאָס וואָס קען נאָך גערעטעוועט ווערען; די יונגע קינדער מוזען געשיקט ווערען אין די תלמודי־תורה און אין די ישיבות; די טאַטעס מוזען אויפגעבען דעם חלול שבת און חזוק הדת אויף אַלע געביטען מוז ווערען די זאָרג פון דעם כלל און דעם פּרט.

בעקעמפען די הפקרות אין דער אידישער גאַס און ביי זיך אַליין אין הויז, דאַרף ווערען דער פייערדיגער וואונש פון יעדען אידען, ווייל אויב מען זאָל אַלעס איבערלאָזען ווי עס געהט, וועט די הפקרות חלילה בעזיעגען דאָס אַנשטענדיגע אין׳ם יודענטהום און ברענגען אויף אונז די גרעסטע געפאַהר פון אינוועניג און פון דרויסען.

אַ שטאַרקער דעת הקהל קען פּאָזיטיוו אונטערברענגען די שבת־אויסגאַבען פון דער אידישער פּרעסע און צווינגען זי אין אַלגעמיין צו פערהאַלטען זיך מיט רעספּעקט צו אונזער אמונה; אַ צייטונג איז פאַר נייעס און וועלט־פּאָליטיק, אָבער אַזוי שנעל ווי זי טרעט אריבער דיעזען גרעניץ און נעהמט אַטאַקירען אי־דישקייט אויף אירגענד וועלכען אופן, טאָהר זי קיין איד אין האַנד ניט נעהמען און טאָהר אין איהר ניט אַדווערטייזען.

די תוכחה

(כי תבוא כ״ח. ט״ו—ס״ח)
איבערזעצט פון ב. צ.

און אויב דו וועסט דיין גאָט ניט הערען
צו טהון און היטען וואָס ער הייסט,
וועט ער דיר קללות פיעל בעשערען
אַט וואו דו געהסט און וואו דו שטעהסט.

אין פעלד, אין שטאָדט און איבעראַל,
פערשאָלטען דאַמאָלס איז דיין קאָפּ,
פערשאָלטען איז דיין קאַרב מיט פּרוכט,
פערשאָלטען איז דיין טייג אין טאָפּ.

פערשאָלטען איז דיין פּרוכט פון בויך,
און אויך די פּרוכטען פון דיין ערד,
פון דיינע רינדער, דיינע שאָף,
פון דיינע בהמות, דיינע פערד.

פערשאָלטען ביזטו ווען דו קומסט,
פערשאָלטען ווען דו געהסט אַוועק;
וועסט אַרבּייטען אָהן מזל־ברכה
צוטומעלט, פעהלערהאַפט, אָהן צוועק.
וועסט קיינמאָל קיין שום זאַך עררייכען,
וועסט אַלעס טהון מיט אַ חסרון,
ביז וואַנען דו וועסט אונטערגעהן,
ווייל מיך, דיין גאָט, האָסטו פערלאָרען.

און גרייכען וועט דיך א מגפה,
וואָס וועט דיך צונעהמען אלס קרבן,
וועסט ווערען אָפּגעמעקט, פערשוואונדען
פון׳ם לאַנד וואָס דו האָסט זיך ערוואָרבען.

און שלאָגען וועט דיך גאָט מיט קרענק,
מיט שווינדזוכט, מיט קדחת, הוסט,
מיט אויסצעהרונג און ברענעניש,
מיט זאַנגען איינגעדאַרט און פוסט,
און יאָגען וועט עס דיך גאַנץ־לאַנג,
ביז קומען וועט דיין אונטערגאַנג.

די הימלען וועלען זיין ווי קופּער,
קיין וואָלקען קיינמאָל דיר ניט ווייזען
און אונטער דיר דער באָדען טרוקען,
א פרוכטלאָזער און הארט ווי אייזען.

וועסט האָבען שטויב און בערג מיט זאַמד
אַנשטאָדט דעם גאָט־געבענשטען רעגען,
דער טוי וועט אויסמיידען דיין לאַנד,
פערניכטונג וועט דיר געהן אַנטקעגען.

* * *

געיאָגט, געפּלאָגט פון דיינע פיינד,
וועסט קיינמאָל זיעגען באין אופן;
אויף איין (1) וועג וועסטו זיי בגעגנ׳נען,
אויף זיבען וועסטו פון זיי לויפען,
און ס׳וועט דיין שיקזאל זיין כסדר
פאַר אלעמען א שרעק און שוידער.

ארום דיין קערפּער וועלען חיות
און רויב־פויגלען זיך קלייבען,
דיין נבלה וועלען זיי צופרעסען
און קיינער וועט זיי ניט צוטרייבען.

ס׳וועט גאָט דיך שלאָגען מיט א קרעץ,
ס׳וועט זיין א שרעק דיך צו בעריהרען;
מיט בייזע שמערצפולע מערידין
וואָס קיינער קען זיי ניט קורירען.

ס׳וועט גאָט דיך שלאָגען מיט א וואַהנזין
פאַר דיינע פיעלע גרויסע זינד,
מיט קלעמעניש און הארץ־וועהטאָג,
מיט ווערען פלוצלונג בלינד.

וועסט טאַפּען אין א העלען טאָג
ווי אין דער פינסטערניש א בלינדער
און וואו דו וועסט זיך קעהרען, ווענדען
וועט דיין „שלימזל״ זיין געשווינדער...
וועסט זיין בעגזלט און בערויבט,
און קיינער העלפט דיר, קיינער גלויבט.

וועסט זיך פער'קנס'ען מיט א מיידעל,
נור לעבען וועט מיט איהר א צווייטער...
וועסט אויסבויען פאר זיך א הויז,
פאר אימעצען א גליק א גרייטער...
א וויינגארטען וועסטו פערפלאנצען, —
א פרעמדער נעהמט עס צו אין גאנצען.

מען שעבט דיין אקס פאר דיינע אויגען —
זיין פלייש וועסטו ניט עסען;
מען נעהמט ביי דיר דיין עזעל צו —
איהם אומקעהרען וועט מען פערגעסען.
עס נעהמט אוועק דער פיינד דיין שאף —
צוריקנעהמען פון איהם ניט האף.

דיין זוהן און טאכטער געה'ן אוועק
צו פרעמדע פעלקער, ס'העלפט קיין בעטען;
דיין הארץ צושפרונגען ווערט פאר וועהטאג,
ביזט מאכטלאז זיי צו רעטען.

דיין פראצע און דיין הארעוואניע,
פון שונא ווערט פערדארבען,
און וואו א רויבעריי, א שחיטה.
ביזטו דער אומגליקליכער קרבן.

וועסט צוזעהענדיג דיינע צרות,
אראפ פון זינען, ווערען משוגע
און זיי, די רויבער דיינע, בלייבען
די פיינע, די גערעכטע, קלוגע...

* * *

מיט שלעכטע קרעץ בעדעקט דיין לייב,
וועט זיין פון אויבען ביז אראפ:
אן אונהיילבארע בייזע קרענק
פון דיינע פיס און ביז'ן קאפ.

פערשיקען וועט דיך גאט פון לאנד
צוזאמען מיט דיין פיהרער, קעניג,
צו ווייטע, אוננבעקאנטע פעלקער,
וואו שקלאפען וועט איהר אונטערטהעניג,
און דארטען דיענען וועט איהר געטער,
געמאכט פון פראסטע שטיין און ברעטער.

און איבעראל, אין אלע לענדער
וואו ס'וועט פערטרייבען דיך דיין גאט,
וועסטו פערהאמט זיין און פערשאלטען,
ביי אלעמען צו שאנד און שפאט.

* * *

דיין פעלד וועט וואקסען שטארק געראטען,
ארונטערנעהמען אבער — ניין!
דער היישעריג וועט עס פערניכטען
בשעת דיין תבואה וועט נאך שטעהן.

וועסט שאפען וויינגערטנער מיט מיה,
דיין וויין פערזוכען אָבער — ניין!
די ווערים וועלען עס צופרעסען
און איבערלאָזען אַלעס ריין.

וועסט האָבען איילבערטען אַהן שיעור,
דעם בוימאייל אָבער צאפען — ניין!
די איילבערטען וועל'ן זיך צושיילען
פערטריקענט ווערען ווי א ביין.

וועסט האָבען זיהן און טעכטער פיעל,
דערלעבען נחת אָבער — ניין!
דער פיינד וועט זיי געפאַנגען נעהמען
און איבערלאָזען דיך אַליין.

וועסט האָבען בוימער אַלערליי,
הנאה האָבען אָבער — ניין!
עס וועט צופרעסען זיי דער מאָיל,
פערניכטען זיי פון גרויס ביז קליין.

* * *

דער גר, דער פרעמדער צווישען דיר,
וועט אימער העכער, העכער שטייגען
און דו וועסט זינקען טיעפער, טיעפער,
אימער ניד'ריגער זיך צייגען.

ניט ער ביי דיר, נאָר דו ביי איהם
וועסט באָרגען געלד אין אונגליק, בראָד,
ווייל ער דער פיהרער איז, דער קאָפּ
און דו, דער עק, וואָס שלעפּט זיך נאָך.

און קומען וועלען דיעזע קללות,
דיך נאָכיאָגען, דערגרייכען ווייט,
ס'וועט פאַלשטענדיג פערניכטען דיך
די גרויזאַמע און בייזע צייט.
ווייל דו האָסט ניט געפאָלגט דיין גאָט,
זיך אויסגעלאַכט פון זיין געבאָט.

און ס'וועט א צייכען זיין פאַר דיר
און פאַר די קינדער דיינע אייביג;
וועסט זעהן אַלעס ווערט מקוים
און דאַן וועסט שוין ווערען גלויביג.

און ווייל דו האָסט פערראַטען גאָט,
אַרויסגעלאָזט איהם פון דיין זינען
פון צופיעל גוטעס איהם פערוואָרפען,
און ניט געוואָלט, א י ן פ ר י ד, איהם דיענען.

דערפאַר די שונאים דיענען וועסטו,
איז הונגער, דורשט, און ליידען, נויט,
און אויף דיין האַלז א יאָך פון אייזען,
ס'טו טראָגען ביז דו'ס'ט פאַלען טויט.

ס'וועט ברענגען גאָט אויף דיר א פאָלק
פון ווייט, עק־וועלט, א ווילדע זאַך,
ער'ט פליהען ווי אַן אָדלער שנעל
און אונפערשטענדליך ז'דיר זיין שפּראַך.

א פּרעכעס, בייזעס, שלעכטעס פאָלק,
אַן אונ'בחחמנות'דיגער ווילדער;
ער שוינט ניט הויכע עלטער, זקנים,
מיט פיצלאַך קינדער ז'ער ניט מילדער.

און אויפפרעסען וועט ער ביי דיר
די פרוכט פון בהמות און פון לאַנד,
דייז קאָרן, ויין און איילבערטען,
פערכאַפּען וועט זיין שטאַרקע האַנד.
פאַר דיר קיין זאַך בעוויליגען,
ביז ער וועט דיך פערטיליגען.

בעלאַגערען ט'ער דיינע שטעדט,
ביז דיינע פעסטונגען וועל'ן פאַלען,
ארום דיין מויער אין א קרייז,
ט'ער טריאומפירענד שאַלען.

און דו, פערשפּאַרט פון אַלע זייטען,
ארומגערינגעלט פון דיין שונא
וועסט אויפעסען די פרוכט פון בויך,
די קינדערלאַך די קליינע.

דער אדעלמאַן ענטזאַגען וועט
זיין ברודער, זיין ליעב־קינד און ווייב,
צו געבען זיי א שטיקעל פלייש
פון זיינע אנד'רע קינדער'ס לייב
וואָס ער אַליין ט'עס זעהר גערן
אין זיינע הונגער־טעג פערצעהרען
ווען שטעהן דער שונא וועט ביים וואַנד
און אויסהונגערען גאַר דיין לאַנד.

די עדלע אריסטאָקראַטקע,
וואָס האָט אין לעבען ניט געשטעלט
איהר פוס א באָרוועסע אויף דר'ערד
אוים צופיעל רייכטהום, צופיעל געלט,
ענטזאַגען וועט איהר מאַן, איהר זוהן
א שטיקעל פלייש פון איהר ליעב־קינד,
וואָס זי האָט ערשט געבאָרען היינט,
ווייל זי אַליין וועט עס געשווינד
פערצעהרען גלייך נאָך'ן געבורט,
צוזאַמען מיט דאָס בלוט און „ארט"
וואָס קומט אַרוים ביים קימפּעט דאָרט...
דאָס אַלעס וועט זי שטילערהייט
בעהאַלטענדיג זיך ערגעץ ווייט
פערצעהרען גאַנץ אַליין פאַר זיך.
אין יענער בייזער אונגליקס־צייט
ווען שטעהן דער פיינד וועט אין א קרייז,
ניט צולאָזענדיג קיין שום שפּייז.

אָט דאָס פּאַסירען וועט מיט דיר.
אויב האַלטען וועסטו ניט מיין תורה,
אויב פורכטען וועסטו ניט פאַר גאָט.
ניט האָבען פאַר זיין נאָמען מורא.

און משונה'דיג וועל'ן זיין די קלעפּ
פאַר דיר און דיינע קינדער אַלע,
אַזעלכע מאָדנע קלעפּ און ווירקזאַם,
אויך קראַנקהייטען גאָר ניט-נאָרמאַלע.

ס'וועט גאָט אויף דיר אַרויפשיקען,
מצרים'ער מכות יענע שרעק,
פאַר וועלכע דו פלעגסט ציטערען
יעצט קומען וועל'ן אויף דיר די שלעק.

אויך מכות, וועהטאָגען און קרענק,
וואָס שטעה'ן אין תורה ניט פערשריבען.
וועט גאָט אויף דיר אַרויפברענגען
ביז דו אויף תל וועסט זיין צוריבען.

נאָכדעם ווי גרויס וועט זיין דיין צאָהל
נאָך מעהרער ווי אין הימעל שטערע,
פערבלייבען וועט פון דיר גאַנץ ווענינ,
אויב מיך, דיין גאָט, וועסטו ניט הערען.

און גראַדע ווי איך פלעג מיך פרעהען
צו טהון אייך גוטעס און פערמעהרען,
אזוי וועט עס מיך פרעהען שפּעטער
צו פּלאָגען, שטראָפען, צו צושטערען;
פערטיליגען, פערניכטען, שלאָגען
און פון דיין מדינה דיך פעריאָגען.

און ס'וועט דיך גאָט אזוי צושפּרייטען.
פון איין עק וועלט, אַזש ביז'ן צווייטען
וועסט דאָרטען דיענען פרעמדע געטער,
וועסט זוכען פאַר זיך נייע רעטער,
וואָס ניט דיין טאַטע, ניט דיין זיידע,
האָב'ן ווען עס איז געקענט זיי, ביידע.

און דאָרטען צווישען פרעמדע פעלקער,
וועסטו ניט רוהען קיין מינוט,
בלויז האַרץ-וועהטאָג, יסורים, צרות,
פאַר שרעק פערגליווערט ווערט דיין בלוט.

דיין לעבען ט'הענגען אויף א האָהר
סיי טאָג, סיי נאַכט, וועסט אימער זאָרגען,
ווייל שוועבען וועט פאַר דיר דער טוידט,
דו וועסט ניט גלויבען אין דיין מאָרגען.

פריה-מאָרגענס וועסטו בעטען גאָט,
עס זאָל שוין שנעלער ווערען נאַכט,
ביי נאַכט וועסטו שוין ווידער ווינשען,

הלואי וואָלט גאָט דעם טאָג געבראַכט,
ווייל פיהלען וועט דיין הארץ א שרעק,
און אונגליק אָהן א סוף, אן עק.

ס'וועט גאָט דיך אומקעהרען אין שיפען,
צום לאַנד מצרים! ס'וועט געשעהן!
טראָצדעם וואָס איך האָב דיר געזאָגט,
וועסט יענעם פלאַץ ניט מעהר שוין זעהען.
אין דאָרטען וועסטו צו דיין פיינד
זיך אָנבאָטען אין שקלאַפעריי,
נור קיינער וועט דיך קויפען וועלען,
— מען וועט דיך לאָזען שטאַרבען פ ר י י!....

פונקט ווי אמאל, אין ארץ ישראל, אזוי איז אויך איצט אין די גלות־לענדער. כל זמן דער איד היט זיין תורה, לעבט ער גליקליך און צופריעדען, אבער ווען ער גיט זי אויף גיסט זיך אויף איהם, חלילה, אוים א גאנצע אדער א האלבע תוכחה.

א איד צו זיין און אין א אידישער סביבה צו לעבען, איז א פריווילעגיע און א ברכה, אבער נור דאן ווען אידישקייט לעבט און בליהט; ווען די אידישע תורה ווערט רעספעקטירט און געהיט; ווען מיר לערנען די תורה, פראקטיצירען א געזונטען אי־דישען לעבען און שטעהען אימער אויף דער וואך געגען אלעם וואס איז כנגד דער תורה, אבער קוים איז די אידישע סביבה פערפוילט און עס הערשט אין איהר דער גייסט פון כפירה און הפקרות, איז די גרעסטע געפאהר צו געפינען זיך אין אזא פלאץ, א וואהרער סכנות נפשות, ווייל אויף אזא סביבה שוועבט א חורבן ר"ל און עס ערוואַרטעט זי ניט קיין גוטעס!...

מיר קענען זיך פון דעם געטליכען קאנטראקט מיט אונז,, ניט בעפרייען; מיר קענען צייטווייליג ווערען אוים־אידען, ניט־וועלענדיג אויספאלגען די תורה, אבער מיר קענען ניט ווערען אוים־אידען אויף ניט צו בעצאהלען די שטראף דאפיר!

,,ישראל אעפ"י שחטא, ישראל הוא!" מיר פערבלייבען אימער אידען, אויב ניט אויף האלטען די תורה, איז חלילה אויף בלוטען פאר אנטלויפען פון איהר!...

דער אתרוג און דער לולב.

(פון ב. צ.)

דער לולב און דער אתרוג האבען אנגעפיהרט א סארט דעבאטע.
דאבּיי, דער לולב האט דעם אתרוג קריטיקירט,
הלמאי ער האלט זיך פאר א יחסן און שטאלצירט,
בעהאלט זיך און פערשטעקט זיך אין א קעסטעלע מיט וואטע;
ער מאכט זיך פאר אזא מין טהייער שטיקעל סחורה,
אט ממש ער זאל פאר גנבים דארפען האבען מורא.

,,דו דארפסט זיך גאר צו מיר ניט גלייכען, לאנגער רוט!"
געענטפערט האט דער אתרוג זעהר שטאלץ,
,,ביזט טרוקען, אהן א טעם און ריח, ווי א האלץ.
דו האסט ניט וואס צו אנווערען, דאגעגען ווייסטו גוט,
אז איך פערמאג פיעל זאפט און אויך א פיינעם דופט,
און קען דאס לייכט פערלירען אויף דער ,,פרייער" לופט!..."

דער איד איז ווי דער אתרוג, צופיעל פרייהייט שאדט איהם.
ער טאָהר ניט לעבען ווי דער פרייער לולב ראטה איהם!...

פארווארט:

צו בעווייזען מיט ראיות פון שכל, פאר א גייסטיג־געזונטען נארמאלען מענשען, אז ס'איז פאראן א גאט אויף דער וועלט, איז אייגענטליך אזוי לעכערליך ווי צו ארויסקומען אין גאס, אין מיטען העלען טאג מיט א חלב'ענער ליכטעל אין האנד צו בעווייזען אימעצען, אז ס'איז פאראן א זון אין הימעל, וועלכע בעלייכט און בעווארימט די גאנצע וועלט, אבער ס'איז א פאקט, אז פיעלע מענשען זענען געשלאגען מיט אזא בלינדקייט, רחמנא לצלן, אז זיי קענען די ליכט פון דער זון ניט פערטראגען, אונטער איהר גרויסער שיין ווערט זיי פינסטער אין די אויגען, איז אום צו צייגען די דאזיגע בלינדע ווי די זון מיט איהרע שטראהלען קוקען אויס, מוז מען זיי אריינגעהמען אין א פינסטערען חדר און ביי דער שיין פון א קליינער ליכטעל אויסמאהלען פאר זיי אלעס אויף'ן פאפיר.

דער אמת איז, דאס די גאנצע נאטור איז איין גרויסער, שטענדיגער לויב־געזאנג צו גאט און די געטליכע ליכט איז פול איבעראל; די גאנצע וועלט איז איין גרויסער פרק שירה און אויך דער מענש קען אמבעסטען אויסדריקען און בעגרייפען דעם געדאנק פון געטליכקייט דורך זינגען אדער הערען יענעם זינגען א לויב־געזאנג צו גאט, ווייל דער ערהאבענער געדאנק וועגען געטליכקייט, איז ווי דער געפיהל פון מוזיק, וואס אפעלירט צום הארצען א סך מעהר ווי צום שכל און וואס ערשט נאכדעם ווי מען האט דעם מוזיקאלישען געפיהל אין הארצען, קען מען איהם ענטוויקלען און בעסער בעגרייפען זיין שעהנקייט דורך טרוקענע, שכל'דיגע ערקלעהרונגען.

אט דעריבער וועט דער דורכשניטליכער לעזער קענען לערנען א סך מעהר וועגען דער איין־גאטהייט דורך דעם איבערזעצטען לויב־געזאנג „כתר מלכות", אין דער צווייטער העלפט פון דיעזען העפט, ווי דורך דער ערשטער העלפט, וואו דער בעגריף וועגען גאט ווערט ערקלעהרט דורך טרוקענע בעווייזע און פילאזאפישע ארגומענטען.

די מעהרסטע אנגעגעבענע בעווייזע, זענען דא ניט דעם פראפעסער'ס, נור גענומען דורך איהם פון אלטע, וועלט־בעריהמטע פילאזאפישע ווערק און וועלכע ער האט בלויז בעארבייט און לייכטער געמאכט צום פערשטעהן, ווערהענד די פראכטפולע פאעמע „כתר מלכות", איז פון איהם איבערזעצט געווארען פינקטליך, כמעט ווארט פאר ווארט, אויסער א קליין שטיקעל אין מיטען, וואו דער געטליכער משורר בעזינגט די פלאנעטען אנגעבענדיג זייער הימלישע פאזיציע און בעדייטונג לויט דעם אמאליגען אסטראנאמישען בעגריף, וועלכער איז איצט ניט אינטערעסאנט, אבער אפילו דער ארויסגעלאזטער שטיקעל איז דא אויך איבערגעגעבען געווארען בקיצור, אזוי אז די וואונדערבארע געטליכע פאעמע פון ר' שלמה ן' גבירול איז איהר איבערזעצונג פאלשטענדיג און אזוי גוט ווי גאנץ.

דער לעזער דארף אבער פערשטעהן, אז אום צו בעקומען דעם בעגריף וועגען מציאת השם פון דיעזען העפט, מוז ער עס דורכלעזען עטליכע מאל, ווייל ס'איז א מועט המחזיק את המרובה, (א ביסעל וואס ענטהאלט א סך.) דאס זעלבע איז מיט דער איבערזעצונג „כתר מלכות": דאס איז די פראכטפולסטע פאעמע וועגען דער גאטהייט, וואס איז ווען פערפאסט געווארען אויף דער וועלט און מיט וועלכער עס האבען זיך געקוויקט און קוויקען זיך נאך די גרעסטע דענקער און פאעטען פון אלע צייטען און פעלקער, דעריבער מוז זי איבערגעלעזען ווערען עטליכע מאל, איידער מען קען דערזעהען איהר גאנצען פראכט און אפשאצען דעם קאלאסאל־גרויסען ווערטה פון איהר אינהאלט.

דער „כתר מלכות" ווערט אין א סך קהלות געזאגט אין שוהל אין דער כל־נדרי־נאכט און צומארגענס יום כפור פאר מוסף, עס איז אבער אזא פרעכטיגע פאעמע, וואס צו אריינקוקען אין איהר אפילו יעדען טאג אין יאהר, איז אויך ניט איבעריג.

און אצונד, פריינד לעזער, עפען אויף דיינע אויגען, קוק אריין אין דיעזען העפטעל און זעה אויב דו ביזט ניט געוועזן ביז איצט א בלינדער, און אויב יא, צי קענסטו ניט געפינען דא דיין רפואה און ווערען זעהענדיג!

דער פראפעסער.

פאַראַן א גאָט אויף דער וועלט!

אכן יש אלהים במקום הזה ואנכי לא ידעתי.
(בראשית ז. טז.)

דאָס צווייפלען אין דער עקזיסטענץ פון גאָט.

די פראַגע אויב עס איז פאַראַן א גאָט אויף דער וועלט, דאַרף אייגענטליך ביי אונז אידען גאָר קיין פראַגע ניט זיין, ווייל מיר האָבען בקבלה פון אונזערע אור־עלטערען, פון פאָטער צום זוהן, פון דור צו דור, אַז אונזער פאָלק האָט געזעהען אָפענע געטליכע נסים, געהערט די געטליכע שטימע אויף'ן באַרג סני און געזעהען צעהנדליגע אַנדערע מאָל די געטליכע האַנד אַרום זיך. ווי למשל דעם מן, דעם שטיין וואָס האָט געגעבען וואַסער, די שטראָף פאַר קורח'ן און אַזוי ווייטער.

א פאַרשטענדיגער איד קען אויך איינזעהען, אַז ס'איז פאַראַן א גאָט אויף דער וועלט, דורך דער וואונדערליכער עקזיסטענץ פון דער אידישער נאַציאָן ביז היינטיגען טאָג; מיר זענען די איינציגע נאַציאָן אין דער וועלט, וועמעס צוקונפט עס איז פינקטליך פאַראויסגעזאָגט געוואָרען מיט יאָהר־טויזענדע צוריק דורך משה רבינו אין דער געטליכער תורה, און דאָס קען דאָך נור ערקלעהרט ווערען אַלס מעגליך, דורך מודה זיין, אַז ס'איז פאַראַן א גאָט, פאַראַן א געטליכע תורה און אַז משה איז געוועזען א געטליכער נביא.

די ניט־אידישע וועלט איז אָבער געווען גוואַלדיג אונוויסענד אין יענע טעג פון דער געטליכער ענטפלעקונג צום אידישען פאָלק; מען האָט דאַמאָלס געגלויבט אין כישוף און צויבער־קראַפט, און אויך די געטליכע נסים דורך משה'ן זענען פון די אַנדערע פעלקער אַנגענומען געוואָרען אַלס כישוף, אַבוואָהל איצט ווייסט מען שוין, אַז כישוף איז נור א קונץ צו מאַכען אימעצען גלויבען געוויסע זאַכען וואָס ווערען באמת ניט געטהון, אָבער מען קען דערמיט ניט ברענגען צעהן מכות אויף א לאַנד, שפּאַלטען א ים, אַז מענשען זאָלען איהם דורכגעהן, אָדער אויף אַן אַנדער אופן ענדערען די נאַטירליכע געזעצען. די שפּעטערע ניט־אידישע דורות האָבען שוין געלייקענט אין משה'ס כישוף אויך און זיי האָבען בעהויפּטעט, אַז די גאַנצע געשיכטע פון **יציאת מצרים** איז א לעגענדע, אָבער פון דעסטוועגען האָט די דאָזיגע לעגענדע **וועגען דער ענטשטעהונג** פון דער אידישער אמונה אין אחדות הבורא, אַרויסגערופען אין דער וועלט א גאַנצע רייהע דיסקוסיאָנען און פילאָזאָפישע חקירות, און די „לעגענדאַרע" תורה איז היבש הייליג ביי דער וועלט, מיט דער צייט אָבער, ווען מאַנכע אידען האָבען אויך גענומען צווייפלען אין דער אמת'דיגקייט פון דער תורה און אין דער עקזיסטענץ פון גאָטהייט, האָבען אויך איינינגע אידישע געלעהרטע גענומען פערשטאַרקערען די אמונה אין גאָט דורך פילאָזאָפישע אַרגומענטען און אַלערליי שכל'דיגע בעווייזע.

דער רעזולטאַט פון די אַלע חקירות איז א פערשיעדענאַרטיגער. איינינגע זענען געקומען צום בעשלוס, אַז די וועלט איז א קדמון, וועמעס אור־שפּרונג קיינער קען ניט וויסען, נור אַז זי האָט זיך ענטוויקעלט שטופענווייז אין פערלויף פון אונצעהליגע מיליאָנען יאָהר; אַנדערע פילאָזאָפען ווידער. און צווישען זיי אויך די גרעסטע אידישע פילאָזאָפען, בעווייזען מיט שכל'דיגע ראיות, אַז ס'איז פאַראַן א גאָט, וועלכער איז אייביג און אַז ער האָט די וועלט בעשאַפען און קען זי אויך אין א מאָמענט אָפּשאַפען.

די לעבערליכקייט פון די צווייפלער.

לויט דער אידישער רעליגיאָן, טאָהר א פרומער איד גאָר ניט דיסקוטירען די דאָזיגע פראַגע אויב ס'איז פאַראַן א גאָט אויף דער וועלט. מיר דאַרפען דאָס גלויבען, אפילו און טראָצדעם, וואָס מען קען עס מיט פעסטע ראיות ניט באַווייזען, און מיר דאַרפען זיך אַרונטערנעהמען א ראיה פון זיך זעלבסט: מיר ווייסען קיינער ניט וואָס דאָס איז אַזוינס א נשמה, וואו זי ליגט אין אונז, ווי זי קוקט אויס, און דאָך ווייסען מיר אַז די נשמה עקזיסטירט אין אונז, אַז אָהן איהר קענען מיר ניט לעבען און אַז אין דעם מאָמענט ווען זי געהט אַרויס פון אונז, שטאַרבען מיר, אַזוי אויך עקזיסטירט די גאָטהייט אין אונז און אַרום אונז, טראָצדעם וואָס מיר קענען דאָס ניט זעהען און ניט הערען.

דאָס דאַרף אָבער ניט אויסגעטייטשט ווערען, אַז אונזער רעליגיאָן פערבאָט אונז חקירה, כדי מיר זאָלען פערבלייבען אונוויסענד און כדי מיר זאָלען איהר נאָכפאָלגען בלינד, נור זי פערבאָט אונז די חקירה וועגען גאָט, ווייל דאָס איז א נוצלאָזע, לעכערליכע בעשעפטיגונג און דערצו טאַקי א שעדליכע, און יעדער איינער קען לייכט איינזעהען, אַז דאָס איז ווירקליך אזוי.

מיר פילאָזאָפירען און ווילען דערטראַכטען מיט'ן שכל, אויב ס'איז יאָ פאַראַן א גאָט אָדער ניט, און דער דאָזיגער שכל גופא איז אונז געגעבען געוואָרען פון דעם זעלבען גאָט, איז דאָך ממה נפשך: אויב גאָט וואָלט וועלען, אַז מיר זאָלען איהם דערקענען און בעגרייפען, וואָלט ער זיך פשוט לאָזען זעהען און הערען, און אויב וויעדער ער טהוט עס ניט, איז דאָך א סמן, אַז ער ווייל ניט דערקענט ווערען, האָט ער דאָך מסתמא לכתחלה אזוי געשאַפען דעם שכל, אַז מיר זאָלען זיין בעגרעניצט און ניט אומשטאַנדע צו דערקענען אונזער בעשעפער.

מיר וויסען יעדענפאַלס, אַז שכל איז א בעגרעניצטע זאַך, וועלכע ווערט אונז געגעבען אין א בעגרעניצטער מאָאס, ניט ביי יעדען און ניט אין אַלע צייטען, פון איין גרויס, אזוי אַז וואָס א געוויסער מענש קען עררייכען מיט זיין שכל אַלס דאָס העכסטע, איז ביי א צווייטען מענשען מיט א גרעסערען שכל, א קינדער־שפּיעל, און וואָס די אַמאָליגע קליגסטע האָבען געהאַלטען פאַר א חכמה, איז פאַר די היינטיגע דורות די גרעסטע נאַרישקייט. טאָ ווי אַזוי קען מען בויען אויף אַזאַ שכל וואָס איז ניט פאָלקאָם און וואָס מאָרגען קען קומען א גרעסערער שכל און דאָס געבויעטע חרוב מאַכען?

מיר זעהען דאָך טאַקי פאַקטיש, אַז גאַנצע פילאָזאָפישע טהעאָריעס, וועלכע זענען פאַר יאָהר־הונדערטע גערעכענט געוואָרען אַלס שטאַרקע פעסטונגען, זענען אין שפּעטערע דורות אומגעוואָרפען געוואָרען ווי קאָרטען־הייזקעס, און סיי די בויער, סיי די צושטערער האָבען בענוצט דעם שכל.

דאָס איז א בעווייז אפילו פאַר די יעניגע וועלכע לייקענען אין גאַנצען אין גאָט, אַז אויף'ן שכל איז לעכערליך צו בויען; זאָל זיין, אַז דעם שכל האָט „א פּריץ פערלאָרען" און זיי, די לייקענער אין גאָט, האָבען עס צופעליג געפונען, איז דאָך דאָס ביי זיי סתם אַזאַ אַרטיקעל אויף וועלכען מען קען זיך ניט פערלאָזען, ווייל עס איז ניט פאָלקאָם, נור קליין, שוואַך און אָפט קרום; מאַנכעס מאָל קען איין מענש ניט בעגרייפען אפילו דאָס, וואָס א צווייטער מענש בעגרייפט עס יאָ, טאָ ווי קענען מיר טראַכטען וועגען בעגרייפען דעם בעשאַפער פון שכל, ווער אָדער וואָס ער זאָל ניט זיין, און וועלכער מוז דאָך אודאי זיין מיליאָנען מאָל גרעסער פון זיין שאַפונג?

דערפון איז געדרונגען, אַז ס'איז בכלל לעכערליך צו לייקענען אין זאַכען וועלכע מען קען ניט בעגרייפען מיט'ן שכל, ווייל ערשטענס קענען זיך געפינען אויף דער וועלט מענשען מיט א גרעסערען שכל, וועלכע זאָלען יאָ בעגרייפען די זעלבע אונבעגרייפליכע זאַך, און צווייטענס, אויב אַזעלכע מענשען זענען אין דעם גאַנצען דור ניטאָ, קענען זיי קומען אין די נעקסטע דורות. דאָס ניט־בעגרייפען איז ניט קיין בערעכטיגונג אויף לייקענען; איך קען ניט אָפּלייקענען, למשל, די איינשטיין־טהעאָריע וועגען ליכט, דערפאַר ווייל איך בעגרייף זי ניט, עס זענען פאַראַן אַנדערע מענשען, וועלכע בעגרייפען זי יאָ און דאָס וואָס איך פּערזענליך קען עס ניט בעגרייפען, איז בלויז א ראיה אויף מיין אייגענער גייסטיגער אָרימקייט, אָדער עם הארצות אין דעם בעטרעפענד'ען ענין.

פילאָזאָפירען מיט'ן שכל וועגען דער עקזיסטענץ פון גאָט, איז דעריבער פאַר דעם געוועהנליכען מענשען סתם א נאַרישקייט און אונזערע חכמי התלמוד זענען דעריבער גערעכט געווען מיט זייער בעהויפּטונג, אַז א איד דאַרף ניט פילאָזאָפירען וועגען גאָט, נור גלויבען דאָס וואָס ער ווייסט וועגען דעם בקבלה און עס איז א פאַקט, אַז די יעניגע וועלכע פאַנגען אָן צו פילאָזאָפירען איידער זיי האָבען איינגעפלאַנצט אין הארצען די ריינע אמונה, קריכען זיי אַרונטער פון וועג גאָר אין גאַנצען, וועהרענד דער אמת'ער בעל־אמונה, ווערט נאָך מעהר איבערצייגט אין זיין גלויבען דורך דעם פילאָזאָפירען וועגען דעם, ווי דאָס וועט דאָ באַלד ער־זלעהרט ווערען.

גלויבען און וויסען געהען צוזאמען ביידע.

פיעלע מאכען א טעות אין דער בעדייטונג פון די צוויי ווערטער „גלויבען" און „וויסען", דענקענדיג אז דאס זענען צוויי בעזונדערע, גאנץ פערשיעדענע זאכען, זיי זאגען אז אויב איינער ווייסט עפעס, איז שוין ניט שייך צו זאגען, אז ער גלויבט עס און ווען איינער גלויבט אין עפעס, איז דאס א סמן, אז וויסען ווייסט ער דאס ניט, דער אמת איז אבער, אז גלויבען און וויסען געהען האנד אין האנד; ווען דער מענש גלויבט, ווייסט ער און ווען ער ווייסט, גלויבט ער און גלויבען אהן וויסען אדער וויסען אהן גלויבען קען גאר ניט געמאהלט זיין. צי דען וועט אימעצער גלויבען איינעם זיין געלד איידער ער ווייסט איהם אלס עהרליכען מענשען ווען ס'איז מעגליך צו גלויבען? אדער צי דען וועט איינער האבען אמונה אין א דאקטאר צו לאזען זיך מאכען אן אפעראציע, איידער ער ווייסט איהם אלס ספעציאליסט אין דעם דאקטאר־פאך? דער יעניגער וועלכער גלויבט אזעלכע זאכען ניט וויסענדיג, איז ניט קיין גלויביגער, נור פשוט א נאר; אזא גלויבען האבען עמי הארצים, ווייבער און קינדער אין איבערנאטירליכע באבע מעשיות און דאס רופט זיך ניט גלויבען, נור אבערגלויבען, טפשות; אזעלכע נאראנים גלויבען אין אלעס „פתי יאמין לכל דבר", און ווער עס גלויבט אין אלעס, גלויבט אין גארנישט, ווייל ער בייט זיין גלויבען לויט די אומשטענדען און לויט יעדער קליינער ענדערונג וואס ער ענטדעקט, אבער גלויבען פעסט אין עפעס, מוז מען וויסען אין וואס און וועמען מען גלויבט, ווייל ריכטיגע אמונה קען ניט זיין אהן וויסען, און אז איינער ווייסט ניט אויב יענער איז א דאקטאר אדער ניט, קען ער אין איהם קיין אמונה ניט האבען אלס אין אזעלכען.

דאס זעלבע קען אויך ניט זיין קיין וויסען אהן אמונה, אויב איך גלויב ניט, אז צוויי מאל צוויי איז פיער, ווייס איך דאס ניט און אויב איך ווייס עס זיכער, גלויב איך אויך דערינען. ווען איך ווייס, אז דער בעל חוב האט מיר בעצאהלט און דער דאקטאר האט מיך אויסגעהיילט, גלויב איך אין זיי און וועל מיך וויעדער אנטרויען אין זייערע הענט.

און ווען עס קומט צו בעגרייפען די געטליכקייט, מוזען אודאי און אודאי אמונה און וויסען געהן צוזאמען, ווייל גלויבען אליין, אדער וויסען אליין, קען דא ניט געמאהלט זיין, אבער ביידע צוזאמען יא; דער מענש מוז קודם כל וויסען און בעגרייפען, אז דאס איז איבער זיין שכל צו בעגרייפען די געטליכקייט גאר אין גאנצען, און אט דאס גופא מיינט „אמונה", ווען איינער האט שוין זוכה געווען צו בעגרייפען, אז די געטליכקייט איז אונבעגרייפליך, איז ער שוין א גלויביגער און דאן מוז ער זוכען צו פערגרעסערען זיין וויסען אין דעם אזוי וויט ווי ער קען, אזוי אז וואס מעהרער ער וועט וויסען, דאס ער ווייסט ניט, אלץ גרעסער וועט זיין די אמונה ביי איהם און פערקעהרט, דער וויסען וועט שטארקען די אמונה און די אמונה וועט שטארקען דעם וויסען, ביז ער וועט דערגעהען צו דער העכסטער שטופע פון וויסען, אז ער ווייסט גארנישט, און דאס איז די העכסטע אמונה; דער מענש וועלכער ווייסט שוין אז ער קען ניט, און ווארום ער קען ניט בעגרייפען די גאטהייט, איז דער אמת'ער מאמין און ער מוז דאס שוין זיין, און אזוי געהען די ביידע, אמונה און וויסען, צוזאמען, אמונה איז דער אנפאנג און אמונה איז דער ענדע־צוועק און דער וויסען איז דער מיטען, וועלכער פעראייניגט דעם אנפאנג מיט'ן ענדע־צוועק.

אין אנדערע ווערטער: אמונה איז די זריעה און וויסען איז דער שניט און וואס א גרעסערער שניט, אלץ א גרעסערע נייע זריעה נאך דעם און וויעדער א גרויסער שניט פון דער נייער זריעה, און די ביידע יאגען־נאך איינס דאס צווייטע, ווי ביי א פארמער, זריעה און שניט, זריעה און שניט.

דער יעניגער וועמען עס פעהלט די זריעה גאר אין גאנצען, ווער עס טרעט־צו צו דער אידישער תורה גאר אהן אמונה, זעהט ער אין איהר נאר פינסטערניש און נארישקייט; ער געפינט אין איהר אונפערשטענדליכע זאכען און ווייל ער דענקט, אז דאס קומט דערפון וואס זי איז פעהלערהאפט, לייקענט ער אין איהר גרויסקייט און ער זוכט גארניט צו פערטיעפען זיך אין איהר וויסענשאפטליך, טא ווי אזוי קען ער געפינען דעם וויסען ניט־זוכענדיג איהם? דאגעגען דער מאמין. ווייסט ער קודם, אז אין דער תורה זענען ניטא קיין פעהלערען, נור אויב עטוואס איז אונפערשטענדליך, איז ער מבטל זיין אייגענעם שכל און זעהט דעם

פעהלער אין זיך זעלבסט, ער אַנערקענט, אַז דאָס וואָס ער פאַרשטעהט ניט, שטעהט מסתמא העכער פון זיין שכל, דעריבער נעהמט ער זוכען, פאָרשען און לערנען ווייטער, טיעפער, ביז ער געפינט דעם וויסען און ווייסט שוין דאָס וואָס ער האָט פריהער ניט געוואוסט, ער האָט אַלזאָ פערזייהט אמונה און געשניטען וויסען, ווייל אַז מען זוכט געפינט מען, און געפינענדיג נאָך דער אמונה דעם וויסען, ווערט זיין אמונה נאָך שטאַרקער און דיביידע האַלטען זיך צוזאַמען ווי דער פלאַם מיט דער ברענענדער האַלעוועשקע.

ווי אזוי די פילאָזאָפי בעשטעטיגט די גאָטהייט.

די אידישע געלעהרטע, וועלכע האָבֿען צוערשט גענומען זוכען פילאָזאָפישע בעווייזע אויף דער עק־זיסטענץ פון דער איין־גאָטהייט, האָבֿען זיי דאָס ניט געטהון אום צו ווערען אַליין גלויביג, ווייל זיי האָבֿען סיי ווי סיי געהאַט אין זיך פריהער פאַלשטענדיגע אמונה, דורך דעם וויסען וואָס זיי האָבֿען געשעפט פון דער אידישער תורה און וועלכע האָט אַן און פיר זיך די גרעסטע בעווייזע אויף דער עקזיסטענץ פון גאָט, אָבער אום צו פערשטעהן אונזער תורה, מוז מען זי צו־ערשט פיעל שטודירען, און אויף דעם אופן ווי מיר האָבֿען פריהער געזאָגט, נעמ־ליך: צוטרעטענדיג צו איהר מיט אמונה און זוכענדיג דעם וויסען. נור אזוי ווי אונזערע געלעהרטע זענען אָפט געצוואונגען געוועזען צו דיסקוטירען מיט ניט־אידען אָדער מיט אידישע לייקענער אין דער תורה, האָבֿען זיי זיך געפונען געצוואונגען צו זוכען איינפאַכע שכל־אַרגומענטען מיט וועלכע צו בעשטעטיגען די עקזיסטענץ פון א גאָט און דאָס ערשטע וואָס זיי האָבֿען דאַבֿיי געמוזט טהון, איז געוועזען צו בעווייזען על פי שכל, אַז די וועלט איז ניט קיין קדמון וואָס האָט זיך אַליין בע־שאַפען אַמאָל, נור אַז זי איז בעשאַפען געוואָרען דורך א געטליכער קראַפט.

און די בעווייזע דערויף, ווי מיר געפינען זיי אין אונזערע חקירה־ספרים, זע־נען באמת שטאַרקע און זענען אָנגענומען געוואָרען אויך ביי עטליכע פון די גרעסטע ניט־אידישע פילאָזאָפען, אָבער אום צו ענטוויקלען דאָ יעדען בעוויז פון אָנפאַנג ביז ענדע וואָלט זיך פאָדערען צו פערפאַסען א נייעם גרויסען בוך און צו מיעד מאַכען דעם לעזער מיט טרוקענע גאַנץ־האַרטע לעזע שטאָף און וואָס ניט יעדער איינער איז דאָס גאָר מסוגל צו פערדייען, וועלען מיר דעריבער געבען אין קורצען די עטליכע כללים, וועלכע זענען אויסגעפונען און בעשטעטיגט געוואָרען פון דער גאַנצער וויסענשאַפטס־וועלט, און לויט וועלכע כללים עס ווערט דאַן בעוויזען, אַז ס'איז פאַראַן א גאָט אויף דער וועלט.

די כללים זענען ווי פאָלגט:

1) יעדע זאַך אויף דער וועלט, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון עטליכע זאַ־כען, איז א בנייעטע, ס'הייסט, אַז פריהער איז זי ניט געוועזען און נאַכהער איז זי געוואָרען.

2) קיין שום זאַך אין דער וועלט, קען זיך אַליין ניט בעשאַפען, ווייל ענטוועדער עס מוז זיך בעשאַפען איידער עס איז דאָ, אָדער נאָכדעם ווי עס איז שוין דאָ און ביידע זאַכען זענען אונמעגליך, איידער די זאַך איז דאָ, איז דאָך עס גאָרנישט און גאָרנישט קען קיין שום זאַך ניט בעשאַפען, און נאָכדעם ווי עס איז שוין דאָ, דאַרף עס דאָך זיך שוין ניט בעשאַפען, ווייל עס איז דאָך שוין דאָ.

3) צו יעדען אָנפאַנג איז דאָ א סוף און דאָרטען וואו עס איז פאַראַן א סוף, איז געוועזען אַן אָנפאַנג, און אויב א זאַך האָט געהאַט אַן אָנפאַנג, איז א סמן אַז זי איז בעשאַפען געוואָרען דורך א צווייטען, וועלכער האָט עקזיסטירט פריהער פון איהר.

4) יעדע זאַך פון וועלכער מען קען אַרויסנעהמען א טהייל פון איהר, א בע־גרעניצטען חלק איהרען, וועלכער האָט אַן אָנפאַנג מיט א סוף, איז א סמן, אַז די גאַנצע זאַך האָט אויך אַן אָנפאַנג מיט א סוף, בלויז פון א זאַך וואָס איז אייביג אָהן אַן אָנפאַנג און אָהן א סוף, קען מען קיין בעזונדער טהייל ניט אַרונטערנעה־מען, ווייל עס איז ניט שייך צו זאָגען אַז עס קען זיין א גרעסערע אייביגקייט און א קלענערע אייביגקייט; אָט ווי נור מיר זאָלען אָפּשפּאַלטען פון דער אייביגקייט א שטיקעל בעזונדער אייביגקייט, האָט דאָך שוין דער שטיקעל אַן אָנפאַנג און ער איז שוין ניט קיין אייביגקייט. מוז מען זאָגען, אַז די אייביגקייט איז איינס און קיינמאָל ניט צוטהיילבאַר.

דיעזע פיער כללים זענען אַבסאָלוט אויסגעהאַלטען און ווערען בעשטעטיגט פון דער גאַנצער וויסענשאַפטס-וועלט און דורך זיי מוז מען קומען צום בעשלוס, אַז אונזער וועלט, ווי מיר זעהען זי, האָט ניט די סמנים פון אייביגקייט אין זיך און עס איז געוויס פאַראַן אַן אַנדער אייביגקייט וואָס האָט יאָ די נויטיגע סמנים און וועלכע האָט אונזער וועלט בעשאַפען, ווייל יענע אייביגקייט איז נאַטירליך געוועזען אין עקזיסטענץ פריהער פון אונזער וועלט.

אצונד וועלען מיר דאָס קלאָהר מאַכען.

קודם ווייסען מיר, אַז אונזער וועלט איז אַ צוזאַמענגעשטעלטע פון פיעלע זאַכען, הייסט עס, אַז לויט'ן כלל איינס, איז זי אַ בענייעטע, פריהער איז זי ניט געוועזען און נאַכהער איז זי געוואָרען.

פון אונזער וועלט קען מען אָפּטהיילען אַ בעגרעניצטען חלק, וועלכער האָט אַן אָנפאַנג מיט אַ סוף; מען קען למשל נעהמען איין מענשען אָדער אַ גאַנצען דור און אָפּטהיילען עס (אין געדאַנק) פון דער גאַנצער מענשהייט און זעהען דעם אָנפאַנג און דעם סוף פון דעם אָפּגעטהיילטען מענשען אָדער פון דעם דור. און מיר קענען זיך אפילו פאָרשטעלען, אַז די מענשהייט האָט געקענט זיין מענשהייט אין גאַנצען אָהן דעם אָפּגעטהיילטען חלק איהרען און דאָס איז נור מעגליך, לויט דעם כלל פיער, ווייל די גאַנצע מענשהייט איז אַ בעגרעניצטע און פון אַ בעגרעניצטער זאַך קען מען ארויסנעהמען אַ שטיקעל אין מיטען און צוזאַמענרוקען ביידע זייטען מאַכענדיג דערפון ווידער אַ גאַנצע זאַך נור אַ קלענערע, אָבער פון אַן אייביגקייט, אָהן אַן אָנפאַנג און אָהן אַ סוף, איז דאָך ניט שייך אַרויסצונעהמען אַ שטיקעל אין מיטען, ווייל אייביגקייט האָט ניט קיין גרעסערס און קלענערס, עס איז אונענדליך איינס.

און ווי באַלד, אַז מיר זעהען, דאָס געוויסע טהיילען פון אונזער וועלט האָבען אַן אָנפאַנג און אַ סוף, מיינט דאָך דאָס, אַז אונזער גאַנצע וועלט האָט אַן אָנפאַנג מיט אַ סוף, און אַ זאַך וואָס האָט אַן אָנפאַנג האָט דאָך לויט כלל צוויי זיך אַליין ניט געקענט בעשאַפען, מוז מען דעריבער זאָגען, אַז זי איז בעשאַפען געוואָרען פון אַ צווייטען, וועלכער איז געוועזען פריהער און וועלכער איז אַן אייביגקייט, אונענדליך, טהיילט זיך ניט, אָהן אַן אָנפאַנג, אָהן אַ סוף און איינס.

און דאָס איז וואָס מיר רופען „גאָט".

דער חילוק צווישען די וואָס זאָגען, אַז די וועלט איז אַ קדמון, (ס'הייסט אַן אַלטע שוין-לאַנג-עקזיסטירענדע זאַך, זייט מיליאָנען יאָהרען און וועלכע האַלט זיך בסדר אין ווייטערען ענטוויקלען.) און צווישען די יעניגע וואָס זאָגען, אַז ס'איז פאַראַן אַ גאָט וועלכער האָט די וועלט בעשאַפען, בעשטעהט אין דעם, וואָס די קדמונ'יסטען לאָזען איבער די וועלט-בעשאַפונג מיט אַ פראַגע-צייכען, וועהרענד די גלויביגע אין גאָט, גיבען אויף דעם אַ קלאָהרען ענטפער: ווען מען פרעגט אַ קדמונ'יסט ווער עס האָט איהם בעשאַפען, ענטפערט ער: „די וועלט-נאַטור האָט מיך בעשאַפען!" פרעגט מען איהם נאַכהער: „און ווער האָט די וועלט-נאַטור בעשאַפען?" האָט ער אייך דערויף קיין ענטפער, ווייל ער קען ניט זאָגען, אַז די וועלט איז אַן אייביגקייט וואָס ציהט זיך פון אָהן אַן אָנפאַנג ביז אָהן אַ סוף, ווי מיר האָבען דאָס בעוויזען פריהער און די קדמון-פילאָזאָפען זאָגען דאָס טאַקי ניט, נור ביי דער פראַגע „ווער האָט די וועלט בעשאַפען?" בלייבען זיי שטעהן, זאָגענדיג, אַז דאָס אָרט זיי שוין ניט, וועהרענד דער גלויביגער אין גאָט וויל דאָ ניט בלייבען שטעהן נור ער געהט ווייטער און ענטוויקעלט דעם פילאָזאָפישען געדאַנק טיעפער, אַרויסברענגענדיג, אַז דער וואָס האָט די וועלט בעשאַפען, האָט ניט געקענט זיין קיין אַנדערער ווי נור מיט די אויבענדערמאָהנטע סמנים — אַן אייביגער, אָהן אַן אָנפאַנג און אָהן אַ סוף, וועלכער טהיילט זיך ניט, נור איז אַבסאָלוט איינער און וועלכען מיר רופען „גאָט", און ערשט אָט דאָ, ביי דער פראַגע, „וואָס אַזוינס איז גאָט און ווי קען אַזאַ גאָט געמאָהלט זיין?" בלייבט דער גלויביגער שטעהן און ענטפערט דעם תירוץ, אַז ווייטער איז דער מענשליכער שכל ניט אומשטאַנד צו געהן, ווייל ער האָט ניט די כלים צו שטייגען העכער.

איינפאַכערע סמנים אויף מציאת השם.

ביז איצט האָבען מיר דאָ געבראַכט די פאָאר טיעף-פילאָזאָפישע בעווייזע וועגען דער עקזיסטענץ פון אַ גאָט, וועלכער האָט די וועלט בעשאַפען, אָבער מען קען זיך

אויך אַרונטערלאָזען אַביסעל נידעריגער און א ו י ך איינזעהען דאָס זעלבֿע, ווי איוב האָט געזאָגט: „ומבשרי אחזה אלוה", פֿון מיין אייגענעם קערפּער זעה איך די געטליכקייט.

דער אמת איז, דאָס יעדער מענש פֿיהלט אין זיך זעלבסט די געטליכקייט. ער פֿיהלט אינסטינקטיוו אַ מורא פֿאַר גאָט און זעהר אָפֿט פֿיהלט ער אַ נויטווענדיגקייט צו אויסגיסען זיין האַרץ פֿאַר גאָט, נור עס איז די תאוה, די לוסט צו לעבען און געניסען, וועלכע רייסט איהם אָפּ פֿון גאָט און מאַכט איהם פֿאַר אַ כופר, והראיה, טויזענדע כופרים ווערען טאַקי בעלי תשובה און פֿרומע רעליגיעזע מענשען, נאָכדעם ווי די תאוה פֿערלאָזט זיי אין צייט פֿון קראַנקהייט אָדער אַלטקייט; דאָס האַרץ ווערט דאַן בּיי זיי ניט מעהר אונטערדריקט פֿון דער תאוה און עס האָט אַ געלעגענהייט צו אַריינשושקען זיי אין אויער, אַז ניט די נאַרישקייטען זענען דער צוועק פֿון לעבען, נור עטוואָס אַנדערש.

דער פֿאַקט וואָס מענשען בכלל זענען רעליגיעז־געניגטע בּרואים און וואָס אימער האָבען זיי געהאַט און האָבען עפּעס אַ גאָטעס־דיענסט, מעג עס אַפֿילו זיין אַ געצענדיענסט, איז אַ נאַטירליכער בעוויז, דאָס טיעף אין אונז געפֿינט זיך ערגעץ אַ געטליכער פֿונק, וועלכער שטרעבט צו זיין קוואַל, צו דער גאָטהייט, נור אָפֿט ווערט דער דאָזיגער פֿונק דערשטיקט פֿון אַנדערע לעבענס־אינטערעסען, און ס'איז אונזער פֿליכט צו ענטוויקלען דעם דאָזיגען פֿונק און צו זעהען וואָס אונטער איהם געפֿינט זיך, דאָס וואָס די רעליגיאָן טהוט טאַקי באמת און וואָס דורכדעם איז אויסגעפֿונען געוואָרען, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט, פּונקט ווי מענשען האָבען בּיסלעכוויז אויסגעפֿונען דורך די ערשטע עלעקטרישע פֿונקען, אַז ס'איז פֿאַראַן אַ גרויסע עלעקטרישע קראַפֿט אויף דער וועלט דורך וועלכער מען קען לייכטען, וואַרימען און שלעפּען משא. דער פֿונק האָט אַלזאָ געצייגט, אַז ס'איז ערגעץ פֿאַראַן אַ פֿלאַם, ווען עס זאָל קיין פֿלאַם ניט זיין, וואָלטען קיין פֿונקען ניט זיין און ווען די מענשהייט זאָל די פֿונקען ניט שטודירען און ניט פֿאָרשען, וואָלטען זיי דעם פֿלאַם ניט אויסגעפֿינען כאָטש איצט ווייסען מיר שוין אַלע, אַז דער עלעקטרישער פֿלאַם איז דאָ.

דאָס זעלבע איז מיט דעם געטליכען פֿונק אין אונז. די יעניגע מענשען וועלכע זענען פֿערקאָכט אין הבלי עולם הזה, אין עסען, טרינקען און געניסען אַלערליי תענוגים, קענען נאַטירליך ניט ענטדעקען דעם גרויסען געטליכען פֿלאַם, וועמעס פֿונק עס וואַלגערט זיך בּיי זיי אין האַרצען, אָבער די יעניגע וועלכע גיבען זיך אָפּ מיט שטודירען דעם אייגענעם געטליכען פֿונק, ענטדעקען זיי טאַקי מיט דער צייט, אַז ס'איז אויך פֿאַראַן אַ געטליכער פֿלאַם, וועלכער בעלייכט, וואַרימט, שלעפּט די גאַנצע וועלט אויף זיך און איז דער אמת'ער בעהערשער פֿון אַלעם אויף דער וועלט, נור דער מאַן, וועלכער האָט אויסגעפֿונען דעם עלעקטרישען פֿלאַם, האָט עס געקענט אַלעמען צייגען און תיכף קריגען אָרדערס אויף זיינע עלעקטרישע לעמפּלאַך, וועהרענד דעם געטליכען פֿלאַם קען מען יענעם ניט צייגען, מען קען נור דערצעהלען, אַז ס'איז פֿאַראַן אַזאַ פֿלאַם, נור אַז יעדער איינער מוז איהם אַליין ענטדעקען דורך אָנשטרענגען זיך און דורך לעבען אויף אַ געוויסען בעשרענקטען אופֿן, ווילען דאָס דעריבער די מעהרסטע ניט טהון, די תאוה צום לעבען דערלאָזט זיי ניט דערצו, און בכדי צו בערוהיגען זיך זעלבסט, לייקענען זיי אין דער גאַנצער זאַך און פֿערענטפֿערען אַלע ספיקות און קשיות מיט דעם וואָרט „נאַטור", אָפּנאַרענדיג דאַביי זיך זעלבסט און אַנדערע.

וואָס איז באמת נאַטור?

די מעהרסטע מענשען, וועלכע בענוצען זיך אָפֿט מיט דעם וואָרט „נאַטור", מיינען זיי דערמיט געוועהנליך צו אויסדריקען דעם געדאַנק, אַז די וועלט איז הפקר, זי האָט ניט קיין בעל הבית אויף זיך, נור אַז די גרויסע זאַכען, ווי זונען־שיין, זומער און ווינטער, געוויטער, וועטערען און אַזוי ווייטער, זענען אַליין די נאַטור און האַלטען זיך אויף זייער אייגענער קראַפֿט, וועהרענד די קליינע זאַכען און די מענשליכע אינטערעסען, לויפֿען ווילקירליך וואוהין דער ווינד טראָגט און זיי זענען צו קיינעם ניט פֿעראַנטוואָרטליך, אויסער צו זיך אַליין און צו די צופֿעליגע אומשטענדען. בּיי אַזעלכע לייטע פֿערבּייט די נאַטור דעם בעגריף פֿון גאָט און אַנשטאָט צו זאָגען אַמאָל, „אַזוי וויל גאָט און מען קען איהם קיין קשיות ניט פֿרע־

גען״, וועלען זיי זאָגען אַז דאָס איז אַ נאַטור־געזעץ, אָדער „אזוי וויל די נאַטור!״

די דאָזיגע מענשען מאַכען אָבער אַ טעות, בעגרייפען פאַלש דער נאַטור׳ס קראַפט; זיי מיינען, אַז די נאַטור איז אַ צופעליגע זיך־זעלבסט־רעגירענדע קראַפט, בשעת זי איז דאָס ניט, נור זי איז דער פּועל יוצא פון איהר בעשעפער׳ס קראַפט און דעריבער איז אין איהר אַלעס אָהן אויסנאַהמע דירעקט אונטער דעם בעשעפערס אויפזיכט און איינפלוס.

דאָס וואָרט „נאַטור״, איז טאַקי אין אָנפאַנג בעשאַפען געוואָרען צו בעצייכנען דערמיט דעם כאַראַקטער און די אויפפיהרונג פון יעדער עקזיסטירענדער זאַך; ווען מען האָט געזאָגט, אַז די זון האָט די נאַטור צו שיינען און וואַרימען, אָדער אַז דער לייב האָט די נאַטור צו פאַרצוקען לעבעדיגע ברואים, האָט מען ניט געמיינט צו זאָגען, אַז די נאַטור האָט אזוי בעשאַפען די זון און דעם לייב, נור מען האָט געמיינט צו זאָגען, אַז דער יעניגער ווער עס האָט בעשאַפען די זון און דעם לייב, האָט זיי אַריינגעגעבען אַזאַ קראַפט צו שיינען און וואַרימען און צו פערצוקען, מיט דעם וואָרט „נאַטור״ פלעגט מען אַלזאָ בעצייכענען דעם פּועל יוצא פון דעם בעשעפערס צוועק אין יעדער זאַך, אצונד אָבער מאַכט מען דעם טעות צו בעצייכענען מיט דעם זעלבען וואָרט דעם בעשעפער גופא און דאָס איז אַלזאָ פאַלש סיי פילאָזאָפיש און סיי פילאָלאָגיש.

ווען די וועלט, אָדער ווי מען רופט זי פאַלש, „די נאַטור״, זאָל זיין אַ צופעליגע זאַך וואָס איז בעשאַפען געוואָרען אַליין פון זיך, וואָלט זי ניט האָבען אין זיך די אייגענשאַפטען פון שכל און אָרדנונג, פּונקט ווי למשל, ווען איינער זאָל אויסגיסען אַ טינטער טינט, וואָלט דערפון ניט קענען ווערען אַ פאַרטיג־געשריבענער בריעף, אָדער אַ ליעד, נור סתם אַ פלעק; מען מוז דעריבער זאָגען, אַז די וועלט איז די שאַפונג פון אַ גרויסען בעל שכל, וועלכער האָט יעדע זאַך אין דער וועלט בעשאַפען מיט אַ צוועק, ווי מיר זעהען אויך, אַז יעדער גליעד אין אונזער קערפער איז בעשאַפען געוואָרען ניט צופעליג, נור אויסגערעכענט צו ערפילען אַ געוויסע פליכט, און אזוי אויך די גליעדער פון דער קלענסטער מילב, הײנט מה־דאַך, אַז דער שעפער פון דער וועלט האָט בעזאָרגט אפילו די קלענסטע בעשעפעניש מיט די נויטיגע גליעדער פאַר איהר עקזיסטענץ און טהעטיגקייט אין לעבען, טאָ ווי קען עס מעגליך זיין, אַז ער זאָל געווען איבערלאָזען די מענשליכע אינטערעסען און די מענשליכע טהעטיגקייט צום בלינדען שיקזאַל פון די אומשטענדען?

צו זאָגען, אַז אַלעס וואָס פאַסירט אויף דער וועלט איז צופעליג און ניט אונטער אַ שטרענגער קאָנטראָל, איז דעריבער אזוי לעכערליך און נאַריש, ווי למשל צו זאָגען, אַז דאָס וואָס די מענשליכע גליעדער טהוען אימער, איז צופעליג און אָהן דער קאָנטראָל פון דעם מאַרך אין׳ם מענשען; עס קען מעגליך זיין, אַז דער פערד, וועלכער איז געוואָהנט צו קריגען פון׳ם בעל הבית דריי מאָל אַ טאָג עסען, און צו ווערען איינגעשפאַנט, אויסגעשפאַנט און אַמאָל געשמיסען, מיינט אויך, אַז דאָס איז אַזאַ נאַטור־זאַך ביי די מענשליכע הענט צו דערלאַנגען האָבער און שמיץ, ווי די זון גיט אַמאָל וואַרימקייט און אַמאָל קעלט, און ווען אימיצער זאָל נעהמען פילאָזאָפירען, אַז הינטער דער אויפפיהרונג פון די מענשליכע גליעדער, איז פאַראַן אַ גייסט, וועלכער קאָנטראָלירט זייער אויפפיהרונג און וועלכער טהוט עס מיט אַ געוויסען צוועק, וואָלטען אפשר די פערד איהם אויסלאַכען, בעווייזענדיג מיט ראיות, אַז קיינער האָט קיינמאָל דעם מענשליכען גייסט ניט בעגעגענט און קיינמאָל איז דער גייסט ניט גערי‌טען אויף אירגענד וועלכען פערד, אָדער געשמיסען אימעצען. האַלטענדיג אַ בייטש אין די גייסטיגע הענט.

אַ מענש דאַרף אָבער קיין פערד ניט זיין און ער מוז בעגרייפען, אַז מיר אַלע זענען דאָ ניט צופעליג און ניט פריי צו טהון ווי עס געפעלט אונז, ווייל ניט מיר קענען זיך אַליין בעשאַפען און ניט מיר קענען זיך דאָ האַלטען אויף דער וועלט אַן איבעריגע שטונדע נאָכדעם ווי דער בעשעפער בעשליסט צו אָוועקנעהמען אונז, און בשעת מיר לעבען, זענען מיר אויך גאָר קנאַפּע בעלי בתים אויף זיך און מיר זענען געצוואונגען אימער צו טהון זאַכען געגען אונזער ווילען, איז דאָס אַ סמן, אַז ס׳איז ערגעץ פאַראַן אַ געהיימע האַנד וועלכע אָרודעוועט מיט די נאַטירליכע אומשטענדען און אויך מיט אונזער אייגענעם לעבען און טהעטיגקייט, און די נאַטור מיט איהרע אַלע ערשיינונגען, זענען בלויז די בלינדע גליעדער פון דער גאָט־

הייט, וועלכע טהוען וואס דער געטליכער ווילען הייסט זיי און בעפעלט זיי.

דער פויערישער שכל געהט ניט ווייט.

די יעניגע מענשען, וועלכע דענקען, אז די נאטור איז שוין א תירוץ אויף אלעם און ווייטער ווילען זיי ניט טראכטען און ניט זוכען, בעזיצען א פראסטען פויערישען שכל. עס ווערט דערצעהלט, אז פויערים זענען אמאל געזעסען אין א שענק און דיסקוטירט די פראגע, ווארום פערד ווערען אלץ ווענינער און טהייערער אין פרייז. ,,מילא בהמות און שאף, האבען זיי געטענה'עט, קוילעט מען אוים צוליעב דער אכילה, אבער פערד־פלייש עסט דאך קיינער ניט, טא וואו טהוען זיי זיך אהין?'' דער רעזולטאט צו וועלכען די פויערים זענען דאן געקומען, איז געווען אן עכט־פויערישער — ,,פערד, האבען זיי באשלאסען, גנב'עט מען, דעריבער ווערען זיי אלץ ווענינער!''

דער פויערישער שכל האט ווייטער אביסעל ניט געקענט געהן. ער האט אויך ניט געפונען פאר נויטיג צו ענטוויקלען די פראגע ווייטער, און דאס זעלבע איז מיט די לייטע, וועלכע פערענטפערען אלעם מיט דעם ווארט ,,נאטור'' און ווילען ניט געהן טיעפער און פרעגען ווייטער, וואס איז די נאטור? ווער האט די נאטור בעשאפען?

די טענות פון די לייקענער אין גאט, אז על פי שכל קען מען די גאטהייט ניט באגרייפען און אז דאס וואס דער שכל באגרייפט ניט, איז מען ניט מחויב צו גלויבען, איז אויך א נארישע פויערשע טענה, ווייל דער שכל גופא, איז דאך אויך א טהייל פון דער בעשאפענער נאטור און ער פערשטעהט נור זאכען וועלכע זענען נאטירליך, אבער איבערנאטירליכע זאכען זענען גאר באמת אויך נאטירליך, נור זיי שטעהען אויף יענער זייט גרעניץ פון אונזער נאטור, דאס וואס איז איבערנאטירליך אין דער נאטור ווי זי איז איצט, איז געווען נאטירליך אויסער איהר, איידער זי איז געבארען געווארען.

אונזערע רעליגיעזע פילאזאפען ערקלעהרען דיעזען כלל מיט א פערשטענדליכען ביישפיעל. ,,לאמיר זיך פארשטעלען, זאגען זיי, אז איינער איז געבוירען געווארען אין א מדבר און זיין מוטער איז באלד נאך זיין געבורטה געשטארבען, אזוי אז ער איז ערצויגען געווארען ביים פאטער און ער האט קיינמאל קיין פרוי און קיין געבורטה מעהר ניט געזעהען. ווען זיין פאטער זאל איהם שפעטער ערקלעהרען ווי אזוי א מענש ווערט געבארען, וואלט עס דער מדבר־מענש ניט פערשטעהן און ניט קענען גלויבען, ווייל ער ווייסט דאך פון פראקטיק, אז א לעבעדיגער מענש קען ניט ליגען פאר מאנאטען איינגעשלאסען אין א פערמאכטען קערפער, אהן אטהעם, אהן עסען, אהן ארויסגעבען פון זיך קאל און צוזאמענגעדרעהט ווי א קנויל, מיר אלע ווייסען אבער, אז דאס איז אמת, נור איידער דער מענש ווערט געבארען, איז ער ניט דאס וואס ער איז שפעטער נאך'ן געבארען ווערען, ער איז דאמאלס עטוואס אנדערש, און דער עטוואס אנדערש קען שוין יא לעבען אהן די אלע זאכען וואס א לעבעדיגער מענש מוז האבען. דאס זעלבע איז מיט אונז אלעמען בנוגע דעם גלויבען אין דער וועלט־בעשאפונג; מיר האבען בקבלה, אז די וועלט איז בעשאפען געווארען אויף א געוויסען אופן, קומען די לייקענער און בעווייזען מיט נאטור־געזעצען, אז דאס קען ניט זיין, אבער די נאטור־געזעצען זענען בלויז ריכטיג איצט, נאכדעם ווי די וועלט איז שוין בעשאפען געווארען, אבער ניט פריהער, איידער די וועלט איז געווען וועלט און דאס וואס זי איז איצט; די נאטור־געזעצען אליין זענען טאקי אויך בעשאפען געווארען צוזאמען מיט דער וועלט, וועהרענד דער בעשעפער פון דער וועלט האט נאך אנדערע געזעצען וועלכע זענען אונז ניט בעקאנט, והראיה, אז אפילו אין דער נאטור גופא זענען נאך פאראן געזעצען, וועלכע זענען אונז אומבעקאנט.

פון וואנען ווייסען עס די בעלי קבלה.

לויט די אויבענגעבראכטע ארגומענטען, אז דער מענשליכער שכל איז דורכאויס ניט אומשטאנדע צו בעגרייפען ווי אזוי די וועלט איז בעשאפען געווארען, ווערט שוין אבער אויך א פראגע, ווי אזוי האבען עס אונזערע בעלי־קבלה בעקומען דעם אמת'ען בעגריף וועגען דער וועלט־בעשאפונג; מען קען פרעגען, מיט וואס איז זייער שכל געווען גרעסער ווי דער מענשליכער שכל בכלל און מיט וואס זאל זייער־

וואָרט זיין מעהר בעגלויבט ווי דאָס וואָרט פון אַלע פילאָזאָפען און וויסענשאַפטסלייט, וועלכע בעהויפּטען פערקעהרט, אָדער וועלכע זאָגען, אַז זיי ווייסען ניט און קענען ניט וויסען דעם ריכטיגען אמת?

דער תירוץ דערויף איז, דאָס אונזער קבלה אַליין איז אויך געטליך און די מקובלים אונזערע האָבען זייער הויכע שטופע דערגרייכט ניט דורך ענטוויקלען ספּעציעל זייער שכל, נור דורך ענטוויקלען אין זיך אַ ריינעם הייליגען גייסט און דאָס וואָס זיי האָבען פאַר אונז אויפגעדעקט, איז נור געווען מיט דער קראַפט פון געטליכקייט וועלכעס נעהמט שוין אַריין אין זיך דעם העכסטען גראַד שכל אויך.

פונקט ווי מענשען קענען ענטוויקלען אין זיך דעם שכל ביז אַ הויכער מדרגה, קענען געוויסע פּערזאָנען אויך ענטוויקלען די הייליגקייט אין זיך ביז אַ גאָר הויכער שטופע און ביים אידישען פאָלק זענען דאָס געווען די נביאים, די תנאים, די גאונים און אַלערליי צדיקים פון יעדען דור, וועלכע האָבען געפיהרט אַזאַ סאָרט הייליגען לעבען, וועלכעס האָט זיי געגעבען די מעגליכקייט צו קריגען נבואה און רוח הקודש.

מיר ווילען דאָ אין גאַנצען ניט אָנריהרען אונזער תורת משה, וועלכע איז צו אונז געקומען בקבלה פון דור צו דור, אַלס געטליכע תורה פון באַרג סני, און ווי מיר האָבען בעוויזען דעם אמת וועגען דיעזער קבלה אין אונזער פריהעריגער העפט „תורה און רעליגיאָן״; מיר ריידען איצט צו די צווייפלער אין דער תורה׳ס געטליכער אָפּשטאַמונג און צו זיי זאָגען מיר, אַז ניט נאָר איז רוח הקודש אַ מעגליכקייט, נור אַז עס קען זאָגאָר בעשטעטיגט ווערען וויסענשאַפטליך אַלס מעגליכקייט.

קודם מוז מען געדענקען דעם פאַקט, אַז יעדע נאַציאָן צייכענט זיך אויס מיט אַ געוויסער זאַך, וואָס דאָס שטעלט־פאָר איהר נאַציאָנאַלע נשמה אזוי צו זאָגען; גריכענלאַנד האָט אַרויסגעגעבען גרויסע קינסטלער פון אַרכיטעקטור און סקולפּטור, איטאַליען — מוזיקער, דייטשלאַנד — טעכניקער, אַמעריקע — גרויסע געשעפטס־אונטערנעהמער און אזוי ווייטער, און ווען מען זאָל פרעגען וואָס האָט דאָס אידישע פאָלק אַרויסגעגעבען, איז דער תירוץ — הייליגע מענשען, נביאים און צדיקים.

די אידישע נאַציאָנאַלע נשמה איז געטליכקייט און הייליגקייט; אידען האָבען דער וועלט געגעבען די אידעע פון איין־גאָטהייט, און אויך די אידעע פון אַ דריי־גאָטהייט: אידען האָבען אויך אויסגעאַרבייט אַ גאַנצע לעבענס־סיסטעם דורך וועלכער מען קען דערגרייכען די מדרגה פון אַ הייליגען און אַ בעל רוח הקודש; דאָס אידישע פאָלק איז דורך אַ זעלטענער קראַפט אָדער רופט עס, צופאַל, געצוואונגען געוואָרען צו פיהרען אַ גאַנץ אַנדער לעבען ווי ביי אַלע פעלקער. אַ ריינערען, אָפּגעהיטען לעבען; מיר האָבען ניט געטאָהרט עסען קיין שמוץ, ניט געטאָהרט בעגעהן קיין שמוציגע טהאַטען און דאָס אַלעס האָט מסוגל געמאַכט די אידישע מאַסען צו אַרויסגעבען פון זיך ערשט־קלאַסיגע צדיקים און קדושים, וואָס ביי קיין שום פאָלק איז דאָס ניט געווען צו געפינען.

די אידישע צדיקים און הייליגע מענשען האָבען געפיהרט נאָך אַ מעהר אָפּגעהיטען און מעהר־הייליגען לעבען, ביז זיי זענען אין מאַנכע פעלע געוואָרען לויטער גייסט אפילו קערפּערליך און דאַן האָבען זיי בעקומען די מעגליכקייט צו ווערען נביאים און בעלי רוח הקודש.

אין אינדיען, למשל, זענען פאַראַן פאַקירען (מאַגיקער אַזעלכע,) וועלכע האָבען אויסגעפונען אַזאַ סיסטעם אין לעבען, און דורך וועלכער זיי האָבען אזוי אויסגעאַרבייט זייער קערפּער, אַז זיי קענען אָפּשטאַרבען אויף אַ געוויסער צייט, זיך לאָזען בעגראָבען אין דער ערד און ווען מען נעהמט זיי אַרויס מיט וואָכען שפּעטער ווערען זיי צוריק לעבעדיג; דאָס צייגט, אַז אונטער געוויסע בעדינגונגען קענען קערפּערס ענטוויקעלט ווערען צו אַזאַ שטופע, אַז זיי זאָלען צייגען ניט קיין קלענערע וואונדער ווי אַן ענטוויקעלטער שכל קען צייגען, און צי דען איז ניט די דראָטלאָזע מאַשינקע בעצם אַ קערפּער וועלכער צייגט דעם וואונדער פון אויפכאַפּען אַ שטימע וואָס געפינט זיך פאַר טויזענדע מיילען אַוועק?

היינט אויב אַ קאַלטע שטאָלענע מאַשינקע קען געמאַכט ווערען צו אויפכאַפּען ווייטע קלאַנגען און געדאַנקען, און די מאַשינקע האָט דאָך קיין מאָרך ניט אין זיך, טאָ וואָרום זאָל דער לעבעדיגער מענשליכער קערפּער, וועלכער האָט נאָך דערצו אַ לעבעדיגען מאָרך אין זיך, ניט קענען ווערען פעהיג. דורך אַ געוויסען

פראַצעס, צו אויפכאַפּען געטליכע פונקען, נביאות, ערהאַבענע געטליכע אמת׳ן און אפילו אַריינקוקען הינטער די קוליסען פון טוידט?

די אידישע תורה האָט אין זיך אַזעלכע לעבענס-געזעצען וואָס אויב אַ מענש זאָל זיי שטרענג אָפּהיטען, מוז ער דערגרייכען די מדרגה פון הייליגקייט און מיר האָבען אַזעלכע הייליגע אידען פערמאָגט אַ סך; וואָס איינער זאָל ניט זאָגען אויף אונזערע תנאים, אמוראים, גאונים און צדיקים, פאַר קיין ליגנערס, חלילה, האָלט זיי קיינער ניט, און דיעזע אַלע דערמאָהנטע הייליגע מענשען גאַראַנטירען אונז, אַ׳ לעבענדיג לויט אַ געוויסער סיסטעם פון קדושה וטהרה בעקומט מען רוח הקודש און ביז אמת׳ער נבואה; זיי אַליין האָבען דאָס אגב אויך געטהון און די ווערק וואָס זיי האָבען נאָך זיך איבערגעלאָזען זענען טאַקי אין פיעלע הינזיכטען בעשטעטיגטע נביאות און פון דעם איז צו זעהען, אַז דאָס ניט-בעשטעטיגטע איז אויך הייליגע נביאות און וועט נאָך בעשטעטיגט ווערען, ווייל אָפּגעלייקענט איז פון זייערע רייד גאָרניט, קיין איינציגער וואָרט אפילו אויך ניט.

האָבען שוין אַמאָל פּרובירט איניגע וויסענשאַפטס-לייט צו געהן יעדען פריה-מאָרגען פון זייער לעבען אין אַ קאַלטער מקוה, פאַסטען תעניתים, דאַווענען און לערנען מיט אַזאַ התלהבות, אַז זיי זאָלען פיהלען ממש ווי די נשמה ווערט אין זיי פערברענט און דאַן איבערצייגען זיך צו וועלכער גייסטיגער מדרגה אַזאַ מענש דערגרייכט און וואָס ער פיהלט דאַמאָלס און וואָס ער בעגרייפט דאַמאָלס?

אונזערע אידישע קדושים האָבען דאָס געטהון און זיי האָבען דערמיט פער־קניפּט זייער נשמה מיט דער געטליכקייט, האָבען זיי בעגריפען אַזעלכע געטליכע אמת׳ן, וואָס טויזענד גרויסע וויסענשאַפטס-לייט קענען דאָס מיט׳ן שכל ניט בע־גרייפען. און אין פיעל׳ע מוזען זיי איצט בעשטעטיגען דאָס, וואָס אונזערע בעלי־קבלה האָבען מיט יאָהר־טויזענדע צוריק בעהויפּטעט.

ווי אַזוי די וויסענשאַפט בעשטעטיגט אונזער קבלה.

אין דער גמרא סנהדרין ווערט געזאָגט, אַז זעקס טויזענד יאָהר איז אַ וועלט, נאָכהער ווערט זי חרוב און שטעהט אַלס אַזעלכע טויזענד יאָהר, נאָכהער קומט אַ נייע וועלט פון זעקס טויזענד יאָהר און ווידער אַ יאָהר־טויזענד, וואָס די וועלט איז חרוב. דערויף דערצעהלט אונז די קבלה, איז ביי אונז איינ־געפיהרט געוואָרען די שמיטה און דער יובל אין ארץ ישראל. דאָס איז אַ רמז אויף די זיבען וועלטען וואָס גאָט וועט שאַפען און זיי חרוב מאַכען און אַלעם צו־זאַמען וועט דויערען ניין און פערציג יאָהר. דאַביי ווערט בעהויפּטעט דורך דער זעלבער קבלה, אַז יעדע נייע וועלט, וועט זיין אַ מעהר־פאָלקאָמענע, אַ בעסערע און שענערע, ביז וואַנען אַלע געטליכע פונקען, וועלכע זענען אַרויסגעשיקט גע־וואָרען אויף דער ערשטער וועלט מיט דעם צוועק צו ענטוויקלען זיך און דערהויבען זיך ביז זייער העכסטער שטופע, וועלען זיך אין דער זיבעטער וועלט דערהויבען צו זייער אורשפּרינגליכען קוואַל, און אַז צוליעב אַט דיעזער אויסלייטערונג פון די געטליכע פונקען, איז בעשאַפען געוואָרען די גאַנצע וועלט און איהע זיבען ענדערונגען.

אויף דיעזע זיבען וועלט-ענדערונגען, צייגען אויך די זיבען טעג פון דער וועלט-בעשאַפונג, וואָס יעדער שפּעטערדיגער טאָג האָט געבראַכט די וועלט צו אַ גרעסערער פאָלקאָמענהייט. פּונקט אַזוי וועלען די זיבען וועלטען זיין פאָלקאָמענער איינע פון דער צווייטער ביז די לעצטע וועט שוין זיין אין גאַנצען פאָלקאָם און וואונדערבאַר גרויס.

דעריבער האָבען מיר אידען זיבען טעג אין דער וואָך, זיבען טעג פסח, זיבען טעג סכות, זיבען ימי נדה, זיבען טעג פון ריינקייט, זיבען טעג קודם המילה, זיבען טעג אבילות, זיבען ימי משתה, זיבען יאָהר אין אַ שמיטה, זיבען שמיטות אין אַ יובל, זיבען רעהרען אין דער מנורה און נאָך אַ סך רעליגיעזע פליכטען מיט דער צאָהל זיבען, אָדער זיבען מאָל זיבען.

אונזערע בעלי־קבלה האָבען אונז אויך אָנגעטרויעט דעם גרויסען סוד, אַז מיר האַלטען איצט ביי דער פערטער הקפה, דאָס הייסט ביי דעם פערטען זיבען טויזענד, וואָס פערגלייכענדיג עם מיט דעם פערטען טאָג פון דער וועלט-בעשאַ־פונג, זענען אין דיעזער וועלט בעשאַפען געוואָרען די צוויי גרויסע ליכטער, (שני המאורות הגדולים.) די ערשטע גרויסע ליכט, (המאור הגדול) איז די אידישע

תורה, וועלכע לייכט און בעשיינט די וועלט, ווייל טראַצדעם וואָס די אידען זעלבסט זענען צוליעב זייערע זינד דערנידעריגט און שטעהען זעהר שפּל, איז פון דעסטוועגען די אידישע תורה היילִיג און געשעצט סיי ביי די קריסטען און סיי ביי די מחמד'אַנער. און די צווייטע, קלענערע ליכט, (המאור הקטן.) איז דער מענשליכער שכל, וועלכער איז אין דיעזער וועלט הויך געשטיגען און ער וועט נאָך ארויפשטייגען פיעל העכער ווי מיר קענען זיך דאָס פאָרשטעלען.

און אויסער וואָס מיר האָבען דיעזע סודות בעקומען פון מויל צו מויל, האָבען אונזערע נביאים בפירוש נביאות געזאָגט דערויף; און ישעיה הנביא זאָגט אין איין פּלאַץ: „די ערד וועט צושאָקעלט און צוברעקעלט ווערען, די לבנה וועט ענטוישט ווערען, די זון וועט פאַרשעהמט ווערען, די הימלען וועלען זיך ווי א מגילה צונויפוויקלען און זייערע אַלע פּלאַנעטען וועלען צושטערט ווערען; הימעל און ערד וועלען פאַרניכטעט ווערען און איך וועל שאַפען נייע הימלען און אַ נייע ערד".

און נאָכדעם ווי אונזער קבלה האָט עס אונז געלעהרענט זייט יאָהר־טויזענדע, איז איצט געקומען די וויסענשאַפט און דאָס בעשטעטיגט. די גרויסע אַרכעאָלאָגען האָבען נאָך פיעלע אויסגראָבונגען אין די פירענעען־בערג, אין די קאַרפּאַטען, אין די קאַרדילען פון אַמעריקאַ און אין די הימאַלייען־בערג ביים גרענעץ פון כינאַ, ענטדעקט זיכערע בעווייזע, אַז די וועלט האָט איבערגעלעבט גרויסע וועלט־רעוואָלוציאָנען, אין וועלכע אַלעס איז חרוב געוואָרען און דער ערד־קוגעל האָט זיך בעדעקט מיט א נייעם סלאָי ערד, איינער אויף דעם צווייטען און איינער אַנדערש פון דעם צווייטען, און צווישען יעדע צוויי סלאָיען, האָט מען געפונען פאַרהאַרטעוועטע ברואים, פאַרשיעדענע חיות ובהמות, וועלכע זענען פערשטיינערט געוואָרען און זיי צייגען דייטליכע סמנים, אַז מיט יעדען ווייטערען סלאָי אַרויף, נעהנטער צו אונז, זענען די ברואים פיינער ענטוויקעלט, פאָלקאָמענער און שעהנער.

די וויסענשאַפט בעווייזט, אַז די וועלט האָט בעקומען דריי מאָל גוואַלדיגע שטויסען פון דעם מערב־דרום־ווינקעל צו דעם מזרח־צפון־ווינקעל, וואָס דורך דעם איז אַלעס אויף דער וועלט חרוב געוואָרען; עס זענען ענטשטאַנען נייע בערג און נייע ימים און נייע קלימאַטען איבעראל; די ישובים זענען פערוויסט געוואָרען און די אונבעוואָהנטע געגענדען געוואָרען ראוי צו אַ ישוב און ס'האָט זיך אויף זיי ענטוויקעלט א נייע וועלט מיט נייע פלאַנצונגען און נייע ברואים.

אין פעטערבורג געפינט זיך א ריעזיגער עלעפאַנטען־סקעלעט, וועלכער איז אויסגעגראָבען געוואָרען פון אונטער א באַרג שנעע אין דעם עקסטרימען צפון און עס ווערט בעהויפּטעט דורך די גרעסטע אַרכעאָלאָגען אַז ביים נאָרד־פּאָל וואוהין מען קען איצט ניט צוקומען, האָט אַמאָל געבליהט א וועלט, נור זי ליגט איצט בעדעקט מיט שנעע און א קאַלטען אייז־ים.

מען האָט געפונען טיעף אין דער ערד די גרויסע מאַמאָנטען־חיות און אַנדערע אַכט און פערציג מינים בעשעפענישען, וועלכע געפינען זיך כלל ניט אין דער איצטיגער וועלט. צווישען זיי זענען בעוואוסט דער אינוואַנדאָן, וועלכער איז פופצעהן פוס הויך און נייניציג פוס לאַנג, וועלכע איז געוועזען א גראָז־עסענדע בהמה, און דער מעגאַלאָזירוס, אַביסעל אַ קלענערע פון דעם איגוואנדאן און וועלכע איז געוועזען א פלייש־עסענדע חיה.

די וויסענשאַפט האָט אַלזאָ בעשטעטיגט די בעהויפּטונג פון דער קבלה, אַז די וועלט איז שוין דריי מאָל חרוב געוואָרען און אַז אונזער וועלט איז די פערטע; און אַז די גאַנצע טהעאָריע וועגען דעם געפינט זיך אין דער בעשרייבונג פון בריאת העולם אין די ערשטע פסוקים פון בראשית; און נאָך פיעלע מעהרערע סודות וועגען דאָרטען דערצעהלט וועגען דער וועלט־בעשאַפונג.

און ווען מיר גיבען א קוק אין א געשריבענער ספר תורה, געפינען מיר, אַז אין דעם וואָרט בראשית איז דער ערשטער אות, דער „בית" אַ גרויסער און אויף איהם געפינען זיך פיער תגין, (שטריכען). די קבלה זאָגט דערויף קורץ און שאַרף, אַז די פיער שטריכען דייטען אָן דעם פאַקט, אַז די איצטיגע וועלט איז די פערטע אין צאָהל און דער גרויסער „בית" פון בראשית, איז א רמז, אַז דער מענש איז דאָ שוין דעם צווייטען מאָל, דאָס הייסט אין דיעזער וועלט און אין דער פאָריגער, אָבער אין די ערשטע צוויי וועלטען, איז נאָך קיין מענש ניט געוועזען נור בלויז

פלאַנצען און חיות ובהמות.

די וויסענשאַפט בעשטעטיגט אויך דעם לעצטען פאַקט: זי האָט זיך ערקונדיגט, אַז איידער עס איז ענטשטאַנען דער איצטיגער מין מענש, איז געווען אַן אַנדער מין מענש, וועלכער ווערט אָנגערופען מיט דעם וויסענשאַפטליכען נאָמען „פּרא־אַדאַמיט״, דאָס הייסט די מענשען פון פאַר אדם הראשון.

און דאָס אַלעס האָט די וויסענשאַפט אויסגעפונען אין דעם נייַנצעהנטען יאָהר־הונדערט, נאָכדעם ווי עס זענען געמאַכט געוואָרען אויסגראָבונגען אין פערשיעדענע וועלט־טהיילען, אָבער מיר אידען האָבען דאָס געוואוסט בקבלה זייט מיר זענען אַ פאָלק געוואָרען און מיר ווייסען נאָך אַ סך אַנדערע זאַכען, צו וועלכע די וויסענשאַפט וועט ערשט דערגרייכען אין דער צוקונפט.

די זעלבע בעלי קבלה, האָבען אונז געגעבען אַ פאָלשטענדיגען בעגריף וועגען בריאת העולם בכלל, אַזוי וויַיט נאַטירליך ווי דער מענשליכער שכל קען עס בעגרייפען; זיי האָבען אונז איבערגעלאָזען טויזענדע בריליאַנטענע געדאַנקען וועגען דער גאָטהייט און דער נאַטור, געדאַנקען וועלכע זענען געטליך לויט זייער אינהאַלט און אויך אָננעהמבאַר פאַר'ן שכל הישר, און וואָס אַפילו אויב די וויסענשאַפט בעשטעטיגט עס ניט, קען זי דאָס אָבער אויך ניט אָפּלייקענען און דער איד, וועלכער לערנט דעם זוהר און די אַנדערע קבלה־ספרים, ווייסט באמת אַ סך מעהר וועגען דער וועלט־בעשאַפונג, ווי די יעניגע וועלכע זוכען עס אין דער וויסענשאַפט, וויַיל די וויסענשאַפט אַליין האָט בלויז געקענט איבערצעהלען אַ געוויסע צאָהל פלאַנעטען, אויסמעסטען זייער וויַיטקייט, מאַכען אַ חשבון פון די מיילען ים און יבשה, אָבער ווי און ווען און דורך וועמען דאָס אַלעס איז בעשאַפען געוואָרען ווייסט זי גאָרנישט און האָט נאָך ניט דערוויַיל קיין שום בעוויַיז, אַז אונזער מעשה־בראשית איז ניט ריכטיג, און אַז די וועלט האָט געקענט בעשאַפען ווערען אַליין פון זיך, אָהן דעם בעשעפער, וואָס מיר רופען מיט'ן נאָמען „גאָט״.

שלום־וואָרט. דער אמת'ער אמת איז, דאָס די גרעסטע פילאָזאָפען אַפילו ביי די אומות העולם, גלויבען אַלע, אַז ס'איז פאַראַן אַ גאָט אויף דער וועלט, אויסער אייניגע קרומע קעפ, וועלכע ווערען טאַקי ניט גענומען ערנסט אין דער וועלט; די געוועהנליכע כופרים בעיקר צווישען אידען און ניט־אידען, זענען סתם עם־הארצים, וואָס געהען נאָך ווי די בלינדע נאָך דער תאוה און דעם הפקר־געדאַנק, וויַיל זיי דענקען, אַז דאָס איז לייכטער, בעקוועמער און אָנגענעהמער, כאָטש באמת זענען זיי די אומגליקליכסטע ברואים אויף דער וועלט: זייער נשמה איז פון זיי אַוועק און זייער האַרץ איז פוסט, זוכען זיי אָפּט צו פערשטאָפען דעם פוסטען לאָך מיט גראָשענע אידעאַלען און פיהלען זיך קיינמאָל ניט צופריעדענגעשטעלט, ביז זיי טהוען תשובה און מאַכען שלום מיט זייער בעשעפער, אויב זיי ווערען ניט צופיעל דעגענערירט און האַלב־צודרעהט אין זייער גייסטיגען צושטאַנד, אָדער אויב זיי שטאַרבען ניט יונגערהייד.

דאַגעגען איז דער גלויביגער מענש אימער גליקליך און צופריעדען און קען דערלעבען די העכסטע עלטער פערבלייבענדיג נאָרמאַל און פריש גייסטיג און קערפערליך. דאָס גופא איז אויך אַ בעוויַיז אויף דער עקזיסטענץ פון גאָט, וויַיל מען זעהט פשוט מיט די אויגען, אַז ניט־האָבענדיג דעם געטליכען געדאַנק אין זיך, איז דער מענש אַ שברי־כלי און עפּעס ווי אַ פערמידער און פערבלאָנדזשעטער אויף דיעזער וועלט: ער אַליין וויל דאָס אָפט ניט צוגעבען, אָבער אינסטינקטיוו פיהלט ער, אַז ער איז אויף צרות און די אַרומיגע האָבען פון איהם זיכער קיין נחת ניט, וויַיל די גאָטלאָזע ברואים קענען נור אַרונטערפיהרען פון וועג, אָבער קיינמאָל ניט אַרויפפיהרען, אין פריהער־שפּעטער דערפיהלט עס יעדער איינער, וועלכער פאָלגט זיי נאָך און לאָזט זיך פון זיי פערפיהרען אין אירגענד וועלכער הינזיכט.

און איבערהויפּט דאַרף יעדער איד געדענקען, אַז בכלל איז די פילאָזאָפי וועגען גאָט און וועגען אַלע געטליכע ענינים, ווי די וועלט־בעשאַפונג און דאָס גלייבען, כמעט ווערטהלאָז און נוצלאָז, נור די איינציגע זאַך אויף וועלכער מען קען זיך אין דיעזע ענינים פערלאָזען, איז אונזער אידישע תורה און קבלה, וועלכע זענען אמת ויציב הן צוליעב זייער געטליכען אינהאַלט און הן צוליעב די געטליכע מענשען דורך וועמען זיי זענען צו אונז געקומען, און וואָס אַלע מוזען מודה זיין, דאָס יענע נביאים און צדיקים יסודי־עולם, זענען געווען הייליגע, אמת־זאָגענדע

מענשען אין וועמעס רייד ס'איז לעכערליך צו האָבען דעם קלענסטען צווייפעל.

מען דאַרף אויך געדענקען, אַז יעדער מענשליכער חוש קען נור משיג זיין די זאַכען, וועלכע בעלאַנגען צו איהם אַליין אָבער ניט צו אַן אַנדער חוש; די אויגען קענען ניט הערען און די אויערען קענען ניט זעהען און אַז. וו. פּונקט אַזוי קען דער מענשליכער שכל נור בעגרייפען פּיעלעס ביז צו דער גאָטהייט, אָבער ווען עס קומט צו די געטליכע ענינים, איז דאָס אַזוי שייך צום שכל, ווי הערען איז שייך צו די אויגען, ווייל געטליכקייט קען נור בעגריפען ווערען פון דאָס וואָס איז אין אונז גופא געטליך, נעמליך פון דער נשמה אין אונז, און נור דעמאָלס נאַטירליך, ווען זי איז געהייליגט און ספּעציעל פּאַרבערייט צו קענען בעגרייפען אַזעלכע הייכע ענינים, וועהרענד דער שכל איז אויך א גשמית־זאַך אין זיין נאַטור, פּונקט ווי די ראיה פון די אויגען.

ווי ווייט די פילאָזאָפי איז ניט מעהר ווי קונציגע שכל־ספּעקולאַציע, קען מען זעהען פון דעם פאָלגענדען פאַקט:

דער גרויסער פילאָזאָף קאַנט, האָט צוואוואַרפענדיג די טהעאָריעס פון אַלע זיינע פאָרגענגער, פון אַריסטו און סאָקראַטעס, ביז וואָלף און לייבניץ, נאָך בעוויזען דעם קונץ צו געבען אייזען־שטאַרקע אַרגומענטען אַז ס'איז פאַראַן א גאָט אויף דער וועלט, און אַז די וועלט איז א בענייעטע און ניט קיין קדמון, און תיכף דערביי האָט ער אָנגעגעבען פעסטע בעווייזע אויף פערקעהרט, אַז ס'איז ניטאָ קיין גאָט אויף דער וועלט און אַז די וועלט איז יאָ א קדמון, און ער שרייבט אין זיין בוך ווי פאָלגט: „קלייבט זיך צוזאַמען אַלע אַלטע און נייע פילאָזאָפען פון דער גאַנצער וועלט און לייקענט אָפּ כאָטש איינעם פון מיינע פיער געגענגעזעצטע בעווייזע!” דאַן פרעגט ער די אַלע פילאָזאָפען, וואָס זיי האָבען באַנייעט מיט זייערע אַלע חקירות און ער לאַכט זיי אויס, צוברעכענדיג זייערע אַרגומענטען ווי קאָרטען־הייזקעס. זייט דאַן מאַטערען זיך אַלע פילאָזאָפען צו אָפּלייקענען איהם כאָטש אויף וויפיעל ניט איז, ס'איז זיי פּשוט א שאַנדע אין פּנים, אָבער זיי קענען איהם ניט אָפּלייקענען, ניט זיינע בעווייזע פאַר און ניט די בעווייזע געגען, און ניט דאָס וואָס ער האָט צובראָכען ביי די אַנדערע פילאָזאָפען. דער זעלבער קאַנט האָט בעוויזען מעהר ווי אַלעס און שטאַרקער ווי אַלעס, אַז אַלע ספּעקולאַציעס פון שכל האָבען ניט קיין שום ווערטה ווען זיי שטויסען זיך צוזאַמען מיט געטליכע ענינים און היינטיגען טאָג קען דאָס די גאַנצע וויסענשאַפטס־וועלט ניט צוברעכען, אָבער ניט דאָ איז דאָס פּלאַץ צו איבערגעבען קאַנט'ס וואונדערבאַרע פילאָזאָפי באריכות, כ'איז גענוג צו וויסען, אַז אפילו די גרעסטע וועלט־פילאָזאָפען ליגען איצט אָפּגעשמיסענע און פערשעהמטע, טאָ וואָס איז שוין פאַראַן צו ריידען, וועגען א געוועהנליכען פריידענקער־שוטה, וועלכער פּלוידערט סתם ווערטער ווי א פּאַפּוגאַי, וואָס דאָס איז אפילו קיין פילאָזאָפי אויך ניט נור איינפאַכע שטות'עריי!

דאָס וואָס קאַנט גלויבט, איז אָבער זעהר נאָהענט צו דער ריינער אחדות הבורא, ווי מיר אידען גלויבען, מיט דעם אונטערשייד, וואָס ער אינטערעסירט זיך ניט צו וויסען וועגען דער ריכטיגקייט פון אונזער תורה, ער אַליין איז אָבער געווען רעליגיעז אויף זיין אייגענעם שטייגער און איינער פון זיינע אני מאמינ'ס איז געווען, אַז ער וואָלט ניט זאָגען א ליגען, אפילו צו ראַטעווען דערמיט א מענשען פון טוידט.

יעדער מענש מוז דעריבער איינזעהען, אַז ס'איז נאַריש צו לעבען און דענקען גאָטלאָז. און אפילו אויב איינער קען ניט בעגרייפען דעם אמת וועגען דער גאָטהייט אויף'ן פילאָזאָפישען וועג, איז פאַר איהם סתם בעסער צו זיין רעליגיעז, ווייל דאָס איז ניצליך פאַר'ן קערפּער און פאַר'ן גייסט; מענשען בענוצען זיך טאָגטעגליך מיט דער ליכט און וואַרימקייט פון דער זון, כאָטש אַרויפקוקען צו איהר און איינקוקען זיך, קען מען ניט, זי פערבלענדעט די אויגען, אַזוי איז אויך מיט דער גאָטהייט; און צי דען, אַז מען קען ניט אַריינגעהמען צו זיך אין צימער די גאַנצע זונען־שיין און די גאַנצע פרישע לופט פון דער וועלט, דאַרף מען צוליעב דעם ניט עפענען דעם פענסטער און אַריינלאָזען כאָטש אביסעלע פון זיי?

דער פאַקט איז אַגב, אַז ווער עס שטודירט די אידישע תורה, אָדער אפילו די ריינע וועלט־פילאָזאָפי, מוז ניט־וועלענדיג אפילו קומען צו דער איבערצייגונג, אַז די וועלט האָט א בעל הבית איבער זיך און ער מוז דאַן זאָגען ווי יעקב אבינו האָט אַמאָל געזאָגט: „יאָ! סאיז טאַקי פאַראַן א גאָט אויף דער וועלט, נור איך

האָב דאָס ביז היינט־גען טאָג ניט געוואוסט!״....

נ. ב.

ביז דאַנען האָבען מיר פּרובירט צו איבערצייגען דעם לעזער אַז ס׳איז פאַראַן א גאָט אויף דער וועלט, אָבער אין דער נאָכפאָלגענדער פּאָעמע „כתר מלכות״, וועט דער לעזער קענען קריגען א שטיקעלע בעגריף, „וואָס איז גאָט״; קיין שום דענקער און פּאָעט האָט עס נאָך קיינמאָל ניט אַרויסגעבראַכט אזוי טיעף, אזוי שעהן און אזוי קורץ, ווי דאָס האָט געטהון דער פערפאַסער פון דיעזער פּאָעמע, ר׳ שלמה ן׳ גבירול ז״ל, און עס איז ווירקליך אמת וואָס ער זאָגט אין זיין קורצער הקדמה, אַז דער מענש וועט פון איהר האָבען גרויס גענוס און זיך אויסלערנען ווי צו זיין אָרום און גערעכט און ווי צו האָבען א זכות.

די נאָכפאָלגענדע פּאָעמע וועט האָפענטליך פאָלשטענדיג ערגענצען דעם לע־זער׳ס איבערצייגונג, אַז ס׳איז פאַראַן א גאָט אויף דער וועלט, און וואָס צוליעב דיעזען צוועק איז דאָס דאָזיגע העפט פערפאַסט געוואָרען.

כתר מלכות

(די קעניגליכע קרוין.)

א לויב־געזאנג, א ווידוי, א תפלה.

פון ר׳ שלמה ן׳ גבירול ז״ל.

איבערזעצט פון ב. צ.

אין דיעזער תפלה דארף דער מענש געפינען גרויס געניס,
דען ער וועט לערנען ווי צו זיין גערעכט און ווי צו האבּ׳ן א זכות;
איך האב דערצעהלט אין איהר גאט׳ס וואונדער,
אין קורצען — יעדע זאך בעזונדער;
דאס איז מיין שעהנסטער לויב־געזאנג פאר גאט אליין,
און איך בעטיטעל עס, „די קעניגליכע קרוין״.

ווי וואונדערבאר, אה גאט! עס איז דיין יעדע טהאט,
מיין זעלע ווייסט דאס אקוראט;
צו דיר בעלאנגט די גרויסקייט און די מאכט,
די שעהנקייט, אייביגקייט און פראכט!
צו דיר, אה גאט! בעלאנגט דאס קעניגטהום,
פון אלץ און אלעמען דאס אונטערטהעניגטהום,
צו דיר דירעקט,
בעלאנגט דאס גאנצע רייכטהום, אויך דער כבוד, דער רעספעקט!
אויף דיר זאגט עדות אלץ וואס איז בעשאפען,
סיי הויך אין הימעל און סיי אונטען אויף דער וועלט,
דען אלעס געהט פערלארען,
בלויז דו אליין אויף אייביג ביזט געשטעלט!
דיין מאכט איז אונפערשטענדליך, א געהיימניס זעהר טיעף,
וואס שווער איז פאר׳ן מח דער בעגריף;
ביזט צופיעל מעכטיג, מען זאל וואגען שטרעבען,
אן אפשאצונג, א ריכטיגע, דיר געבען.
צו דיר בעלאנגט דאס פלאץ וואו שטארקייט איז בעהאלטען,
וואו די געהיימניסע זיך האלטען
און דער יסוד, דער פונדאמענט,
וואס ליגט דורכאוים אין דיינע הענט.
דיין שם המפורש איז פערבארגען און פערהיילען,
די קליגסטע מענשען קענען איהם אונז ניט דערצעהלען;
דו האסט די קראפט וואס האלט דא אויף,
דעם גאנצען וועלט־אלל הענגענדיג אויף גארניט;
די מעגליכקייט צו אויפדעקען דעם טיעפסטען סוד,
וואס מ׳ווייסט פון איהם קיין האהר ניט.
צו דיר בעלאנגט דער חסד, וועלכער שטארקט זיך
אויף אלע דיינע ברואים דא, זיי צו דערהאלטען;
ביי דיר ליגט אויך דאס גוטע, וואס דו האסט
פאר אלע גאטספארכטיגע לייט בעהאלטען.
האסט סודות, וועלכע קענען ניט בעגריפען ווערען,
וואס קיין שום לויב־געזאנג קען זיי דא ניט דערקלעהרען,
און אויך דאס לעבען, וואס איז אייביג און אונענדליך,
פון קיין פערניכטונג ניט פערלענדליך.

דו האָסט דעם טראַהן, וואָס איז דערהויבען,
אויף אַלץ און אַלעם וואָס שטעהט אויבען;
דו האָסט די וואָהנונג, וואָס פערבאָרגען איז, פערדעקט,
אין אַ בעהעלטעניש דאָרט הויך ערגעץ פערשטעקט;
דו האָסט די עקזיסטענץ, וואָס אין דעם שאָטען פון איהר שיין,
לעבט יעדע זאַך וואָס קען נור זיין,
און וואָס מיר אַלע בעטען און מיר שטרעבען,
אין יענעם שאָטען דאָ צו לעבען.
דו האָסט די ביידע וועלטען
און אויך אַ גרעניץ צווישען זיי אַ פעסט־געשטעלטען,
די ערשטע וועלט — פאַר טהאַטען, פליכט,
די צווייטע — פאַר בעצאָהלען שכר, לויט דיין געריכט;
דו האָסט דעם צדיק׳ס שכר ביי זיך פערבאָרגען,
— דאָס טהייערסטע האָסטו בעהאַלטען פאַר דעם מאָרגען!...
* * *
דו ביזט איינס, דער אָנפאַנג פון איעדער צאָהל,
דער יסוד פון יעדען בנין אומעטום און אַלע מאָל;
דו ביזט איינס, און ס׳איז דיין איינס אַ מאָדנער ציפער,
פאַר די קליגסטע פאָרשער ז׳עס אַ סוד אַ טיעפער,
דען זיי ווייסען דאָ ניט קיינס,
וואָס דאָס איז אַזעלכס, אַזאַ מין איינס.
דו ביזט איינס, און ס׳איז דיך צו בעגרייפען שווער,
ניט ס׳קען זיין מיט איינעם וועניגער פון דיר און ניט מיט איינעם מעהר.
ניט ס׳קען עטוואָס, פון דיין איינס דאָ, פעהלען,
ניט ס׳איז מעגליך עטוואָס צו איהם צוצושטעלען.
דו ביזט איינס, נור ניט דער איינס וואָס ווערט געקויפט, געצעהלט,
ליידסט קיין מעהרצאָהל, קיין פערענדערונג, קיין זיין צוטהיילט;
איינס — אָהן אַ געשטאַלט, אָהן אַ דערקלעהר,
מ׳קען ניט זאָגען, איינס פון וואָס, איינס ווער;
דו ביזט איינס, און ס׳ווערט פערמאַטערט מיין פערשטאַנד,
איינצופאַסען דיך אין אַ געזעץ, בעגרעניצען דיין שטאַנד,
ד׳וויל דעריבער היטען מיינע וועגען,
ניט צו זינדיגען דאָ מיט דער צונג דיר געגען;
דו ביזט איינס, נור העכערער, ערהאַבענער פון קענען ווערען נידער,
ווי די אַנד׳רע איינסען פאַלען אַבער־ווידער.
* * *
דו עקזיסטירסט, נור ס׳קען דיך ניט בעגרייפען,
דער בליק פון אויג, פון אויער דאָס געהער,
און ס׳האָבען קיין שום שליטה ניט אויף דיר די פראַגען,
„וואָרום?״, און „ווי אַזוי?״, און „וואו?״ און ווער?״
דו עקזיסטירסט, נור בלויז אַליין פאַר זיך,
און ס׳איז קיין אַנדערער ניטאָ, וואָס זאָל געפינען דיך;
דו עקזיסטירסט, און איידער ס׳איז נעווען דאָ צייט, ביזטו געווען,
און איידער ס׳איז געוועזן דאָ פלאַץ, האָסטו גערוהט;
דו עקזיסטירסט און דיין געהיימניש
פערבאָרגען איז דאָ טיעף, בעהאַלטען גוט.
ס׳קען קיינער ניט אַריינדרינגען דערינען,
ס׳איז טיעף, גאַנץ טיעף, אונמעגליך צו געפינען.
* * *
דו לעבסט, נור ניט פון אַ בעשטימטער צייט
ס׳ווייסט קיינער ניט ווי לאַנג און פון ווי ווייט;
דו לעבסט, נור ניט ווייל דו בעזיצסט אין זיך אַ נשמה,
דען דו אַליין ביזט גאָר די נשמה פון דער נשמה;
דו לעבסט, נור ניט ווי ס׳לעבט דער מענש, וואָס איז צו ניכטס געגליכען,

און וואָס זיין סוף איז, מאָיל און ווערים זאָלען אויף איהם קריכען;
דו לעבסט, און ווער עס קען דיין סוד דערגרייכען,
געפינט פערגעניגען אייביגען און הויכען;
ער עסט פון׳ם לעבענס־בוים, ווערט גלויביג
און ער לעבט אייביג.

* * *

דו ביזט גרויס, און געגען דיעזער גרויסקייט אָהן א שיעור,
ווערט דאָ יעדע אַנדער גרויסקייט אונטערטהעניגליך צו איהר;
יעדע מעלה געהט פערלאָרען
און פערוואַנדעלט זיך אַנטקעגען דיר אין א חסרון.
דו ביזט גרעסער ווי עס שטעלט זיך פאָר די ווילדעסטע פאַנטאַזיע,
דו ביזט שעהנער פון דער פּרעכטיגסטער אילוזיע;
דו ביזט גרעסער פון דער גרעסטער גרויסקייט דאָ אין לעבען,
און דערהויבען איבער יעדען לויב־געזאַנג וואָס קען נור געבען.

* * *

דו ביזט מעכטיג, ביזט דער גרעסטער גבור,
שטייגסט דאָ אַלע דיינע שאַפונגען אַריבער;
קיינער צווישען זיי קען נאָכטהון דיינע טהאַטען,
צייגען דיינע גבורה־רעזולטאַטען;
דו ביזט מעכטיג, דו בעזיצסט די אַבסאָלוטע קראַפט,
וואָס זי קען ניט זיין בעזיעגט, געענדערט, אָפּגעשאַפט;
דו ביזט מעכטיג, און פון צופיעל שטאָלץ
קענסטו מוחל זיין אין׳ם סאַמע שטורמדיגסטען צאָרן;
קענסט דיין כעס צו די זינדיגע,
פערלענגערען, פערציהען עס אויף לאַנגע יאָהרען.
דו ביזט מעכטיג, אָבער פול־רחמנות צו די ברואים אַלע,
אויך צו גאָר די מעכטיגסטע גבורים, די יוניווערסאַלע.
דו ביזט ליכט, וואָס איז פערבאָרגן דאָ, פערדעקט,
אָבער דאָרט אויף יענער וועלט — ענטפּלעקט;
דאָרטען, אויף גאָט׳ס באַרג פון אויבען,
קען מען דיך דערזעהען. — גלויבען!

* * *

דו ביזט אויבערהערשער, און דער ב״ך פון שכל צו דיר גלוסט,
שטרעבט צו דיר פול־לוסט,
אָבער זעהען דיך אין גאַנצען, קיינער קען דאָ, קיינער מעג,
מ׳קען נור קוים בעמערקען עטוואָס, קוים א ברעג;
דו ביזט דאָ געוועזען און וועסט זיין שפּעטער,
גאָט פון אַלע געטער,
דיינע ברואים אַלע
זענען פאָר דיר עדות אידעאַלע,
און מיט דיעזען עהרען־טיטול, „גאָט פון געטער״ דאַרפען זיי דיך רופען,
דיך צו דיענען זענען זיי פערפליכטעט און דערצו בערופען;
דו ביזט גאָט, און די בעשעפענישען אַלע זענען דיינע קנעכט,
און זיי דיענען דיך מיט רעכט;
און דיין עהרע ווערט ניט אויף א האָהר געמינערט,
ווען אויך אַנד׳רע געטער ווערען דאָ דערמאָהנט, עראינערט,
ווען מען דיענט צו זיי אַנשטאַט צו דיר,
דען אויך יענע געצענדיענער קלאַפּען אין דיין טיהר,
ווילען דורך די פאַלשע גאַנגען,
דיך דערגרייכען און דערלאַנגען,
נור זיי זענען בלינדע און פעראירט,
ווייסען ניט דעם וועג, וואָס צו דעם קעניג פיהרט,
און זיי זינקען — איינער אין א בלאָטע, איינער אין א גראַבען,
און זיי דענקען זייער ציעל דערגרייכט צו האַבען.

אין דער צייט וואָס דאָס איז נ י ט,
און זיי האָבען זיך אומזיסט אומנישט געמיהט,
אָבער דיינע קנעכט וואָס דיענען ד י ך,
געה'ן צו דיר ווי קלוגע, מיט דעם וועג דעם גלייכען,
קעהרען זיך ניט אָפּ פון איהם ניט לינקס, ניט רעכטס,
ביז זיי קומען צו דיין קעניגליכען שלאָס און דיך עררייכען.
דו ביזט גאָט, און מיט דיין געטליכקייט דו שטיצסט,
אַלע שאַפונגען וואָס דו באַזיצסט;
דו בעפעסטיגסט דיינע ברואים אַלערליי,
מיט דער קראַפט פון דיין איין־גאָטהייט, אויפלעבענדיג זיי;
דו ביזט גאָט, און ס'איז קיין אונטערשייד ניטאָ,
צווישען געטליכקייט און איינציגקייט אין ד י ר,
צווישען אורשפּרינגליכקייט דיינער און דיין „איצט",
ווייל ס'איז אַלעס איין געהיימנים — אַלע פיער,
און אויב יעדע טראָגט אַן אַנדערען בעזונדער נאָמען
צו איין־איינציג פלאַץ זיי אַלע אָבער שטראָמען.

* * *

דו ביזט קלוג, און ס'איז דיין חכמה פון דעם לעבענס־קוואַל,
און זי קוועלט פון דיר אונאויפהערליך און איבעראַל;
דורך דיין חכמה — איין פערגלייך מיט איהר,
איז איעדער מענש אַן אונווייסענדער נאָר אַנטקעגען דיר;
דו ביזט קלוג און אויך דער ערשטער דאָ פון אַלע ערשטע,
ביזט נאָך פריהער פון דער חכמה דאָ געווען און עקזיסטירט,
און די חכמה האָט זיך גאָר ביי דיר צוערשט ערצויגען,
איידער זי האָט זיך אַלס חכמה דאָ דערשפּירט.
דו ביזט קלוג, נור דו האָסט ניט געלער'נט ביי קיינעם,
האָסט דיין חכמה ניט געקויפט ביי יענעם.
דו ביזט קלוג, און האָסט בעשטימט צו מאַכען,
דעם אַרטיקעל „ווילען" — אַ באַשאַפונג פיקס און פאַרטיג,
וועלכער קען אַליין שוין שאַפען זאַכען,
אַלס אַ קינסטלער גאָר גרויס־אַרטיג,
און דער מייסטער „ווילען", האָט נאָכהער ארויסגעצויגען
דעם „פאַראַן" פון דעם „ניטאָ", ווי ס'ציהט זיך ליכט פון אויגען,
און ער שעפּט עס פון דעם ליכט־קוואַל אָהן אַן עמער,
זייענדיג אַ קינסטלער־אונטערנעהמער,
אויף איעדען אַרבייטס־פעלד, געביעט און צווייג,
צו בעשאַפען אַלץ און אַלעס אָהן געצייג,
און דער מייסטער „ווילען", האָט געהאַקט, געקריצט, געלייטערט,
צוגערופען דעם „ניטאָ", צושפּאַלטען איהם, דערווייטערט,
שפּעטער דעם „פאַראַן" אַריינגערוקט אין מיטען,
(דער דאַ־זיין האָט דעם ניכטס בעריטען!)
ער האָט אויסגעשפּרייט נאָכהער די וועלט און דאָן,
פאַרבערייטעט, אויסגעמאָסטען אַלע הימלען אויף'ן שפּאַן,
דעם געצעלט פון די גלגלים האַלטענדיג אין זיינע הענט,
פון די יריעות פון דער וועלט־בעשאַפונג אויפשטעלענדיג ווענט,
מיט די העקלאַך פון דער מעגליכקייט פערשלייפט זיי און פערבונדען,
און די קראַפט פון דיעזען ווילען־מייסטער ווערט פאַרשוואונדען,
תיכף ווי זי גרייכט דעם יוניווערזום'ס אויסוועניגסטען ברעג,
ווייטער — ניט זי ק ע ן געהן, ניט זי מעג!

* * *

ווער קען אויסדערצעהלען דיינע גבורות און ווי ווייט זיי געהען,
ווען דו האָסט געקענט צוטהיילען אונזער ערד־קוגעל אויף צווייען,
העלפט פון איהם געמאַכט יבשה, העלפט מיט וואַסער איהם בעדעקט,
און גלגלים איבער איהם, איינס אין'ם אַנדערען פערשטעקט:

האסט דעם גלגל וואסער מיט א גלגל ווינד ארומגעדרעהט,
אויף'ן ווינד, א גלגל פייער אויסגעשפרייט,
אויף'ן פייער־גלגל האסטו הימלען אויסגעצויגען,
מיט פלאנעטען, שטערען, ווי מיריאדען אויגען;
מיט א לבנה, אויף צו רעכענען נאך איהר די צייטען, די מאנאטען,
מיט א זון וואס שאפט דא די פערשיעדענע קלימאטען,
און זיי ביידע הערשען און בעאיינפלוסען די וועלט,
אונזער שיקזאל איז דורכאויס אויף זייער טהעטיגקייט געשטעלט,
דען פאסירט וואס, שלעכטעס אדער גוטעס,
נור די זון אדער די לבנה טהוט עס;
און אט דיעזע ביידע ליכטער,
שלאג'ן זיך איינס דאס אנדערע אין די געזיכטער,
זיי פערשווארצען איינס דאס אנדערע דעם פנים,
צייגענדיג דערמיט די געצענדיענער, די נאראנים,
אז א בורא הערשט אויך איבער די פלאנעטען,
און זיי גופא זענען מאכטלאז זיך צו שיצען און צו רעטען;
ס'האט די גרויסע זון קיין מאכט
צו בעשיצען דארט איהר שיין און פראכט,
גאט פערפינסטערט זי, איהר שטאלץ ער האקט ארונטער און צוברעכט,
שיקענדיג אויף איהר די לבנה, איהרע קנעכט'ס א קנעכט.
און אויף דיעזע הימלען, העכער איבער זיי,
ציהען זיך נאך אנדערע גלגלים אלערליי;
גלגל כוכב, און אויף איהם דער גלגל נוגה דרעהט זיך,
העכער קומט דער גלגל חמה, העכער נאך דער מאדים שפרייט זיך,
העכער נאך דער צדק, דאן דער שבתי, דאן דער גלגל המזלות,
צוועלף פערשיעדענע און געטליכע היכלות,
דאן דער צעהנטער גלגל, וואו עס איז דער היכל,
פון דעם אבסאלוטען שכל,
און אט יענעם צעהנטען גלגל האט,
פאר זיין אייגענעם געברויך, געהייליגט גאט;
ס'איז דער העכסטער גלגל איבער אלעס,
איהם צו משיג זיין, איז קיין געדאנק ביכולת;
דארטען איז, אה גאט! דיין אויפהאלט אין געהיים,
דארטען איז דיין טראהן־בעט פון דיין עהרענהאפטער היים,
פון א ריינעם אמת־זילבער איז ער אויסגעגאסען, מאדעלירט,
פון דעם גאלד פון שכל, איז זיין אויסבעט טאפעצירט,
אויף די זיילען פון גערעכטיגקייט זיך האלט זיין אנלעהן און פארענץ,
פון דיין קראפט, זיך ציהט זיין עקזיסטענץ,
און פון דיר, און אויך צוריק צו דיר, ער שטרעבט,
שטענדיג גלוסטענדיג צו דיר — ער לעבט.

* * *

גאט! ווער קען זיך דא דערגרונטעווען צו דיין געדאנק,
ווי דו האסט בעשאפען פון דעם שכינה־שיין און פון איהר בלאנק,
אלע לויטערע נשמות, אלע הויכע זעעלען,
די מלאכים, וועלכע פיהרען־אויס דיינע בעפעהלען,
און וואס אימער האבען זיי אין זינען,
דיך נור צו בעדיענען;
מעכטיגע אין קראפט, די העלדען פון דיין מלוכה,
און וואס מיט דער שווערד, דער פלאמיגער, וואס דרעהט זיך אהן מנוחה,
טהוען זיי דיין ארבייט דארט ,
וואו דיין גייסט זיי צווינגט צו געהן, אין יעדען ארט ;
אלע זענען זיי ווי אויסגעשניצט פון פערל,
לעבעדיגע, הויכע וועזענס פון איעדען סארט,
דיענער דיינע, אויסוועניגסטע, אינוועניגסטע,

וואָס די אַלע וועגען דיינע, קענען זיי שוין דאָרט:
פון א פּלאַץ א היילינען, זיי קומען,
פון דעם ליכט־קוואַל זענען זיי ענטנומען,
און אויף כתות אַלערליי צוטהיילט,
אויף דער פּאָהן פון יעדער כתה ווערט דערצעהלט,
אין געקריצטע צייכענס פון א קינסטלערישער פּעדער,
ווער פון זיי איז ווער, און וואָס איז פון זיי יעדער;
מאַנכע זענען פּרינצליך־נאָבעל, גראַפען,
מאַנכע — פּראָסטע קאַמער־דיענער, שקלאַפען,
מחנות־ווייז זיי אַלע דאָרט זיך ציהען,
לויפען, קומען, פליהען,
מיט א פּינקטליכקייט אַן אַקוראַטער,
ווייסען ניט פון מיעדיגקייט, פון מאַטער,
און זיי זעהען אַלץ וואָס קען פּאַסירען און געשעהען.
(זעהענדע, וואָס ווערען ניט געזעהען.)
מאַנכע זענען אויסגעהאַקט פון ברענענדיגען פלאַם,
מאַנכע ציהען פון די בלאָזענדיגע ווינטען זייער שטאַם,
מאַנכע זענען א פעראייניגונג פון פייער און פון וואַסער.
(א מלאכים'טהום א פייערדיגער־נאַסער.)
מאַנכע זענען שרפים, ברענענדיגע שטיקער,
מאַנכע — קליינע פונקען, קוים וואָס ניכר,
מאַנכע זענען הימעל־שפּאַלטענדע און גרויסע בליצען,
מאַנכע — קליינע פייער־שפּריצען;
און די כתות אַלע, יעדע איינע אין איהר צייט,
בוקען זיך צום שעפער, צו דעם גאָט וואָס אויף די הימלען רייט;
מ'קען דאָרט זעהען אין די העכסטע ספערען פון דער וועלט.
ווי זיי שטעהען אין מיליאָנען־מחנות אויסגעשטעלט,
איינגעטהיילט אין איניגע משמרות, טאָג און נאַכט,
נאָך דער רייהע, זייער אויפטריט ווערט געמאַכט,
אויפצופיהרען פאַר דעם האַר פון גבורה, אָבער־ווידער,
א קאָנצערט פון לויב־געזאַנג און ליעדער;
ציטערענדיג, פלאַטערענדיג קניען זיי און בוקען
און מיט שרעק צום שעפער אַלע קוקען
און זיי זאָגען: „אָה, מיר דאַנקען דיר, דו גרויסער גאָט,
וואָס אונז אַלעמען בעשאַפען האָט,
דען מיר אַלע זענען דאָך די ווערק פון דיינע הענט,
מיר אַליין האָב'ן זיך בעשאַפען ניט געקענט,
דו ביזט אונזער האַר, מיר — די שקלאַפען,
דו ביזט שעפער, מיר— די עדות פון דיין שאַפען!

* * *

גאָט! ווער קען דאָ גרייכען צו דיין תכונת אלהים,
ווען דו האָסט נאָך העכער פון דעם גלגל שכל, איבער איהם,
אויפגעשטעלט דיין כסא־כבוד און געמאַכט,
דאָרטען אין דער הויך, דיין וואָהנונג פון בעהעלטעניש און פּראַכט
און וואָס דאָרטען וואָהנט מיט דיר דער סוד,
און מיט איהם, פון אַלעם דער יסוד;
און וואָס ביז אַהין דערגרייכט דער גלגל שכל און בלייבט שטעהן.
ווייטער קען ער שוין ניט געהן,
דען אַט דאָרט,
אין דעם אַלערהעכסטען אָרט,
שטייגסטו שטאָלציג אויף דיין טראָהן פון מאַכט אָהן שיעור,
און ס'קען קיינער ניט אַרויפשטייגען מיט דיר.

* * *

ווער קען נאָכמאַכען דיין ווערק, ווי דו האָסט עס געטהון,

אונטער'ן כסא הכבוד, אונטער'ן טראָהן,
אויפגעשטעלט א פּלאַץ פאַר אַלע זעעלען,
פון די פרומע לייט וואָס דיר געפעלען;
דאָרטען וואָהנען אַלע נשמות ריינע,
וואָס אויף אייביג אין'ם לעבענס-בינטעל איז פערבונדען יעדע איינע,
וואָס זיי קומען אַהין מיעד פון לעבען,
מ'זאָל זיי נייע קרעפטען געבען,
און עס רוהען דאָרטען אַלע די,
לעבענדיג אַהן זאָרג, נאָך זייער מיה,
און זיי פיהלען דאָרט א זיסקייט אָהן א ברעג,
אָהן א צאָהל פון יאָהרען, טעג:
דאָרט בעקומען זיי גאָט'ס גאָבע,
דאָרט איז עס די עולם הבא:
דאָרט זענען פאַראַן געשטעלען אויף צו שטעהן און זעהען,
אַלץ וואָס דאָרטען טהוט געשעהען,
און צו די געשטעלען די נשמות אַלע שטייגען,
אום צו זעהען גאָט און זיך פאַר איהם צו צייגען,
דאָרט צו וואָהנען אין דעם קעניגליכען פּאַלאַץ ביי זיין טיש,
זיך צו וואויל-טהון מיט די שכל-פרוכטען — האָניג-זיס,
קעניגליכע שפּייז צום קוויקען זיך, צום לאַבען,
דאָס איז דאָרט די רוה און ערבשאַפט וואָס זיי האָבען;
הימליש-גוטע, געטליך-שעהנע שטאָף,
אָהן א מאָאס און אָהן א סוף,
טריפען מילך און האָניג, ווער עס נור פערזוכט
— ס'איז גן־עדן־פרוכט !

* * *

ווער קען אויפדעקען, וואָס דו האָסט דאָרט בעהאַלטען,
שאַפענדיג אין הימעל קאַמערען, וואָס זיי ענטהאַלטען,
אוצרות מורא'דיגע שרעק און גבורה-טהאַטען;
אוצרות לעבען פאַר די ריינע און גערעכטע.
אוצרות הילף פאַר זינדיגע וואָס טהוען תשובה;
אוצרות פייער, טייכען שוועבעל פאַר די שלעכטע,
טיעפע גריבער, וועמעס פייער קיינמאָל ווערט פערלאָשען,
וואו די גאָט-דערצערענער זענען איינגעשלאָסען;
אוצרות שטורם-ווינטען און ציקלאָנען אַלערליי,
פראָסט און קעלט, אויך האָגלען, אייז און שנעע
טריקעניש און היץ, אויך שטראָמענדע וואולקאַנען,
רויך און וואָלקענס, פינסטערע טומאַנען,
שוואַרצע נעבלען, דיקע און געדיכטע,
אַלעס פאַרבערייטעט, פאַרבעריכטע,
פאַר געוויסע צוועקען אין דער צוקינפטיגער צייט,
אַלס א שטראָף פאַר לאַנד און לייט,
אָפטמאָל זענען זיי פאַר ברענגען גוטעס אויך בעצוועקט,
דאַמאַלס ליגען זיי געהייליגט, ערגעץ-וואו פערשטעקט.

* * *

ווער קען אויסמעסטען דיין שטאַרקייט, מעכטיגקייט,
צו בעשאַפען פון דיין כבוד'ס שיין און פרעכטיגקייט,
אַזא שעהנקייט
פון א ריינקייט,
אויסגעשניטען פון דער שטאַרקייט פון דעם שעפער,
אויסגעגראָבען פון א הייהל-פערטיעפונג אין איהם גופא.
און א נאָמען האָסטו איהר געגעבען, „נשמה".
זי באַשאַנקען מיט א חכמה-גייסט פון הויכער שטופע;
פון די פלאַמען פון דעם שכל-פייער האָסטו זי געמאַכט,

און דעם שׂכל׳ס נשמה ברענט אין איהר ווי פייער,
האָסט אין׳ם גוף פון מענשען זי אַריינגעשיקט
איהם צו דיענען און צו זיין פאַר איהם א היטער א געטרייער;
א שטיק פייער זאָל זי זיין אין איהם און דאָך ניט קענען
איהם פערברענען,
ווייל דער גוף אַליין איז אויך פון נשמה־פייער אויסגעשמיעדט,
דורך א פלאַם, האָט זיך זיין „יש״ פון „גאָרניט״ אויסגעבריהט,
דען א געטליך פייער האָט בעריהרט איהם
און פאָרמירט איהם.

* * *

ווער קען גרייכען צו דיין קלוגשאַפט, ווי דו האָסט געגעבען
צו דער זעעל א קראַפט פון וויסענשאַפט אין׳ם לעבען
און פערשטעקט אין איהר פיעל וויסען, גרוים אינטעליגענץ,
אַלס איהר פונדאַמענט פון עקזיסטענץ,
און דעריבער קען זי קיינמאָל זיין פערניכטעט און פערלענדט,
ווייל ס׳איז ניט פערניכטבאַר אויך איהר פונדאַמענט,
און אָט דאָס איז טאַקי גראָד,
גאָר איהר אינהאַלט און איהר גאַנצער סוד.
די נשמה,
זייענדיג א קלוגע, א חכמה, (כאָכאָמע.)
שטאַרבט ניט ווי דער קערפּער, טוידט איז ניט איהר סוף,
נור פאַר זינד בעקומט זי עטוואָס ערגערס נאָך, אַלס שטראָף.
און א ריינע זעעלע וועט אין׳ם הימעל זיין בעליעבט,
זי פערשטעהט עס נאָך ביים לעבען, פיהלט זיך ניט בעטריעבט,
און זי לאַכט,
ווענען טאָג פון שטאַרבען, ווען זי גיט א טראַכט;
אָבער אויב א זעעלע ווערט דאָ טמא, שמוצט זיך אויס,
טרייבט מען זי פון הימעל צאָרנדיג אַרויס,
און זי מוז דאַן וואָגלען נע ונד זיין,
מיט א שטראָם פון ליידען זאַט זיין,
און ווי לאַנג זי בלייבט פעראומריינינגט, איז זי פערשטויסען,
א בעטריעבטע און אַן עלענדע אין דרויסען;
טאָהר ניט אָנריהרען קיין הייליגקייט, זי טאָהר אויך ניט אריין,
אין דעם מקדש, וואו זי גלוסט צו זיין,
און זי בלייבט פערטריבען און פערטרויערט,
ביז איהר צייט פון ריינינגונג געדויערט.

* * *

ווער קען דיר, פאַר דיינע טובות דאָ, בעצאָהלען,
פאַר דער נשמה צו בעלעבען אונזער גוף און איהם ערהאָלען.
צו בעווייזען און צו לערנען אונז דעם גוטען וועג, די זיטען,
ווי פון אומגליק זיך צו רעטען און צו היטען.
האָסט דעם מענשען אויסגעשניטען פון דער ערד און מיט דיין בלאָז,
איהם אַריינגעזעצט א נשמה דורך זיין נאָז,
צוגעטהיילט איהם דאַן א גייסט, א קראַפט אזא געהיימע,
וואָס דורך דעם, ער אונטערשיידעט זיך פון דער בהמה,
און דורך דעם קען ער דערגרייכען
צו א שטאַנד א זעהר־הויכען;
האָסט איהם איינגעשלאָסען אין דיין וועלט,
און אַליין פון דרויסען, פון דערוויטענס, זיך געשטעלט,
קאָנטראָלירסט איהם און בעצייכענסט זיינע טהאַטען,
זעהסט איהם און דו ווייסט פון זיינע ווערק די רעזולטאַטען,
אָבער דיך, ער זעהט ניט, ווייסט ניט אַז ער לעבט פון דיינע הענט,
האָסט איהם צוגעדעקט פון אַלע זייטען און פערבלענדט...

* * *

ווער קען די געהיימניסע פון דיינע ווערק דערגעהן,
ווי דו מאכסט, דער גוף זאל זיך בעזארגען גאנץ אליין.
און דו האסט געגעבען איהם צוויי אויגען
וואס צו זעהען דיינע וואונדער־ווערק, זיי טויגען;
האסט געגעבען איהם צוויי אויערען צום הערען,
ווי מען טהוט דיין פורכטבארקייט ערקלעהרען;
א געדאנק וואס כאפט דעם שפּיץ, די ברעגען,
פון די געטליך־סודות׳דיגע וועגען,
און א מויל, וואס קען דערצעהלען דא דיין לויב און רוהם,
און א צונג, וואס קען דיין גבורה פּראקלאמירען אומעטום,
אט ווי איך אצונדערט, איך, דיין קנעכט,
איך, דיין דיענסט׳ם א זוהן, וואס ד׳נעהם מיר איצט דאס רעכט,
צו דערצעהלען אין מיין ארימער און קורצער שפּראך,
עטוואס פון דיין גרויסקייט, קוים א ברעקעל זאך;
אלעס וואס איך זאג דא, זענען דאך נור שפּיצען,
פון דעם אינהאלט וואס די וועגען דיינע דא בעזיצען,
און ווי מעכטיג בלויז דער אנפאנג איז פון זיי,
ווען דערמאהנט אין בלויז איין ווארט אדער אין צוויי!
ווער עס האט דאס נור בעגריפען און געפונען,
האט דאס לעבען אייביגע פאר זיך געוואונען,
און דורך זיי, קען יעדער צוהערער דיך גלייך דערקענען,
ווען ער קען אויך צו דעם פּנים פון דיין פּראכט ניט נעהנען,
און ווען ער האט פון דיין גבורה ניט געהערט,
ווי זאל ער דיך קענען, צו דיין גאטהייט זיין בעקעהרט?
ווי זאל אין זיין הארץ אריין,
דער בעגריף פון אמת, פון דיין „זיין״?
ווי זאל ער אין זיין געדאנק געפינען,
ריכטיגע כוונות דיך צו דיענען?
אט דערפאר האב איך דיין קנעכט, אין הארץ ביי זיך בעשטימט,
אז דורך מיר זאל גאט דערמאהנט זיין, ווער׳ן געריהמט,
אפשר וועט ער צוליעב דעם פערגעסען מאכען מיינע זינד,
דען מיט וואס קען איך, זיין קנעכט, זיין קינד,
זיך געפעליג מאכען ביי דעם הארר,
אויב ניט צוליעב דעם און ניט דערפאר?

* * *

מיין גאט! איך שעהם מיך און איך פיהל מיך דא בעליידיגט,
ווי קען איך פאר דיר שטעהען און זיין פערטהיידיגט?
איך וויים, אז ווי דו ביזט דא ריעזיג־גרוים אין אלעס,
אזוי איז שפּל׳דיג מיין „איך״ און גרוים מיין דלות,
און ווי ס׳איז שטארק דיין מאכט און קראפט,
אזוי איז מיינע שוואך, פערשלאפט,
און ווי דו ביזט בשלימות אימער, אומעטום.
אזוי בין איך חסרונ׳דיג, א פאלשטענדיגער מום,
דען דו ביזט איינער, א לעבענדיגער,
א גבור א בעשטענדיגער,
אן אייביגער, וואס גאר די גדולה, גאר די חכמה, האט,
דו ביזט דאך גאט!
און איך בין א שטיק לייהם, א ווארים,
א שטיקעל בלאטע פון דער ערד, געמיין און ארים,
א כלי פול מיט שאנד,
א שטומער שטיין פון אויף׳ן לאנד;
א שאטען וואס פערשווינדעט כהרף עין, אין א בליק,
א ווינד וואס געהט אוועק און קומט ניט מעהר צוריק,
און איך בין פול מיט גיפט און רציחה ווי א שפּין,

מיין הארץ פערקרימט איז און פערשטאָפּט אָהן זין;
מיין צאָרן גרויס איז אַלע מאָל,
איך טראַכט פון אומרעכט און פון פאַלשקייטען אָהן צאָהל,
א גרויסהאַלטער, אַן אויפגערעגטער מיט א שמוציג מויל
וואָס פליהט אויף קרומע וועגען, און עס איז א גרויל,
א טראַכט צו טהון, וואָס בּין איך? וואָס איז דאָ מיין לעבען?
און וואָס בעטרעפט מיין גבורה, מיינע צדקות און מיין שטרעבען,
ד'בּין ניקס און גאָרנישט לעבּעדיגערהייד,
בּפרט נאָך שפּעטער נאָך מיין טוידט,
און אַך! מישטיינס געזאָגט, פון וואַנען איך בין דאָ געקומען,
און וואו, צו וועלכען פּלאַץ איך וועל צום סוף אוועקגענומען!
אצונד, איך קום צו דיר גאָר אונגעזעצליך,
מיין עזות, מיינע אומריינע געדאַנקען, זענען דאָך פערלעצליך,
דערצו מיין יצר הרע און זיין דיענען פאַלשע געטער,
מיין תאוה, וועלכע שטאַרקט זיך, מיין פעררעטהער,
מיין זעעל וואָס איז נאָך ניט געריינינגט,
מיין הארץ וואָס איז מיט טומאה דאָ פעראייניגט;
איך בין דאָך שוין פערלאָרען און פערשניטען,
מיין גוף, געפּלאָגט פון זינד, איז פול מיט שלעכטע זיטען,
ער מעהרט און מעהרט צו זינדיגען,
וויל קיינמאָל גאָרניט ענדיגען.
מיין גאָט! איך וויים, אַז מיינע זינד איז שווער צו צעהלען,
מיין שולדיגקייט צו גרויס איז צו דערצעהלען,
נור ד'וויל דערמאָהנען זיי, אביסעל פון זיי, סתם,
אבוואָהל ס'איז נור א טראָפּען פון דעם ים;
איך וויל מיך מודה זיין און ביטערע חרטה פיהלען,
פיליכט וועל איך דעם שטורם פון די כוואַליעס זינד אביסעל שטילען,
און דו זאָלסט דאָרט אין הימעל הערען
און דיין פערגעבּונג מיר ערקלעהרען:
,,אשמתי'', איך בין שולדיג געגען דיר, מיין בורא,
,,בזיתי'', ד'בין מבזה דיינע מצוות און דיין תורה,
,,גזלתי'', ד'האָב פערשמוצט מיין הארץ און מויל,
,,דברתי דופי'', מיינע רייד זענען פערדאָרבען, עקלהאַפּט און פויל,
,,העויתי'', ד'האָב פערקרימט אויך אַנדערע און זיי פערפיהרט,
,,והרשעתי'', ד'האָב זיי שלעכט געמאַכט און רואינירט,
,,זדתי'', ד'האָב געזינדיגט בייזוויליג, ביים פולען ווילען,
,,חמסתי'', ד'האָב גערויבט מיט גוואַלד דעם צווייטענס ביסען,
,,טפלתי שקר'', ד'האָב די פאַלשקייטען און ליגענס ווידערהאָלט,
,,יעצתי רע'', איך האָב גע'עצה'ט שלעכט, ווען ס'האָט זיך מיר בעצאָהלט,
,,כזבתי'', איך האָב סתם אָהן נוץ געזאָגט דאָ ליגען,
,,לצתי'', איך האָב אָפּגעשפּאָט פון יענעם אַלס מיין פערגעניגען,
,,מרדתי'', איך האָב אָפען געגען הימעל רעוואָלטירט,
,,נאצתי'', איך האָב דיך געלעסטערט, קריטיקירט,
,,סררתי'', ד'האָב זיך אָפּגעקעהרט פון'ם גלייכען וועג,
,,עויתי'', איך האָב זיך פערקרימט, ד'בין ווייט אוועק,
,,פשעתי'', ד'האָב געזינדיגט אָבער-ווידער,
,,קצתי בתוכחותיך'', שטראָף-רייד זענען מיר געווען דערווידער,
,,רשעתי'', ד'בין געווען א רשע, גיפטיג שלעכט,
,,שחתי דרכי'', ד'האָב פערדאָרבען מיינע וועגען, זיי פערשוועכט,
,,תעיתי'', ד'האָב געבּלאָנדזשעט, זיך געוואַקעלט אָהן שום רעכט,
דען ד'האָב מיך אָפּגעקעהרט פון דיינע מצוות זעהר ווייט.
בשעת דו ביזט צו מיר גוט-געווען די גאַנצע צייט,
נור דו ביזט טאַקי געווען אמת'דיג און עהרליך-טריי
און איך א רשע, א הולטיי!

מיין גאָט! עס ברענט דאָס פּנים מיר פאַר שאַנד,
ווען איך דערמאָהן מיך, ווי ד'האָב דיך דערצאָרענט נאָכאַנאַנד.
פאַר אַלעס גוטעס וואָס דו האָסט אויף מיר געבראַכט,
האָב איך מיט שלעכטס צוריקגעצאָהלט, און ניט בעטראַכט,
אַז דו האָסט מיך דאָ ניט געדאַרפט, נאָך מיר דאָ ניט געבענקט,
נור מיך בעשאַפען אַלס נדבה, האָסט דאָס לעבען מיר געשענקט,
און ניט אויס נויט, דורך וועלכען אויסערליכען צוואַנג,
נור דורך דיין ליעבע, לויט דיין אייגענעם פערלאַנג,
און איידער איך בין נאָך געוועזן דאָ „איך",
האָסטו מיט חסד שוין בעגעגענט מיך.
האָסט מיר אריינגעבלאָזען אַ נשמה, מיך בעלעבט,
דערמיט, אָבער, האָט זיך דיין אינטערעס אין מיר נאָך ניט ערשעפּט,
ווייל ווען איך בין אַרויס צום אויר פון דער וועלט,
האָסטו אַלס טרייער פאָטער זיך ביי מיר געשטעלט;
האָסט מיך ערצויגען ווי אַ גאָווערנאַנט זיין קינד,
האָסט מיך פערזיכערט מיט מיין מוטער'ס בריסט,
מיט דיינע זיסקייטען האָסטו מיך זאַט געמאַכט
און מיינע קינדער־יאָהרען מיר פערזיסט;
און ווען איך האָב מיך אויף די פיס גענומען שטעלען,
פלעגסטו מיך שטאַרקען, ס'זאָל קיין כח מיר ניט פעהלען,
אויף דיינע אָרימס מיך גענומען און געטראָגען,
מיך צוגעוואָהנט צום לעבען, ד'האָב ערפאַהרונגען ביי דיר געקראָגען;
האָסט קלוגשאַפט און מאָראַל מיט מיר געלערענט,
פון יעדער צרה, יעדען אומגליק, מיך בעפרייעט,
און בשעת אַן אַלגעמיינער קאַטאַסטראָפע,
האָסטו אין שאָטען פון דיין האַנד, בעהאַלטען מיך אין צייט,
און וויפיעל האָסטו ניט דערלאָזט צו מיר פון אומגליקען און זאָרגען,
וואָס זענען גאָר אין גאַנצען דאָ פון מיר פערבאָרגען,
ווייל פריהער פון דער צרה, האָסטו שוין געשיקט מיר די ישועה,
און פריהער פאַר דער מכה — די רפואה,
ניט לאָזענדיג מיר וויסען אויף'ן אָרט
קיין איינציג וואָרט.
און ווען איך היט מיך ניט פון שאָדען, היטסטו מיך אַליין,
ווען ד'פאַל אריין אין לייבען־גרוב, בעפרייעסטו מיך פון זיי'רע ציינער,
און ווען פיעל קראַנקהייטען בעפאַלען מיך,
קורירסטו זיי מיר אויס גאַנץ גיך,
און ווען דו שיקסט דאָ אַ מלחמה אויף דער ערד,
גערעטעט ווער איך, דורך דיין האַנד, פון שווערד.
און פון אַן עפּידעמיע מאַכסטו מיך אַנטרינען,
אין הונגער־צייטען, האָסטו מיך מיט שפּייז אין זינען,
דו האַלטסט מיך אויס מיט אַלעם גוטען אין די יאָהרען זאַטע,
און ווען ד'דערצערן דיך, דאַן שטראָפסטו מיך דאָ ווי אַ טאַטע,
און רוף איך דיך ווען מיר איז שלעכט, איז דיר מיין נפש טהייער,
דו שיקסט מיך ניט אַוועק מיט נישט, ווערסט תיכף מיין בעפרייער.
נור דו האָסט נאָך פאַר מיר געטהון אַ זאַך, פון אַלעם גרעסער,
פון אַלע דיינע טובות בעסער,
האָסט מיר געגעבען דאָ אַ ריינעם און אַ גאַנצען גלויבען,
אַז דו ביזט אונזער אמת'דיגער גאָט דאָרט אויבען,
און אויך, אַז די נביאים דיינע זאָגען אמת, פּונקט ווי דו,
און דיר צו דאַנקען, אין דעם אַלעמען, איך גלויבען טהו;
דו האָסט מיין שיקזאַל ניט געמאַכט צווישען די יעניגע,
וואָס זענען געגען דיר דאָ ווידערשפּעניגע,
וואָס זיי בעקעמפען דיך און לעסטערען דיין נאָמען,
פערשפּאָטען און בעליידיגען דיין תורה,

אויף דיינע דיענער מאכען זיי דא גייסטיגע פאגראמען,
אין דיינע נביאים לייקענען זיי גאר אהן מורא;
זיי ציינען זיך אלס אומשולדיג און פרום,
כאטש אינוועניג איז אלעס ביי זיי פאלש און קרום;
זיי ציינען דא א ריינעם נפש, א גערעכטען צוועק,
כאטש אינוועניג אין זיי, בעהאלטען איז א שווארצער פלעק;
זיי זענען כלים אנגעפילט מיט שאנד,
פון אויסוועניג ארומגעוואשען דורך א פאלשער האנד,
נור אלץ וואס אינוועניג אין זיי, אין דער נשמה,
איז שמוציג, אומריין, טמא!...

* * *

איך בין צו קליין פאר אלע דיינע חסדים צו דיין קנעכט,
און ד'לויב דיך, גאטוניו, מיט רעכט,
דען דו האסט מיר געגעב'ן א היילינע און ריינע זעעל,
נור וועה! ד'האב זי מטמא געמאכט שנעל!
דורך מיינע מעשים, דורך מיין יצר הרע, האב איך זי פערשמוצט, פערשוועכט,
וואס קען איך טהון? דער שד בעזיעגט מיך און צוברעכט;
ער טרייבט פונאנדער מיינע מחנות גוטע זיטען,
וואס זיי פערטהיידיגען מיך, היטען,
און ס'בלייבט מיר איצט דיין רחמים בלויז, צו קריגען,
דערמיט וועל איך פיליכט דעם יצר הרע שלאגען און בעזיענען,
זאל זיין דיין ווילען, גאט, דעם יצר הרע דא צו בויגען,
און פון מיין זינד, קעהר אפ דיין פנים, דיינע אויגען;
ניט נעהם מיך צו צו זיך ביים העלפט פון מיינע יאהרען,
ביז איך וועל שפייז אביסעל אויף מיין לאנגער רייזע שפארען.
דען אויב איך זאל אוועק פון דאנען, ווי איך בין געקומען,
און נאקעט אומקעהרען זיך, ווי איך בין ארויס,
צו וואס, דאן, בין איך דא געבארען,
אז איך זאל מאטערען מיך אלע יאהרען,
עס וואלט דאך בעסער זיין דורכאויס,
איך זאל געוועזן פערבלייבען דארט,
ניט קומען זינדיגען אויף דיעזען ארט!
אה, גאט! איך בעט דיך, משפט מיך מיט דיין רחמנות,
בענוץ נור ניט דיין כעס, ס'איז פאר מיר סכנות,
און וואס, מישטיינס געזאגט, איז דען דער מענש אין גאנצען,
דו זאלסט איהם משפט'ען און שטעלען איהם צום דין?
א מעקענע, פון ווינד געיאגט! ווי קען מען זי גאר וועגען?
ווי קען עס איינבויגען די וואג־שאהלען אהער אדער אהין?
וואס טויג דיר, אלזא, אויף א וואג־שאהל וועגען ווינד?
וואס האט דער מענש ביי דיר א ווערטה, מיט זיינע אלע זינד?

בפרט, אז פון זיין ערשטען ביז זיין לעצטען טאג,
ווערט ער געפייניגט און געשלאגען, ס'רוהט אויף איהם דיין פלאג;
זיין אנפאנג איז א שטיקעל מעקענע געיאגטע,
זיין סוף איז אויסגעקלאפטע שטרוי,
זיין לעבען איז אן אפגעברענטע גראז,
און גאט פערפאלגט איהם נאך און מאטערט איהם אזוי;
אט ווי נור פון זיין מוטער'ס בויך ער קומט ארויס,
איז טאג ווי נאכט זיין אומגליק גרויס,
און אויב אפילו היינט איז ער דערהויבען, לעבט אהן זארגען,
וועט ער דאך ווערעמדיג זיין שפעטער, מארגען;
א שטיקעל מעקענע אומווארפט איהם, ברעכט איהם,
א דארן־צווייגעלע צושטעכט איהם;
און איז ער זאט, דאן ווערט ער ווילד און שלעכט,
ז'ער הונגעריג — דאן זוכט ער ברויט, פערברעכט:

צו יאָגען זיך נאָך רייכקייט,
בעקומט ער אַדלערישע לייכטקייט,
און ער פערגעסט זיך אויפ'ן טוידט,
וואָס הינטער איהם כסדר שטעהט;
און ווערט איהם שלעכט, דאַן רעדט ער פיעל,
טהוט תפלה, בעט זיך אין דער שטיל:
פערשפּרעכט נדרים, גאַנצע גליקען,
נור תיכף ווי עס הערט איהם אויף צו דריקען,
איז באַלד טהוט ער פערשווערען,
די רייד זיינע און דעם פערשפּרעכען,
און ער בעפעסטיגט זיך אין זיינע מויערען
פערריגעלט טיהר און טהויערען,
פערגעסט זיין יעדען נדר,
כאָטשי דער מלאך המות זיצט ביי איהם אין חדר,
און ווי מען זאָל זיך דאָ ניט היטען,
קומט אָן דער טוידט אין מיטען;
ער רייסט זיך שנעל אַריין, אָט גראָדע,
ווי ס'רייסען זיך די וועלף אַריין אין סטאָדע.
אזוי איז עס! דער מענש קומט אויף דער וועלט
און ווייסט ניט צוליעב וואָס,
ער פרעהט זיך אָפּט און קוועלט,
און פרעגט איהם, ווייסט ער ניט מיט וואָס;
ער לעבט דאָ א געוויסע צייט,
און ווייסט ניט וויפיעל נאָך, ווי ווייט,
ווען ער איז יונג, דאַן איז ער ווילד, צולאָזען,
און ווען גאָטס גייסט, פאַנגט אָן אין איהם צו בלאָזען,
פערנעהמט ער זיך צו זאַמלען רייכטהום און פערמעגען,
און פאָהרט אַוועק אויף ווייטע וועגען,
אויף שיפען און אויף פּלאַטען,
ער ריזיקירט זיין לעבען צווישען ווילדע האָטענטאָטען,
צווישען לייבען, בייזע חיות,
ער מיינט, דאָס אַלץ כדאי איז.
ווייל גרויס איז דאָך זיין גלאַנץ און פּראַכט,
און ווען זיין מיה האָט איהם שוין גליק געבראַכט,
איז פּלוצלונג קומען רויבער, וואַגאַבונדען,
אַן אויגען־בליק — און זיין פערמעגען איז פערשוואונדען!
און דאָס קען איהם פּאַסירען יעדען טאָג,
ווייל אימער איז ער אויסגעזעצט צו צרות, פּלאָג,
זיי געהען און זיי קומען יעדע שטונדע,
זיי בייטען זיך סעקונדע נאָך סעקונדע,
און כ'געהט קיין טאָג דאָ ניט אַוועק,
אָהן אומגליק, שרעק;
ניטאָ קיין רוהיגע בערוהטע רגע,
אָהן אירגענד וועלכער פּגע.
אַמאָל פּאַסירט גאָר, עס ברעכט אוים מלחמה,
פעריאָגט איהם דאַן די שווערד אין דער אדמה,
צי גאָר א פייל פון בויגען,
וואָס איז צו איהם פערביי־פליהענד דערפלויגען;
אַמאָל ווערט ער אַרומגערינגעלט סתּם פון צרות,
וואָס זיי פערפלייצען איהם, פערטרייבען איהם צום בית הקברות;
אַמאָל פּאַסירט, ער ווערט פון קראַנקהייטען בעפאַלען,
און ער פערצווייפעלט, ווערט אויף זיך אַליין א לאַסט,
ער שפּירט דאַן אין זיין ביסעל לעבענס־האָניג, גיפט,
זיין שמערץ איז גרויס, זיין לעבען ווערט פון איהם פערהאַסט,

און ס'ווערט שוין אויך זיין שכל אָרים, בלאָס,
פאַר גאַסען-קינדער ווערט ער דאַן אַ שפּאַס,
קונדסים נעהמען איהם דערגעהן די יאָהרען.
און אויך פאַר זיינע קינדער איז ער איבעריג געוואָרען,
בעקאַנטע קעהרען זיך שוין פון איהם אָפּ,
(זיי וויל'ן איהם מעהר ניט שענקען זייער שאָקעל מיט'ן קאָפּ.)
דאַן קומט זיין צייט, ער געהט,
פון זיינע הויף'ן, צו דעם הויף פון טוידט.
פון זיינע קאַמערען
צו מלאך-המות-קלאַמערען,
און ער טהוט אויס זיין זיידענע קאַפּאָטע,
בעקליידעט זיך מיט ווערים און מיט בלאָטע.
ער קעהרט זיך אום צו זיין יסוד, פון וואָס ער איז געבויעט.
צום דר'ערד, פון וואַנען ער איז אויסגעהויט.
און דיעזער מענש, צי קען ער דען געפינען,
אַ צייט פאַר תשובה, גאָט צו דיענען,
אַ צייט פאַר וואַשען זיך, פאַר פּוץ,
פאַר רייניגען די ווילדקייט און איהר שמוץ:
דער טאָג איז קורץ, די אַרבייט פיעל,
די מאַהנער איילען צו עררייכען זייער ציעל,
די צייט, זי לאַכט איהם אויס, מאַכט שפּאַס,
דער בעל הבית איהם דריקט גאַנץ-ראַש,
דעריבער, גאָט! געדענק די אַלע שוועריגקייטען, ליידען,
וואָס קיין שום מענש קען זיי ניט מיידען,
און אויב איך האָב געטהון, געהאַנדעלט שלעכט,
זיי גוט צו מיר, גערעכט,
ניט צאָהל דאָ מאָס פאַר מאָס,
צום מענש, וואָס זינדיגט אָהן אַ מאָס,
און וואָס דאָס אַלעס איז איהם גוט בעוואוסט,
און וואָס דעריבער שטאַרבט ער נעבאַך גאַר אָהן לוסט!

* * *

מיין גאָט! אַז די עבירות מיינע זענען צופיעל שווער,
אויב דו ווערסט זאָגען,
דאַן וואָס איז מיט דיין וועלט-נאָמען, „דער גרויסער גאָט"?
ווי קענסטו גרויס זיין, ווען דו קענסט מיין ביסעל זינד ניט טראָגען?
איז קענסטו דאָך געוויס, נור מ'מוז אויף רחמים האָפען,
נו האָף איך טאַקי! ווייל נור דו קענסט מוחל זיין, ניט שטראָפען!
און אויב דו זאָלסט זאָגאָר מיך וועלען טוידטען,
איז אויך מיין האָפנונג נור אויף דיר,
און אויב זאָלסט זוכען מיך און מיינע זינד,
וועל איך פון דיר אַנטלויפען, ווידער טאַקי נור צו דיר,
און פון דיין כעס וועל איך מיך בעהאַלטען אין דיין שאָטען,
ד'וועל אָנהאַלטען די ברעגען פון דיין רחמים-מאַנטעל,
ביז דיין דערבאַרמונג אויסווירקען, וועט מיר געראָטען;
און איך וועל דיך ניט אָפּלאָזען, ניט געבען דיר קיין מנוחה,
ביז וואַנען דו וועסט מיר ניט שענקען דאָ דיין ברכה!
געדענק, אַז דו האָסט מיך געמאַכט ווי לייהם אין דיינע הענט,
און אין די צרות אַלערליי, געפּרוּווט מיך און געברענט,
טאָ שטראָף מיך ניט, לויט מיינע מעשים האָבען מיך פעררעטהען,
ניט מאַך מיך אויפעסען די פרוכט פון מיינע טהאַטען;
דערלענגער מיר דיין צאַרן, ניט דערנעהנטער מיר מיין טוידט,
ביז איך וועל שפּייז אויף מיין צוריקרייזע שוין האָבען גרייט;
ניט צווינג מיך אָפּגעשיקט צו ווערען פון דער וועלט אויף גיך,
כל זמן איך טראָג נאָך פּעק מיט שולדען דאָ אויף זיך.

און ווען דו נעהמסט מיינע עבירות אויף'ן וואָג,
דאַן לעג שוין אויף דער צווייטער שאָהל מיין אומגליק, פּלאָג,
און ווען דו נעהמסט דערמאָהנען מיינע רשעות און פעררעטה,
דערמאָהן דאַן אויך מיין אָרימקייט און ווער מיין אדוואָקאַט,
שטעל איינע געגען איינע,
פערפעהל ניט קיינע!
און ניט פאַרגעס, מיין גאָט, זייט וועלכער לאַנגער צייט,
דו האָסט מיך אין דער פרעמד פערוואָרפען, אזוי ווייט,
דו האַלטסט מיך אין א גלות, פון מיין היים דערווייטערט,
און וואו איך ווער פון מיינע רשעות פייערדיג געלייטערט:
איך וויים, דו פּרוּווסט מיך פאַר מיין טובה,
דו פייניגסט מיך צוליעב אמונה־צוועקען,
און כדי מיר גוטעס טהון צום ענדע,
האָסטו געשטעלט מיך צו דער פּראָבע פון די גלות־שרעקען,
דעריבער זאָל זיך, גאָטוניו, דיין מיטלייד דאַ צוברומען,
און לאָז ניט אוים אויף מיר דיין גאַנצען צאָרן,
בעשטראָף מיך ניט, לויט ס'וואָלט מיר על פּי דין באמת קומען,
און זאָג צום משחית, ער זאָל שטראָפען מעהר ניט טאָהרען,
דען וואָס איז דאַ מיט מיר אזוי דער יחוס און די מעלה,
אַז ריין צו זיין פון זינד, זאָלסטו פון מיר פערלאַנגען,
און היטען און שפּיאָנירען מיך פון אַלע זייטען,
און ווי א בופעל־אָקס מיך פאַנגען:
די מעהרסטע יאָהרען מיינע זענען דאָך אוועק, געוואָרען תל,
די איבעריגע ווער'ן אין זינד פערפוילט, זיי לויפען שנעל,
און אויב איך בין דערוויל נאָך דאַ,
איז מאָרגען קוקסטו זיך אָרום — ד'בין שוין ניטאָ!
צו וואָס־זשע זאָל איך יונגערהייד נאָך, שטאַרבען?
צו וואָס זאָל מיך דיין פייער אויפפרעסען, פערדאַרבען?
האָב איינזעהען מיט מיינע לעצטע ביסעל טעג,
ניט יאָג זיי, די אַנטרונענע, דעם לעצטען שטיקעל וועג!
און דאָס וואָס מיר איז נאָך פון'ם האָגעל מהומות דאַ פערבליבען,
זאָל דורך די היישעריקען, מיינע זינד, ניט ווער'ן צוריבען,
דען מערק,
אַז איך בין פון דיין אייגען האַנד דאָס ווערק,
טאָ וואָס פאַר א הנאה ווערסטו האָבען,
ווען איך וועל עטוואָס פריהער זיין בעגראָבען
און ווען דיין פּראַצע וועט פערשלונגען זיין אין די געדערים
פון מיאוסע און עקעלהאַפטע ווערים?
זאָל זיין דיין ווילען, גאָט, צו שענקען מיר רחמנות,
און העלפען מיר בתשובה שלמה אומקעהר'ן זיך צו דיר,
צו מיין געבעט לעג צו דיין אויער
און מיט דיין תורה זאָלסטו עפענען מיין האַרץ אין מיר:
פערפלאַנץ אין מיין געדאַנק דיין מורא,
בעשטימ פאַר מיר א גוטע גזירה,
און זיי מבטל שלעכטע, מאַך מיך לויז,
פון אַלדאָס בייז;
ניט ברענג מיך מעהר צו א נסיון,
ניט ברענג מיך מעהר צו קיין בזיון,
פון יעדער פגע רע זאָלסטו מיך רעטען היינט און מאָרגען,
און ביז דאָס שלעכטע געהט אוועק, זאָלסטו אין שאָטען מיך פערבאָרגען,
און זיי מיט מיין געדאַנק און צונג — מיט ביידען,
איך זאָל ניט זינדיגען ביים טראַכטען אָדער ריידען,
דערמאָהן מיך ווען דו וועסט בעווילינען דיין פאָלק,
און ווען די גאולה וועט געשעהען,

איך אויך זאָל פיהלען נחת צווישען דיינע אויסדערוועהלטע
און זוכה זיין דיין הייליגען פּאַלאַץ צו זעהען,
וואָס איצטער איז ער חרוב, וויסט,
ד׳זאָל זוכה זיין צו ליעבען זיינע שטיינער און זיין מיסט,
די בערגלאַך ערד פון די צושטערטע פעסטונגען,
זאָלסט אויפבויען זיינע פערוויסטונגען!
* * *
מיין גאָט! איך וויים, אַז ווער עס וויל דו זאָלסט איהם רעטען,
מוז פריהער האָבען מעשים טובים, וועלכע זאָלען פאַר איהם בעטען,
צי האָבענדיג אין לעבען,
פיעל צדקה דאָ געגעבען,
נור איך פערמאָג ניט דיעזע אַלע זאכען,
וואָס זאָל׳ן מיך ווירדיג מאַכען,
איך האָב קיין צדקות, יושר, אָדער חסידות,
ד׳בעזיץ קיין איינע פון די אלע גוטע מידות,
איך בין אָהן תשובה, אָהן עבודה, איך האָב ניט געטהון מיין פליכט,
און דאָך, פערבאָרג פון מיר ניט דיין געזיכט;
דו זאָלסט מיך פון דיין אַנוועזענהייט ניט פערוואַרפען,
און ווען דו וועסט מיך פון דער וועלט אַוועקנעהמען בעדאַרפען,
זאָלסטו אויף יענער וועלט מיך ברענגען און מיין כבוד ניט פערלעצען,
מיט אַלע פרומע לייט, זאָלסטו מיך דאָרט בעזעצען,
און צווישען די וואָס האָבען עולם־הבא־טהיילען,
זאָלסטו מיך צעהלען,
און איך זאָל זוכה זיין דיין ליכטיג פנים דאָרט צו זעהען,
און אויפשטעהן תחית המתים, ווען דאָס וועט געשעהען,
דו זאָלסט מיך פון דער טיעפער ערד אַרויפברענגען דאָ וויעדער,
און איך וועל דאַנקען דיר דערפאַר און זינגען ליעדער,
ד׳וועל זאָגען: גרויס איז גאָט, ווער ס׳וויסט,
ער צאָרנט. האָט חרטה און ער טרייסט!
און איצט בעדאַנק איך דיר פאַר דיינע טובות ביז אַהער,
און וואָס דו וועסט נאָך ביז מיין טוידט, מיר טהון פיעל מעהר,
און אויך פאַר דעם, וואָס דו, מיין גאָט, איין־איינציגער,
וועסט מיך בעפעסטיגען אין יראה,
און העלפען מיר צו אַנהאַלטען זיך אַן דיין תורה שטאַרק,
איך זאָל אין איהר ניט זעהען קיין שום סתירה.
און פאַר דעם אַלעמען, בין איך פערפליכטעט דיך צו לויבען,
צו דאַנקען, ריהמען דיך, בעשעהנען און דערהויבען,
דיך בענשען, הייליגען, דיין אחדות אַגיטירען,
דיין גרויסען, שטאַרקען, מורא׳דיגען נאָמען פּראָקלאַמירען.
אין׳ם מויל פון די גערעכטע מענשען,
דיין נאָמען הערט מען בענשען;
און אין דער שפּראַך פון פרומע לייט,
דיין נאָמען איז פערהייליגט יעדע צייט,
און צווישען הייליגע ווערסטו געריהמט,
אין גרופּעס פון מלאכים — אַלס ערהאַבענסטער בעשטימט,
דען אין דער געטליכקייט ביזטו נור איינער,
און דיינע טהאַטען קען ניט נאָכטהון קיינער;
אין הימעל צווישען די גלגלים, אויבען,
ווערסטו פון אַלעמען דערהויבען,
און אונטען אויף דער ערד ווערסטו, מיט שרעק און מורא,
דערקלעהרט אַלס איינציגער און גרויסער בורא,
אין הימעל איינציג איז דער גאָט,
אויף דר׳ערד, איין איינציג פאָלק ער האָט!...
(יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך, ד׳ צורי וגואלי.)

פאָרוואָרט.

אין דיעזען העפט ווערט בעוויזען דורך לאָגישע בעווייזע, סיי לויט אונזער דיינער אמונה און סיי לויט די אַרגומענטען פון דער העכסטער פילאָזאָפי ביי די אומות העולם, אַז די וועלט איז ניט הפקר, נור יעדער מענש מוז זיך דאָ אויפפיהרען עהרליך און מאָראַליש, ווייל סוף כל סוף בעקומען מיר שכר פאַר אַלע גוטע טהאַטען און מיר ווערען ביטער בעשטראָפט פאַר אַלעם שלעכטעם וואָס מיר טהוען דאָ אויף אין אונזער לעבענס-צייט.

עס ווערט דאָ ניט גערעדט ספּעציעל וועגען אידען און וועגען דעם שכר ועונש פאַר האַלטען אָדער פאַר עובר זיין אויף אונזערע תרי״ג מצוות, נור וועגען שכר ועונש בכלל און פאַר אַלע מענשען צוגלייך, אידען אָדער ניט-אידען.

וועגען דעם ספּעציעלען שכר ועונש פאַר האַלטען אָדער פאַר עובר זיין אויף די מצוות התורה, ווערט אויספיהרליך גערעדט אין אונזער פריהעריגען העפט „אדם העליון״, אָבער ווי באַלד, אַז איינער זאָל ווערען אַן איבערצייגטער גלויביגער אין שכר ועונש בכלל, איז דאָך שוין זעלבסט-פערשטענדליך, אַז אויב ער איז אַ איד, מוז ער נעהמען היטען און מקיים זיין אונזערע תרי״ג מצוות, ווייל אויב אַ געוויסער דאָקטאָר האָט אייך צוגעטראָפען ריכטיג אייער קראַנקהייט, דאַרפט איהר שוין אויך גלויבען אין זיין רעצעפּט וואָס ער פערשרייבט אייך פאַר אייער געזונד-ווערען.

שכר ועונש אויף יענער וועלט, אויף דעם אופן ווי דאָס ווערט ערקלעהרט אין דיעזען העפט, איז דורכאויס די ענטדעקונג און די לעהרע פון אונזער אידישער אמונה; מיר האָבען דאָס בקבלה נאָך פון משה רבינו און פון אונז איז עס שפּעטער אַריבער אויך צו די גרינדער פון אַנדערע רעליגיאָנען און צו די פערשיעדענע חסידי אומות העולם, די דענקער און פילאָזאָפען פון אַלט-גריכענלאַנד און פון איבעראַל, אָבער די לעצטע האָבען נור אָנגענומען דעם שכר ועונש פאַר מאָראַלער און אונמאָראַלער אויפפיהרונג, ווייל דער מאור שבתורה איז פאַר זיי געווען אַ פאַרשטעלטע זאַך, וועהרענד מיר אידען, אַלס דער עם סגולה, (זעה די נעקסטע העפט „דער איד״) קענען ניט יוצא זיין מיט בלויז מאָראַלישער אויפפיהרונג, מיר מוזען אויך ערפילען אונזערע ספּעציעלע פליכטען, פאַר וועלכע מיר בעקומען אַ ספּעציעלען שכר, אָדער חלילה אַ ספּעציעלען עונש פאַר ניט ערפילען זיי.

דאָס איז ווי דער סדר העולם אין יעדער מדינה, וואו די אַלגעמיינע בעפעלקערונג דאַרף זיך בלויז אָפּהיטען פון בעגעהן פערברעכענס, בשעת די קעניגליכע בעאַמטע, האָבען נאָך ספּעציעלע פליכטען אויף זיך צו ערפילען, ווייל זיי בעקומען פערשיעדענע אינסטרוקציעס פון דעם קעניג דירעקט פאַר זיי אַליין און וועלכע מוזען פון זיי דורכגעפיהרט ווערען, ווי צוזאַמענשטעלען געוויסע סטאַטיסטיקס, צושיקען פערשיעדענע רעפּאָרטען, היטען די אָרדנונג און אַז. וו.

און פונקט ווי אַ קעניגליכער בעאַמטער, וועלכער ערפילט ניט זיינע ספּעציעלע פליכטען, קען זיך ניט ענטשולדיגען דערמיט וואָס ער איז עהרליך, גנב׳עט ניט, גזל׳ט ניט און בעגעהט ניט קיין אַנדערע פאַרברעכען, אַזוי קען אויך דער איד ניט ענטשולדיגען זיך דערמיט וואָס ער לעבט אַזוי עהרליך און אַנשטענדיג ווי אַלע, ווייל מיר אידען מוזען אויסער דעם אַלעמען אויך אויספאָלגען די געזעצען פון דער געטליכער תורה, אָדער עס מיינט, אַז מיר זענען זינדיגע און מיר האָבען חו״ש ניט אויסגעפאָלגט די אינסטרוקציעס פון דעם מלך מלכי המלכים, וועלכע זענען געגעבען געוואָרען דירעקט צו אונז.

און דער אמת איז, דאָס מיר דאַרפען דאַנקבאַר זיין פאַר דעם געטליכען חסד, וואָס אויף אונז אידען ליגען נאָך ספּעציעלע פליכטען, ווי אונזערע חז״ל זאָגען אונז: רצה הקב״ה לזכות את ישראל לפיכך הרבה להם תורה ומצוות. די עקסטראַ פליכטען מיינען פאַר אונז אַן עקסטראַ שכר און דאָס איז דאָך אָהן צווייפעל פאַר אונזער בענעפיט.

און פאַר די לעזער, וועלכע וועלען זיך איבערצייגען אין דער ריכטיגקייט פון דעם אַלגעמיינעם שכר ועונש, וועט שוין ניט שווער זיין צו בעגרייפען אויך דעם אמת וועגען דעם ספּעציעלען שכר ועונש פאַר אונז אידען!

ד ע ר פ ע ר פ אַ ס ע ר.

די אונשטערבליכקייט פון אונזער נשמה.

ויפח באפיו נשמת חיים, ויהי האדם
לנפש חיה (בראשית ב'. ז'.)

פאקטען וועגען השארת הנפש.

אונזער גלויבען אין דער אונשטערבליכקייט פון דער נשמה נאך'ן טוידט פון אונזער קערפער, איז באזירט אויף פאקטען, וועלכע זענען אזוי קלאהר ווי די זון. נור מען דארף האבען אויגען צו קענען אריינקוקען דערין: מיר האבען דערויף פאלגענדע בעווייזע:

1) פון אונזער אייגענעם „איך".
2) פון דער גאנצער וועלט בכלל.
3) פון יעדער בעשעפעניש בעזונדער.
4) פון דער קאנטראסטען-לעהרע.
5) פון נאטור'ס בעלוינונג און שטראף.
6) פון דער גאטהייט און דער געטליכער תורה.

די ערשטע ראיה פון אונזער אייגענעם „איך" איז א טיעף-פסיכאלאגישע. עס איז בעוואוסט, אז אונזער יעדע ארבייט, אונטערנעהמונג, יעדער געדאנק און געשפרעך, זענען עפעס אויף אזא אופן ווי מיר וואלטען געווען זיכער, אז מיר וועלען לעבען אייביג. אפט ריידען מיר אפילו וועגען אונזער טוידט מיט גלייכגילטיגקייט און זאגאר שפאסענדיג און ווויצלענדיג זיך, אט ווי דאס זאל זיך עפעס האנדלען וועגען איבערבייטען א מלבוש. דער איינפאכער מענש קען דעריינען אפשר גארניט בעמערקען, אבער באמת איז דאס א וואונדערבארער סמן, אז מיר זענען אונשטערבליך, דאס איז ביי אונז אן איינפאכער אינסטינקט אזא, אן אינערליכע שטימע פון דער נשמה אין אונז, וועלכע זעהט ווייטער ווי די אויגען פון פלייש און וועלכע שושקעט אונז אין אויער: „האב קיין מורא ניט, וועסט ניט שטארבען, דו ביזט אונשטערבליך!"

די קראפט און בעדייטונג פון אן אינסטינקט, איז אונגעהויער גרויס, עס זענען פאראן מענשען וועלכע וועלען ליעבערשט ליידען די גרעסטע פערלוסטען און ארונטערשלינגען די גרעסטע בעליידיגונגען, איידער טוידטען זייער פייניגער און שונא; דאס איז אויך די אינערליכע שטימע, די נשמה אונזערע, וועלכע שושקעט אין אויער: „וואג ניט! דו טאהרסט עס ניט טהון! דו וועסט זיך אומגליקליך מאכען אין דיין אייביגען לעבען!" און מיר פאלגען דעם רוף פון דער נשמה, אבוואהל מיר ווייסען ניט קלאהר, וואס מיר קענען פערלירען דערפון, אז מיר זאלען אין געהיים ערמארדען אונזער ערגסטען שונא, און אזוי איז מיט אלע אנדערע שטערונגען וואס דער געוויסען מאכט אונז. דאס זענען אלץ אינסטינקטיווע געפיהלען, וועלכע ווערען אונז דיקטירט שטילערהייד פון דער נשמה אין אונז, וועלכע זעהט און ווייסט פיעלע זאכען, און מאנכעס מאל האט זי פשוט ניט די נויטיגע ווערטער ווי צו ערקלעהרען עס צו אונזער שכל, אבער מיר פיהלען עס אין זיך אינסטינקטיוו, ניט קענענדיג ערקלעהרען מיט'ן צונג וואס אזוינס דער אינסטינקט דערצעהלט אונז.

דאס זעלבע איז אויך מיט דעם אינסטינקטיווען געפיהל אונזערען, אז מיר וועלען לעבען אייביג, כאטש מיר אליין ווייסען ניט דערפון און זענען כלומרשט מיט דער מיינונג, אז מיר מוזען שטארבען; דער אינסטינקט דערצעהלט עס אונז ניט קלאהר גענוג אז יעדער איינער זאל דאס ריכטיג פארשטעהן, אבער טיעף אין הארצען פיהלען מיר דאס סיי ווי סיי.

ווען איינער פון אונז זוכט צו פערפאלקאמענען זיך אין אירגענד וועלכער זאך, אין לערנען, אין וויסענשאפט, אין מלאכה, אין קונסט, אדער אין געשעפטס-ערפאהרונג, טהוט ער דאס אונבעוואוסט ניט נור פאר זיין לעבענס-צייט, נור אויך פאר זיינע ווייטערע לעבענס. זיין פאלקאמענהייט וועט איהם צוניץ קומען אויך אויף'ן צווייטען און אויף'ן דריטען לעבען און אזוי ווערט עס טאקי די וועלט אימער קליגער, אימער פראקטישער, אימער פאלקאמענער, ווייל אין יעדען נייעם לעבען האט שוין דער מענש די ערפאהרונגען פון זיין פריהערדיגען לעבען; ער אליין ווייסט טאקי ניט דערפון, אבער זיין אינסטינקט ווייס עס יא; דער גע-

וועזענער חכם אין א פריהעריגען לעבען, ווערט צוריק געבוירען אלס גרעסערער חכם; דער געוועזענער טאלאנט אין אירגענד וועלכער זאך, ווערט צוריק געבוירען אלס מעהר טאלאנטפול און דערפון נעהמט זיך דער פאקט, וואס מאנכע מענשען האבען א נייגונג צו עטוואס פון זייער פריהעסטער יוגענד; זיי ווייסען אליין ניט פון וואנען דאס נעהמט זיך, אבער דאס נעהמט זיך דערפון וואס זיי זענען געווען בעקאנט מיט דער זאך צו וועלכער זיי האבען א נייגונג, נאך אין זייער פריהעריגען לעבען אדער לעבענס.

די צווייטע ראיה, פון דער וועלט בכלל, איז אזוי אלט ווי די וועלט און אזוי פעסט ווי די וועלט. עס איז אבסאלוט אמת, אז אין דער גאנצער נאטור ווערט ניט פערלוירען קיין שטויבעלע, קיין טראפען וואסער, קיין איינציגער קלאנג. יעדע זאך ווערט נור אויסגעטאהן פון איהר געשטאלט און טהוט אן א צווייטען און א דריטען געשטאלט, אבער פערלארען געהט עס ניט.

די נאטור בייט זיך יעדע סעקונדע. זי בעוויזט זיך אימער אין נייע קליידער און מיט אן אנדער אויסזעהען, אבער דאס איז די זעלבע נאטור, די זעלבע עלעמענטען פון דער נאטור נור אנדערש געשלייערט. היינט שטארבען אויס מיליאנען מענשען און אין א צייט ארום ווערען זיי צוריק געבארען; היינט שטארבען אפ אלע פרוכטען, אלע גראזען, אלע בוימער, און זעקס מאנאטען שפעטער שטעהען זיי אויף תחיית המתים.

ווען איהר זאלט ברענגען א מענשען פון ערגעץ א ווייטען ווינקעל, וואס האט קיינמאל ניט געהערט וועגען זייהען און פלאנצען און איהר זאלט איהם דערצעהלען אז די מענשליכע נשמה איז אונשטערבליך און אויך אז מען קען אריינלעגען אין דער ערד א קערענדעל און דער קערענדעל וועט ליגען אזוי לאנג ביז ער וועט אפשטארבען און צופוילט ווערען און דאן וועט פון דעם טוידטען קערענדעל ארויסוואקסען א שעהנער פראכטפאלער בוים מיט גרינע בלעטער און צווייגען און מיט הונדערטע פרוכטען אין וועלכע עס וועלען זיך געפינען מיליאנען קערענדלעך ווי דער איינציגער קערענדעל וואס איז אין דער ערד צופוילט געווארען. וואס וואלט יענער מענש גלויבען גיכער? ער וואלט געוויס דענקען, אז די מעשה מיט'ן קערנדעל איז א שעהנע פאנטאזיע וועלכע קען קיינמאל ניט פאסירען, וועהרענד ער וואלט שוין ליעבערשט גלויבען, אז ס'איז גאנץ מעגליך, דאס אזוי ווי ביי א שטארבענדען געהט ארויס די נשמה, און אזוי ווי ביי אן ערשט־געבוירענעם קומט אריין א נשמה, זאל עס אין דעם ניי־געבוירענעם אריין די נשמה פון א פריהער־געשטארבענעם.

אדער ווען מיר זאלען נעהמען א מענשען פון די ווארעמע לענדער, וועלכער האט קיינמאל ניט געזעהען קיין ווינטער און ניט געהערט וועגען דעם, און ווען יענער מענש זאל דערזעהען ווי אונזערע בוימער שטעהען טרוקענע, אפגעשטארבענע און בעדעקט מיט שנעע, וואלט ער דען ניט דענקען, אז ביי אונז איז אפגעשטארבען די נאטור און אז זי וועט שוין ניט אויפשטעהען, ווי א געשטארבענער מענש שטעהט ניט אויף?

אבער מיר ווייסען, אז דאס אלעס וואס שטארבט אפ אין דער פלאנצענוועלט, איז נור א שלאף פאר א געוויסער צייט ביז דאס געשטארבענע וועט אויפשטעהן נאך שעהנער און פאלקאמענער ווי ווען עס איז געגאנגען שלאפען.

א גאנצען טאג לייכט די זון און דאן ווערט עס פינסטער, אבער אויף מארגען קומט די זון ווידער אמאל און נאך מיט מעהר קראפט ווי ווען זי האט אונז פערלאזען, און אזוי איז עס מיט אלעס אין דער נאטור: עס איז בלויז פאראנדערונג, אן איבערגאנג פון איין לעבען צו א צווייטען, אבער ניט קיין ווירקליכער טוידט, און אויב דאס איז דער פאל מיט דער גאנצער נאטור, מוז דאס זעלבע זיין אמת אויך מיט אונזער מענשליכען טוידט. וועלכער איז אויך נור צייטווייליג, אום די נשמה זאל ווידער ערשיינען אין א נייעם לבוש נאך מיט מעהר קראפט ווי ווען זי האט דעם טוידטען קערפער פערלאזען.

דער דריטער בעוויז, איז פון יעדער בעשעפעניש בעזונדער.

ווען מיר קוקען זיך גוט צו ווי אלעס אין דער נאטור ווערט געשאפען, דערזעהען מיר, אז די נאטור זעלבסט שאפט קיין זאך אייגענהענדיג, זי קלעפט ניט צוזאמען יעדען מאנסביל פון ליים מיט וואסער, נאכהער אריינבלאזענדיג אין איהם א נשמה ווי זי האט עס געטהון מיט אדם'ן און זי שניידט ניט אויס יעדע

פּרויענצימער פון אַ בעשטימטען מאַנסבילס זייט, ווי זי האָט עס געטהון מיט
הוה'ן. זי האָט זיך איהרע געזעצען פון פאָרטפלאַנצונג און דיעזע שאַפען שוין
אַלעס אַליין פון זיך. דער קלענסטער ווערימעל, אַזוי גוט ווי דער מענש, זענען
געצוואונגען, דורך דיעזע געזעצען, צו טהון דער נאַטור'ס אַרבייט און יעדער מין
מוז זיך אַליין פאָרטזעצען. מוז זיך אַליין בעשאַפען און זיך אַליין ענטוויקלען
שטופענדיג זיך פון שטופע צו שטופע אַרויף אָדער אַרונטער, לויט ווי די נאַטור־
געזעצען בעפעהלען עס.

עס איז פּאָזיטיוו ניטאָ קיין איינציגע זאַך אין דער וועלט, וועלכע זאָל ניט
דאַרפען דורכגעהען דורך טויזענדער גלגולים, זיך בייטען, ענטוויקלען זיך, פּראָ־
גרעסירען אָדער רעגרעסירען, טאָ ווארום זאָל עס אויך ניט זיין דער פאַקט
מיט אונזער נשמה? קיינער לייקענט נישט דאָס מיר האָבען אַ נשמה, מיר האָבען
עטוואָס אַזוינס וואָס דערהאַלט אונז ביים לעבען, מאַכט אונז פיהלען און דענקען
און אַזוי שנעל ווי דיעזער עטוואָס פערלאָזט אונז, בלייבט אונזער קערפּער ליעגען
ווי אַ שטיק לייס. זאָל זיין אפילו, דאָס דיעזער עטוואָס שטאַרבט אָפּ גענצליך
מיט'ן קערפּער, אָבער געווען איז ער דאָך, מיר, די לעבעדיגע, האָבען דאָך איהם,
און אויב אַזוי, קומט אויס איינס פון די ביידע: ענטוועדער די אַלע מיליאַרדען
נשמות האָבען גענעראַציאָן, זיי פאָרטפלאַנצען און ענטוויקלען זיך זעלבסט ווי אַלע
אַנדערע זאַכען אויף דיעזער וועלט, אָדער די נאַטור מוז יעדער ניי־געבוירענער
חיה, יעדער פליעג, יעדער וואַנץ, אייגענהענדיג בעשאַפען און אַריינבלאָזען אַ
נייע נשמה, אַ נייעם שטיקעל עטוואָס, וואָס מאַכט זיי לעבען און פיהלען, און
דאָס וואָלט הייסען אַז די נאַטור אַרבייט טאָג און נאַכט יעדע מינוט, יעדער רגע
קיין אַנדער זאַך אויסער שאַפען נשמות. מיר קענען אָבער גאַנץ זיכער זיין,
דאָס די נאַטור שאַפט קיינע נייע זאַכען, אַלעס געהט ביי איהר אין אַ סירקעל
און שאַפט זיך זעלבסט, דאָס איז די אַלגעמיינע סיסטעם נאָך וועלכער די גאַנצע
נאַטור אַרבייט און אום דיעזער סירקעל זאָל קענען אָנהאַלטען אייביג, האָט שוין
די נאַטור גוט בעזאָרגט, דאָס קיין שום זאַך זאָל ניט קענען פערלאָרען געהען, זיי
אַלע מוזען עקזיסטירען אין אירגענד וועלכער פאָרמע אָבער אין גאַנצען אונ־
טערגעהן קענען זיי בשום אופן ניט, היינט ווען די נאַטור איז אַזוי שפּאָרזאַם אין
אַלע קלייניגקייטען, טאָ ווי קען עס מעגליך זיין זי זאָל זיין אַזוי פערשווענדע־
ריש מיט די מענשליכע נשמות, מיט אונזערע גייסטער? אַזאַ קאַרגע און שפּאָר־
זאַמע נאַטור זאָל אויף אייביג פערניכטען מאַנכע הויכע אינטעלעקטען, מאַנכע
וואונדערבאַרע טאַלאַנטען, אַ שכל פון אַ סאָקראַטעס, אַ גאונות פון אַ רמב"ם,
פון אַן עדיסאָן, פון אַ מאַרקאָני, ווי קען עס מעגליך זיין, די נאַטור זאָל ניט
האָבען קיין מיטעל ווי צו בענוצען זיך מיט אַזעלכע גאונישע קעפּ אויך אויף
ווייטער, דאָס זי וועט זיי לאָזען פאַלען און פערלאָרען געהען? ווי קען עס מעג־
ליך זיין, דאָס אַ וואונדערבאַר־קלאָהרער פערשטאַנד פון אַ גאון עולם וועלכער
גיט אַרויס ביז צום רעכטען טויט אַזעלכע פּערל געדאַנקען, אַזעלכע קלוגע אַרגו־
מענטען, זאָל פּלוצלינג ווערען צו גאָר־ניט באַלד נאָכדעם ווי ער שטאַרבט? האָט
עס דען זיין קערפּער גערעדט די אַלע קלוגע רייד? און אויב דאָס האָט גערעדט
זיין שכל, טאָ ווי קען עס מעגליך זיין, אַז די נאַטור וועט אַזאַ שטיק שכל פאַר־
ניכטען, אַזאַ אוצר פון דער וועלט מיט'ן ווינד אַוועקבלאָזען?

די קאָנטראַסטען לעהרע.

די פערטע ראיה אויף דער אונשטערבליכקייט פון אונ־
זער נשמה, איז די קאָנטראַסטען־לעהרע און וועלכע איז זעהר
דייטליך ערקלעהרט געוואָרען דורך דעם אַמאָליגען גרויסען
פילאָזאָף, סאָקראַטעס.

עס איז בעוואוסט, אַז אַלע זאַכען ביי וועלכע עס איז שייך ענטוויקלונג און
גענעראַציאָן, ווי מענשען, חיות, פלאַנצען און איינגענשאַפטען און וועלכע האָבען
קאָנטראַסטען, שטאַמען אַרויס די זאַכען צוזאַמען מיט זייערע קאָנטראַסטען איינע
פון די אַנדערע; גוטסקייט שטאַמט אַרויס פון שלעכטסקייט און שלעכטסקייט
פון גוטסקייט; גרויסקייט פון קליינקייט און קליינקייט פון גרויסקייט, היץ פון
קעלט און קעלט פון היץ. ווען מיר זאָגען, למשל, אויף אַ זאַך, דאָס זי איז גע־
וואָרען גרעסער, הייסט עס, אַז זי איז פריהער געווען קליין נור זי האָט זיך ענט־
וויקעלט פון איהר קליינקייט ביז זי איז געוואָרען גרויס, און אויף דעמזעלבען

אופֿן שטאַמט אַרויס די שטאַרקייט פֿון דער שוואַכקייט, די שנעלקייט פֿון דער לאַנגזאַמקייט, דאָס בעסערע פֿון דאָס ערגערע, דאָס גערעכטע פֿון דאָס אונגערעכטע און די זעלבע זאַך צוריק, און אַזוי אויך ביי טויזענדער אַנדערע קאָנטראַסטען. דאַן איז אויך איבעראַל וואו עס זענען דאָ קאָנטראַסטען, פֿאַראַן צוויי איבערגאַנגס־פּעריאָדען, צוויי בריקלעך וועלכע שטעהען צווישען ביידע קאָנטראַסטען און פֿעראייניגען זיי. וואו עס איז דאָ גרעסער און קלענער, מוזען אויך זיין די פּעריאָדען פֿון פֿערגרעסערונג און פֿערקלענערונג, פֿון וואַקסען און איינשרומפּען אָדער ווי צווישען הייץ און קעלט, די פּעריאָדען פֿון דערוואַרעמונג און אָפּקיהלונג. סאָקראַטעס האָט פֿאָלשטענדיג בעוויזען, דאָס דיזער כלל האַלט אויס ביי אַלע קאָנטראַסטען אין דער וועלט פֿון ענטוויקלונג און גענעראַציאָן און ענטוויקלענדיג דיזע טהעאָריע ווייטער, ברענגט ער אויס, דאָס אויך אונזער לעבען האָט אַ קאָנטראַסט און דאָס איז דער טוידט, ווי דער שלאָף איז דער קאָנטראַסט פֿון'ם וואַכען: לעבען און טוידט שטאַמען אַלזאָ אַרויס ווי אַלע אַנדערע קאָנטראַסטען, איינע פֿון די אַנדערע, זיי האָבען אויך זייערע איבערגאַנגס־פּעריאָדען, די גסיסה אַלס איבערגאַנג צום טוידט, און דער געבורטה אַלס איבערגאַנג פֿון טוידט צו לעבען. און וועהרענד קיינער פֿון אונז צווייפֿעלט נישט אַז די טוידטע שטאַמען אַרויס פֿון די געבאָרענע, ווייל מיר זעהען עס מיט אונזערע אויגען, זענען מיר אָבער אין צווייפֿעל אויב די געבאָרענע שטאַמען אַרויס פֿון די טוידטע, וועלכעס איז אָבער אונפֿערמיידליך לויט דער אויבענדערמאָהנטער טהעאָריע פֿון קאָנטראַסטען וואָס האַלט פֿאָלשטענדיג אויס ביי אַלע אַנדערע זאַכען. און ווי באַלד די לעבעדיגע שטאַמען פֿון די טוידטע ווי די טוידטע פֿון די לעבעדיגע, מוזען דאָך די נשמות פֿון די טוידטע זיך ערגעץ געפֿינען די גאַנצע צייט צווישען טוידט און ווידערגעבורטה. ער בעשטעטיגט דאָס נאָך מיט אַ זייטיגען פֿאַקט, דאָס די נאַטור איז ווי אַ קיילעכדיגער ראָד וואָס קומט אימער צוריק און קעהרט אַלעס אימער אום צוריק אויף דעם זעלבען פּלאַץ. ווען די נאַטור וואָלט געגאַנגען אין אַ גלייכער ליניע פֿון שאַפֿען און פֿערניכטען וואָלט ענדליך געמוזט קומען אַ סוף צו אַלעם און אַלעמען, דער שלאָפֿענדער וואָלט קיינמאָל ניט ערוואַכט, דער וואַכענדער וואָלט קיינמאָל איינגעשלאָפֿען און אַזוי ווייטער.

אין דער קאָנטראַסטען־לעהרע געהט שוין אויך אַריין דער פֿאַקט פֿון ערא־ינערונג. עס ווערט בעוויזען, אַז באַלד ווי אַ קינד קען אָנפֿאַנגען צו בענוצען זיינע פֿינף חושים, דערמאָהנט ער זיך געוויסע בעגריפֿען וועגען פֿערשיעדענע זאַכען. קינדער האָבען שוין אַ בעגריף וועגען גרויסקייט און קליינקייט, וועגען שעהנקייט און מיאוסקייט און אָפֿט זאָגאַר אויך וועגען פֿערשיעדענע פֿאַכען פֿון קונסט און וויסענשאַפֿט: דאָס ערינערען זיי זיך אָן זייערע אַמאָליגע קענטניסע פֿון דער צייט איידער זיי זענען געבאָרען געוואָרען און וואָס מיר האָבען שוין וועגען דעם גערעדט אין דעם ערשטען בעווייז פֿון אונזער אייגענעם „איך".

סאָקראַטעס'עס אַ תלמיד האָט דערויף געפֿרעגט זיין רבי'ן, אויב מען קען ניט פֿערגלייכען דעם גוף און די נשמה צו אַ פֿידעל מיט דער מוזיק וואָס זי גיט אַרויס און וואָרום עקזיסטירט נאָך די צובראָכענע פֿידעל, לאַנג נאָך דעם, ווי די מוזיק פֿון איהר איז שוין אָפּגעשטאָרבען און אויף אייביג פֿערלאָרען געגאַנגען, און צי איז דען ניט די האַרמאָני, די מוזיק, פּונקט דאָס זעלבע, וואָס אונזער גייסט, וועהרענד די פֿידעל זאָל זיין דאָס זעלבע וואָס אונזער קערפּער? אויך דיזע פֿראַגע האָט סאָקראַטעס פֿערענטפֿערט מיט זיין וואונדערבאַרען טיעף־זיניגען שכל, ערקלעהרענדיג צו זיינע תלמידים דעם אונטערשיעד צווישען מוזיק און דער נשמה. די מוזיק, זאָגט ער, פֿון אַ באַטרעפֿענדער פֿיעדעל איז איהר קינד, געבאָרען פֿון דער פֿידעל נאָך דעם געבורטה פֿון דער פֿידעל זעלבסט, נאָך דעם געבורטה פֿון די סטרונעס און דעם סמיטשיק, צוזאַמענגעשטעלט פֿון די שוין עקזיסטירענדע צוזאַמעפֿענע טענער פֿון דער פֿידעל און בלויז געבראַכט צו אַ האַרמאָני, זי איז געבאָרען די לעצטע און דעריבער שטאַרבט זי די ערשטע, זי איז מיט איהר גאַנצער עקזיסטענץ אָפּהענגיג פֿון דער פֿידעל, ניט האָבענדיג קיין ברעקעל זעלבסטשטענדיגקייט. זי קען בשום אופֿן ניט בעהערשען די פֿידעל און צווינגען זי צו טהון עטוואָס, אדרבא, פֿערקעהרט, זי מוז נאָכפֿאָלגען די פֿידעל און אויסזעהען גראַדע אַזוי ווי דער פֿידעל־טאָן צווינגט זי אויסצוזעהן, איהר לעבען ליעגט אין גאַנצען אין דעם לעבען פֿון דער פֿיעדעל און שטאַרבט די פֿי־

דעל איז די מוזיק אויך טוידט. אונזער נשמה אבער, ווי שוין געדרונגען, איז געבוירען נאך בעפאר דעם קערפער, איז גאנץ זעלבסטשטענדיג פון קערפער און איז ניט דוקא דעם קערפערס נאכפאלגער און בעדיענער נאר אויך זיין הערשער און בעפעהלער; זי קען איהם צווינגען צו טהון זאכען וועלכע איהם, דעם נארישען קערפער געפעהלט ניט, ווי צום ביישפיעל אז ער זאל זיך מאטערען מיט פערשיעדענע גימנאסטיק מיט דעם צוועק שטארק צו ווערען, נעהמען ביטערע מעדיצינען, מיט דעם צוועק געזונד צו ווערען, אדער לאזען מאכען אויף זיך אן אפעראציע אום לעבען צו בלייבען, זי קען איהם גלאט צווינגען טהון זאכען וואס איהר געפעהלט, זי איז אין יעדער הינזיכט זעלבסטשטענדיג און מיט'ן קערפער איז זי ווי צוויי בעזונדערע שותפים, עס איז אלזא גאר ניט געדרונגען דאס זי זאל דארפען אפשטארבען, ניט נור בעפאר אדער גלייך מיט'ן קערפער, נור אפילו שוין לאנג נאכדעם ווי דער קערפער איז פאלשטענדיג פערניכטעט.

מיט אן עהנליכער קלאהרקייט און שארפקייט האט דער גרויסער דענקער צוקלאפט אויך די איבעריגע פראגעס פון זיינע תלמידים-געגנער און האט זיי פאלשטענדיג איבערצייגט, דאס די נשמה איז אונשטערבליך, דאס זי קומט ארויס פון דעם ריינסטען קוואל פון חכמה און דאס זי שטרעבט צוריק צו יענעם קוואל מיט אלע איהרע כחות, נור זי איז אין אונזער קערפער ווי אין א פריזאן און ווען מיר שטערען איהר צו געהען איהר אייגענעם וועג, ווען מיר בערוישען און פער'שכור'ן זי מיט צופיעל קערפערליכע ליידענשאפטען און פערלאנגען, ווערט זי דערפון ביסלעכווייז בעאיינפלוסט און אנשטאט צו זיין די בעל הבית'טע פון'ם קערפער ווערט זי זיין שקלאף, זי פאנגט אן צו בענוצען איהר געטליכע מאכט, איהר שכל, פאר די אינטערעסען פון קערפער, וואדורך זי זינקט אלץ טיעפער און טיעפער און ווערט שמוציג, און דאן ווען זי פערלאזט ענדליך דעם קערפער, קען זי ניט צוריקגעהען צום קוואל פון וועלכען זי איז געקומען, ווייל אין דער נאטור קען זיך קיין אונריינעם בעהעפטען מיט ריינעם און אזוי ווערט זי געצוואונגען ארום צו בלאנדזשען, ארום צו געהען איז'ם עולם התוהו און, אזוי צו זאגען, פלאגען זיך, ביז זי געהט צוריק אריין אין א קערפער און דאן פיעלייכט געהט זי אזוי פון קערפער צו קערפער דורכמאכענדיג פערשיעדענע ערפאהרונגען פיעלייכט פאר יאהרטויזענדע ביז זי רייסט זיך ענדליך ארויס, ניכטערט זיך אויס און דערמאהנט זיך ווער זי איז, זי קומט צוריק צום ריכטיגען שכל, בעפרייעט זיך ביסלעכווייז פון'ם שמוץ און פערפערטיגט זיך ארויסצוקומען פון איהר לעצטער וואהנונג אין א ריינעם צושטאנד. אדער פיעלייכט מאכט זי דורך אין איהרע ערפאהרונגען אן אראפפאל פון שטופע צו שטופע ארייננקומענדיג יעדען מאל אין א ניעדעריגערער בריאה ביז צו א מויז, א שרץ, א וואנץ און דאס גלייכען, ביז וואנען זי ווערט אין גאנצען פערניכטעט און אויף אייביג פערלארען.

נאטור'ס בעלוינונג און שטראף.

דער פינפטער בעוויז אויף השארת הנפש, איז פון דער נאטור'ס בעלוינונג און שטראף וואס מיר אלע זעהען דא מיט די אויגען, און וואס דאס בעווייזט אונז אויך, אז די נשמה מוז זיין אונשטערבליך, ווי מיר ווילען דאס באלד פרובירען צו ערקלעהרען.

מיר ווילען צו דיעזען צוועק דא ברענגען די בעסטע אפהאנדלונג וועגען דיעזער שטה, נעמליך א קורצען אויסצוג פון די ווערק פון דעם ענגלישען דענקער און פילאזאף, איינער פון די חסידי אומות העולם, ראלף עמערסאן.

ער זאגט וועגען דעם די פאלגענדע בריליאנטענע ווערטער:

,,אלעס וואס פאסירט און קומט-פאר אויף דער וועלט, ווערט פון דער נאטור געוואויגען און געמאסטען און געבראכט צו א פינקטליכער גלייכגעוויכט צווישען זיך; פונקט ווי דאס וואסער פון א טייך שטרעבט אימער צו אויסגלייכען זיך און זוכט צו בעקומען א גלייכע אויבערפלעכע אין א שטילען וועטער, אזוי שטרעבען אויך אלע טהאטען פון דער וועלט צו אויסגלייכען זיך און צו קומען אין גלייכגעוויכט מיט זייערע קאנטראסטען, און קאנטראסטען האבען דא אלע און אלעס; יעדע בעשעפעניש און יעדע טהאט קומט דא אין צוויי הפכים, ליכט און פינסטערניש, היץ און קעלט, עבע און פלוט, דער ארייננאטהעמען ביי מענשען. חיות און פלאנצונגען און דער ארויסאטהעמען, יעדע זאך איז בלויז א

העלפט אין אונזער וועלט, און עס ערוואַרטעט און זוכט די צווייטע העלפט, עס גאַנץ צו מאַכען, און אַליין ערגענצט צו ווערען, דער גייסט זוכט און געפינט דעם קערפּער, דער זכר זוכט און געפינט די נקבה, די שווערע אַרבייט — די רוה, דער זיין־וואַכעדיג — דעם שלאָף און א. וו. און א. וו. ער בעווייזט ווי אַלע עלעמענטען, אַלע בעשעפעניסען, אַלע טהאַטען, יעדער קעהר, יעדער ריהר, ווערען פון דער נאַטור געבראַכט אין גלייכגעוויכט מיט זייערע קאָנטראַסטען ביז צו דער גרעסטער פּינקטליכקייט; יעדער איבערפלוס האָט זיין חסרון, יעדער חסרון האָט זיין איבערפלוס. אום אָנצופילען א פּלאַץ מוזט איהר אויסליידיגען א צווייטען, פאַר יעדער זאַך וואָס מיר פערליערען געפינען מיר עטוואָס אַנדערש, מיט יעדען געווינס פערליערען מיר עטוואָס, די גאַנצע נאַטור, אַלע איהרע עלעמענטען, יעדע קלייניגקייט בעזונדער, זיינען אַלע בעשעפטיגט מיט איין זאַך און דאָס איז צו ברענגען אַלעס און אַלעמען אין גלייכגעוויכט, יעדער סוד ווערט מיט דער צייט ענטדעקט, יעדע זינד בעשטראָפט, יעדע גוטע טהאַט בעלוינט, יעדע וואונד פערהיילט, יעדע אונגערעכטיגקייט פערגיטיגט. די שטראָף אָדער בעלוינונג פון א טהאַט וואַקסט צוזאַמען מיט דער טהאַט אין דעם זעלבען וואָרצעל, שטראָף איז די בעהאַלטענע פרוכט וועלכע געפינט זיך אין דער בליהונג פון דער זינד׳ס פערגעניגען, ווי דער בוים ליעגט בעהאַלטען אין׳ם קערענדעל, ער בעווייזט ווייטער מיט א זעלטענער קלאָהרקייט, ווי קיין זאַך וואָס א האָהר איז ווערטה קען אין דיעזער וועלט ניט גענומען ווערען אומזיסט, אַלעס מוז געקויפט ווערען און פאַר אַלעס מוז בעצאָהלט ווערען מיט דעם ריכטיגען פּרייז, פאַר יעדער גוטער זאַך וואָס מיר קריגען מוזען מיר בעצאָהלען א טעקס, אום צו וויסען וואָס עס טהוט זיך אין א גוטען בוך, מוזען מיר בעצאָהלען מיט דער צייט עס איבערצולעזען, פאַר יעדער קליינער ערפאַהרונג צאָהלען מיר רבי־געלד, פאַר יעדען שטיקעל געווינס, פונקט אַזאַ פערלוסט, אַלעס איז דאָבעל, איינס אַנטקעגען דאָס אַנדערע, א צאָהן פאַר א צאָהן, אַן אויג פאַר אַן אויג, מדה כנגד מדה. „וואָס פערלאַנגסטו?״ פרעגט דער קעלנער־נאַטור דעם מענשען ווען ער קומט אַריין אין דעם וועלט־רעסטאָראַן, „נעהם וואָס דיין הארץ געלוסט, אָבער פאַר אַלעס וועסטו מוזען בעצאָהלען, קיין זאַך וועט דיר נישט געגעבען ווערען אומזיסט, דו זאָלסט בעצאָהלט ווערען פונקט ווי דו פערדיענסט!״ מיר קענען נישט בעגעהן קיין שום פערברעכען, אָהנע דאָס מיר זעלבסט זאָלען אָם ענדע דערפון ליידען, מיר קענען די נאַטור ניט אָפּנאַרען, מאַכען וואַסער לויפען באַרג־ארויף אָדער אויספלעכטען א שטריק פון טרוקענעם זאַמד, קוים האָט די נאַטור בעשלאָסען עטוואָס, מוז עס אַזוי בלייבען, די נאַטור וויל ניט ליידען, דאָס מיר זאָלען יענעם שמייסען, מיר זאָלען יענעם טיראַניזירען אָדער טוידטען, מוזען מיר זי פאָלגען, טאָמער אָבער ניט, ווערט דער שמייסער ענדליך אַליין דער געשמיסענער, דער טיראַן אַליין דער פערניכטעטער, עס מאַכט ניט אויס, דאָס די נאַטור וואַרט אַמאָל אויס מיט׳ן בעצאָהלען, זי מעג זיך וואַרטען, זי האָט גענוג צייט, וויל פערגעסען קען זי קיין זאַך און סוף כל סוף מוז די שטראָף קומען, זי מאָהנט איין איהרע חובות ביז דער קלענסטער קלייניגקייט, דער מענש מוז ווי אין רעסטאָראַן זיך שפּייזען נאָך זיין געלד נאָך, ער טהאָר ניט אָרדערען גוטע מאכלים און געטרענקע, ניט האָבענדיג גענוג דערפאַר צו בעצאָהלען; מיר טהאָרען ניט נעהמען פון דער נאַטור וואָס א האָהר איז ווערטה, ניט האָבענדיג אויף דעם אַליין געאַרבייט, ניט האָבענדיג עס פערדיענט, די יעניגע וועלכע נעהמען זאַכען אונפערדיענטערהייט, וועלכע אַרבייטען ניט אויף די זאַכען וועלכע זיי פערברויכען, באָרגען זיי עס פון דער נאַטור און זיי וועלען דערפאַר מוזען סעטלען, עס וועט זיי קיין פּאָטער און קיין טאָטער ניט העלפען, אַלזאָ וואָס ווענינער באָרג — ווענינער זאָרג, גוט איז נור יענעם וועלכער לעבט נאָך זיינע פערדיענסטען, אַרבייט כשר אויף זיינע נויטוועגדיגסטע בעדערפעניסע און באָרגט קיין זאַך פון דער נאַטור, וועה אָבער יענעם ווער עס טהוט גאָר ניט, פּראָדוצירט קיין זאַך און לעבט פון פרעמדע פּראַצע, כאַפּט אָן ביי דער נאַטור נויטיגע און ניט נויטיגע בעדערפעניסע, זיין ביכעל ווערט גראָב פון די שולדען און זיין טאָג פון בעצאָהלען זיי וועט זיין א ביטערער.

מיר האָבען געבראַכט בלויז עטליכע אָרימע ציטירונגען פון דיעזער ערהאַבענער טיעף־זיניגער פילאָזאָפי. עס ווערט דורך איהר בעוויזען וויסענשאַפטליך

מיט פעסטע פאקטען פון דער נאטור זעלבסט, דאס יעדער קלענסטער פערברעכען ווערט בעשטראפט, ווי קיין זאך ווערט אין דער נאטור ניט געשענקט, דער קלענסטער פעהלער מוז גוט געמאכט ווערען, יעדער פערברעכען פאדערט און ווארט אויף זיין שטראף וועלכע זאל איהם ברענגען מיט זיך אין גלייכגעוויכט, פערגאסענע בלוט שרייט פון דער ערד „ראכע"! און זי ווערט ניט איינגעשטילט ביז די ראכע קומט, אנגעזאמעלטע אוצרות פון גאלד קומען אין גלייכגעוויכט מיט די ווערים וואס עס שאפט אין הארצען, ווי גרויס די קופע גאלד אזוי גרויס די אויסגעפרעסענע לאך אין דער נשמה; אן עולה בעגאנגען צום מיט־מענשען קומט אין גלייכגעוויכט מיט דער שרעק פאר יענעמ'ס אפטאן, ווי גרויס די עולה אזוי גרויס יענעמ'ס שנאה, און ווי גרויס די נוצען פון דער עולה אזוי גרויס איז דער שרעק פאר איהרע פאלגען, אין קורצען, די וועלט איז ניט הפקר, זי איז איבערפילט מיט ריכטערס, בוכהאלטערס און רעפארטערס, אלעס ווערט פערשריבען און אלעס ווערט געפיהרט מיט רעכענונג, טהו נור א פערברעכען און עס זענען שוין דא טויזענדע שטומע עדות, די ווענד קריגען אויערען און די טהירען אויגען, יעדע קליינע זאך איז אן עדות געגען דיר, די גאנצע וועלט ווערט ווי בעשאטען מיט פריש געפאלענעם שנעע און דיין יעדער טריט לאזט א סמן".

נעהמענדיג אין אכט דיעזע טהעארי (זי איז ריכטיג ווי די ווארהייט אליין, קיינער קען אין דעם ניט לייקענען), און ווען מיר זעהען, דאס מאנכע מענשען פיהרען אפ א לעבען פון פערברעכען, טיראנייע און מערדעריי; זיי פערגיסען טייכען מענשען־בלוט, טיראניזירען צעהנדליגע טויזענדער און זאגאר מיליאנען מענשען; און פון דעסטוועגען לעבען זיי אויס זייערע יאהרען אין נחת, כבוד און גדולה און שטארבען אין הויכען עלטער מיט א נאטירליכען טוידט, ווען מיר זעהען דיעזע מענשען וועלכע האבען זיכער געזינדיגט און פאזיטיוו ניט בעקומען די ריכטיגע שטראף לויט זייערע מעשים, מוזען מיר ווידער אמאל קומען צום בעשלוס, דאס דער לעבען איז נאך ווייט ניט דער גאנצער פערמעגענס פון אונזער עקזיסטענץ, דאס אונזער טוידט איז נאך ווייט ניט אונזער פאלשטענדיגע פערניכטונג, דעריבער טאקי כאפט זיך גאר ניט די שטרענגע נאטור צו בעשטראפען אונז דוקא ביים לעבען, זי האט צייט, מיר אנטלויפען ניט, און ווי עס ווייזט אויס, לאזט זי גראדע איבער די שווערסטע שטראפען, די זעהר גרויסע רעכענונגען, און מעהרסטענס פאר גייסטיגע עבירות, אויף נאך'ן טוידט, פונקט ווי זי זאל ווארטען אבזיכטליך ביז זי וועט דערטאפען דעם העכט אליין, די נשמה זעלבסט, און דאן זיך מיט איהר אפרעכענען ווי עס דארף צו זיין. ווען דער טוידט זאל זיין אונזער פאלשטענדיגע ענדע, ווען פערמאכענדיג די אויגען, ווערען מיר כלא היה, קומט דאך אויס די גאנצע אויבענדערמאהנטע לעהרע און פילאזאפיע ניט מעהר ווי א באבע־מעשה, א נארישע פאנטאזיע, און די אלע מערדער אלזא, די אלע טיראנען, די שמוציגסטע מענשען פון דער וועלט זענען צו דער זעלבער צייט אויך די קליגסטע, די גרעסטע חכמים, די מעהר פראפיטירענדע, וועהרענד די גוטע, ארענטליכע און פיינע לייטע זענען עס די נאראנים, די שוטים, וועלכע דארפען בלייבען מיט א לאנגער נאז און ווערען פון אלעמען אויסגעלאכט. זיי, די ערשטע, זענען טאקי גערעכט, ניט אומזיסט האבען זיי געשריען אז די וועלט איז הפקר; נישט אומזיסט האבען זיי געזעהען אריינצוכאפען וואס מעהר פאר זיך; ניט אומזיסט האבען זיי געטהון וואס זייער הארץ האט געגלוסט, לעבענדיג א לעבען פון עגאאיזם, טרעטענדיג אנדערע אונטער די פיס, לאכענדיג פון יענעמס טרעהרען און באדענדיג זיך אין פרעמדע בלוט, עס איז לית דין ולית דיין, אלע האבען איין סוף, אלע שטארבען און נאך'ן טוידט איז שוין אלץ איינס, סיי גוט געלעבט סיי שלעכט געלעבט, אלע ווערען גלייך צופוילט. קיינער איז דארט קיין יחסן ניט; אך, וואס פאר א גוואלדיגען בארגיין דיעזע לייטע האבען עס אלזא אריינגעכאפט! וואס פאר א קלוגען געלונגענעם לעבען, זיי, די אלערליי אויסוואורפען האבען דאס געלעבט! אך, וואס פאר א טריאומף דאס איז, וואס פאר א זיעג, איבער יענע גוטע, פרומע און נארישע מענשען, וועלכע האבען בעסער זיך אליין געלאזען טרעטען איידער זיי זאלען יענעם טרעטען! בעסער אליין ניט עסען, איידער יענעם לאזען הונגערען, בעסער שטארבען איידער א פערברעכען צו בעגעהען, ווארום אויב עס איז ניטא קיין בעלוינונג פאר גוטעס, און קיין שטראף פאר שלעכטעס, דארף מען דאך זיין א משוגע'נער אום צו זיין מארא־

ליש; אויב מיר געווינען פון דער מאָראַל אַבסאָלוט גאָר ניט, אויב די נאַטור זעלבסט קימערט זיך ניט וועגען דעם צו מיר טהוען גוטעס אָדער שלעכטעס, אויב זי אַרט עם לחלוטין ניט, ניט זי בעשטראָפט און ניט זי בעלוינט דאַפיר, איז דאָך די גאַנצע לעהרע פון מאָראַל א פאַלשע זאַך, א נעכטיגער טאָג!

צום גליק אָבער שטעהט די זאַך גאַנץ אַנדרש. פערברעכען איז ביי דער נאַטור קיין חכמה ניט און זי וויל עס אַבסאָלוט ניט ליידען, דעם סימן האָבען מיר שוין דערפון וואָס א מענש מיט א פאַלשטענדיגען רייגעם געוויסען פיהלט זיך העכסט גליקליך, וועהרענד דער זינדער און פערברעכער טראָגט די שווערסטע שטייגער אויף'ן האַרצען; דער ערשטער פיהלט אינסטינקטיוו דאָס ער איז גערעכט און דאַרף פאַר קיין זאַך קיין מורא ניט האָבען, וועהרענד דער צווייטער פיהלט זיך זינדיג און שרעקט זיך פאַר דער שטראָף וואָס איהם ערוואַרטעט. און די שטראָף קומט אימער, ניטאָ וואו צו בעהאַלטען זיך פון איהר, קומט זי ניט ביים לעבען, קומט זי נאָך'ן טוידט, ווייל אונזער נשמה איז פּאָזיטיוו אונשטערבליך, זי איז פעהיג צו פיהלען די שטראָף פון דער נאַטור אויך נאָכדעם ווי זי פערלאָזט דעם קערפער, און די גוטע פרומע עהרליכע מענשען דאַרפען שוין גאָר ניט פערצווייפלען, ווייל זייער וועג איז דער איינציגער, דער ריכטיגסטער ווי צו רעטען די נשמה פון פאַלשטענדיגען אונטערגאַנג אָדער פון א געוויסען גראַד בעשטראָפונג, דער איינציגער מיטעל צו פערזיכערען אונזער צוקונפט איז בלויז טאַקי ווי זיי, די אָרענטליכע, טהוען עס, צו ערהויבען אונזער גייסט צו א געניעגענדער שטופע פון מאָראַל, גערעכטיגקייט און שכל, פיהרענדיג א ריינעם, העכסט אָרענטליכען לוקסוסלאָזען און איינפאַכען לעבען, אום ניט צו דאַרפען נאָכהער צאָהלען בילס פאַר בעגאַנגענע זינד און פערברויכטע מותרות, ניט צו פערשמוצען אונזער גייסט מיט קיינע פערברעכענס, קליינע אָדער גרויסע, ניט איבערגעבענדיג זיך צו קיינע נוצלאָזע פערגעניגענס און אַז. וו. ווייל פערלאָזענדיג אונזערע קערפער נעהמט אונזער נשמה מיט זיך ניט מיט קיין זאַך אויסער איהר ערציהונג דאָ אויף דער וועלט, איהר בילדונג און איהרע מעשים וועלכע האָבען אַזוי פיעל צו זאָגען איבער איהר שפּעטערדיגען שיקזאַל.

השארת הנפש מן התורה.

מיר האָבען געבראַכט פינף שטאַרקע ראיות אויף דער אונשטערבליכקייט פון אונזער נשמה; אָבער וואָרום זאָלען מיר אויך ניט ברענגען קיין ראיה פון דעם גוטען גאָט אין הימעל, וועלכער איז דער האַר פון אונזערע נשמות און דער קוואַל פון'ם גאַנצען לעבען?

מיר האָבען שוין בעוויזען אין אונזער פריהעריגער העפט, „פאַראַן א גאָט אויף דער וועלט", אַז יעדער פערשטענדיגער מענש מוז אַנערקענען די עקזיסטענץ פון א גאָטהייט, און אויב איינער אַנערקענט עס, מוז ער שוין אויך גלויבען אין דער אונשטערבליכקייט פון דער מענשליכער נשמה.

אויב מיר זאָלען דענקען, אַז באַלד נאָך'ן מענשענס טוידט ווערט זיין נשמה פערניכטעט, דאַן צו וואָס האָט אונז גאָט געגעבען א העכערען פערשטאַנד ווי ביי אַלע אַנדערע בעשעפענישען? וואָרום זאָלען מיר מענשען דאַרפען געפּלאָגט ווערען פון דעם שרעקליכען געדאַנק וועגען טוידט, בשעת א בהמה למשל ווייסט ניט דערפון און אפילו ווען זי ליגט שוין א געבונדענע און דער שוחט מיט'ן חלף שטעהט ביי איהר האַלז, ווייסט זי אויך ניט, אַז זי וועט באַלד אויפהערען לעבען?

צי דען האָט גאָט געוואָלט, אַז דער מענש זאָל בעזיצען א העכערען שכל בלויז אום געמאַטערט צו ווערען פון'ם בעוואוסטזיין, אַז דער טוידט לויערט אויף איהם?

און מיר זעהען אויך געוועהנליך, אַז ניט נור ווערט דאָ אויף דער וועלט, דער גערעכטער מענש ניט בעפרידיגט פאַר זיין גערעכטיגקייט, נור מעהרסטענס ליידט ער צוליעב דעם די ביטערסטע צרות און יסורים, און אַז דער אומגערעכטער, דער רשע און פערברעכער, לעבט אָפט א גוטען טאָג און שטאַרבט אין עושר און כבוד, היינט אַז מיר זאָלען זאָגען, דאָס נאָך'ן טוידט איז אויס מיט אונזער גאַנצער עקזיסטענץ, דאַן ווי איז דאָס מעגליך אַז גאָט דער גערעכטער זאָל האָבען בעשאַפען אַזאַ העסליכע וועלט, וואו רוצחים און מערדער טריאומפירען און עהרליכע אומשולדיגע מענשען זאָלען בעקומען די גרויזאַמסטע שטראָף?

גאָט קען ניט זיין אומגערעכט און ער וועט זיכער ניט איבערלאָזען די גע־רעכטע און ערנידעריגטע אָהן א בעלוינונג און די אונגערעכטע און פערברעכער אָהן א שטראָף און ווייל מיר זעהען, אַז דאָ ביים לעבען ווערט נאָך קיין חשבון צדק ניט געמאכט, איז דאָס א סמן, אַז די פאַרטזעצונג פון אונזער לעבען פאָלגט נאָך אונזער טוידט און אַז די מענשליכע נשמה איז אונשטערבליך.

און איצט קומען מיר צו דעם לעצטען בעוויז אויף השארת הנפש, און דאָס איז פון אונזער הייליגער תורה.

פיעלע גאָטלאָזע אפיקורסים ווילען מאכען גלויבען די וועלט, אַז אין תורת משה ווערט גאָר ניט אָנגעדייטעט וועגען דער אונשטערבליכקייט פון דער נשמה און אַז דאָרטען רעדט זיך אימער וועגען בעלוינונג און שטראָף נור אויף דיעזער וועלט, אָבער דאָס איז א פאַלשע בעהויפטונג און ווער עס האָט אויגען און ווייל זעהען, געפינט ער אוים, אַז די תורת משה איז איבערפילט מיט בעוויזע וועגען השארת הנפש.

ווען קין האָט ערמאָרדעט הבל'ן, האָט גאָט צו איהם געזאָגט, אַז הבל'ס בלוט שרייט פאַר נקמה, אָבער ווי אזוי קען דען א פערניכטעטעס לעבען שרייען נאָך'ן טויט?

אין דער סדרה נח זאָגט זיך, אַז גאָט וועט פאָדערען חשבון ביי יעדען זעלבסטמערדער און דאָס איז אודאי א סמן, אַז נאָך'ן טוידט לעבט מען נאָך און מען קען בעשטראָפט ווערען.

כמעט איבעראַל אין דער תורה ווערען דערמאָהנט געוויסע זינד פאַר וועלכע מען ווערט בעשטראָפט מיט כרת, די נשמה ווערט פערשניטען און אָפּגעריסען פון איהר לעבענס־קוואַל, וואָס דאָס מיינט די פערניכטונג פון דעם גוף און דער נשמה צוגלייך, בשעת ביי די עהרליכע מענשען, ווערט בלויז דער גוף אויפגעלעזט, אָבער ניט די נשמה.

און עס איז איבעריג צו זאָגען, אַז אין די נביאים ווערט גערעדט אָפען וועגען השארת הנפש; דאָרטען זענען פאַראַן פּעק בעוויזע און אָפענע דבורים וועגען דעם; יעדער איינער קען זיך איינקוקען און ער וועט זיי געפינען כמעט אין יעדען קאַפּיטעל און די נביאים זענען דאָך געווען אזוי נאָהענט צו דער צייט פון קבלת התורה, און אזוי דורכגעדרונגען מיט דעם גייסט פון דער תורה, מען קען דעריבער ניט זאָגען, אַז דער גלויבען אין השארת הנפש איז צו אידען געקומען אין די שפּעטערע צייטען פון אונזער היסטאָריע און ווער עס בעהויפּטעט אזוי, איז ער א כופר בעיקר, ווייל השארת הנפש איז איינער פון אונזערע שטאַרקסטע זיילען אין דער רעליגיאָן און איז די נשמה פון אונזער גאַנצער תורה.

אין איין פּלאַץ זאָגט אונז די תורה: „בנים אתם לד' אלהיכם, לא תתגודדו ולא תשימו קרחה בין עיניכם למת, כי עם קדוש אתה לד' אלהיך ובך בחר ד' להיות לו לעם סגולה מכל העמים אשר על פני האדמה." (דברים י"ד). דאָס מיינט אין איבערזעצונג, אַז אידען טאָהרען זיך ניט צופיעל מצער זיין אויף א געשטאָרבענעם, ווייל מיר זענען גאָט'ס אויסדערוועהלטער הייליגער פאָלק. די פראַגע איז דאָ אָבער, אויב מיר זענען ווירקליך אַזעלכע הייליגע און אויסדער־וועהלטע מענשען, דאַרפען מיר דאָך גראָדע יאָ זיך שטאַרק מצער זיין, ווען איי־נער פון אונז שטאַרבט, און לויט דער תורה קומט עס אוים ווי מען זאָל איינעם טרייסטען און זאָגען צו איהם: „וויין ניט אויף דעם רינגעלע וואָס דו האָסט פערלאָרען, ווייל ער האָט אין זיך געהאַט א טהייערען דימענט, דעם בעסטען אין דער וועלט!"

אָבער טאַקי דערפון זעהט מען ווי די תורה בעשטעטיגט די אונשטערבליכ־קייט פון אונזער נשמה, דערפאַר פערבאָט זי אונז צו קלאָגען צופיעל אויף א טוידטען ר"ל, ווייל דערמיט צייגט מען דאָך, ווי דער פערשטאָרבענער זאָל חלילה זיין פערלאָרען אויף אייביג, און דאָס איז ניט אזוי דער אמת, נור די פערשטאָר־בענע לעבען ווייטער און מיר מוזען זיך צו זיי בעציהען, ווי צו איינעם וואָס פאָהרט אוועק אויף א רייזע, וואו ער וועט נאָך מאכען גוטע געשעפטען און בע־גליקט ווערען; דעריבער זאָגט אונז די תורה די טרייסט־ווערטער, אַז מיר זענען א הייליג פאָלק, מיינט דאָס אַז נאָך'ן טוידט דערגרייכען מיר די העכסטע שטופע, דאַרף מען זיך אויף די טוידטע ניט מצער זיין מעהר ווי נויטיג, מעהר ווי גע־וועהנליך, און דערפון זעהען מיר דעם גרעסטען תורה־בעוויז אויף השארת הנפש.

מיר ווייסען אויך, אז די תורה רעדט אין פיעלע פלעצער וועגען די גליקען פון ארץ ישראל פאר'ן אידישען פאלק, ווי דאס איז א ארץ זבת חלב ודבש; ווי גוט עס וועט זיין די אידען אויב זיי וועלען נור געהען אין דעם גוטען וועג און לעבען לויט דער תורה, היינט אויב די אלע בענעפיטען פאר האלטען די תורה ווערען בעצאהלט אויף דער וועלט, ביים לעבען, האט דאך משה רבינו זיכער פערדיענט צו זיין דער ערשטער אויף צו געניסען די אלע ארץ ישראל-גליקען, און פון דעסטוועגען האט ער ניט זוכה געווען אפילו אריינצוגעהן אהין פאר א קור־צער צייט, איז דאך דאס ווידער אן אייזען-פעסטער בעוויז, אז דער אמת'ער שכר פאר האלטען די תורה, קומט ערשט נאך אונזער טוידט, ווייל די נשמה איז אונשטערבליך און לעבט אויך נאך אונזער טוידט.

דער פועל יוצא צו וועלכען מיר קומען, איז דעריבער ווי פאלגט: סיי לויט דער פילאזאפי, סיי לויט דער וויסענשאפט און סיי לויט אונזער תורה, איז דער פאקט וועגען השארת הנפש א בעשטעטיגטער אויף פעסטע יסודות און אויב אונ־זער נפש עקזיסטירט אויך נאך אונזער טוידט, זענען מיר דאך אהן דעם קלענ־סטען צווייפעל אונטערווארפען צו קריגען שכר ועונש אויף יענער וועלט, עס איז ווי די תורה ערקלעהרט אונז ביי דער בעשאפונג פון דעם מענשען, אז גאט האט אין אדם'ן אריינגבלאזען א לעבענס-נשמה און דער מענש איז פערוואנדעלט גע־ווארען און א לעבעדיגען נפש, אזוי אז אפילו ווען דער אירדישער קערפער ווערט אויפגעלעזט, פערבלייבט נאך אלץ דער לעבעדיגער נפש אין עקזיסטענץ — די געטליכע נשמה וועלכע איז אונפערניכטבאר און לעבט אייביג.

קאפיטעל ב.

ניכטערע און פערשכורטע נשמות.

ושבתם וראיתם בין צדיק לרשע, בין עבד
לאלהים לאשר לא עבדו. (מלאכי ג' י"ח).

ווי דער הערשער ווערט א שקלאף.

מיר האבען אין דעם פאריגען קאפיטעל בעוויזען מיט ראיות, אז אונזער נשמה איז אונשטערבליך און אז זי איז אויסגעזעצט צו שכר ועונש נאך אונזער טוידט. וואס די שטראף און בעלוינונג זענען און ווי אזוי זיי ווערען אונז אויסגעטהיילט, וועט דייטליך ערקלעהרט ווערען אין דעם דריטען און לעצטען קאפיטעל „שכר ועונש", דערווייל אבער וועלען מיר אין דיזען קאפיטעל בעטראכטען ווי אזוי די נשמה לעבט דא אויף דער וועלט, ווי זי פיהרט זיך דא אויף און ווי זי דארף זיך אויפפיהרען אום צו דערגרייכען דעם צוועק צו וועלכען זי ווערט אהער ארונטער־געשיקט.

ווען אונזער נשמה פעראייניגט זיך מיט אונזער קערפער, ווערט בעשטימט פון דער נאטור, דאס זי, די ריינע, די געטליכע, די אונשטערבליכע, זאל בעפע־לען און הערשען, ווערהענד דער חומר, דער גוף, דאס אירדישע, דאס שטערב־ליכע, זאל פאלגען און בעדיענען, אזוי שנעל אבער ווי די נשמה פאנגט אן זיך צו בענוצען מיט די חושים פון קערפער, צו בעגרייפען דורך זיי פערשיעדענע זא־כען, ווערט זי געוועהנליך זעהר פיעל פערענדערט פון איהר נאטירליכען צושטאנד, זי ווערט צוטומעלט, צומישט און פער'שכור'ט פון דעם שרעקליכען גערויש און פון אלעס וואס זי זעהט און הערט ארום זיך, זי פערליערט זיך ביסלעכווייז אין דעם שרעקליכען כאאס פון אונזער טומעלדיגער וועלט און אנשטאדט צו רעגיע־רען איבער'ן קערפער און שטעהען העכער פון איהם, פאנגט זי גאר אן דעם קער־פער צו בעדיענען און ווערט זיין שקלאף; זי ווערט ביסלעכווייז צוגעצויגען צו איהם און אזוי ווי ער זעלבסט, ווערט זי אויך פערגרעבט און פערליערט די פע־היגקייט צו אורטהיילען איבער זאכען מיט איהר אייגענעם ריינעם פערשטאנד נור זי זעהט יעדער זאך דורך די קערפערליכע חושים און זי אורטהיילט איבער אלעס ווי זיי דיקטירען איהר. זי ווערט וואס ווייטער אלץ מעהר און מעהר פעראינטע־רעסירט מיט דעם קערפער'ס פערגעניגענס און מיט זיינע אונאנגענעהמליכקיי־

טען, מיט זיינע הנאה׳ס און וועהטאגען ביז זי פאנגט אן ווירקליך צו גלויבען, אז דאס גוטע, די ווארהייט און דער גליק זיינען בלויז די יעניגע זאכען, וועלכע ווערען פון׳ם קערפער אנערקענט אלס אזעלכע, און אזוי איינשטימענדיג אין אלעם מיט׳ן קערפער, טריאומפירענדיג מיט זיינע זיעגען און טרויערענדיג אויף זיינע אומגליקען, קריגט זי שוין אליין אויך די זעלבע פערלאנגען, די זעלבע שטרעבונגען ווי דער קערפער און זי איז געוועהנליך גאנץ ווייט פון צו זיין ריין, גייסטיג און געטליך. ווען זי פערלאזט ענדליך דעם קערפער, מיט אזא סארט ערציהונג ווי זי האט געהאט, קען זי נאטירליך ניט געהן פארווערטס. זי, וועלכע האט אזוי טריי געדיענט דעם קערפער און אזוי ווי ער, געשטרעבט צו נארישע פערגעניגענס, ביז זי האט אנגעפאנגען צו גלויבען, אז גליק און ווארהייט עקזיסטירען בלויז אין קערפערליכער פארם, וועלכע קען אנגעטאפט ווערען מיט׳ן האנד, געמאסטען ווערען ביים אינטש, געזעהען ווערען מיט די אויגען און פערזוכט ווערען פון אונזער געשמאק; זי, וועלכע האט צוגלייך מיט׳ן קערפער געזוכט תאוות און געניגום; זי, די נשמה, די געטליכע טהייל, וועלכע איז ארונטערגעפאלען פון איהר הויכען פיעדעסטאל און האט זיך צוגלייך מיט׳ן קערפער איבערגעגעבען צו האס, צו ליעבע, צו כעס און צו שרעק; זי, די נשמה, וועלכע שטאמט פון׳ם קוואל פון ריינעם שכל און חכמה, וואוהין זי דארף צוריקשטרעבען, וועלכע האט זיך אבער אויף אזוי פיעל בעפריינדעט מיט׳ן קערפער, דאס ניט נור האט זי געשטרעבט צוריק צו איהר אפשטאמונגס־פלאץ, נור זי האט גאר אין גאנצען געלייקענט, דאס זי קומט פון דארטען, און זי האט גאר געציטערט פאר׳ן געדאנק זיך אפצוטהיילען פון׳ם „טהייערען״ קערפער וואו זי דארף זיין בלויז א קורצע צייט און געהען צוריק אין איהר אייביגען רוה, אין איהר ריכטיגער היים, זי, די דאזיגע נשמה, קען שוין בשום אופן ניט דערגרייכען און צוריקקעהרען צו יענעם ריינעם קוואל פון חכמה, שכל און יושר, איהר ריכטיגער געבורטס־פלאץ. אין איהר שכור׳ן צושטאנד און דורך איהר מיאוסער אויפפיהרונג איז זי צו ווייט פערקראכען פון איהר נאבעלער היים און זי קען דארטען די אויגען ניט ווייזען. עס שיינט אלזא צו זיין גאנץ מעגליך, דאס אזא נשמה זאל שוין אפילו נאכדעם ווי זי פערלאזט דעם קערפער, זיך ניט קענען בעפרייען פון איהרע איינגערעדטע, פערפיהרערישע אידעאלען, דאס זי זאל ארומבלאנדזשען אין׳ם עולם התוהו זוכענדיג זיך ווידער אנצוטשעפען אין א קערפער אין וועלכען זי זאל קענען פארטזעצען איהרע אמאליגע געוואהנהייטען, און דאס זי זאל ענדליך טאקי צוריקקעהרען צום לעבען; די דאזיגע נשמה, די געוועזענע הערשערין, איז געווארען א שקלאף, זי איז ארונטערגעפאלען פון איהר גדולה און געווארען נידעריג, פעראומרייניגט, א שקלאף פון חומר׳דיגע פערלאנגען.

ווען דער הערשער בלייבט הערשער.

עס פאסירט אבער אמאל, אז א נשמה וויל זיך צום קערפער ניט איבערגעבען, וויל זיך ניט לאזען בעאיינפלוסען פון איהם, פרובירט זי ביסלעכווייז זיך אפטהיילען פון קערפער, זיך אויפהויבען אויף די פליעגלען פון׳ם געדאנק און זיין צייטענווייז גאנץ אליין און מיט זיך זעלבסט; אזא נשמה פאנגט אן באלד צו בעגרייפען פיעלע זאכען וועלכע אנדערע בעגרייפען ניט, זי שוועבט ארויף אלץ העכער און העכער אין דער וועלט פון ריינקייט און זויבערקייט, אין דעם קעניגטהום פון אויביגקייט און אונשטערבליכקייט, דער פלאץ פון וואנען זי איז אהער געקומען און וואוהין זי מוז צוריקקעהרען. אין יענע מינוטען ווען זי טהוט זיך אוים אויף א ווייל פון׳ם חומר און שוועבט ארום אין די הויכע ספערען, טהיילט זי זיך גלייך אפ אויך פון די אירדישע טעות׳ען און זי ערבליקט זאכען אין זייער ריינסטער און ריכטיגסטער פארמע, זי פאנגט אן, אלזא, נאך ביים לעבען, אריינצודרינגען אין דער גייסטיגער וועלט און צו בעגרייפען די געטליכקייט וועלכע פיהרט זי אוועק אלץ ווייטער און ווייטער פון׳ם קערפער און ברענגט זי אלץ טיעפער און נאהענטער צום צושטאנד פון ריינער חכמה.

דיעזע נשמה, זייענדיג גאנץ אפט אין דעם אויבענדערמאהנטען צושטאנד, אפגעטהיילט און אויסגעטהון פון׳ם חומר׳דיגען טהייל, ווערט אויך באלד די שטרענגע הערשערין פון דעם קערפער, זי פערשקלאפט איהם און צווינגט איהם צו פאלגען איהרע מייעסטעטישע בעפעלען; זי אונטערדריקט איהם אזוי לאנג ביז

ער ווערט בעזיעגט און זוכט ניט מעהר צו שטערען, דורך זיינע אירדישע פערגעניגענס, זיין הערשער — דער נשמה, (דער תכשיט לאָזט זיך ניט אזוי לייכט בעהערשען און ער קעמפט מיט זיינע אַלע קרעפטען), דאַן זוכט ער שוין ניט מעהר זיינע אייגענע פערלאַנגען, נור געהאָרכזאַם טהוט ער זיין פליכט, וועלכע עס פאָדערט זיך פון איהם פאַר דער אויפהאַלטונג פון דער קעניגין־נשמה. זי, די קעניגין, פערהאַלט זיך צו איהם אימער מיט איהר ריכטיגער ווירדע, ניט פערגעסענדיג אויף איין מינוט ווער זי איז און ווער איז ער, און אַז ניט מיט איהר גוטען ווילען איז זי פערבונדען מיט'ן נידעריגען חומר און אַז דעריבער דאַרף זי איהם העכסטענס דולדען אַלס איהר שקלאַף, אָבער חלילה וחס אַלס איהר בעל הבית און הערשער, וועמעס בעפעלען זי זאָל מוזען אויספאָלגען, אָדער אפילו אַלס איהר גלייכען, מיט וועמען זי זאָל זיך חבר'ן, און דעריבער טאַקי האָט זי מיט איהם אזוי ווייניג צו טהון ווי נור מעגליך, און זי שוועבט אימער אַרום אין די העכערע וועלטען. זי ענטזאָגט זיך פון אַלע קערפערליכע תאוות, פון אַלע פערגעניגענס פון גוף און לאָזט זיך בשום אופן ניט בעאיינפלוסען פון זיי. אזאַ כאַרט נשמה, וועלכע האָט שוין איינמאָל ערבליקט די ליכטיגקייט, וויל ניט מעהר געהען אויף דעם זעלבען וועג וואו די בלינדע בלאָנדזשען, זי וויל אויך ניט פערקריכען אין די זייטיגע שטעגעלעך וועלכע פיהרען אוועק ווייט פון'ם וועג. אזאַ נשמה איבערצייגט זיך גאַנץ שנעל, דאָס נור אין דער געטליכקייט ליעגט איהר איינציגע רעטונג פון אונטערגאַנג, דאָס בלויז זי, די געטליכקייט קען איהר אָנצייגען דעם ריכטיגען וועג און זי לאָזט זיך פון איהר פיהרען ווי א קינד פון זיין מוטער, אזאַ נשמה שטודירט די געטליכקייט אַלץ מעהר און זי קריגט דערפון אימער נייע קרעפטען צו קעמפען מיט איהרע שונאים, נייע כחות צו וויעדערשטעהען געגען אַלעס וואָס וויל איהר שלעכטעס טהון. די יעניגע מענשען וועלכע פערמאָגען אזאַ נשמה וועלכע האָט זיך אָנפערטרויעט צו דער געטליכקייט, געפינען גלייך אויס אויף וואָס פאַר א וועלט זיי זענען: און זיי פערשטעהען די ריכטיגע לאַגע אין וועלכער זיי געפינען זיך, זיי איבערצייגען זיך שנעל און זיכער, דאָס זייער נשמה זייענדיג צוגעשפיעלעט צום קערפער, זיצט נעבעך אין פריזאָן און מוז אַרויסקוקען דורך די גראַטעס, דורך די קערפערליכע חושים, אָנשטאָדט צו קוקען מיט איהר נאַטירליכען ליכטיגען און פרייען בליק; איהרע חברים, די חושים, זוכען צו בעאיינפלוסען זי און צו פערדאַרבען, זיי ריידען זי צו מיט גוטע רייד צו טהון פערשיעדענע זאַכען, וועלכע זענען אין אמת'ן א פערשווערונג פון איהר געגען זיך זעלבסט, און זיי בעצוועקען דערמיט איהר שטענדיגען פערבלייבען אין פריזאָן. די געטליכקייט אָבער וואָרענט זי צו היטען זיך פון די פאַלשקייטען פון קערפער און פון זיינע פערפיהרערישע קונץ שטיק, זי ענטפלעקט צו איהרע אָנהענגער אַלע סודות און פאַרבאָרגענע מיטלען פון דעם שונא, זי ענטפלעקט צו זיי דעם סוד, דאָס די אויגען זעהען פאַלש, די אויערען הערען פאַלש, און דאָס גלייכען זענען אַלע אַנדערע חושים פאַלש פון אָנפאַנג ביז ענדע. זי, די געטליכקייט, ראַטה דעריבער איהרע אָנהענגער צו האַלטען זיך אזוי ווייט פון'ם שונא ווי מעגליך, צו בענוצען זיך מיט איהם בלויז אין די העכסט נויטהווענדיגסטע פעלע, אימער פערהאַלטענדיג זיך צו איהם מיט דעם גרעסטען מיסטרויען. זי ראַטה זיי צו האַלטען די נשמה וואָס ווייטער פון קערפער, וואָס מעהר אָפגעזונדערט פון איהם, ווייל אַלעס וואָס די חושים פערנעהמען, אַלעס וואָס זיי בעגרייפען, איז פאַלש און פערפיהרעריש, בלויז וואָס זי אַליין, די נשמה אין איהר שטרענגער אָפגעזונדערטהייט זעהט און בעגרייפט, איז ריכטיג און וואָהר און נור דאָס, דאַרף דער מענש אָנערקענען, און די נשמות פון די אויבענדערמאָהנטע מענשען פון די ליעבהאָבער און פערעהרער פון דער געטליכער פילאָזאָפי, פיהלען מיט זייער גאַנצען פערשטאַנד, דאָס זיי דאַרפען זיך בענוצען מיט דיעזע מוטערליכע וואָרנונגען, און דערום ווערען זיי טאַקע שטייף געגען די אָנפעלע פון'ם שונא, פון די קערפערליכע ליידענשאַפטען; זיי פערטיעפען זיך אַלץ מעהר און מעהר אין גייסט און וויסענשאַפט; זיי לעבען אין זויבערקייט, וואָרהייט און גערעכטיגקייט אזוי לאַנג ווי עס לעבט זיך און נאָך'ן טוידט פון'ם קערפער, קעהרען זיי זיך אום צו זייער ריכטיגען געבורטס־פּלאַץ, צו דער געטליכקייט אַליין, מיט וועלכער זיי בעהעפטען זיך און לעבען אין אייביגען גייסטיגען פערגעניגען, פון וועלכען געוועהנליכע לעבעדיגע מענשען האָבען קיין בעגריעף, אָבער

די גלויביגע קענען עס פערזוכען נאך ביים לעבען.

אין אזא פאל מיינט עס, אז די נשמה פון דעם בעטרעפענדען מענשען איז פערבליבען די הערשערין איבער דעם קערפער; דער הערשער איז פערבליבען הערשער און איז ארויפגעשטיגען נאך העכער ווי געווען.

דער קאמף צווישען קערפער און נשמה.

ווייסענדיג אז אונזער נשמה איז א געטליכער פונק וואס איז אריינגעגעבען געווארען אין קערפער, כדי מיר זאלען דעם דאזיגען פונק ענטוויקלען און אויסלייטערען, איז שוין קיין וואונדער ניט, ווארום די חושים פון קערפער פיהרען אימער אן אזא ביטערען קאמף געגען דער נשמה; דער קאמף איז דער מיטעל צו לייטערען און פערהארטעווען זי; די חושים מיט די קערפערליכע ליידענשאפטען, האבען דעם צוועק צו ענטוויקלען ביי דער נשמה איהר ווידערשטאנדס־קראפט און דער־ריבער ווענדען זיי אן אלערליי שמד־שטיק צו פערפיהרען זי. זיי ווילען זי איינ־שלעפערען אויף אייביג ווי דער פראסט שלעפערט איין דעם יעניגען, וועלכער קעמפט ניט מיט זיינע אלע קרעפטען געגען דעם זיסען שלאף וועלכער בעפאלט איהם; מיט פערשיעדענע אויסריידען פרובירען זיי אויך אויף דער נשמה ארויפ־צוווארפען אזא שלאף פון וועלכען זי זאל שוין קיינמאל ניט קענען ערוואכען. און נור דורך א מוטהיגען קאמף מיט דיעזע פערגעניגענס פון פלייש און בלוט קען זיך די נשמה ראטעווען פון אונטערגעהן, אן דיעזען קאמף איהרען ווענדעט זיך איהר גאנצע צוקונפט, אן איהר צו פיעל אדער צו וועניג חבר'ן זיך מיט דעם קערפער, העננט אפ איהר גאנצער שיקזאל אויף ביידע וועלטען. מיט יעדען שטארקען ריקשטוים וואס זי דערלאנגט דעם קערפער, ערהויבט זי זיך צו א העכערער שטופע פון גייסטיגקייט און זי ווערט דאדורך נעהענטער צו איהר נא־טירליכען ווינשענסווערטהען צוועק, און מיט יעדען מאל נאכגעבען דעם קערפער ווערט זי עטוואס ווייטער פון איהר צוועק און פערליערט פון איהר קראפט צו פליהען אין דער הויך. די נאטור אין איהר גוטסקייט צו אונז מענשען, ווייסענדיג אז דער קאמף צווישען נשמה און קערפער מוז זיין א שווערער צוליעב דעם שוין וואס אין דעם ערשטען פעריאד פון אונזער לעבען זייענדיג יונג און געזונד מוז דאך דער גוף צוליעב נאטירליכע צוועקען קריגען מאנכעס מאל די אויבערמאכט איבער דער נשמה, און אז דאדורך קען נאך די נשמה אריינפאלען אין טעות, מייד־נענדיג, דאס זי מוז אימער זיין אונטערטהעניג צום גוף, איז אט די גוטע נאטור נעהמט דיעזעס אין אכט און זי איז בערייט צו העלפען אונז אין אונזער קאמף און צו געבען אונז א מעגליכקייט ארויס פון טעות, זי גיט אונז סיגנאלען דורך וועלכע מיר ווערען געווארענט פון געפאהר און קענען זיך נאך אין צייט רעטען. דורך פערשיעדענע אומגליקען, קראנקהייטען און שוואכער עלטער, מיט וועלכע זאכען מיר מענשען אין אונזער אונוויסענהייט זענען גאר ניט צופריעדען, גיט זי אונז די מעגליכקייט צו ערבליקען דעם אמת'ן זין פון לעבען, און צו בעזארגען די נשמה מיט מעהר קריעגס־מאטעריאלען און מיט מעהר שפייז. אין דער צייט ווען מיר קריגען די אויבענדערמאהנטע דריי סיגנאלען, ווערט אונזער קערפער זעהר שטארק אפגעשוואכט און די נשמה ניט זייענדיג שוין אויף אזוי פיעל גע־שטערט פון די חושים, קען דערזעהען פיעלע זאכען ווי זיי זענען אין זייער אמת'ן קאליר, אנשטאדט דעם, וואס בעפאר האט זי זיי געזעהען בלויז דורך די חושים, און נאטירליך דערוויסט זי זיך באלד פון איהר טעות און האט נאך א געלעגענ־הייט אנצופאנגען דעם קאמף און ארויס די זיעגערין, עס ווענדעט זיך אבער אן דעם, צי איינער דערלעבט אזא סיגנאל און ווען יא, צי פארשטעהט ער איהם און צי האט ער נאך גענוג מוטה ארויסצוגעהען אין קאמף.

דער תלמוד וועלכער פערמאגט טויזענדער פילאזאפישע ווארהייטען איינ־געוויקעלט אין פאעטישע לעגענדען און משלים, האט אויך א זעהר שעהנע און פאעטישע בילד וועגען דעם מענשליכען לעבען וועלכען ער רופט אן „נאכט", (ווייל אין לעבען זעהען מיר קוים די ליכטיגע שיין.) דאס בילד שטימט מיט דעם וואס מיר האבען ערשט בעהויפטעט און איז ווי פאלגט: די נאכט, איז צוטהיילט אין דריי טהיילען, ד. ה. דער לעבען בעשטעהט פון דריי פעריאדען. דער ערשטער טהייל פון דער נאכט ווערט בעצייכענט פון דאס הירזשען פון אן עזעל, מיינענ־דיג אונזער יוגענד ווען דער עזעל דער חמור, דער חומר אונזערער הירזשעט, ווען

מיר זענען פול מיט תאוות, לײדענשאַפטען װעלכע מיר בעהאַלטען גאָר ניט, יאָ־ גענדיג זיך נאָך דעם אין דער עפענטליכקײט, אָהן שאַנדע װי דער עזעל װעלכער לאָזט עפענטליך װיסען דורך זײן הירזשען װעגען זײנע עזעלשע תאוות.

דער צװײטער טהײל נאַכט װערט בעצײכענט דורך דעם בילען פון הינד, װעל־ בעס מײנט אונזער מיטעל־יאָהריגען פעריאָד, װען מיר זענען אַרומגערינגעלט פון פערשיעדענע הינד, פון פערשיעדענע פליכטען, פון בעדערפעניסע, קינדער־ ערציהונג, פאַמיליען־צרות, קראַנקהײטען און דאָס גלײכען; הינד, װעלכע בילען און שרײען הב! הב! גיעב! גיעב!

דער דריטער טהײל פון דער נאַכט װערט בעצײכענט דורך דעם װאָס דער זויג־קינד ציהט דער מוטער'ס ברוסט און די פרוי שושקעט זיך מיט'ן מאַן, מײ־ נענדיג אונזער עלטער, װען דער קערפער ציהט זיך צו דער ערד און די נשמה שושקעט זיך מיט גאָט, מיט העכערע אידעאַלען, די נאַטור זעלבסט אַלזאָ, ברענגט אונז אויף דער עלטער אָדער אין צײט פון א קראַנקהײט, נעהענטער צום אמת; זי ענטפּלעקט פאַר אונז דעם אמת'ן צװעק פון לעבען און דעם ריכטיגען װעג דורך װעלכען עס צו ערדײכען, די פראַגע איז אָבער, אויב מיר װעלען זיכער אַניסלעבען אַלע דרײ פעריאָדען, מאַנכע דערלעבען גאָר ניט דעם דריטען פעריאָד, זײ שטאַרבען יונגערהײט און פלוצלונג און זײער נשמה אַלזאָ פערלאָזט די װעלט א נאַקעטע אָהן א ברעקעל פערדיענסט און פילײכט נאָך א זינדיגע אויך. דיעזער פאַקט פון דער מעגליכקײט צו שטאַרבען בעפאָר מיר קענען חרטה האָבען און קומען צום ריכטיגען שכל, דאַרף אונז צװינגען צו לעבען ריכטיג אויך אין די ערשטע צװײ פעריאָדען, קײנער װײס ניט װען זײן טוידט קען קומען און װאויל איז צו דעם יעניגען װעלכער לעבט אויף אַזאַ אופן, דאָס ער איז אימער פערטיג צו דער רײזע, װעלכער דאַרף זיך ניט אײנבעטען צו פערבלײבען נאָך אויף א װײלע אום צו פערריכטען בעגאַנגענע טעות'ען און אָנגרײטען ריכטיגע שפײז אָנ־ שטאָט די פאַלשע; דער מענש װעלכער האָט קײן זאַך צו פיקסען, קײן זאַך צו פערריכטען, קײן זינד אויף װעלכע חרטה צו האָבען, װעלכער לעבט יעדען טאָג אַזוי װי דאָס װאָלט געװען דער לעצטער טאָג פון זײן לעבען, איז פּאָזיטיװ דער גליקליכסטער מענש װאָס די װעלט פערמאָגט, אַזאַ מענש שרעקט זיך אַבסאָלוט נישט פאַר'ן טוידט, װײל די גאַנצע מורא פאַר'ן טוידט, איז אײגענטליך קײן אַנדער זאַך װי נור דער אינסטינקטיװער שרעק פאַר די בעגאַנגענע זינד און פאַר זײער בעשטראָפונג, דער גײסטיגער מענש, װעלכער האָט געלעבט פאַלשטענדיג אין אײנקלאַנג מיט דער נאַטור, װעלכער פיהלט אויף זיך ניט דעם קלענסטען פלעק פון פערברעכען, פיהלט אויך קײן שרעק פאַר'ן טוידט, אדרבא, ער ערװאַר־ טעט מיט אונגעדולד די צײט, װען ער װעט בעפרײעט װערען פון די צרות פון קערפער, װען זײן נשמה, זײן „איך" װעט ערשט אָנפאַנגען ריכטיג צו לעבען, ריכטיג צו געניסען פון די אַלע ריכטיגע פערגעניגענס נאָך װעלכע ער האָט גע־ שטרעבט א גאַנצען לעבען, עס איז בלויז דער פוסטער און פערברעכערישער לע־ בען פון א מענשען װאָס פילט אָן דאָס האַרץ מיט שרעק פאַר'ן טוידט, דיעזע מורא פאַר'ן טוידט בײ א מענשען, איז א ריכטיגער סימן אויף זײן זינדיגען לע־ בען, אָדער דאָס ער האָט ניט פערשטאַנען די ריכטיגע פילאָזאָפי פון'ם לעבען, און די האַרץ זאָגט מאַקי קײן ליגען ניט, דער װאָס שטאַרבט אין מורא קריגט מאַקי עשמיסען, װײל ער האָט מסתמא שלעכט געלעבט און האָט עס כשר פערדינט.

דאָ מוזען מיר זיך װידער בענוצען מיט א געלעגענהײט און דערמאָהנען אַן אויסגעצײכענטע בעמערקונג פון די תלמודיסטען, װעלכע קוקט אויס צו זײן ניט אַזוי קלאָהר, אָבער װעלכע איז אין דער װירקליכקײט זעהר לאָגיש, זײ זאָגען אַזוי:

„איבער גװאַלד װערען מיר געבאָרען, איבער גװאַלד לעבען מיר, איבער גװאַלד שטאַרבען מיר און איבער גװאַלד װעלען מיר דאַרפען אָפּגעבען רעכענונג פאַר אונזערע מעשים. די גערעכטיגקײט פאָדערט אײגענטליך דאָס װי באַלד מיר זענען איבער גװאַלד געבאָרען געװאָרען און איבער גװאַלד געלעבט, זאָלען מיר ניט דאַרפען אָפּגעבען חשבון, װאו איז דען דער יושר? אָבער מיט די װערטער „איבער גװאַלד שטאַרבען מיר", װערט שױן אונזער שטראָף א גערעכטע, װײל מיט אונזער ניט װעלען שטאַרבען פאַלט דאָך אַװעק די טענה פון איבער גװאַלד

געלעבט און, ווי געזאָגט, איז עס א סימן, דאָס מיר האָבן מסתמא געלעבט ניט ווי מען דאַרף, קומט אונז טאַקי שמייסן.

מאַנכע מענשען בעהויפּטען, דאָס דער אינסטינקט פון פרומקייט אויף דער עלטער איז בלויז א פאַלשע האָפנונג, מיט וועלכער דער מענש, פערליערענדיג די חושים און די לוסט צום לעבען, טרייסט זיך נאָך ווי מיט חלשות, דאָס ער איז נאָך ניט אין גאַנצען פערלאָרען, און עס איז זיין וואונש צו עקזיסטירען ווייטער, וועלכער פערוואַנדעלט זיך אין א פאַלשער האָפנונג און פאָרשטעלונג וועגען א יענער וועלט, די דאָזיגע מיינונג איז א לעכערליכע, ערשטענס ווייל יעדע האָפנונג איז מעהר־וועניגער א מעגליכע זאַך, מענשען האָפען קיינמאָל ניט אויף אן אונמעגליכקייט; מיר האָפען דאָס א חולה וועט געזונד ווערען, אָבער מיר האָפען קיינמאָל ניט אַז ער וועט נאָך'ן טוידט צוריק קומען פון קבר; דאָס מיינט אַלזאָ, אַז אויך די האָפנונג אויף יענער וועלט, איז ניט קיין סתם פּוסטע, אונזער אינסטינקט לאָזט אונז קיינמאָל ניט מאַכען א טעות און האָפען אויף אונמעגליכע זאַכען; צווייטענס איז טאַקי די עלטקייט, ווי שוין געזאָגט, א נאַטירליכער סיגנאַל און טאַקי דאַמאָלס איז די צייט ווען דער מענש קען קומען צום שכל; דאַן ווערט דער מענש טאַקי קליגער און ערנסטער, דערזעהט ער זאַכען וואָס אין דער יוגענד וויל ער עס ניט זעהען און קען עס טאַקי ניט זעהען.

ווען מיר פיהרען ענדליך אונטער דעם סך הכל פון אַלעם וואָס מיר האָבען ביז יעצט בעשפּראָכען, מוזען מיר קומען צום רעזולטאַט, דאָס מיר דאַרפען אָננעהמען די פאָלגענדע בעשליסע: —

אַז אונזער נשמה, אונזער ריכטיגער „איך", איז אונשטערבליך און עקזיסטירט אויך נאָכדעם ווי זי פערלאָזט אונזער קערפּער,

אַז איהר צוקונפט, ווענדעט זיך אין גאַנצען אָן אונזער גוטער אָדער שלעכטער אויפפיהרונג דאָ ביים לעבען; אַז אום זי זאָל ניט געקריוודעט ווערען פון אונז און ניט דאַרפען דורך אונז ליידען אין וועלכער עס איז פאָרמע, מוזען מיר זי נאָך ביים לעבען ערציהען אויף א געוויסען אופן, טהון די זאַכען, וועלכע זענען גוט פאַר איהר און אויסמיידען די זאַכען וועלכע קענען איהר ברענגען שאָדען.

אַז די ערציהונג פון דער נשמה בעשטעהט אין איינגעוואוינען זי צו בעהערשען דעם קערפּער, ניט העלפען איהם אין קיין זאַך אויסער אין זיינע נויטווענדיגסטע בעדערפעניסע, ניט לאָזען זיך פון איהם פערפיהרען און בעאיינפלוסען, ניט יאָגען זיך צו קריגען פאַר איהם געלד מאַכט און כבוד, נור בלויז די זאַכען וועלכע זענען נויטהיג צו אויפהאַלטען איהם ביים לעבען און די פרייע צייט צו פערברענגען אין גייסטיגער אַרבייט, אין לערנען וויסענשאַפט און פאָרשען נאָך'ן אמת. צו לעבען אָרענטליך אָהן גנבות, פאַלשקייטען, אָהן ליגען זאָגען און אַזוי ווייטער, ניט צו טהון קיין זאַך אויף וועלכער מען דאַרף חרטה האָבען און צו אָנהאַלטען אימער א ריינעם געוויסען; ניט צו איבערזעטיגען זיך מיט קיינע קערפּערליכע פערגעניגענס ווי צופיעל עסען, טרינקען און אַזוי ווייטער. צו פיהרען א העכסט מאָראַלישען לעבען אין אַלע היגזיכטען אַלע יאָהרען און אַלע טעג פון יעדען יאָהר, מיט איין וואָרט, עס איז אונזער פליכט צו העלפען דער נשמה אין איהר קאַמף געגען דעם קערפּער, וועלכער זוכט אימער צו ברענגען איהר שאָדען און צו שטערען איהר שטייגען העכער, ווייל עס ליגט אין אונזערע אייגענע הענד, אין אונזער אייגענער מאַכט צו העלפען איהר אַרויפאַרבייטען זיך ביז צו דער העכסטער שטופע פון איהר נאַטירליכען שטרעבען: צו אויסבילדען, רייניגען, לייטערען און ערהויבען זי דאָ אין לעבען אויף אַזוי פיעל, דאָס פערלאָזענדיג דעם קערפּער, זאָל זי קענען געהען נאָך העכער אָדער גאָר אומקעהרען זיך צוריק צו איהר ריכטיגער היים, צו איהר אורשפּרינגליכען אָפּשטאַם.

דער גייסטיגער זעלבסט־מאָרד.

דער יעניגער מענש, וועלכער פערנאַכלעסיגט די דאָזיגע פליכט צו זיין נשמה, איז א גייסטיגער זעלבסט־מערדער. ווען מיר שפּאַנען איין אונזער נשמה אין די טעגליכע קערפּערליכע אינטערעסען, אין די אַלע קליינליכקייטען, נאַרישקייטען, ליידענשאַפטען, שרעק, כעס נידערטרעכטיגקייטען און אַזוי ווייטער, איז דאָך עס זעלבסט פערשטענדליך, אַז מיר אַליין טוידטען איהר קאַריערע, בערויבען זי פון איהר הערליכער צוקונפט, פערקויפענדיג אויף דיעזען אופן א גאַנצע אייביגקייט פאַר

א טעפּעל לינדזען. שוין דער קערפּער ווי ער איז, ווען מיר צערטלען איהם אפילו
ניט, איז ער אויך א גרויסע שטערונג צום ריינעם גדאנק; מיט זיינע שטענדיגע
פערלאנגען, וועהטאָגען און ליידען וועלכע לאָזען אונז מענשען ניט אָפּ כמעט
אויף איין מינוט, דערלאָזט ער ניט אונזער נשמה דעם קאָפּ אויפהויבען, ער אליין
בעגרייפט קיינע אידעאלען, (ניט ער קען עס מיט זיינע פאַלשע חושים און ניט
ער וויל עס!) און דאָס ביסעל גייסט וואָס מיר מענשען פערמאָגען יאָ איז עס
דאָך אויך די ארבייט פון אונזער נשמה, וועלכע דערגעהט עס אין יענע קורצע
מינוטען ווען זי בעפרייעט זיך א ווײלע פון קערפּער און טיעפט זיך אריין אין
זיך זעלבסט ניט געשטערט פון זיינע הינדערניסע, בעפרייעט פון זיינע פלייש־
אויגען און אנדערע פלייש־חושים; מיר אלע וויסען. דאָס נור דער יעניגער קען
ערדייכען דעם פונקט פון הויכען דענקען, וועלכער דערנעהנטערט זיך צו דעם
מיט זיין ריינעם גייסט פאַלשטענדיג אונגעשטערט פון הערען און זעהען; פון
טומעל אָדער פאַנאָראַמען, ווייל בלויז דער גייסט און אין דער גרעסטער שטיל־
קייט און צוואָר ווען פינסטער, דערזעהט מיט זיין קלאָהרער שיין די ריינסטע
וואהרהייטען, אידעאלען און די עדעלסטע זאכען פון דער וועלט: אום צו דענ־
קען, אלזאָ, אום צו בעגרייפען די טיעפע וואהרהייטען, דאַרפען מיר זיך געפינען
ווייט פון די שטערונגען און דעם איינפלוס פון די זאָגאַר נאַטירליכע פערלאַנגען
פון קערפּער, ווען מיר בעשאַפען אָבער אויך אונגאַטירליכע פערלאַנגען, ווען מיר
פאַנגען נאָך אָן דעם קערפּער צו צערטלען, ווען מיר מאַכען איהם הונגעריג און
דורשטיג נאָך געלד, מאַכט, פּוסטען כבוד, גלאַנץ, שעהנע קליידער, ציהרונג און
נאָך אזעלכע קינדערשע נאַרישקייטען, ווען מיר לעגען אוועק אזוי פיעל צייט,
אזוי פיעל גייסט, אזוי פיעל גדאַנקען אויף דער ערָאבערונג פון דיעזע אלע
פּוסטע זאַכען, וואָס פאַר א מעגליכקייט קען שוין דאַן אונזער נשמה האָבען, צו
מהון עטוואָס פאַר זיך זעלבסט? ווער רעדט שוין ווי עס געהט צו אין אונזער
יעצטיגער צייט, דאָס צוליעב די אויבענדערמאָהנטע קורץ־יאָהריגע און קליין־
קינדערשע פערגעניגענס, בעגעהען מיר נאָך פערשיעדענע פערברעכענס, מיאוסע
מהאַטען, רויבערייען, און אזוי ווייטער, איז דאָך עס א דאָבעל פעררעטה צו
דער נשמה, ניט נור לאָזען מיר זי ניט געהען העכער, נור מיר שלעפען זי נאָך
אַרונטער, מיר בעשמוצען זי מיט אונזערע מעשים רעים אויף אזוי פיעל, דאָס
עס וועט דאַרפען נעהמען פיעלייכט יאָהר־טויזענדע ביז וואַנען זי וועט זיך וויע־
דער ריינמאַכען. מיט אזאַ סאָרט האַנדלונג בעגעהען מיר דעם גרעסטען פער־
ברעכען געגען זיך זעלבסט, געגען אונזער אמת'ן „איך", וועלכער איז אונשטערב־
ליך און לעבט אויך נאָכדעם ווי דער קערפּער שטאַרבט, דאַמאָלס כאַפּען מיר זיך
ערשט אויף פון שלאָף, מיר ניכטערען זיך אויס און דערזעהען אונזער קלאָג,
אונזער אומגליקליכע לאַגע, מיט א שמערצפולען וועה־געשריי קלאַפען מיר זיך
אין הארצען על חטא, מיר האָבען חרטה אויף דעם פער'שכור'טען לעבען וואָס
מיר האָבען פערבראַכט אין גאַרנישט און צוזעהענדיג אונזער אייגענע רואינע
מוזען מיר, ווי מאַנכער שכור, פאַלען ווייטער, געהן נידעריגער און נידעריגער,
אויסשטעהען אלע סאָרטען לייטערונגען, שמערצהאַפטע ביטערע פייניגונגען, דורכ־
מאַכען אלערליי [illegible]ווידטען א. ז. וו., א. ז. וו.

וואָרום, אלזאָ, זאָל א מענש מיט זיינע אייגענע הענד. מיט זיין אייגענעם
ווילען רואינירען א גלענצענדע אייביגקייט צוליעב די ביסעל נאַרישע פערגעניגען
פון דיעזען קורץ־ווייליגען לעבען? וואָרום זאָלען מיר זיין ווי יענער שכור, וועל־
כער רואינירט זיך קערפּערליך, גייסטיג און געזעלשאַפטליך בלויז צוליעב די
עטליכע מינוטען פון שכור'ן, די עטליכע מינוטען וועלכע מאַכען איהם אָן צרות
בשעת'ן שכור'ן, ווי ברעכען גריין און גאַל, צושלאָגענע און צוקלאַפּטע אברים
פון פאַלען אזוי גוט ווי נאָך'ן אויסניכטערען זיך, ווי קאָפּ־שמערצען, אבשייליכ־
כער אויסזעהען, צוריסענע איינגעשמוצטע קליידער און ז. וו.? וואָרום זאָלען
מיר גראָדע אזוי ווי ער, זיך אָפּגעבען צו מאָמענטאלע פערגעניגענס, וועלכע שאַ־
דען אונז נאָך בשעת מיר לעבען און רואינירען אונז נאָך'ן טויט; וואָרום זאָלען
מיר פערשווענדען אונזער גאַנצען לעבען אויף דער ערָאבערונג פון דיעזע פער־
געניגענס וועלכע ווערען אונז אין בעסטען פאַל גליך צוגעגעסען און וועלכע
קענען דויערען בלויז עטליכע געצעהלטע יאָהרען, ניט געזיכערטע אפילו, אָהן
מיט א מעגליכקייט צו אויפהערען עקזיסטירען יעדע מינוט, יעדע רגע אָהן א

וואָרנונג? וואָס איז דאָס אין אַלגעמיין פאַר א שכל אוועקצולעגען אזוי פיעל
דעם לעבען, אָפט אויך פערליערען דעם לעבען, פאַר דעם גליק טאַקע פון דעם
זעלבען לעבען, און דער גאַנצער לעבען איז א בלאָז און קען צו יעדער מינוט ווע־
רען „אוים לעבען״? איז דאָס ניט א צושטאַנד פון א מענשען וועלכער האָט
פערלאָרען זיין דענקונגס־קראַפט: וועלכער איז ניט פעראַנטוואָרטליך פאַר וואָס
ער טהוט, ווייל ער איז גאָר ניט פעהיג צו פערשטעהען וואָס ער טהוט און וועל־
כער מוז פון די איבעריגע קלאָהרע מענשען בעדויערט ווערען? עס איז קיין
צווייפעל, דאָס מיר טהוען ניט ריכטיג, מיר זענען צו לייכטזיניג, עס איז קלאָהר
ווי דער טאָג, דאָס אין דיעזען פאַל וואו פון איין זייט ליעגט א פערבאָרגענע אונ־
ענדליכקייט און איביגקייט און פון דער צווייטער זייט געפינט זיך א צייטוויי־
ליגע דירה פון וועלכער מיר קענען געמאַכט ווערען צו מופען יעדע מינוט אָהן
„נאָטים״, מוז יעדער מענש מיט עטוואָס שכל לכל הפחות זיך גוט מיישב זיין
וואָס ער האָט צו טהון, זיך גוט איבערצייגען אויב עס לוינט זיך איהם טאַקי
אזוי איינצורייסען דעם פעלץ צוליעב דעם קורצען ניט זיכערען לעבען. מיר ווע־
לען שוין ניט זאָגען, דאָס ער דאַרף אונבעדינגט ווערען גוט און פרום, אָבער נאָכ־
דענקען, זיך ערקונדיגען, נישט אזוי לייכטזיניג זיין, טהוען מיר עס?

וויפיעל מענשען, פון די וואָס רופען זיך אפיקורסים, זענען טאַקי אפיקורסים
און ניט גלאַט פערדומטע פוילענצער, ביי וויפיעל פון דיעזע מענשען האָט זייער
נשמה געהאַט די מעגליכקייט ערבליקען און ריכטיג בעגרייפען די געטליכע פילאָ־
זאָפי וועגען איהר אונשטערבליכקייט און דאַן מיט איהר אייגענעם ווילען זיך
ענטזאָגען דערפון? זיכער ביי זעהר װעניגע! די מאַסען ווייסען פון גאָרנים.
און ווילען ניט וויסען, די גאַנצע וועלט איז ביי זיי א געמבלינג הויז אין וועלכער
זיי געמבלען מיט דער גרעסטער היץ, זיי זענען צוקאָכט, צופייערט, זיי וואָרפען
איין הונדערטער נאָך דעם צווייטען, זיי פערגעמבלען און פערליערען איין טאָג
נאָך׳ן צווייטען, זיי זענען ווי פער׳כשופ׳ט, ווי צוגעשמידט מיט אייזערנע קיי־
טען צום געמבלינג־טיש און זיי כאַפּען זיך ערשט דאַן ווען זיי האָבען שוין ניט
וואָס צו פערשפּיעלען, דאַן ערוואַכען זיי און דערזעהען זייער רואינע, כל זמן עס
שפּיעלט זיך נאָך אָבער, פיהלען זיי גאָר ניט די עולה וועלכע זיי בעגעהען גע־
גען זיך זעלבסט, בלויז די זייטיגע, די יעניגע וועלכע קוקען זיך צו און נעהמען
קיין אַנטהייל אין דער שפּיעל, קענען זעהען ווי גרוים דער אונגליק איז אין וועל־
כען יעדער שפּיעלער קריכט, ווי ווייט און גרוים איז דער אוצר ביי יעדען איי־
נעם און ווי טיעף אַלזאָ וועט זיין די בלאָטע אין וועלכער יעדער איינער וועט
פערקריכען, און דיעזע צוקוקער, די יעניגע וועלכע האָבען שוין ערבליקט און בע־
גריעפען די שווערליכקייט פון געמבלען און די שלעכטע פאָלגען דערפון, ווילען
שוין אַליין קיינמאָל ניט געמבלען, קוים האָט איינער בעגריעפען די ריכטיגע פי־
לאָזאָפי פון לעבען, וועט ער שוין בשום אופן ניט וועלען לעבען ווי די אונווי־
סענדע, דער יעניגער וועלכער זוכט און פאָרשט ערענסט און אויפריכטיג מוז זיך
איבערצייגען אין דער אונשטערבליכקייט פון אונזער נשמה, און דער שוין־אי־
בערצייגטער מוז קומען צום בעשלום, דאָס עס לוינט זיך פאַר קיין פאַל צו צערט־
לען און צו נאָכגעבען דעם אונווירדיגען, פערפיהרערישען און צייטווייליגען קער־
פער אויף דעם חשבון פון דעם איביגען ערהאַבענעם גייסט; דאָס עס לוינט זיך
ניט צו פאַשען און פעט מאַכען דעם גוף (וועלכעם מיינט ניט מעהר ווי אַנגריי־
טען א גוטען מאָלצייט פאַר די ווערים), אויף דעם חשבון פון אונזער אמת׳ן
„איך״: פון אונזער איביגער, אונשטערבליכער נשמה.

דער גאָלדענער מיטעל־וועג.

די אויבענדערמאָהנטע אמת׳ן האָבען איינגעזעהען אויך
די קלוגע דענקער פון די אומות העולם און זיי האָבען דע־
ריבער גענומען פערדיגען גענצליכע צוריקציהונג פון דעם
לעבען און זיינע גענוסען. דער בודהאאיזם האָט אזאַ סאָרט נזירות געפרעדיגט
פאַר די מאַסען און דער קריסטענטהום האָט געשאַפען אזאַ ספּעציעלע קאַסטע,
די זאָ גענאַנטע מאָנאַכען: עס הייסט ביי די ביידע, אז אום צו זיין געטליך און
צו פערזיכערען זיך מיט דעם איביגען לעבען נאָך׳ן טוידט, דאַרף מען ווערען א
נזיר און ענטזאָגען זיך אין גאַנצען פון אלע לעבענס־פערגעניגענס, אָבער אזאַ
עקסטרימיטעט איז לעבערליך און זיכער ניט אין איינקלאַנג מיט דעם געטליכען

וואונש; ס'איז אונמעגליך פאַר דער גאַנצער מענשהייט צו לעבען אין נזירות ווי ס'איז אונמעגליך פאַר יעדען מענשען צו זיין א טיעפער פילאָזאָף, און דעריבער זעהען מיר טאַקי אַז די געטליכע תורה וואָס מיר אידען פערמאָגען, גיט אונז דעם גאָלדענעם מיטעל־וועג, לויט וועלכען מיר דערגרייכען ביידע וועלטען; די אידישע תורה איז פאַלשטענדיג צוגעפּאַסט צו דער נאַטור, זי הייסט אונז לעבען נאַטירליך, אָבער צו דער זעלבער צייט אויף אַזאַ אופן, אַז מיר זאָלען אויך די נשמה בעזאָרגען מיט איהר שפּייז; אונזער תורה איז א געטליך־געפּלאַנטע קעיט פון נאַטירליכען געניוס און מעסיגקייט, פון פערגעניגען פאַר'ן גוף און פאַר דער נשמה צוזאַמען;; זי ערלויבט אונז צו געניסען פון אַלעס, האָבען פערגעניגען פון אַלעס, נור אַלעס מיט א מאָס, מיט א גרענעץ, אימער זיך בעהערשענדיג און ניט פערגעסענדיג אויך די נשמה ביי יעדער געלעגענהייט, זי פעראייניגט דעם גייסט מיט'ן קערפּער און זי שאַפט א פאַלשטענדיגע האַרמאָני צווישען דיעזע צוויי עקסטרימען, זי ערלויבט אונז צו נעהמען אַלעס וואָס איז גוט און נוצליך אָבער אויסמיידען אַלעס וואָס איז שעדליך; זי ערלויבט אונז צו עסען פלייש, זי פערבאָט אונז אָבער די בלוט וועלכע איז דער נפש, די זעעלע פון דער חיה, א הר גאַנצער כאַראַקטער, אַזוי צו זאָגען, וועלכער קען אונז געוויסערמאַסען בעאיינפלוסען און צוריקשטויסען צו די טהיערישע געפיהלען; זי הייסט אונז הייראַטהען, זי פערבאָט אונז אָבער ווילדע אויסגעלאַסענהייט אין יעדער פאָרמע, זי צווינגט אונז צו זיין אַנשטענדיג, צוריקגעהאַלטען, כמעט הייליג אין אונזער פערקעהר און בענעהמען־זיך זאָגאַר צו אונזער געזעצליכער פרוי, די פערבינדונג מיט וועלכער איז ביי אונז פעררעכענט פאַר א מצוה, צוליעב דער פליכט פון פאָרטפּלאַנצונג, וועלכעס איז אַבּכאָלוט וואָהר און ערענסט ריכטיג; זי ערלויבט אונז צו מאַכען יום־טובים און שבתים, צו אויסרוהען זיך, עסען, טרינקען און האָבען פערגעניגען, זי פערבאָט אונז אָבער איבערגעבען זיך גאָר אין גאַנצען צו הוליאַנקעס, זי הייסט אונז צו מאַכען עס חציו לד' וחציו לכם, א האַלבען טאָג פאַר'ן גייסט און א האַלבען פאַר'ן גוף, און עס איז זעלבסט־פערשטענדליך, דאָס דער האַלבער גייסטיגער טאָג בעאיינפלוסט שוין אויך דעם אַנדער האַלבען טאָג, דעם חומר'דיגען ער זאָל זיין א געלאַסענער, צוריקגעהאַלטענער, ניט צו ווילד און וואולגאַר; זי ערלויבט אונז זיך צו פערנעהמען מיט געשעפט, צו טהון אונזער טעגליכע ארבייט, צו העלפען בויען די וועלט, ווי זי זאָגט אונז: „לא לתוהו בראה, לשבת יצרה” נישט צו פוסט זיין איז די וועלט בעשאַפען געוואָרען, נור צו לעבען אין איהר, זי צווינגט אונז אָבער אָפּצורייסען יעדען טאָג עטליכע שטונדען אויף דאַווענען, און איבערהויפּט אויף לעהרנען, אויף שטודירען, אויף פאָרשען און ענטוויקלען דעם גייסט, והגית בה יומם ולילה, איז א שטרענגער צוזאָג פון איהר, מיר זאָלען לעהרנען יעדען טאָג און יעדע נאַכט, מיר זאָלען אָפּרייסען צוואָר א שטונדע, ווי פער'עסק'ט מיר זאָלען ניט זיין, און דאָס מוז פּאָזיטיוו האַלטען דעם קערפּער אין גלייכגעוויכט מיט'ן גייסט, עס בעאיינפלוסט שוין דעם מענשען צו זיין אָרענטליכער אויך אין זיינע אַלע געשעפטען, צו זיין געלאַסען, נישט נאָכיאָגען זיך אַזוי משונה ווילד נאָך די האָוועגעס, צו זיין עהרליך און ערענסט מיט די מיט־מענשען. די פּאָר שטונדען לעהרנען בעאיינפלוסען דעם מענשען אויפ'ן גאַנצען טאָג און לאָזען איהם ניט פערשלונגען ווערען פון די קערפּערליכע אינטערעסען גאָר אין גאַנצען. אונזער רעליגיאָן ערלויבט אונז צו עסען אַלע גוטע פּירות און טרינקען אַלערליי וויינען, זי הייסט אונז אָבער ביי יעדען מאָל עסען און טרינקען, דערמאָהנען זיך אויף דעם גייסט, ניט גלייך אריינכאַפּען עס אין מויל ווי א זולל וסובא, צוכאַפּען זיך ווי א חיה פרעסען אָדער זשליאָקען, נור צוריקהאַלטען זיך פאַר א ווײַלע און מאַכען א ברכה, א טראַכט געבען וועגען דער ערהאָבענקייט פון דער געטליכקייט, וועלכע האָט געקענט שאַפען אַזאַ פיינע און געשמאַקע פּרי און א מעגליכקייט אין אונז, צו פיהלען דיעזען געשמאַקען טעם, צו האָבען אַזאַ הנאה. ביי יעדער קערפּערליכער הנאה מוז אויך זיין א ברכה, ביי יעדען מאָלצייט עטוואָס גייסטיגעס, ביי יעדען טיש, דברי תורה, דער עסען זעלבסט איז אָפּגעצוימט פון איין זייט מיט וואַשען זיך די הענד און פון דער צווייטער זייט מיט בענשען, ניט פרעסען וואו מען שטעהט און געהט, ווי א חיה, אונזער אידישע רעליגיאָן, לעהרנט אונז טעמפּערענץ, צוריקגעהאַלטענקייט און זעלבסט־בעהערשונג, מעגסט ברודערקע חלש'ען

שלאפן, האלט זיך איין, לייען פריהער אפ קריאת־שמע, מעגסט ווי שטארק זיין דורשטיג, האב געדולד, מאך „שהכל" און נאכהער טרינק — מעגסט האבן טויזענדער ארבייטען אויף'ן קאפ, לייג אלעס אפ, דארפסט דאווענען, האב אויף זיך א יאך, האב אויף זיך א פליכט, צייג דעם קערפער, דאס ער איז ווייט ניט דער גאנצער מאכער, געוואוין איהם נאכצולאזען פון זיינע פאדערונגען, אונטערגעבען זיך צום גייסט און דערמאהן איהם אפט זיין ענדע, אין'ם גרעסטען יום טוב, ביי דער גרעסטער שמחה, דארף זיך דער איד דערמאהנען אן דעם יום המיתה, אנטהון א קיטעל, איינוויקלען זיך לעבעדיגערהייט אין תכריכים, דערמאהנען זיך דאס פיעלייכט נאך מארגען אדער זאגאר היינט, קען ער שוין טראגען אויף זיך די אמת'ע אייביגע קליידער, די אמת'ע תכריכים, דיעזע אלע צוימען, פליכטען, פארזיכטיגקייטען, האלטען דעם גייסט אימער פריש, אימער אין פערבינדונג מיט זיין אמת'ען צוועק, זיי שוואכען אפ אונזערע טהירישע ליידענשאפטען, לעהרנען אונז צו זיין געלאסען, פילאזאפיש געזאנען און זאגאר אין אונזערע קערפערליכע אינטערעסען ערהאבען, און ווען מיר רעכענען נאך צו צו דיעזע אלע זאכען די איבעריגע פליכטען פון אונזער רעליגיאן, די פליכטען פון מענש צו מענש, די אלע גוטע מדות פון רחמנות, געגענזייטיגע הילפע, אפפערוויליגקייט און ליעבע צו אלעמען, דאן האבען מיר דעם בעסטען מיטעל ווי צו לעבען זעהר לאנג און דעם בעסטען פראגראם ווי צו פערברענגען דיעזען לעבען אנשטענדיג און ניצליך, די בעסטע וועג ווי צו בעפרייען אונזער נשמה נאך ביים לעבען פון די איבעריגע שווערע חומר'דיגע לאסטען, דעם בעסטען מיטעל גענגען פערגעסען זיך ווער און וואס מיר זענען און וואס איז אונזער צוועק אין לעבען. מיט דעם לעבען לויט אונזערע רעליגיאנס פארשריפטען, האבען מיר די פאלקאמענע מעגליכקייט נאך ביים לעבען פארצובערייטען אונזער נשמה צו איהר ענדליכען אונפערמיידליכען צוועק, האלטענדיג זיך ריין, גייסטיג און פריי פון קערפערליכען איינפלוס, איז זי אימער פארטיג צו דער רייזע און קען אהנע שווערינקייטען גלייך ארויפשוועבען צו יענעם ריינעם קוואל פון וועלכען זי שטאמט אורשפרינגליך ארויס און וואוהין זי שטרעבט מיט דער גאנצער מאכט פון איהר נאטירליכקייט.

די ווילדע פרייהייט פון די מאסען.

ווי אין די אלטע צייטען, זענען אויך איצט פאראן אין דער וועלט פאלשע נביאים, מענשען מיט צודרעהטע מחות, אדער סתם שווינדלער, וועלכע זוכען אייגענע פערזענליכע אינטערעסען, און דיעזע רייסען ארונטער דעם אמת און שאפען אייגענע געטשקעס פאר וועלכע זיי זוכען אנהענגער: זיי לעסטערען די גאטהייט און די געטליכע תורה און פרעדיגען נייע תורות, פאלשע, לייכטע צו האלטען, אבער שעדליכע צו ענדע.

די גרויסע מאסען, וועלכע זענען אליין קיינע דענקער, קיינע פילאזאפען און וועלכע זענען קיינמאל ניט געווען רעליגיעז אויס איבערצייגונג, ווען זיי דערוויסען זיך דאס גרויסע אויטאריטעטען, בעוואוסטע געבילדעטע לייטע און שריפטשטעלער, לייקענען אפ רעליגיאן, (איבערהויפט האבען די שריפטשטעלער א גרויסע ווירקונג אויף'ן המון, א דאנק דער רעליגיאן וועלכע האט מיט איהרע ערענסטע ספרים איינגעפלאנצט ביים עולם א צוטרויען און רעספעקט צום גדרוקטען ווארט, און וואס די שריפטשטעלער נוצען דאס אויס אום צו צוברעכען טאקי די זעלבע רעליגיאן), ווען די פראסטע איינפאכע מענשען דערוויסען זיך, דאס רעליגיאן איז „דומהייט", אן „אלטע זאבובאנע", א „נעכטיגער טאג", איז ניט קענענדיג אליין ווערען אפיקורסים, ווערען זיי פראסטע גוים, און ווארום טאקי זאלען זיי זיך לענגער האלטען דערמיט? די פראקטיצירונג פון רעליגיאן איז דאך אויף זיי אימער געפאלען צו שווער, זיי האבען דאך קיינמאל ניט געהאט א צו גרויסע ליבע און ענטהוזיאזם צו דיעזער פליכט זייערער, זייער מאראל איז דאך ניט געווען א שטראם פון איננווייניג נור א פרעמדער ארויפגעצוואונגענער איינפלוס. איז עס דען א וואונדער, אז זיי זענען גרייט ביי דער קלענסטער געלעגענהייט זיך אין גאנצען אויסצושפאנען פון דער איבעריגער לאסט וואס איז אויף זיי ארויפגעלעגט געווארען?

דער פראסטער עולם זוכט זיך אימער א שטיקעלע היתר, א מיטעל ווי צו בעגעהען חאטשי א קליינע עבירהלע, היינט שטעלט זיך פאר, ווי עס אפעלירט

צו איהם דער געדאנק זיך אין גאנצען צו בעפרייען, ווען ער דערהערט פון גרעסערע פון זיך, דאס ער איז אין גאנצען ניט מחויב צו זיין אזוי געבונדען!

ער פרעגט גאר ניט קיין פיעל קשיות, ער כאפט זיך באלד אן דעם אן ווי אן א רעטונגס־גארטעל און צי מיט רעכט צי אהן רעכט צובריקעט ער זיך ווי א צעווילדעטע קוה און ער קעהרט איבער אין גאנצען די גוטע זיסע מילך וואס ער האט ערשט אליין ארויסגעגעבען.

די טהיר פון זיין פריזאן עפענט זיך פונאנדער, ער געהט ארויס פון זיין געפענגניס אום קיין מאל שוין אהין צוריק צו קעהרען.

דער געוועזענער פריזאנער ווארפט אראפ פון זיך אלע קייטען, ער ברויכט שוין מעהר ניט זיין געבונדען, ער ברויכט שוין ניט זיין מאראליש געזאנען, ער איז פריי פון אלע צערעמאניעס, ער דארף שוין ניט געהען אין שוהל, ער מעג שוין טהון וואס זיין הארץ געלוסט, ארבייטען ווען ער וויל און עסען וואס ער וויל, ער דארף זיך שוין ניט ענטזאגען פון ליידענשאפטליכע פערגעניעגענס און דאס בעסטע פון אלעס, ער דארף ניט מורא האבען פאר קיין שמיץ, עס איז לא היה ולא נברא, ס'א פרייע וועלט אהן א בעל הבית: דער בחור איז פשוט ווילד פון שמחה און ער פייערט זיין פרייהייט דורך עסען א שטיקעל חזיר מיט חלב'נע ליכט אין מיטען יום כפור און דוקא נעבען שוהל, ער שילט מיט טוידטע קללות דעם גאט אין וועלכען ער האט ערשט אזוי שטארק געגלויבט, ער שענדעט אלע נעכטיגע הייליגקייטען, עפעס א קלייניגקייט, ער איז געווארען א פרייער פויגעל!... אראפגעווארפען פון זיך אזא משא! ערשט נעכטען געווען א שקלאף און היינט איז ער זיין אייגענער בעל הבית, ערשט נעכטען געווען אונטער גרויסע שרעק, אונטער דעם דרוק פון אן אונבעוואוסטען בייזען גאט און היינט קען ער לאכען פון איהם אין די פולע הויפענס, און ער, דער אלטער דארטען, מוז שווייגען, ער האט קיין מאכט צו בעשטראפען, הורריי פאר דער פרייהייט! גוד־ביי רעליגיאן! אונזער פריזאנער וויל שוין גאר קיין מאל א טראכט טהון וועגען א מעגליכען צוריק קעהרען צו זיין אמאליגען פריזאן, וועגען א מעגליכען טעות וואס ער האט פיליכט בעגאנגען מיט זיין צו שנעלען זעלבסט בעפרייען זיך, ער איז צופריעדען און בעגייסטערט פון זיין נייעם לעבען, ער האט קיין חשק, קיין נייגונג און מעהרסטענס אויך קיין פעהיגקייט אריינצולאזען זיך אין אמת'ער פילאזאפי, דער לייכטער ביישפיעל פון אנדערע אזעלכע ווי ער און די הסכמה פון דעם געדרוקטען ווארט איז איהם ליעבער און אויך לייכטער צו פערשטעהען ווי די פילאזאפישע געדאנקען פון די אמאליגע אמת'ע דענקער, דערצו געפינט ער שוין א טענה צום רב און צו די סתם פרומע אידען, זיי זענען צבוע'קעס, גאטס־גנבים, היפאקריטען, און אז דער רב מעג, מעג ער דאך געוויס! (מאהלט אייך ווען דער רב זאל זיך אפשניידען די נאז וואלט איהם קיינער ניט נאכגעטהון).

הכלל תרוצים זענען דא א סך, קיין אויסרייד פעהלט ניט, קיינער אבער זוכט זיך ניט צופריעדען צו שטעלען אויף א בעסערען אופן, קיינער פון די מאסען שטודירט ניט די רעליגיאן גופא צו איבערצייגען זיך אין איהר ווערטה אדער ווערטהלאזיגקייט, חס וחלילה! אויף דעם איז ניטא קיין צייט, קיין מעגליכקייט און קיין קאפ, דער היתר אויף צו טהון וואס די הארץ געלוסט איז דאך שוין דא, זענען זיי מיט איהם צופריעדען און זוכען ווייטער דארפען זיי ניט, זייערע קעפ זענען פוסט און לעהר, קיינער פרובירט גאר ניט זיי אנצופילען, דאס איז די אורזאכע פון וואנען עס שטאמט ביי די מאסען די ווילדע רעליגיאנסלאזיגקייט, אדער אין אנדערע ווערטער פון וואנען דער העכט שמעקט...

דער אמת וועגען רעליגיאן.

גאנץ אנדערש מוז אבער דענקען דער מענש, וועלכער כאפט זיך ניט צו ארונטערווארפען זיין פאקעל רעליגיעזע לאסטען, נור וועלכער זוכט און פארשט ווייטער און טיעפער צו געפינען דעם ריכטיגען אמת וועגען דער רעליגיאן.

אום צו געבען אין קורצען אן איבערבליק וועגען רעליגיאן פאר דעם דענקער און פאר די איינפאכע מאסען, וועלען מיר דאס אילוסטרירען מיט דער פאלגענדער ערקלעהרונג:

דער וועג פון אונזער מענשליכער ענטוויקלונג איז אין א סירקעל און אויף א

גרויסער שטעהענדיגער ראַד וועמעס שפּיץ עס דערגרייכט צום הימעל און וועמעס אונטען שטעהט אויף דער ערד.

אויף דעם אויבערשטען פּונקט פון דיעזען ראַד פאַנגען מיר אָן אונזער ענטוויקלונג. דיעזער פּונקט ליעגט אין רעליגיעזע ספערען, ווען מיר זענען נאָך קינדער, ציהט אונז צו רעליגיאָן, מיר פיהלען רעליגיעז ווייל מיר געפינען זיך אויף דער אויבערשטער טהייל פון׳ם ראַד אין דער לופט פון רעליגיאָן. ווערענדיג עלטער און עלטער שוועבען מיר אַלץ ניעדעריגער און ניעדעריגער אויף איין זייט פון׳ם ראַד וואו די רעליגיאָנס־לופט ווערט וואָס ווייטער אַלץ, שיטערער און שיטערער און געהט אַריין אין דער לופט פון פּראַקטישען לעבען, וויסענשאַפטען און אירדישע אינטערעסען; דאָ איז שוין די לופט כמעט אין גאַנצען ריין פון רעליגיעזע פאַרפיומען און זי שמעקט בלויז מיט פּראַקטישע ריחות, מיט זאַכען וואָס אינטערעסירען בלויז דעם קערפּער. אויף דיעזען פּונקט פערבלייבען די מעהרסטע מענשען שטעהן, זיי דערפיהלען א האַרטען באָדען אונטער זייערע פיס און זיי גלויבען, דאָס ענדליך זענען זיי אָנגעקומען אין דעם געווינשטען פּלאַץ וואו זיי דאַרפען פערבלייבען דעם גאַנצען לעבען. דאָס זענען די לייטע וועלכע זענען פון זייער רעליגיעזען גלויבען אַריינגעפאָהרען אין פּראַקטישע וויסענשאַפטען און בלייבען דאָביי שטעהן, האַלטענדיג זיך אָן דעם, שטאָל און אייזען, פערגעסענדיג דאָס זיי דאַרפען נאָך דורכגעהן די צווייטע העלפט פון׳ם ראַד בעפאָר זיי קענען ערגרייכען דעם פּלאַץ פון וואַנען זיי זענען אַהער געקומען. דיעזע לייטע האָבענדיג דורכגעמאַכט בלויז א העלפט פון זייער ענטוויקלונגס־רייזע זענען טאַקי ניט מעהר ווי האַלב ענטוויקעלטע, ניט דערפאַהרענע, און זייער פילאָזאָפיע איז א האַלב געבאַקענע און אַלזאָ ניט דערבאַקענע וועלכע טויג ניט צום געברויך ווייל זי ברענגט מיט זיך א שרעקליכען בויך־וועהטאָג. דיעזע לייטע וועלכע פוילען זיך געהן ווייטער אויף דעם וועג פון זייער ענטוויקלונג, אויפהויבען זיך און שוועבען אויף דער אַנדער זייט פון׳ם ראַד, ווערען וואָס ווייטער אַלץ מעהר אָנגעזאַפּט מיט דער שווערער לופט פון דער ערד און וואָס לענגער זיי פערבלייבען אין איהר, וואָס לענגער זיי פערווייילען דאָ אונטען אַלץ שווערער ווערט פאַר זיי דער אויפהויבען זיך און דער אַרויפשוועבען צום פּונקט פון וועלכען זיי האָבען אָנגעפאַנגען, דאָס זענען עס אונזערע „חכמים״ וועלכע לייקענען אין אַלעם וואָס איז שייך צו דער נשמה און וועמעס גאַנצע פילאָזאָפיע דרעהט זיך אַרום די קערפּערליכע אינטערעסען דאָ אויף דער ערד, אויף דעם פּלאַץ פון׳ם ראַד וואו זיי האָבען זיך בעזעצט אויף זייער גאַנצען לעבען.

בלויז די יעניגע איינצעלנע וועלכע שטעלען זיך ניט אָפּ דאָ פון אונטען, וועלכע אונטערברעכען ניט זייער ענטוויקלונגס־רייזע, וועלכע געהען אימער פאָרווערטס און קומענדיג צום רעכטען אונטען אויף אונזער ערד פערווייילען זיי דאָ ניט און קאַראַפּקען זיך ווייטער, ניט־קוקענדיג וואָס זייער וועג געהט באַרג אַרויף, בלויז דיעזע לייטע דערגרייכען נאָך אַמאָל דעם זעלבען פּונקט דאָרטען אויבען וואו זיי מוזען זיך אַלזאָ ווידער געפינען אין דער לופט פון רעליגיאָן אין דעם בערוהיגענדען פאַרפיום־גערוך פון איהר פילאָזאָפיע, דיעזע לייטע וועלכע האָבען דורכגעמאַכט די גאַנצע רייזע, וועלכע האָבען אַריינגעאָטהעמט אַלע לופטען וועלכע האָבען פעראייניגט אין זיך די וויסענשאַפט מיט דער רעליגיאָן צוזאַמען, זענען עס די יעניגע וועלכע זענען די אמת׳ע אויטאָריטעטען, די יעניגע וועמעס מיינונג דאַרף זיין פאַר אונז א געזעץ, וועמעס עצה מיר מוזען פאָלגען בלינד אויב מיר האָבען ניט די כחות זיך אַליין אַרויפצוקאַראַפּקען צום אויבען פון׳ם ראַד, ווי זיי האָבען עס געטהון.

דיעזע העלדען־מענשען, דיעזע גרויסע דענקער, אונזערע גייסטיגע פיהרער און רעליגיאָנס־גרינדער, האָבען אַלע אין איין קול, נאָכדעם ווי זיי האָבען דורכגעמאַכט די גאַנצע רייזע אויף׳ן סירקעל, בעשטעטיגט די זעלבע זאַך, דאָס אונזער נשמה איז אונשטערבליך, דאָס זי נויטיגט זיך אין א מאָראַלער ערציהונג און דאָס די רעליגיאָן איז דער איינציגער וועג, דער בעסטער פּראָגראַם ווי דיעזע ערציהונג דורכצופיהרען.

און עס איז א פאַקט, דאָס נאָך היינטיגע צייטען אפילו, מוז דער מאָדערנער פאָלשטענדיגער פילאָזאָף צושווימען צום זעלבען ברעג, צוקומען צום זעלבען געדאַנק פון יענע אַמאָליגע רעליגיאָנען־גרינדער און מוז צוגעבען דאָס זיי האָבען

רעכט אַז די רעליגיאָן איז ניט נור ניט קיין שטערונג צו אונזער פּראָגרעס, נור זי איז גאָר די לייטער אויף וועמעס שטאַפּלען מיר דאַרפען קריכען צו איהם, און דאָס די אַלע יעניגע וועלכע זענען געגען דיזער מיינונג, ווייזען זיך אַרויס נאָך א גוטער גרינדליכער אונטערזוכונג אַלס ענטוועדער גאָר אונוויסענדע (זיי מעגען זיך דאָבּיי זיין אפילו שריפטשטעלער, איינס מיט דאָס אַנדערע האָט גאָר ניט צו טהון), אָדער וויסענדע נור קליינע דענקער, וועלכע זענען ענטוועדער גאָר קיין פילאָזאָפען אָדער האַלבּע פילאָזאָפען און אַבּסאָלוט ניט בּעקאַנט מיט דער רעליגיעזער פילאָזאָפי.

און אויבּ דער צוועק פון רעליגיעזער פילאָזאָפי איז, ווי מיר האָבּען עס שוין ערקלעהרט צו ערציהען אונזער נשמה אויף אַזאַ אופן, דאָס זי זאָל בּעהערשען דעם קערפּער אַנשטאָט צו לאָזען זיך בּעהערשען פון איהם, דאַן קען עס יעדער פּראָסטער אונגעבּילדעטער נור רעליגיעזער מאַן ערדייכען פּונקט אזוי גוט און פאָלשטענדיג ווי דער גרעסטער פילאָזאָף. דער פאַקט איז, דאָס זאָגאַר דער פּראָסטער נור ערנסטער רעליגיעזער מאַן געוועהנט זיך איין טאָג טעגליך צו אונטערדריקען זיינע קערפּערליכע ליידענשאַפטען און פערלאַנגען, ער פערשקלאָפּט דעם קערפּער בּיי פיעלע געלעגענהייטען, און צי אויס מורא, צי אויס עטוואָס אַנדערש (דאָס מאַכט שוין אייגענטליך קיין אונטערשיעד), אונטערוואַרפט ער זיך שטענדיג צו דער נשמה און מאַכט זי דאָמיט בּיז א געוויסען גראַד אלס די הערשערין איבּער'ן קערפּער, א צושטאַנד צו וועלכען עס שטרעבּען די גרעסטע פילאָזאָפען און וועלכע פיהלען זיך גליקליך ווען זיי קענען עס ערדייכען.

און שליעסליך זעהען מיר דאָס די גרויסע דענקער און לעהרער אונזערע האָבּען מיט זייער עצה פאָר אונז צו האַלטען טהייער די רעליגיאָן, ענטדעקט א וואונדערבּאַרען מיטעל ווי צו רעטען די מאַסען, ווי צו בּרענגען די מיליאָנען געוועהנליכע מענשען צום אמת'ן גליק, צו דעם זעלבּען גליק צו וועלכען זיי אליין האָבּען געשטרעבּט.

מיט דעם אַרויפצווינגען אויף די מאַסען די רעליגיעזע דיסציפּלין האָבּען זיי געשאַפען א האָלסייל-געלעגענהייט פאָר אַלע מענשען צו מאַכען זיך פערדיענט אין דער וועלט-אַרמיי בּיי דער רעגיערונג-נאַטור, פּונקט אויף אזוי פיעל ווי עס קענען זיך מאַכען פערדיענט די גרויסע גענעראַלען, די מעכטיגע פילאָזאָפען.

זיי, די לעהרער אונזערע, האָבּען זיך ניט צופריעדענגעשטעלט מיט זייער אייגענער גוטער לאַגע, דערמיט וואָס זיי זעלבּסט האָבּען שוין דערגאַנגען דעם סוד ווי צו מאַכען זיך זעלבּסט בּעליעבּט בּיי דער געטליכקייט וואָדורך זיי זענען געוואָרען גליקליכע, פאָלקאָם פערזאָרגטע מענשען, זיי האָבּען נאָך געוואָלט אַנדערע אויך בּעגליקען און זוכענדיג מיטלען ווי צו בּעזאָרגען די גאַנצע מענשהייט וועלכע וועט אַליין פיעלייכט קיינמאָל זיך קענען פערדיענען דעם גענעראַלסקען ראַנג, האָבּען זיי אונז געגעבּען פיעלע רעליגיעזע דינים זאָגענדיג דאָבּיי פאָלגענדעס:

„טהוט קינדערלעך ווי מיר הייסען אייך, פרעגט ניט קיין קשיות, מיט אייער פאָלגען אייערע העכערע בּעאַמטע, מיט אייער אָפּהיטען די בּעפעהלע, וועט איהר זיך מאַכען פערדיענט; א מאַכט וועלכע איז פערבּאָרגען פון אייך, נור וועלכע זעהט אַלעס און ווייס אַלעס, פערשרייבּט אַלעס וואָס איהר טהוט און איהר וועט ענדליך קריגען דעם ריכטיגען שכר פאָר אַלע אייערע טהאַטען, גוטעס פאָר פאָלגען, און שלעכטעס, פאָר ניט פאָלגען”.

דאָס זענען געוועזן די ווערטער פון אונזערע גרויסע לעהרער און פאָלקס-פערזאָרגער, אַנדערש האָבּען זיי צו אונז ניט געקענט און ניט געטאָהרט ריידען, זייערע רייד זענען אָפּט פערשטעלטע, ניט גענוג איבּערצייגענדע אָבּער איז דער זעלבּער צייט זענען זיי אויך אמת'ע, פול מיט ליעבּע צו אונז און מיט טיעפע געדאַנקען, ווייל דער סוף פון דעם געהאָרכזאַמען סאָלדאַט פיהרט איהם טאַקי צו א גוטער בּעלוינונג; דער לעבּען פון'ם גלויבּיגען איז וועהניגער אויסגעזעצט צו אַלערליי אומגליקען, שלעכטע בּעגעגניסען און קראַנקהייטען; זיין געוויסען איז אימער א רוהיגער, א צופריעדענער, זיין האָפענונג גיט איהם מוטה און ליכט אין א שלעכטער צייט, און זיין בּעזיעגען דעם קערפּער און טהייער האַלטען די נשמה פיהרט איהם ענדליך צו דעם זעלבּען פּלאַץ, וואו דער פרומער פילאָזאָף גלויבּט, דאָס ער זעלבּסט וועט זיך דאָרטען אויך געפינען.

פון דער אַנדער זייט, ווידער, זענען געקומען, נאַרישע מענשען, שונאים און פערדעטער פון די מאַסען, זיי האָבען דעמאָראַליזירט די גאַנצע אַרמעע, זיי האָבען אַריינגעגעבען א צווייפעל אין די הערצער פון די איינפאַכע סאָלדאַטען וועגען דער פעהיגקייט פון זייערע גענעראַלען און וועג־ווייזער, זיי האָבען צושטערט די האַרמאָני מיט אַפטע בונטען פון פערשיעדענע רעגימענטען, זיי האָבען אַוועקגענומען ביי דעם אָרעמען זעלנער זיין איינציגע מעגליכקייט צו זיין נוצליך און זיך פערדיענט צו מאַכען, זיי האָבען צוגענומען זיין יוניפאָרם, צובראָכען זיינע געוועהר און איבערגעלאָזט איהם אין מיטען וואַלד צווישען אונצעהליגע חיות און מענשליכע שונאים, זיי האָבען איהם געלאָזט שטעהען ווי א נאַר אויף א חתונה וועלכער ווייס ניט וואו זיך אַהינצוטהון, וואוהין זיך קעהרען און ווענדען; זיי האָבען ביי איהם צוגענומען זיין גאַנצען פערמעגען, זיין גליק, זיין רוהע און מאַנכעס מאָל אויך זיין לעבען (דערמאָהנט זיך נור די זעלבסטמאָרדען פון די פיעלע זאַגענאַנטע פריידענקענדע יונגע מענשען). געבענדיג איהם א פּראָסטע שטיקעל גלאָז אַנשטאָדט דיאַמאַנטען, אַנשטאָדט א רעליגיאָן וועלכע פלעגט איהם דערקוויקען זיין נשמה אין נויטה און אין אומגליק; אַנשטאָדט די נאַטירליכע וואָפען „גלויבען" און „האָפנונג" מיט וועלכע ער פלעגט אזוי ערפאָלגרייך קעמפען געגען אַלע צרות און יסורים, האָבען זיי איהם געגעבען א נאַרישע פאַלשע ציוויליזאַציאָן, א שטרעבען נאָך נאַרישקייטען, א פּוסטען לעבען וואָס פערלירט זיין ווערטה ביי יעדער קליינינגקייט און וועלכער ווערט דעריבער אזוי אָפט איבערגעריסען דורך זעלבסטמאָרדען, א זאַך וועלכע איז געווען די גרעסטע זעלטענהייט צווישען די רעליגיעזע מענשען.

נעהמט אַוועק די רעליגיאָן, ענטזאָגט זיך פון איהר שטרענגען לעבענס־פּראָגראַם און איהר פאַנגט גלייך אָן צו בלאָנדזשען, איהר פאַלט אַריין אין טויזענדער טעות'ן, די גייסטיגע זייט פון אייער לעבען געהט צו גרונד, זי ווערט אין גאַנצען איינגעשלונגען אין די טעגליכע קליינליכע אינטערעסען, איהר פערליערט די גאַנצע קאָנטראָל איבער זיך, איהר פערגעסט זיך אין גאַנצען אָן אייער נשמה און מיט דער צייט ווילט איהר שוין נישט אַנערקענען איהר עקזיסטענץ גאָר אין גאַנצען. איהר לייקענט שטיין און ביין און שווערט דאָס איהר האָט גאָר קיין נשמה, און עס איז כמעט ריכטיג אויך, ווייל איהר האָט זי טאַקי כמעט ניט, איהר טהעטיגקייט איז אין גאַנצען בעשרענקט אין העלפען דעם קערפּער ערווערבען זיינע אירדישע צוועקען, צו בעזאָרגען זיינע מאָמענטאַלע פּיצינקע קליינליכע בעדערפעניסע, איהרע אייגענע צוועקען האָט זי שוין אין גאַנצען אויפגעגעבען זי האָט זיך זעלבסט פערגעסען און קען שוין כמעט ניט קומען צום בעוואוסטזיין, זי איז איינגעטונקט און איינגעקנאָטען אין אַלע קערפּערליכע שמוצערייען, לוסט, שנאה, קנאה, כבוד, הערשאַפט, ליעבע, מאַכט, געלד, טרינקען, ציהרונג און אזוי ווייטער. זי איז אזוי בעגייסטערט פאַר די אַלע זאַכען, דאָס זי שרעקט זיך גאָר פאַר דעם געדאַנק פון איהר בעפרייאונג, פון איהר צוריק געהען אַהיים, זי וויל זיך ניט שיידען מיט איהר טהייערען חבר, מיט'ן גוף, און מיט די אַלע אָנגעזאַמעלטע גוטע זאַכען אויף דער וועלט, זי פערליערט איהר גאַנצע געטליכקייט און זינקט אַלץ טיעפער און טיעפער, מיט יעדען זיעג פון'ם קערפּער מיט וועלכען זי טראומפירט, מיט יעדען דורכפאַל וועלכען זי בעווינט, ווערט זי אַלץ מעהר אירדיש שווער; יעדער שמחה, יעדער טרויער פון'ם קערפּער, פון וועלכער זי ווערט שטאַרק בעגייסטערט איז א נאָגעל, א צוואָק וועלכער נעגעלט זי צו אַלץ מעהר און מעהר צום שווערען חומר, דיעזע ערדישע שווערקייט, דיעזע פאַלשע בעגריפען פון פרייד און לייד, מאַכען זי שווער און לאָזען זי ניט אויפהויבען זיך צום הימעל ניט ביים לעבען און ניט נאָך'ן טוידט, און אזוי ווערען דיעזע נשמות מיט גוואַלד אַוועקגערויבט, פון זייער גליקליכער צוקונפט, פון זייער מעגליכקייט צו לעבען נאָך'ן טוידט פון קערפּער אין אייביגען גליק, און ווען עס טרעפט זאָגאָר א מאָמענט ווען זיי, דיעזע נשמות דערמאָהנען זיך אויף א ווײַלע און זיי וואָלטען וועלען זיך בעפרייען פון די פאַלשע בעגריפען, אויסטהון פון זיך די שווערע קעיטען, קענען זיי שוין ניט מעהר, זיי האָבען זיך שוין צוגעוואוינט דורך אזוי פיעל יאָהרען צו דיענען אזוי טריי דעם קערפּער, דאָס עס איז פאַר זיי זעהר שווער כמעט אונמעגליך זיך אָפּצוגעוועהנען דערפון, זיי זענען שוין פערלאָרענע אונגליקליכע שקלאַפען, זיי זענען פערשקלאַפטע, פערשכור'טע נשמות,

וועלכע קענען זיך שוין ביים לעבען ניט אויסניכטערען, אויסער אין זעלטענע פעלע דורך דעם וואס אייניגע ווערען בעלי תשובה אייגזעהענדיג זייער טעות און בעזיצענדיג די נויטיגע קראפט צו ארויסרייסען זיך פון איהם.

קאפיטעל ג'.

שכר ועונש

מי אשר חטא לי אמחנו מספרי.
(שמות לב', לג')

אונזער נשמה און אונזער גוף.

אין די פאריגע קאפיטלעך האבען מיר געזוכט צו בעווייזען אז אונזער נשמה איז אונשטערבליך און איז אויסגעזעצט צו שכר ועונש נאך איהר פערלאזען דעם קערפער, לויט ווי זי האט זיך אויפגעפיהרט דא אויף דיעזער וועלט, זייענדיג ביים לעבען.

אגב אורחא האבען מיר אויך בעמערקט אין די פאריגע העפטען, די אורזאכע ווארום שכר ועונש זענען מעהרסטענס בעשטימט געווארען אויף נאך אונזער טוידט: דאס איז כדי ניט בטל מאכען די בחירה, ווייל אויב דעם צדיק זאל אויף דער וועלט געהן גוט און דעם רשע שלעכט, וואלט יעדער מענש ווערען א צדיק צוליעב זיין אייגענעם בענעפיט, און עס וואלט פאר דעם קיין שכר ניט קומען.

איצט וועלען מיר ערקלעהרען נאך אייניגע וויכטיגע זאכען וועגען אונזער נשמה, נעמליך:

1) אז דער מענשליכער געדאנק מיט אונזערע אלע מחשבות קייטלען זיך אונאויפהערליך אפילו נאך אונזער טוידט און ביז אייביג.

2) אין וואס עס בעשטעהט די שטראף פאר אונזערע זינד און די בעלוינונג פאר אונזערע מעשים טובים.

3) אין וועלכען פאל ווערט אונזער „איך" חלילה פערניכטעט אויף יענער וועלט און ווי אזוי קומט עס פאר.

4) אז ניט נור אונזער נשמה, נור אויך אונזער גוף בעקומט שכר ועונש פאר גוטעס אדער שלעכטעס.

קודם דארפען מיר פערשטעהן וואס מיינט עס אונזער „איך", ווער איז איך? איז דאס מיין קערפער? איז דאס מיין גייסט? זענען דאסביידע צוזאמען? אויב דאס זענען ביידע צוזאמען, דאן ווי קען איך עקזיסטירען אייביג, נאכדעם ווי מיין קערפער ווערט צופוילט אדער פערברענט, און אויב דאס איז נור דער ריינער געטליכער פונק אין מיר, טא מיט וואס איז ער „איך" נאכדעם ווי ער פערבלייבט וויעדער אליין? ווי אזוי קען דען איין ריינער געטליכער פונק זיין אנדערש ווי א צווייטער? מיט וואס איז אלזא ראובנ'ס געטליכער פונק אנדערש ווי שמעונ'ס?

א האלבען ענטפער אויף דיעזע פראגעס האבען מיר שוין געגעבען אין אונזער פריהעריגער העפט, „אדם העליון"; מיר האבען דארטען ערקלעהרט, אז על פי קבלה ווייסען מיר, דאס די מענשליכע נשמה בעשטעהט פון צוויי טהיילען, איינע דער געטליכער פונק און די צווייטע, וועלכע איז אונזער „נפש הבהמית", דער לעבענסגייסט וואס מיר געפינען איהם אויך ביי יעדער אנדער לעבעדיגער בריאה.

דער לעבענס-גייסט אין דעם מענשען איז דער פערבינדונגס-פונקט צווישען נשמה און קערפער, ווייל דער געטליכער פונק איז צו עדעל צו קענען זיך האלטען אין דעם גראבען חומר פון אונזער קערפער און דעריבער ווערט ער צוזאמענגעבונדען מיט דעם לעבענס-גייסט, וועלכער געפינט זיך אין אונזערע נערוועז און קנאכען און וועלכער פיהלט אלעס דורך די חושים און ווירקט צוריק אויף זיי.

דער לעבענס-גייסט איז אייגענטליך טאקי אליין אונזער קערפער; ווען מען שטעכט אונזער לייב, פיהלט דאס ניט אונזער פלייש, נור אונזער לעבענס-גייסט וואס געפינט זיך אין איהם, און ווען אונזער קערפער פיהלט עפעס א הנאה, איז דאס אויך דער געפיהל פון דעם לעבענס-גייסט און ניט פון אונזער לייב.

דער לעבענס־גייסט איז א סאָרט מאַטעריעלע רוחניות, אזוי צו זאָגען, עס איז א חוש, אָדער ריכטיגער געזאָגט, דאָס איז דער טרעגער פון די אַלע פינף חושים אונזערע און אָט דיעזער קערפּער־גייסט האָט נור נאַטירליכע אינסטינק־טען אין זיך, אָהן שום שכל; אזוי איז ער אויך ביי די אַנדערע לעבעדיגע ברואים, נור ווען מיט איהם פעראייניגט זיך דער געטליכער פונק, ווערט עס צוזאַמען א מענש און דאָס איז ביי יעדען איינעם דער „איך"; דיעזער איך דענקט, בעקומט געוויסע ערפאַהרונגען, נייגונגען און פערלאַנגען און דיעזער „איך" פערבלייבט עקזיסטירען אויך נאָכדעם ווי ער פערלאָזט דעם קערפּער; ער האָט דאַן די זעלבע חושים, די זעלבע נייגונגען, דעם זעלבען וויסען און מיט איין וואָרט, דאָס איז דער גאַנצער מענש.

דאָס מיינט, אַז א מענש קען לעבען אין גאַנצען אָהן א קערפּער, ער קען דענקען און געדענקען, אַלעס וויסען און אַלעס פיהלען זייענדיג אין גאַנצען אויס־געטהון פון דעם פּראָסטען חומר, ווייל ווי געזאָגט, זענען אין אונז פאַראַן ניט צוויי שותפים, נור דריי; אונזער גייסט גופא בעשטעהט פון גייסט און קערפּער. ער איז א צוזאַמענגעפלאָכטענע בריאה בעשטעהענד פון די אויבענדערמאָהנטע צוויי כחות — א חלק אלוה ממעל און דער לעבענס גייסט, וועלכע שטעלען צו־זאַמען אונזער „איך", אָט דעם „איך" וועלכער איז ביי יעדען מענשען פערשיע־דען, לויט געוויסע אומשטענדען.

ווען דער דאָזיגער „איך" פערלאָזט דעם קערפּער, פערבלייבט ער דער זעל־ביגער ווי ביים לעבען, פיהלט די זעלבע פערלאַנגען, די זעלבע שמערצען, האָט די זעלבע געדאַנקען, נור עס פעהלען איהם בלויז די קערפּערליכע גליעדער צו אויספיהרען די פערלאַנגען און ער האָט די פעהיגקייט צו שוועבען אין דער לופ־טען, אָט ווי מיר שוועבען אין חלום און האָבען פערלאַנגען און קענען זיי ניט אויספיהרען און פיהלען אַמאָל פרייד און אַמאָל שרעק אָדער שמערץ.

דער דאָזיגער צושטאַנד פון אונזער „איך" נאָך זיין אַרויסגעהן פון קערפּער, ווערט ביי אונז אָנגערופען „אַרומגעהן אין דעם עולם התהו"; אונזער „איך" ווייסט דאַמאָלס ניט אויף וועלכער וועלט ער איז, ער זוכט זיינע געוועהנליכע פערגע־ניגענס, ברעכט זיך דעם קאָפּ וועגען די זעלבע זאַכען וואָס ער האָט געטהון ביים לעבען, וועגען געשעפט, אַרבייט אָדער וויסענשאַפט, כאָטש באמת קען ער שוין גאָרנישט אויפטהון און לעבט אין טעות.

און אָט וועגען דעם דאָזיגען צושטאַנד זאָגט אונז דער מדרש א וואונדער־באַרען געדאַנק, וועלכער מאַכט אונז די זאַך פיעל קלעהרער: ער ברענגט אונז דעם פּסוק „כי אתה תאיר נרי, ד' אלהי יגיה חשכי", (דו גאָט צינדסט־אָן מיין ליכט, דו מאַכסט, אַז מיין פינסטערקייט זאָל אויפשיינען.) און אויף דיעזען פּסוק זאָגט אונז דער מדרש פאָלגענדעס:

גאָט זאָגט צום אידען: „קינד מיינס! דו האָסט מ י י ן ליכט אין ד י י נ ע הענט, און איך האָב ד י י ן ליכט אין מ י י נ ע הענט, צינד אָן מ י י ן ליכט, וועל איך אָנצינדען ד י י ן ליכט, און אויב דו וועסט פערלעשען מ י י ן ליכט, וועל איך פערלעשען ד י י ן ליכט!"

דאָס מיינט, אַז ווען איינער צינדט אָן דעם געטליכען פונק; ווען איינער איז מקיים אַלע מצוות פון דער תורה און פעראורזאַכט אַז דער געטליכער פונק, די נשמה אין אונז ברענט ליכטיג און שיינט העל, דאַן צינדט דער רבונו של עולם אָן אויך דעם מענשענס ליכט; דאָס הייסט ער דערהויבט דעם יעניגען מענשענס לעבענס־גייסט ביז דער שטופע פון א געטליכען פונק, וועלכער קומט אַריין אין גן עדן צוזאַמען מיט דער געטליכער נשמה, אָבער ווען איינער פערלעשט דעם געטליכען פונק און געהט אין שלעכטען וועג, דאַן ווערט אויך זיין לעבענס־גייסט אויסגעלאָשען נאָך'ן טוידט.

ווען א מענש שטאַרבט און דער געטליכער פונק זאָל פון איהם למשל אַרויס־געהן איינער אַליין, דאַן איז דער מענש ווירקליך טוידט און ער ווייסט מעהר ניט פון זיין עקזיסטענץ, אָבער דאָס פּאַסירט ניט אזוי און די נשמה געהט ארויס פון'ם מענשען צוזאַמענגעבונדען מיט דעם לעבענס־גייסט פון דעם זעלבען מענ־שען, מיינט עס דעריבער, אַז דער מענש לעבט ווייטער און ווייסט אַלעס פּונקט ווי ביים לעבען און ער קען אפילו ליידען וועהטאָג און פערדרוס פּונקט ווי ביים לעבען.

דאָס ווערט געטהון צוליעב דעם, אום דער מענש זאָל בעקומען זיין שטראָף פֿאַר אַלע זינד, און כדי דער געטליכער פונק וועלכער איז דורך די זינד שמוציג געוואָרען, זאָל קענען אויסגעלייטערט און אויסגערייניגט ווערען.

דער מענש געפינט זיך אַלזאָ נאָך׳ן טוידט אין דעם זעלבען צושטאַנד אין וועלכען ער האָט פערלאָזען דעם לעבען; מיט וואָס פֿאַר א פייער ער האָט געצונדען דעם געטליכען פונק אין זיך, מיט דעם זעלבען פייער לעבט ער ווייטער פֿאַר א געוויסער צייט; אין וואָס זיין געטליכער פונק איז געוועזען פערטהון דאָ אין לעבען, מיט דעם זעלבען לעבט ער דאָרטען ווייטער, נור ווייל אויספיהרען עפּעס ממשות׳דיג, קען ער דאָך ניט, האָט ער פערדרוס, יסורים און ערגערט זיך פונקט ווי דאָס פּאַסירט מיט אונז אין חלום, ווען אונז ווילט זיך עפּעס און מיר קענען דאָס ניט אויספיהרען.

אָבער אזוי ווי מיר ווייסען שוין, אַז דער איינציגער מיטעל ווי צו אָנצינדען באמת דעם געטליכען פונק אין אונז, איז דורך מקיים זיין די תר״ג מצוות, (זעה ,,אדם העליון״) זאָגט אונז דערויף די קבלה וואָס עס פּאַסירט מיט די פערשטאָרבענע אַביסעל שפּעטער נאָך זייער טוידט.

אויב דער נפטר איז געוועזען א צדיק גמור, קומט ער גלייך אַריין אין גן עדן און פערבלייבט דאָרטען צו געניסען דעם שכר פון זיינע גוטע מעשים.

אויב ער איז א מיטעל־מעסיגער צדיק וואָס האָט געוויסע קליינע זינד אויף זיין נשמה, ווערט ער געלייטערט פֿאַר א געוויסער צייט, אָבער ניט מעהר ווי עלף מאָנאַטען און דאַן געהט ער אויך אַוועק אין גן עדן.

טאָמער אָבער איז ער א רשע גמור, וועלכער האָט עובר געוועזען אויף די זינד פֿאַר וועלכע עס קומט איהם כרת, דאַן לייטערט ער זיך אזוי לאַנג, ביז זיין אייגענע נשמה, דער לעבענס־גייסט, ווערט גענצליך פערניכטעט, עס הייסט דאַן אַז דער מענש איז טוידט באמת, ווייל ער הערט אויף צו עקזיסטירען, אָבער דער גייסטיגער פונק נאָכדעם ווי ער ווערט אויסגעלייטערט, געהט צוריק צו זיין קוואַל.

דערמיט ווערען שוין פערענפערט צוויי גרויסע קשיות וואָס מאַנכע פריידענקער פרעגען אויף דער תורה, ערשטענס פרעגען זיי וואָס פֿאַר א שטראָף קענען בעקומען די לייטע, וועלכע זינדיגען כסדר און זענען יעדען טאָג עובר אויף עטליכע זאַכען פֿאַר וועלכע זיי פערדיענען כרת? וואָס האָבען שוין אַזעלכע מענשען צו פערלירען, נאָכדעם ווי זיי האָבען שוין מיט דעם ערשטען מאָל עובר זיין אויף א כרת־חטא, פערשפּיעלט דאָס אייביגע לעבען?

און צווייטענס, ווייסען מיר פון דער משנה, אַז ,,כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא״ און דערויף ווערט געזאָגט אין תלמוד, אַז אפילו די יעניגע זינדיגע אידען, וואָס זיי קומט כרת, האָבען אויך זייער טהייל לעבען אין דער אייביגקייט, וואָרום מען קען דאָך ניט זאָגען, אַז די משנה מיינט, אַז נור אידישע צדיקים האָבען עולם הבא און די ניט־אידישע צדיקים האָבען דאָס ניט און דעריבער מוז עס מיינען פשוט, אַז טאַקי אַלע אידען, אפילו די זינדיגע, טאָ ווי אזוי קען עס זיין, אַז א איד זאָל האָבען ביידע זאַכען. אי זיין נשמה זאָל פערשניטען ווערען און אי דאָס ער זאָל ניט פערלירען זיין טהייל אויף יענער וועלט?

דער תירוץ דערויף איז, אַז דער יעניגער וועלכער האָט עובר געוועזען א סך עבירות און פערדיענט א סך מאָל כרת. לייטערט זיך און מאַטערט זיך לענגער, מאַנכעס מאָל גאַנצע יאָהר־הונדערטע.

דער שלה׳ הקדוש דערצעהלט, אַז ער האָט אַמאָל געזעהען ווי א טוידטער מאַטערט זיך אָפּקומענדיג א שווערע שטראָף און ווען ער האָט איהם בעשוואוירען צו מודה זיין זיך ווער ער איז און אין וואָס זיין זינד איז בעשטאַנען, האָט איהם יענער דערצעהלט, אַז ער איז געוועזען איינער פון די ערשטע צו אויפהויבען א שטיין צו פערשטיינען זכריה הנביא און דאָס איז שוין איבער פופצעהן הונדערט יאָהר ווי ער לייטערט זיך אַלץ און עס נעהמט קיין סוף ניט.

עס ווערט אויך פערענטפערט די צווייטע פראַגע, ווי אזוי די משנה קען בעהויפּטען, אַז יעדער איד האָט א טהייל אויף יענער וועלט, דאָס איז דערפֿאַר ווייל דער געטליכער פונק אין אונז ווערט דאָך טאַקי ווירקליך קיינמאָל ניט פערניכטעט; סוף כל סוף ווערט ער אויסגעלייטערט און קומט אַריין אין זיין ריכטיגען פּלאַץ, אָבער אין אַזאַ פֿאַל ווערט דערפון דער מענש ניט געהאָלפען, ווייל קוים איז פערניכטעט געוואָרען זיין לעבענס־גייסט, איז שוין צווישען איהם אליין

און דעם געטליכען פונק ניט פֿאַראַן קיין שום שייכות, ווייל נור די יעניגע ווע־מעם אייגענער לעבענס־גייסט פערבלייבט עקזיסטירען, געדענקען דאָס זיי האָבען געלעבט און ווער זיי זענען געווען אין לעבען, אָבער ווען איינעמס געטליכער פונק אַליין פערבלייבט, מיינט עס, אַז ער האָט מעהר ניט קיין שום שייכות מיט דעם מענשען אין וועלכען ער איז געווען, ווייל יענער איז שוין טאַקי טוידט און פער־ניכטעט אויף אייביג, אָדער ער איז ערגעץ אַריין אין א נידעריגער בעשעפעניש און ווייסט שוין ניט ווער ער איז און אויב ער איז גאָר געווען אַמאָל א מענש.

מיר זעהען אַלזאָ דערפון, אַז ניט־קוקענדיג דערויף וואָס אונזער קערפּער ווערט פערפוילט אין דער ערד, אָדער פערברענט, פערבלייבט פון דעסטוועגען אונזער „איד'' עקזיסטירען און מיר קענען נאָך'ן טוידט דענקען און פיהלען אַלעס פונקט ווי ביים לעבען.

אַז אין פאַל פון שכר פאַר מעשים־טובים, אָדער חלילה שטראָף פאַר דעם זינדיגען, בעקומט עס דער גאַנצער מענש, די נשמה אזוי גוט ווי דער קערפּער, ווייל דער אמת'ער קערפּער אונזערער איז ניט דער שטיק חומר, דער גוף, נור דער לעבענס־גייסט אין איהם, וועלכער געהט אַרויס נאָך'ן טוידט צוזאַמען מיט דעם געטליכען פונק — דער נשמה.

און אַז אין פאַל פון גאָר א גרויסען רשע, וועלכער האָט זיך פערדיענט כרת, ווערט זיין „איד'' אין גאַנצען פערניכטעט, דורכדעם וואָס ער ווערט דאָרטען גע־לייטערט און געברענט, ביז דער לעבענס־גייסט ווערט אָפּגעשיידט פון דעם געט־ליכען פונק מיט וועלכען ער איז צוזאַמענגעוואַקסען, אזוי אַז דערנאָך קעהרט זיך אום דער חלק אלהים צו זיין מקור איינער אַליין, וועהרענד זיין געוועזענער שותף, דער לעבענס־גייסט, איז שוין טאַקי טוידט באמת, טוידט אויף אייביג, ווי די תורה זאָגט דאָס אונז טאַקי: „מי אשר חטא לי אמחנו מספרי!''

שכר ועונש אויף יענער וועלט.

מיר ווייסען שוין אַלזאָ פון דאָס געזאָגטע ביז דאַנען, אַז אונזער נשמה איז אונשטערבליך און אַז ס'איז אין אונ־זער אייגענער האַנד צו שענקען איהר דעם אייביגען לעבען, אָדער חלילה צו פערניכטען זי: ס'איז געווענדעט אַן דעם אויב מיר האַלטען זי ניכטער דאָ ביים לעבען אָדער מיר פער'שכור'ן זי מיט די תאוות פון דעם קערפּער, וועלכע מאַכען זי פערגעסען ווער און וואָס זי איז.

ביי א נאָרמאַלען מענשען, וועלכער לעבט דאָ לויט דער געטליכער תורה, דאַרף דעריבער דער טוידט ניט זיין שרעקליך, ווייל דאָס איז באמת גאָר אַן אי־בערגאַנג צו א פיעל־בעסערען לעבען: דאָס וואָס מיר מענשען שרעקען זיך אזוי פאַר דעם איבערגאַנג, איז שוין אונזער כאַראַקטער אזוי נאָך פון געבורט, צו שרעקען זיך פאַר יעדען איבערגאַנג צו א נייער פעריאָדע כאָטש זי איז בעסער פון דער אַלטער. ווען דאָס קינד ווערט געבאָרען און עס געהט אַרויס פון פינס־טערניש און געפאַנגענשאַפט צו ליכט און פרייהייט, וויינט עס שוין און שרעקט זיך פאַר דעם איבערבייט: שפּעטער ווען עס געהט אַריבער פון דער מוטער'ס ברוסט אויף אייגענע קעסט, וואָס דאָס איז אויך בעסער פאַר איהם, וויינט עס ווידער און שרעקט זיך פאַר דעם איבערגאַנג, און דערפאַר שרעקען מיר זיך אויך פאַר דעם איבערגאַנג פון לעבען צום טוידט, כאָטש דאָס איז גאָר צום בע־סערען.

שטעלט אייך פאָר ווי גוט דאָס דאַרף זיין ווען מיר לעבען אויסגעטהון פון דעם חומר, פריי פון זאָרג, פון צרות, פון וועהטאָג און קראַנקהייטען, און ווען מיר קענען אַרומשוועבען אין די העכערע וועלטען, בעזוכען אַלע פּלאַנעטען, ווי די חז''ל פערזיכערען אונז, אַז יעדער צדיק קריגט דריי הונדערט מיט צעהן וועל־טען, וואָס דאָס מיינט מסתמא, אַז ער קען זיי זעהען, בעטראַכטען, בעוואונדערען און הנאה האָבען דערפון: מיר קענען זיך דאָ גאָרניט פאָרשטעלען וואָס פאַר א תענוג דאָס איז, פונקט ווי דאָס קינד אין זיין מוטערס בויך קען זיך ניט פאָר־שטעלען די תענוגים פון אונזער לעבען דאָ אויף ד ע ר וועלט, און ס'איז אַלזאָ נור אונזער אונוויסענהייט, וועלכע מאַכט אונז צו שרעקען זיך פאַר יענער וועלט, אָדער ריכטיגער געזאָגט, אונזערע זינד: דער אמת־פרומער שרעקט זיך טאַקי ניט פאַר'ן טוידט, ווייל ער פיהלט מיט'ן אינסטינקט און מיט'ן שכל, אַז דער בייט לוינט זיך איהם גאַנץ גוט.

דער אונטערשייד איז דעריבער נור אין דעם, וואָס דער פרומער ווייסט, אַז איהם ערוואַרטעט שכר, וועהרענד דער זינדער פיהלט, אַז איהם ערוואַרטעט שטראָף, אָדער ער איז אַזוי פערפיהרט פון זיין געדאַנק, דאָס ער מיינט אַז מיט'ן טוידט ענדיגט זיך אַלעס.

וועגען דעם סאָרט שכר ועונש פון יענער וועלט ווייסען מיר בקבלה אַ סך איינצעלהייטען אַבוואָהל דאָס איז מעהר בכלל ווי בפרט; מיר ווייסען למשל, אַז די צדיקים האָבען גרויס תענוג זעהענדיג דעם שיין פון דער שכינה, אָבער וואָס זיי זעהען ווייסען מיר ניט, מיר קענען זיך נור פאָרשטעלען, אַז זיי דערקענען דאָרטען די גאָטהייט, דערוויסען זיך אַלע סודות פון דער וועלט־בעשאַפונג, זעהען די גאַנצע פערגאַנגענהייט און צוקונפט און אפשר נאָך אַזעלכס און עהנליכעס בדרך כלל, ווייל ריכטיג בעגרייפען וואָס דיזע אַלע תענוגים בעדייטען, קענען מיר ניט; דאָס זעלבע איז מיט דער שטראָף וואָס מען בעקומט דאָרטען; מיר ווייסען בדרך כלל, אַז דער זינדיגער ווערט דאָרטען איבערגעגעבען צו די מחבלים וועלכע זענען בעשאַפען געוואָרען פון זיינע זינד און זיי מאַטערען און פייניגען איהם, אָבער אין וואָס די מאַטערניש בעשטעהט, ווייסען מיר ניט דאָ ביים לעבען, עס ווערט אונז אָבער געגעבען אַ שטיקעלע בעגריף וועגען דעם און נעמליך: דער גרעסטער שכר בעשטעהט אין דעם, וואָס דער פרומער און גלוביגער דערזעהט באַלד נאָך'ן טוידט, אַז ער האָט קיין טעות ניט געמאַכט מיט זיין גלויבען, ווי מיר זאָגען אין דאַוונען, ,,ומקיים אמונתו לישני עפר'', אַז דער רבונו של עולם בעשטעטיגט דעם גלויבען אין איהם צו אַלע געשטאָרבענע; נאָך'ן טוידט זעהט יעדערער, אַז ס'איז פאַראַן אַ גאָט, אַ גן עדן און אַ גיהנום, איז דאָך זעלבסט־פערשטענדליך, אַז צו דער פרייד פון דעם בעל אמונה איז ניטאָ קיין גרענעץ וועהרענד צו דעם פערדרוס פון דעם אפיקורס איז אויך ניטאָ קיין מאָאָס. דאַן קומט דער פאַקט וואָס דער גלויביגער האָט קאַפּיטאַל צו קענען קריגען דורך איהם אַלע דאָרטיגע תענוגים; ער האָט די איינלאַס־קאַרט צו אַלע דאָרטיגע הויבע ספערען, וועהרענד דער זינדער האָט עס ניט.

דאָרטען אין הימעל איז דאָך די נשמה פון דעם רשע אויך הונגעריג נאָך די אַלע געטליכע פריווילעגיעס, ווייל זי איז שוין אויסגעטהון פון איהר חומר און שטרעבט צוריק נאָך איהר הייליגען מקור, נור זי קען אַהין ניט דערגרייכען, ווייל עס פעהלען איהר די נויטיגע כלים דערצו, איז איהר נאַטירליך זעהר ביטער און אַ גרויסע שאַנדע.

דערצו ווערט נאָך אונז דערצעהלט בקבלה, אַז דערמיט וואָס דער רשע איז געוועזען צופיעל פערטהון אין די הבלי עולם הזה, ציהט עס איהם דאָרטען אויך דערצו און זיין נשמה געפינט זיך דעריבער צווישען צוויי פייערען, עס ציהט זי צוביידע וועלטען און זי קען קיין איינע פון זיי ניט דערלאַנגען; דאָס רופט זיך ביי אונז, אַז זי ווערט געשליידערט אין כף הקלע, זי ווערט געוואָרפען פון איין עק וועלט צו דעם צווייטען, פון דער וועלט אויף יענער וועלט און צוריק, וועהרענד דער צדיק וועמעס גאַנצע שטרעבונג ביים לעבען איז געוועזען מעהרסטענס צו יענער וועלט און פון הבלי עולם הזה האָט ער וועניג־וואָס געהאַלטען, פערגעסט ער שנעל די אונטערשטע וועלט גאָר אין גאַנצען און ווערט דאָרטען אַ בן בית האָבענדיג דאָס צו וואָס ער האָט אימער געשטרעבט.

וואָס אַנבעלאַנגט די יסורים וואָס די זינדיגע ליידען דאָרטען און ווי אַזוי דאָס קען מעגליך זיין נאָכדעם ווי זייער קערפער ליגט גאָר אין דער ערד, קענען מיר זיך דאָס פאָרשטעלען ווי די ליידען אין אַ חלום; אָפט חלומ'ט זיך אונז אַ שרעקליכער חלום און מיר ליידען דאַמאָלס די גרעסטע יסורים, כאָטש באמת ליגען מיר גאָר אין אַ ווייכער וואַרימער בעט; עס מאַכט זיך אַמאָל, אַז פאַר גרויס שרעק כאַפּען מיר זיך אויף אָפּגעגאָסען מיט אַ קאַלטען שווייס און דאָס איז אונזער רעטונג, ווייל אויב מיר זאָלען זיך ניט אויפכאַפּען וואָלטען מיר זיכער געחלשט פאַר שרעק. דאָקטוירים ערקלעהרען זאָגאָר, אַז דאָס וואָס מאַנכע מענשען שטאַרבען אין שלאָף, איז דאָס זיי געקומען פון אַ שרעקליכען חלום און ווייל זייער האַרץ האָט געפּלאַצט פון דער שרעק איידער זיי האָבען צייט געהאַט זיך אויפצוכאַפּען, טאָ קען דאָך אַלזאָ געמאָלט זיין, אַז פונקט אויף אַזאַ אופן בעקומען מיר אונזער שטראָף אויך אויף יענער וועלט; עס איז דאָך גאָר ניט נויטיג אַז מען זאָל אונז טאַקי אַריינוואַרפען אין אַ לייבען־גרוב, אָדער אין אַ פייער

בפועל ממש, ס'איז געגוג, אז דאס אלעם זאל זיך אונז נור פארשטעלען ווי דאס פאסירט אין חלום און די ליידען זענען פונקט אזוי גרויס אדער נאך גרעסער ווי דאס וואלט זיין אויף'ן וואהר, טא ווארום זאל דאס ניט קענען זיין, אז דער זינדיגער זאל דארטען איבערגעבען ווערען צו דעם בעל החלומות, וועלכער האלט איהם כסדר אין מאטערען מיט אלערליי פאנטאסטישע יסורים איינס נאך דאס אנדערע ביז דער ליידענדער גנהט אויס יעדען מאל פאר שרעק און וועהטאג? ווער קען עס אונז זאגען, אז דאס איז ניט אזוי?

עס זענען אבער געווען ביי אונז מאנכע פון די תנאים און אנדערע צדיקי הדור, וועלכע האבען דערצעהלט, אז זיי אליין האבען געזעהען דעם גיהנום און זיי האבען געגעבען מאנכע גענויע בעשרייבונגען פון אלעם וואס דארטען קומט פאר, בעהויפטענדיג, אז די ליידען זענען טאקי פאקטיש, אז די מחבלים בעשטראפען דעם זינדיגען בפועל ממש, ניט נור דורך פאנטאסטישע ליידען ווי אין א חלום.

דער שפיץ איז, אז מה דאך אויף דער וועלט זענען פאראן אזעלכע שרעקליכע שטראפען אויף דעם מענשען, אזעלכע משונה'דיגע קראנקהייטען, ווילדע האלוצינאציעס, אלערליי טוידט־שרעק, אלערליי מאטערנישען, אינקוויזיציעס, מיתות משונות דורך מענשען גופא און דורך חיות רעות, טא וועלכע שטראפען קענען שוין זיין אויף יענער וועלט, אדער ווער ווייס אויב ביי גאט איז ניט פאראן ערגעץ א צווייטע וועלט, נאך אן ערגערער גיהנום ווי דיזע וועלט און וואס דארטען איז אפשר די ספעציעלע גיהנום־וועלט, וואו די זינדיגע ווערען ארויסגעשיקט צו ליידען און צו אפקומען זייער שטראף!

אויב אויף דער וועלט זענען אפילו פאראן אזעלכע גיהנום־פלעצער, וואו מענשען שטעהען אויס פאגראמען, טוידט־שרעק און לאנגזאמען הונגער־טוידט, טא ווארום זאל ניט קענען מעגליך זיין נאך ערגערס אויף יענער וועלט? און צי דען איז עס ניט לאגיש, אז די בעסטיעס וועלכע פערארזאכען אזא גיהנום פאר אונשולדיגע מענער, פרויען און קינדער, זאלען נאך ערגעץ דארפען דורכמאכען א פיעל־ערגערען און שרעקליכערען גיהנום? און וואס פאר א וועלט, וואס פאר א גערעכטיגקייט, וואס פאר א ווילדע ארדנונג דאס וואלט זיין, ווען אזעלכע טויזענדפאכע מערדער ווי א באלאכאוויטש, א מאכנא, און די אלע אנדערע דארטען ווילדע פאגראמשציקעס, זאלען נאך זייער נאטירליכען טוידט פערבלייבען אין גאנצען אונבעשטראפט?

קען דאס אימעצער מיט א גלייכען פערשטאנד זיך פארשטעלען אזא שרעקליכע אונגערעכטיגקייט? קען דאס אימעצער גלויבען? דאס אלעם צייגט, אז אויף יענער וועלט מוז זיך ערגעץ געפינען א פלאץ פאר שכר ועונש און וואו יעדער איינער קריגט דארטען זיין פערדיענטען לויין גוטעס פאר גוטעס און שלעכטעס פאר שלעכטעס.

און נור שוטים קענען זיך דעריבער איינריידען, אז מיט אונזער טוידט ענדיגט זיך שוין אלעם און אז די וועלט איז הפקר!

שלום־ווארט.	וויסענדיג, אז אונזער נשמה איז אומשטערבליך, אז אונזער עקזיסטענץ און געדאנקען־גאנג קייטלען זיך כסדר אפילו נאך

אונזער טוידט, און אז מיר מוזען סוף כל סוף אפגעבען א גענויען חשבון פאר אלע אונזערע מעשים, דארף טאקי דער מענש ווערען ערנסטער צו זיך אליין און זוכען צו לעבען אויף אזא אופן, אז ער זאל שפעטער קיין חרטה ניט האבען; און אויב ער גלויבט שוין יא אין די רייד פון אונזערע חכמים, וועלכע האבען דאס אלעם אויסגעפונען און קלאהר געמאכט, דארף ער זיי שוין אויך גלויבען אין דער רפואה וואס זיי רעקאמענדירען אונז, נעמליך צו לעבען על פי דרכי התורה והאמונה, כדי דורכדעם אנצוצינדען די געטליכע נשמה מיט אזוי פיעל ליכטיגקייט, אז זי זאל אויך קענען בעלייכטען אונזער „איד", אונזער לעבענס־גייסט, וועלכער מאכט אונז דא פאר דאס וואס מיר זענען, אויב מיר נעהמען זיך ניט די מיה צו מאכען איהם פאר דאס וואס ער דארף זיין.

די וועלט איז ניט הפקר, טאהרען מיר אויך ניט זיין הפקר פיהרענדיג א הפקר־לעבען!

„דעם יעניגען, וועלכער האט געגען מיר געזינדיגט וועל איך אויסמעקען פון

מיין בוך״, האָט אונז דער וועלט־בעשעפער געזאָגט אין דער תורה; דאָס איז א קורצע פראַזע, אָבער א שרעקליכע און יעדער איינער פון אונז דאַרף אזוי לעבען, אַז ער זאָל פון דעם געטליכען בוך חלילה ניט אויסגעמעקט ווערען.
און זאָל זיין דער געטליכער ווילען, אַז מיר זאָלען ניט זיין צווישען די אויסגעמעקטע !...

צו די פאַלשע נביאים

פון יחזקאל הנביא

איבערזעצט פון ב. צ.

(קאַפּיטעל י״ג)

און גאָט׳ס וואָרט האָט זיך צו מיר דערטראָגען,
אָט אזוי צו זאָגען :
מענשענקינד ! געה פּראָפעצייע,
צו די פאַלשע נביאים, נייע;
נביאים וועמעס רייד עס זענען פאַלש און פּוסט,
דען זיי ריידען וואָס דאָס האַרץ געלוסט.
זאָג צו זיי דערפאַר :
אָט אזוי געזאָגט האָט, גאָט דער האַר !
וועה צו אַלע שווינדלערישע פּראָפעטען,
וואָס לויט זייער אייג׳נעם גייסט, אייך ווילען רעטען,
און וואָס קיינמאָל איז נאָך ניט געשעהען,
זיי זאָלען א געטליכע ערשיינונג זעהען !
אָה, ישראל ! ווי די פוקסען אין רואינען
קען מען ביי דיר צאָהללאָזע נביאים איצט געפינען,
וואָס זיי האָב׳ן זיך ניט ערהויבען צו די וואָהרע פליכטען,
דיינע האַלב־צושטערטע פעסטונגען פעררריכטען ;
צו אַרומצאָמען ישראל׳ס הויז, איהם זיכערען א זיעג,
אין דעם טאָג פון גאָטעס שטראָף — אין קריעג.
ליגענס פּראָפעצייען זיי און צויבערען מיט א בעטרוג,
און באַהויפּטען, אַז ס׳איז גאָטעס וואָרט, גערעכט און קלוג,
אָבער גאָט האָט ניט געשיקט זיי, ניין !
כאָטש זיי גיבען האָפנונג, אַז אַלעס וועט זיין גוט און שעהן.
האָט איהר ניט פאַראויסגעזאָגט דאָ פאַלשקייט, ליגען
און געזוכט מיט צויבעריי דעם עולם צו באַטריגען ?
האָט דאָ יעדערער ניט אָנגעגעבען זיך אַלס געטליכער פּראָפעט,
כאָטש, איך גאָט, האָב גאָר מיט אייך מיט קיינעם ניט גערעדט ?
ד׳רום זאָגט גאָט : ווייל איהר האָט ליגענס פּראָפעצייעט
און בעטריגערישע נבואה־רייד געבריעט,
וועל איך מיך דעריבער צו אייך נעהמען
פריהער ווי צו אירגענד וועמען.

ס'וועט מיין האַנד אַביסעל שפּעטער,
לענגען זיך אויף דיעזע פאַלשע נביאים און פעררעטער,
אין מיין פאָלקס פערזאַמלונג וועט פון זיי קיין איינציגער ניט בלייבען,
אין ישראל'ס צענזוס וועט מען זייער נאָמען ניט פערשרייבען,
און צום אידענ'ס לאַנד וועל'ן זיי ניט קומען,
דאַן ט'איהר וויסען ווער איז גאָט — אַז דאָס בין איך.
נור דערפאַר ווייל זיי האָבען מיין פאָלק פערפיהרט,
איהם געטרייסט מיט שלום, וועלכער האָט ניט עקזיסטירט.
איינער בויעט אַ שוואַכע וואַנטעלע אָלס שוץ
און די איבעריגע גיב'ן עס אַ בעשמיר, אַ פּוץ,
טינקעווען אַרום די לעכער גאַנץ געטריי
מיט אַן אויסמיש פון פיעל אונזין און געמיינער שוואַצעריי,
זאָג די אונזין־שמירער, אַז אַראָפּפאַלען וועט אַלץ אין גיכין,
אַ גוס־רעגען וועט עס אָפּשווענקען, צוברעכען,
האָגעל־שטיינער וועלען אויף דעם פאַלען און צושטערען
און פון שטורם־ווינטען וועט עס אַלץ צושפּאַלטען ווערען.
און ס'וועט איינפאַלען די וואַנטעל, דאַן וועט מען אייך פרעגען,
וואו איז אייער שמיראַכץ איצטער, נאָכ'ן רעגען?
אָט אזוי זאָגט גאָט: ד'וועל שפּאַלטען שטורם־ווינטען אין מיין צאָרן,
האָגעל־שטיינער און גוס־רעגענס וועל איך מעהר ניט שפּאָרען,
ביז איך וועל מיין כעס, שטראָף,
דורכפיהרען אין גאַנצען ביז'ן סוף.
ד'וועל צושמעטערען די וואַנד מיט דעם געשמיר,
וואָס איהר צויבערער, האָט דאַרטען אָנגעטינקעוועט אויף איהר;
ד'וועל זי שליידערען צו דר'ערד מיט מיינע הענט
און ענטפּלעקען וועט זיך איהר געמיינער פונדאַמענט,
זי וועט איינפאַלען אין אייך בעגראָבען אונטער זיך,
דאַן ט'איהר וויסען ווער איז גאָט — און דאָס בין איך.
איך וועל אויסלאָזען מיין צאָרן צו דער וואַנד און איהרע שמירער,
צו די פאַלשע אונזין־שווערמער, די פערפיהרער,
ד'וועל צו אייך דאַן זאָגען: עס איז אויס מיט אייער וואַנד,
און אויך אויס מיט אייך, אַ סוף צו ביידען זאַלבענאַנד.
הערט עס, פאַלשע אידישע פּראָפעטען!
וואָס איהר פּראָפעצייעט, אַז איהר וועט דעם אידען רעטען
וואָס איהר זאָגט איהם: „פריעדען! אַלץ איז גוט און פיין!"
ווען קיין פריעדען איז ניטאָ און קען ניט זיין.
אָט אַזוי, (ס'איז הייליג, וואהר!
זאָגט צו אייך איצט גאָט דער האַר.

פאָרוואָרט.

וועגען די ימות המשיח עקזיסטירט ביי אונז אידען א גאנצע ליטעראַטור, געבויעט אויף פסוקים פון תנ״ך און אויף מאמרי חז״ל; עס איז אָבער ניט דער צוועק פון דיעזער בראָשורע צו ברענגען דאָ די אַלע טראַדיציאָנעלע באַווייזע און באַהויפּטונגען וועגען די ימות המשיח, נור עס איז אין אונזער וואונש צו באַהאַנדלען די דאָזיגע פראַגע אויף א פראַקטישען און מאָדערנעם אופן און מיר באַנוצען זיך מיט געוויסע מאמרי חז״ל בלויז אַלס באַשטעטיגונג אויף די באַשליסע צו וועלכע מיר קומען, שטודירענדיג די משיח־פראַגע אין איינקלאַנג מיט דעם איצטיגען וועלט־צושטאַנד.

אין אַנדערע ווערטער, ווערט דאָ ניט געמאַכט קיין פאַרזוך צו באַווייזען די ריכטיגקייט פון ביאת המשיח, ווייל פאַר דעם גלויביגען אידען איז דאָס אַן עיקר פון דער אמונה, אין וועלכען עס איז ניטאָ און קען ניט זיין קיין שום צווייפעל, ווערענד פאַר דעם אונגלויביגען, איז דאָס „באַווייזען" אין אַזעלכע ענינים א ברכה לבטלה; אַלעס וואָס ווערט דאָ באַצוועקט, איז צו צייגען, ווי דער „אני מאמין בביאת המשיח" שטימט מיט די געשיכטליכע פאַקטען פון דער וועלט און ווי אונזער אידישע האָפענונג אויף ביאת המשיח האַלט איצט נעהנטער צו איהר פאַרווירקליכונג, ווי אין אירגענד וועלכער פריהערדיגער צייט.

דער פרומער און גלויביגער קען דאָ געפינען א נייעם קוואַל האָפנונג פאַר זיך, ווערענד דער צווייפלער, וועט קענען איינזעהען ווי ניט־באַרעכטיגט זיין צווייפעל איז און וויפיעל פונקטען פון דער טראַדיציאָנעלער משיח־ליטעראַטור זענען שוין פאַרווירקליכט געוואָרען און ווערען איצט פאַרווירקליכט פאַר אונזערע אויגען.

לאָמיר האָפען, אַז דיעזער העפט ווערט געשריבען ערב ביאת המשיח, ווען עס וועלען שוין אין גאַנצען ניט זיין קיין צווייפלער ביים אידישען פאָלק! אמן וכי״ר.

דער פערפאַסער.

משיח־איזם און דעמאָקראַטיע.

כי מלאה הארץ דעה את ד׳ כמים לים מכסים.
(ישעיה. יא. א.)

די אמונה אין משיח׳ן אַמאָל און היינט.

די טהעמא וועגען משיח׳ס־צייט איז אַהן צוויי־פעל א זעהר וויכטיגע סיי צוליעב איהר הייליגען אינהאַלט, וועלכען זי ציהט נאָך פון אונזערע נביאים און חכמי התלמוד און סיי צוליעב איהר גרויסען אינטערעס פאַר אונז, אָבער אין דעם היינטיגען דור איז עס ליידער פאַררעכענט אַלס א טהעמא פאַר בטלנים; וויפיעל אידען ווארטען איצט באמת אויף משיח׳ן? וויפיעל אידען גלויבען איבערהויפּט אין ביאת משיח? אונזערע פרייע זעהען משיח׳ן אין דעם סאָציאַליזם, אין דעם באָלשעוויזם און אין עהנליכע באַוועגונגען; זיי זעהען שוין דעם „עני ורוכב על החמור״, דעם אַרימען געפּלאָגטען פּראָלע־טאַריאַט, וועלכער איז איצט דערהויבען געוואָרען ביז דער העכסטער פּאָליטישער מאַכט, דענקען זיי, אַז ס׳איז שוין משיח־צייט, און אַז דער ענדליכער זיעג פון דעם פּראָלעטאַריאַט וועט זיין דער משיח׳יזם אליין. עס זענען ביי אונז פאַראַן אויך האַלב־פרייע, די זאָגענאַנטע נאַציאָנאַליסטען און ציוניסטען, האָבען זיי שוין אויך זייער משיח׳ס־צייט; זיי האָבען די באַלפור־דעקלאַראַציע מיט דער גוט־הייסונג פון דער נאַציאָנען ליעג פאַר איהר; זיי האָבען שוין געפייערט דעם גאולה־יום טוב, אַהן דעם „לעגענדארישען״ משיח, אין וועלכען זיי גלויבען ניט פיעל מעהר ווי די גאַנץ־פרייע. דיעזע לייטע גלויבען ניט מסתמא אין משיח׳ן, זיי גלויבען נור אין אַ משיח־פּאָליטיק און פון די ימות המשיח לויט דעם תלמודישען בעגריעף, מאַכען זיי אַ קנאַפּען וועזען.

און אפשר וועט איהר זאָגען אַז אונזערע אָרטהאָדאָקסישע אידען אינטערעסי־רען זיך אַזוי שטאַרק אין משיח׳ן, איז דאָס אויך אַ טעות; אין דאַווענען זאָגען זיי טאַקי טעגליך דעם „אני מאמין בביאת המשיח״, אָבער אין פּראַקטישען לעבען איז דאָס ביי זיי אַן אוטאָפּיע וועגען וועלכער זיי טראַכטען אפילו ניט; פּרובירט אדרבה אָפּשטעלען אַן אָרטהאָדאָקסישען אידען און פאַרפיהרען מיט איהם א גע־שפּרעך וועגען משיח׳ן, וועט ער אייך אָנקוקען ווי א משוגע׳נעם און ער וועט די ערשטע זאַך דענקען בפּועל ממש, אַז ניט אַנדערש ווי מיט אייך האָט עפּעס פּאַסירט אַ גרויסער אומגליק און איהר זענט פון זינען אַרונטער.

„משיח וועט אַמאָל קומען, אָבער ניט אין אונזערע און ניט אין אונזערע קינ־דערס יאָהרען!״

דיעזע ווערטער קענט איהר הערען פון א סך אָרטהאָדאָקסישע אידען, אפילו ווען זיי גלויבען באמת אין משיח׳ן, אָבער עס זענען אויך פאַראַן גאַנץ אידישע אידען, וועלכע שמייכלען דערמאָהנענדיג משיח׳ן און זיי גלויבען, אַז די אידישע גאולה וועט אַמאָל קומען פּאָליטיש, דורך דער הילף פון דער וועלט, אַזוי ווי ס׳איז געקומען די גאולה פון פּוילען און פון עהנליכע אויפגעלעבטע פעלקער.

דער אמת איז אָבער, אַז אונזערע נביאים און די חכמי התלמוד האָבען ניט גערעדט קיין פּוסטע רייד און דער גלויבען אין משיח׳ן איז אַן עיקר פון דער אידי־שער אמונה, אַזוי אַז דער יעניגער וועלכער לייקענט אין דעם, זאָגט אויף איהם די משנה, „אין לו חלק לעולם הבא״, פּונקט ווי ער זאָל לייקענען אין תורת משה.

ס׳איז דעריבער זעהר וויכטיג צו קלאָהר מאַכען דעם גאַנצען משיח־ענין און צו אָנצייגען וואָס פאַר אַ וויכטיגער פּונקט דאָס איז אין אונזער אמונה, כדי די פּרימערע, וועניגסטענס, זאָלען חו״ש ניט נכשל ווערען אין דיעזען עיקר היהדות, און אפשר וועט דער אמת וועגען דעם, אויך אַריינדרינגען אין די הערצער פון די אַנדערע אידישע קלאַסען.

און ווען מען נעהמט בעטראַכטען די גאַנצע משיח־ליטעראַטור זייט מיר אי־דען זענען אַרויסגעטריבען געוואָרען פון ארץ ישראל, זעהען מיר, אַז צוויי סאָרטען אידען, און אונטער צוויי באַזונדערע אומשטענדען, האָבען זיך אימער אָפּגעגעבען מיט דער דאָזיגער טהעמא ביי אונז, ענטוועדער די פאַראינטערעסירטע אין דעם

זענען געווען גדולי ישראל, ווי די תנאים, אמוראים, די גאונים און די בעלי קבלה; דיזע אלע האבען געזאגט וואס זיי האבען געזאגט ברוח הקודש, אדער זיי האבען באגריפען דעם אמת מיט זייער לויטערען גאונישען שכל; זיי האט ניט געארט ווען דאס וועט פארקומען, צי מארגען, צי מיט טויזענט יאהרען שפעטער; זיי האבען בלויז געזעהן מיט זייערע ליכטיגע אויגען, אז עס מוז קומען א „באחרית הימים" און ווי אזוי יענע טעג וועלען אויסזעהען, וואס עס וועט אין זיי פארקומען און ווי אזוי מען זאל דערקענען יענע טעג לויט געוויסע סמנים; פון דיזע אלע ער־קלעהרונגען איז דאס באשאפען געווארען ביי אונז די משיח־ליטעראטור, וועלכע ליגט צושפרייט איבער׳ן גאנצען תלמוד און איבער דער רבנישער ליטעראטור בכלל.

דער צווייטער סארט אידען וועלכער האט זיך אפגעגעבען מיט דער משיח־פראגע, באשטעהט אימער פון אונזערע איינפאכע מאסען און זייער אינטערעס אין דעם, ווערט אויפגעוועקט בשעת עס קומט חלילה אן עת צרה אויף אידען, ווי למשל אין צייטען פון הריגות, גרויסע וועלט־מלחמות, אדער גירושים אויף אידען; אין אזא צייט דערוועקט זיך ביי די אידישע מאסען א באהאלטענע האפ־נונג, אז אפשר זענען דאס די חבלי־משיח און אפשר וועט שוין באלד קומען דער גואל צדק; אין אזעלכע צייטען צושפיעלט זיך די פאלקס־פאנטאזיע אין די ברייטע אידישע שיכטען, עס לעבט אויף די אמונה אין דער אידישער גאולה און מען פאנגט אן ריידען וועגען דעם נאהענטען קץ.

אין אונזער פאל און אין דיזען העפט, געהען מיר ניט בעהאנדלען די משיח־פראגע ווי דאס טהוט די ערשטע גרופע, ווייל זעלבסטפערשטענדליך באלאנגען מיר ניט צו די אויבענדערמאהנטע בעלי־נבואה און צדיקי־הדור, אבער מיר טהוען דאס ווי די לייטע פון דער צווייטער גרופע; מיר לעבען איצט אין א צייט פון א גרויסען אלגעמיינעם חורבן און אין א צייט פון גרויסע צרות אויף כלל ישראל, ווילען מיר פרובירען אויסצוגעפינען, לויט די טראדיציאנעלע סמנים, אויב ס׳איז דא א האפנונג, אז די משיחס־צייט איז שוין געקומען, אדער אפשר זעהען מיר ווידער בלויז שא־טענס פון בערג, מיינענדיג אז דאס זענען די בערג אליין!

לויט אונזער אמונה און על פי דין, טאהר מען אין דער ווירקליכקייט דעם קץ ניט פאראויסזאגען און מען טאהר איהם אויך ניט אפשטופען, נאר מען דארף האפען יעדען טאג, אז משיח קען קומען היינט, און עס איז ניט די כונה פון דיזען העפט צו מאכען חשבונות וועגע קץ הימין, נאר בלויז צו פארשטארקען צווישען די אידישע מאסען דעם גלויבען אין משיח׳ן און אגב אורחא אויך צו אנצייגען, וויפיעל פון די סמנים אויף דעם באחרית הימים זענען שוין מקויים געווארען.

דער מלבי׳ם האט אין זיין פירוש אויף דניאל געגעבען א געוויסען חשבון, אז משיח וועט קומען אין די יאהרען צווישען תרפ״ה און תרפ״ח, און ווען די רבנים פון זיין דור האבען איהם געפרעגט, ווי אזוי ער האט זיך ערלויבט צו אנצייגען דעם קץ, וואס אפילו יעקב אבינו האט מען דאס פארבאטען, האט דער מלבים דערויף געגעבען דעם פאלגענדען כאראקטעריסטיש־גאונישען ענטפער:

„ווען איינער געהט ארויס פון ווילנא נאך בערלין, איז עס לעבערליך, אז ער זאל גלייך ביים ארויסגעהן פון ווילנא פאראויסזאגען ווען ער וועט אנקומען קיין בערלין, ווייל ער ווייסט ניט וועלכע סבות עס קענען זיך איהם מאכען אין וועג און וואס מיט איהם קען נאך פאסירען אונטער דער צייט, אבער ווען ער געפינט זיך שוין נאהענט צו בערלין, מעג ער רעכענען אפילו די שטונדען און פאראויסזאגען ווי און ווען ער וועט אנקומען אהין."

„פונקט אזוי, האט ער פארטגעזעצט, איז מיט אונזער קץ. יעקב אבינו און אונזערע חכמי התלמוד, זענען נאך געווען יאהר־טויזענדע אפגערוקט פון קץ, האבען זיי ניט געקענט און ניט גערארפט אנצייגען קיין שום חשבון, אבער מיר, די איצטיגע אידען, זענען שוין כמעט די גאנצע רייזע איבערגעקומען, מעגען מיר שוין חשבון׳ען און פאראויסזאגען, דאס וואס מיר ווייסען וועגען דעם קץ, לויט אונזער שכל.

אויף דעם סמך פון דיזער ערקלעהרונג, ווילען מיר אויך אין דיזען העפט ארומריידען די מעגליכקייט פון דער נאהענטער גאולה, אבער דאס איז זעלבסט־פארשטענדליך ניט קיין נבואה און ניט קיין זיכערע זאך, נאר בלויז אן השערה, ווי ווייט מיר קענען דעם דאזיגען ענין משיג זיין מיט אונזער באגרענעצטען שכל.

משיח בײ אונז אידען און בײ דער וועלט.

דער משיח־געדאנק, אזוי ווי אלע אנדערע גרויסע אידישע געדאנקען, איז נאטירליך אריגינעל־אידיש, געבארען געווארען פון אידען און פאר אידען, און פון אונז האבען עס שוין אדאפטירט אויך אלע אנדערע רעליגיאנען און זײ האבען בײ זיך אויך באשאפען א משיח; די קריסטען און די מחמד'אנער געהען אונז נאך טריט בײ טריט אין דיעזע אלע זאכען און ווען זײ געפינען בײ אונז עפעס א געדאנק וואס געפעלט זײ, נעהמען זײ איהם צו פאר זיך, מאכען אין איהם א געוויסע ענדערונג און עס ווערט זײערס. דאס זעלבע האבען זײ דעריבער אויך געטהון בנוגע דעם משיח־געדאנק.

די אנדערע רעליגיאנען האבען אויף דיעזען אופן באקומען א טאג רוה אין דער וואך, דעם גלויבען אין שכר ועונש, א תורה, הײליגע פלעצער און אויך א משיח־אידעע; דאס אלעס האבען זײ בײ אונז געבארגט, איבערגעניצעוועט און איצט קאנקורירען זײ נאך מיט אונז און טענה'ען, אז די ריכטיגע „סחורה" איז נאר בײ זײ אליין.

אבער ניט־קוקענדיג אויף דיעזער עולה, וואס זײ פוצען זיך אין אונזערע פעדערען און זוכען נאך צו באקעהרען אונז צו זײערע אמונות, איז זײ פון דעסטוועגען אפילו ניט געלונגען צו קאפירען אונז ריכטיג; זײ האבען אין קײנע פון זײערע נאכהאמונגען, ניט געקענט ארײנזעצען אונזער גײסט, אונזערע הויכע און הײליגע געדאנקען; זײ האבען בלויז אדאפטירט די גופים פון אונזערע רעליגיעזע אוצרות, אבער ניט דעם גײסטיגען אינהאלט וואס ליגט אין אונזער אריגינאל.

זײער טאג רוה, איז אהן קדושה; עס איז בלויז א רוה־טאג, אבער ניט קײן הײליגער טאג, ניט קײן שבת; זײער תורה איז ניט מילכיג און ניט פלײשיג, זײער געזעצגעבער איז האלב גאט, האלב מענש און אין גאנצען א רעטעניש און פונקט אזוי איז אויך זײער משיח־געדאנק א מאדנער און גאר אהן אן אינהאלט; זײ ווײסען אלײן ניט וואס וועט זײ משיח געבען און וואס וועט ער פאר זײ אויפטהון. אויב ער זאל באפעסטיגען זײער רעליגיאן, איז זי דאך גענוג שטארק אהן משיח'ן אויך; אויב ער זאל זײ באפרײען פון גלות, זענען זײ דאך פרײ און ווײסען ניט דערפון; יעדענפאלס זיצען זײ אלע אויף'ן אײגענעם באדען און דארפען ניט אויסגעלײזט ווערען; און אויב משיח זאל ברענגען שלום און פריעדליכקײט צווישען אלע פעלקער, וועלען דאך די גרעסטע מדינות דארפען, אדרבה, צופאלען ווערען אויף פיצלאך; צי דען וועט משיח גוטהײסען די אויבערהערשאפט איבער קאלאניעס, די מאכט איבער די שוואכערע, אדער די אונטערדריקונג פון שכנים־לענדער?

די אנדערע פעלקער האבען זיך טאקי דעריבער באנוצט מיט דער פארוועט ערקלעהרונג, אז משיח וועט ארונטערברענגען די הימלישע קעניגרײך אויף דער ערד, אבער וואס איז דאס פאר אזא פויגעל יענע קעניגרײך? איז דאס א נײע געהײמע דיפלאמאטיע? איז דאס א נײע תורה? וועט זײער משיח גוט־הײסען די עשרת הדברות פון דער אידישער תורה און מבטל זײן אלע איבעריגע זאכען? וועט ער אפלײקענען אלעס וואס די תורה און די נביאים האבען געזאגט וועגען אידען, פון משה'ן ביז זכריה הנביא? אדער אפשר וועט ער טאקי דערהויבען דאס אידישע פאלק, אזוי ווי די נביאים האבען געזאגט, איז פאר וואס קומט דאס די אידען, אפשר דערפאר ווײל זײ גלויבען ניט אין דעם ניט־אידישען משיח און לאכען זיך אויס פון איהם?

אין קורצען, אלע אנדערע רעליגיאנען האבען א משיח, אבער זײ ווײסען ניט צו וואס זײ דארפען איהם און ווי אזוי איהם אפצומאהלען; זײ האבען אויך ניט קײן ימות המשיח; זײ קענען אײך ניט זאגען ווי די וועלט וועט אויסקוקען אונטער משיח'ס רעזשים און דעריבער האבען זײ דאס אין גאנצען פארשוויגען און רײדען סתם אזוי וועגען משיח'ן, וועהרענד בײ אונז אידען איז פאראן א גאנץ גרויסע משיח־ליטעראטור, א זעהר דײטליכע באשרײבונג וועגען די ימות המשיח, סײ אײדער ער וועט אנקומען און סײ נאך זײן אנקומען; בײ אונז איז ניטא קײן שום סתירה, קײן שום צווײפעל, קײן שום ניט־קלאהרקײט; אונזער משיח דארף אונז אויסלײזען פון גלות, צוזאמענברענגען פון אלע עקען וועלט נאך ארץ ישראל; ער דארף אויסלײזען אויך אונזער לאנד, אונזער תורה, אונזער צוטראטענע עהרע; ער דארף עטאבלירען דעם גלויבען אין אחדות הבורא, אזוי אז אלע פעלקער זאלען

פֿאַרוואָרפֿען זייערע געטשקעס און זייערע „הייליגע'' און אַנערקענען דעם איינציגען גאָט אין הימעל און זיין איינציגע תורה אויף דער ערד.

די משיח־פֿראַגע ווערט אויף דיזען אופֿן קלאָהר און פֿאַרשטענדליך פֿאַר אַלעמען; דער רבונו של עולם האָט באַשאַפֿען אַ סך פֿעלקער און איין פֿאָלק האָט ער אויסדערוועהלט פֿאַר זיך אַליין, פֿאַר דעם צוועק צו באַקאַנט מאַכען גאָט'ס נאָמען איבעראַל; ער האָט צוערשט געגעבען זיין פֿאָלק די הימלישע תורה, נאָכהער האָט ער איהם צוזייהט און צושפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט און זיין פֿאָלק ווערט פֿון אַלעמען אונטערדריקט, אָבער אַלע לערנען פֿון איהם וועגען דער איין־גאָטהייט; אַלע פֿעלקער ווייסען שוין זאָגאַר וואָס דאָס איז אַזוינס די איין־גאָטהייט, מיר האָבען זיי שוין די אידעע אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ, אָבער ניט אין זייערע הערצער; זיי ווייסען וואָס דאָס איז, אָבער זיי צווייפֿלען נאָך אויב מיר האָבען רעכט און אָט צוליעב דעם דאַרף עס קומען משיח, אַרויסנעהמען אונז פֿון איבעראַל, אַריינפֿיהרען אונז אין ארץ ישראל און נאַטירליך וועט דאָס מאַכען אַ גוואַלדיגען אויפֿרודער איבעראַל און די גאַנצע וועלט וועט דאַן מוזען צוגעבען, אַז מיר אידען האָבען רעכט, אַז אונזער תורה האָט רעכט, אַז אונזערע נביאים זענען געווען אמת'ע שלוחים פֿון גאָט און אַז דער אידישער גאָט איז דער איינציגער, וועמען אַלע מענשען דאַרפֿען דיענען.

אויב עס געפֿינען זיך אַלזאָ ניט־אידישע דענקער, וועלכע מאַכען צונישט די אידעע פֿון משיח'ן, זענען זיי נור גערעכט אַזוי ווייט ווי עס אַנבאַלאַנגט דעם ניט־אידישען משיחיזם, ווייל יענער משיחיזם איז טאַקי אַ לעכערליכער און שטימט ניט מיט דער לאָגיק און מיט דעם אמת; ביי דער וועלט איז דאָס אַ בלאַסע אינהאַלטסלאָזע אידעע אָהן טעם און אָהן ריח, ווערענד ביי אונז אידען, שטימט עס מיט אונזער פֿאַרגאַנגענהייט, געגענוואַרט און צוקונפֿט און איז אַזוי לאָגיש און אמת ווי עס קען נור זיין.

ווער און וואָס וועט זיין דער משיח.

ווען מען טיעפֿט זיך אַריין אין דער משיח־פֿראַגע שווימען אַרויס פֿאַר אונז דריי באַזונדערע טהיילען איהרע: ערשטענס, דער מהות פֿון דעם משיח אַן און פֿאַר זיך, ווער וועט ער זיין, אַ מענש, אַ פּאַרטיי, אָדער אפשר גאָר אַ מלאך, און מיט וואָס וועט זיין כח זיין אַזוי גרויס, אַז ער וועט קענען צווינגען די גאַנצע וועלט צו אַנערקענען איהם און צו אויספֿאָלגען זיינע פֿאַרלאַנגען. צווייטענס, פֿון וואַנען איז געדרונגען, אַז אַ משיח מוז טאַקי קומען, אפשר איז דאָס גאָר ניט מעהר ווי אַ פֿאַנטאַזיע פֿון די פֿרומע; דריטענס, די ימות המשיח, ס'הייסט די סמנים פֿון זיין אָנקומען; ווען וועלען מיר באמת קענען זאָגען, אַז ער קומט שוין און ניט מאַכען דערביי קיין טעות, ווי דאָס האָט שוין ביי אונז פּאַסירט אַ סך מאָהל, און אויב ער וועט זיך באַווייזען פּלוצלונג, אָדער ער וועט אָנקומען ביסלעכווייז, ס'הייסט, אַז ער וועט אפשר זיין אַ געוועהנליכער אידישער פֿיהרער און ביסלעכווייז באַזיגען די גאַנצע וועלט אויף אַ נאַטירליכען אופֿן, ווי למשל אַ נאַפּאָלעאָן וואָלט עס באַדאַרפֿט טהון?

לויט דער קבלה, לויט דעם תלמוד און שפּעטערע ספרים פֿון פֿיעלע גדולי ישראל, וועט אונזער משיח זיין אַ געוועהנליכער בשר ודם, אַ מענש ווי אַלע מענשען, נאָר מיט אַ געטליכען גייסט אין זיך; ער וועט בשום אופֿן ניט זיין קיין פּאַרטיי, ווי עס גלויבען אונזערע פֿאַרשיעדענע „איסטען'' מכל המינים; איבעראַל וואו משיח ווערט ביי אונז דערמאָהנט, רופֿט מען איהם אָן „בן דוד'', ד. ה. איינער אַ יחיד, וועלכער וועט ציהען זיין אָפּשטאַמונג פֿון דוד המלך, אָדער מיר רופֿען איהם „מלך המשיח'', ס'הייסט איין קעניג וואָס וועט זיין געזאַלבט דערצו מן השמים; איין איינציגער הערשער, אָבער ניט די הערשאַפֿט פֿון אַ פּאַרטיי, פֿון אַ דעמאָקראַטישער קערפּערשאַפֿט, וואו יעדער איינער, וועלכער האָט מעהר חוצפה און אַ פֿעסטערען צינגעל, כאַפּט זיך אַרויף אויבען־אָן און ווערט דער גאַנצער פֿיהרער.

אַלע אונזערע נביאים און די חכמי התלמוד, האָבען געזאָגט זייערע נביאות וועגען אַן אינדיווידועלען משיח אָבער ניט וועגען אַ משיח־פּאַרטיי; אונזער תנ"ך, וועלכער איז פֿול מיט דער משיח־אידעע און וואָס אַלע ציוויליזירטע פֿעלקער האַלטען איהם הייליג, וואָס אַפילו אונזערע אפּיקורסים שעצען דעם גערעכטיגקייטס־געפֿיהל פֿון די נביאים, איז אָט דיזער הייליגער ספר הספרים האָט ניט

אַפילו קיין איינציגען רמז, קיין וואונק אויף א בשותפות'דיגען משיח פון עטליכע מענשען, נור איבעראל ווערט גערעדט וועגען איהם ווי וועגען אן אויטאָקראַטישען הערשער; דער פסוק זאָגט אונז למשל: „ושפט בין הגוים, והוכיח לעמים רבים, ושפט בצדק דלים, והיה צדק אזור מתניו, והריחו ביראת ד', וברוח פיו ימית רשע'': (און ער וועט משפט'ן צווישען פאָלק און פאָלק, און ער וועט שטראָפען פיעלע פעלקער, און ער וועט אורטהיילען מיט גערעכטיגקייט די אָרימע־לייט, און גערעכטיגקייט וועט ארומגאַרטלען זיינע לענדען, און ער וועט זיין באגייסטערט מיט מורא פאַר דער גאָטהייט, און מיט דעם הויך פון זיין מויל וועט ער טוידטען דעם רשע.) און עהנליכע אויסדריקע, וועלכע באווייזען, אַז ער וועט זיין אַ יחיד און ניט קיין רבים, און דאָס אליין איז זעהר אַ וויכטיגער פונקט, ווייל דאָס וואַרפט אום די גאַנצע דעמאָקראַטיע און איז מבטל איהר „הייליגקייט''; דאָס באַווייזט אונז אונזער טעות אין איבערשעצען די פאָלקס־רעגיערונגען אין פאַרהייליגען די וואַהלען, דעם שטימקאַסטען און די גאַנצע פּראָצעדורע דערפון.

עס איז באוואוסט, אַז אַלע העכסטע מאָדערנע אידעאלען, אַלע גוטע, יושר־דיגע איינפיהרונגען, אַלע פאַזען פון גערעכטיגקייט, גלייכהייט, פרייהייט און פריעדען, האָבען דאָס שוין אונזערע נביאים געפּרעדיגט און געזוכט צו פאַר־פלאַנצען אויף דער וועלט; עס איז ניטאָ קיין איינציגע געזעלשאפטליכע עולה, אויף וועלכער זיי האָבען ניט אָנגעצייגט, ניט געשטורעמט געגען איהר און ניט געשריי־העז גוואלד: איז אויב די דעמאָקראַטישע רעגיערונגס־פאָרם זאָל באמת זיין א גערעכטע און געווינשטע זאַך, וואָלטען עס אונזערע נביאים זיכער דערמאָהנען, זיי וואָלטען קעמפּפען דאַפיר און נביאות זאָגען וועגען איהר, אַז אין דער צוקונפט וועט זי עקזיסטירען און ברענגען די אַלע זיבעצען גליקען פאַר דער מענשהייט.

אונזערע נביאים וואָלטען זיכער געוועז שרייען, אַז אין דעם באחרית הימים וועט די אידישע אומה ניט באַהערשט ווערען פון אַ יחיד, אַז ניט קיין אויטאָ־קראַט וועט אויף איהר הערשען, ניט קיין זעלבסט־הערשער וועט זי פיהרען, נור דאָס גאַנצע פאָלק אליין וועט אויף זיך האָבען די דעה, א מלוכה פון פאָלק פאַר'ן פאָלק און אזוי ווייטער, ווי די איצטיגע דעמאָקראַטען טענה'ען, אָבער מיר האָבען אַפילו ניט קיין זכר פון אַזאַ נבואה אין תנ''ך, איז דאָס דער בעסטער סמן, אַז דעמאָקראַטיע און פאָלקס־רעגיערונג, איז ניט קיין מציאה און ברענגען קיינמאָל ניט די ישועה פאַר אירגענד וועלכען פאָלק.

אין אונזערע נביאים ראשונים געפינען מיר אַ סך מאָל דעם אויסדרוק „ויקם ד' מושיע לעם ישראל'' אַז גאָט האָט אויפגעשטעלט פאַר די אידען אַ רעטער, איין איינציגען רעטער, ניט קיין פאַרטיי; מיר האָבען געהאַט איינציגע רעטער אין דער פאַרגאַנגענהייט און מיר ווילען האָבען אַן איינציגען רעטער אין דער צוקונפט, ווייל אין דער ווירקליכקייט קומט אימער די געטליכע ישועה נור דורך אַן איינצעלנעם מענשען, אַ געזאַלבטער פון גאָט, ווי שמואל הנביא האָט געזאַלבט שאול'ן און נאַכהער דוד'ן. בלויז איין־איינציגען מאָל אין גאַנץ תנ''ך געפינען מיר דעם אויסדרוק פון „מושיעים'', פון אַ סך העלפער, „ועלו מושיעים בהר ציון'', שטעהט טאַקי באַלד דערנאָך „לשפוט את הר עשו'', צו פאַראורטהיילען די עשו'ס, צו חרוב־מאַכען און צו איבערקעהרען די עשו־מדינות ווי דאָס טהוען איצט די פיעלע מושיעים (רעטער בלע''ז) אין רוסלאַנד, אָדער די אַלע דיפּלאָמאַטישע מושיעים אין יעדער אַנדער מדינה, וועלכע מאַכען איצט חרוב די גאַנצע וועלט.

די צרה'דיגע דעמאָקראַטיע.

עס איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז יעדע מדינה, יעדער פאָלק לעבען רוהיג און עקזיסטירען אַלס מעכטע אזוי לאַנג ווי דער רבונו של עולם שטעלט פאַר זיי אויף אַ דינאַסטיע פון מלכים, אָבער ווען ער וויל אַ מדינה חרוב מאַכען, שענקט ער איהר די „פרייהייט'' און לאָזט זי גרינדען אַ דעמאָקראַטישע רעגיערונג. די רוסען און די דייטשען, זענען געווען גרויסמעכטע כל זמן זיי האָבען געהאַט קעניגע, אָבער אין אונזערע טעג האָבען זיי ביידע גענומען זינקען צום גרונד און די ערשטע זאַך וואָס האָט זיי פון וועג ארונטערגעשלאָגען, איז געווען דער פאַר־לוסט פון דעם קעניג; דער רבונו של עולם באַשטראָפט אַ פאָלק דורך טוידטען איהר שר צוערשט, זאָגט אונז דער תלמוד און מיר זעהען דאָס איצט בעשיינפּערליך; די דערמאָהנטע צוויי מדינות זענען אָהן זייערע קעניגע פאַרלאָרען; זיי זינקען

אימער טיפער, ווערען ארימער, שוואכער און דערנעהענטערען זיך צו זייער אונטערגאנג פון טאג צו טאג.

דאס זעלבע קען געזאגט ווערען מיט זיכערהייט וועגען דער גאנצער וועלט בכלל; ווען אלע מדינות זענען באהערשט געווען פון קעניגע, האט זיך די וועלט געפיהרט מעהר וועניגער מיט א פעסטער ארדנונג; עס זענען געווען מלחמות, עס זענען געווען שלעכטע צייטען, אבער עס איז געווען אויך א געוויסע ארדנונג אין דאס שלעכטע, עס זענען געווען אויך גוטע צייטען ביי פעלקער און טאקי מעהר גוטע ווי שלעכטע; אצונד אבער, ווען די וועלט האט זיך גענומען דעמאקראטיזירען, איז געקומען איהר אונפארמיידליכער סוף; דער חורבן וואקסט איבעראל זעהר שנעל און קיין שום מדינה איז ניט זיכער מיט דעם מארגען.

דאס וואס מאנכע דענקען, אז אזעלכע פרייע מדינות ווי די ציוויליזירטע מערב־לענדער און אמעריקע, האבען פון זייער דעמאקראטישען רעזשים גאר געווארנען א סך אנשטאט צו האבען פארלארען, מאכען זיי א טעות; די ציוויליזירטע פעלקער זענען געזינטערע און שטארקערע פון דער נאטור, האבען זיי געקענט לעבען פיעלע יאהרען אלס דעמאקראטישע, אדער ריכטיגער געזאגט, זיי האבען געדארפט האבען א גאנץ לאנגע צייט פון דעמאקראטיזם צו קענען קאליע ווערען; אונטער קעניגע וואלטען זיי נאך עד היום זיין ניט שוואכער ווי איצט אין פיזישען זין, אבער די דעמאקראטיע האט זיי ביסלעכווייז אונטערגעגראבען מאראליש; מען דארף נאר איינקוקען זיך ווי ווייט דיעזע ציוויליזירטע לענדער זענען איצט פארפוילט גייסטיג און מאטעריעל; וויפיעל דערנער עס זענען ביי זיי אויסגעוואקסען, ווי גרויס די רויבעריי איז געווארען, ווי טיעף די היפאקריטססטוא, ווי שרעקליך דער בלאף אין אלעס, ווי געמיין די פאליטישע טריקס, ווי פאלש עס זענען די פאליטישענס, ווי פארברעכעריש די טראסטס, ווי פארדארבען די פרעסע, ווי שווארץ די רעאקציע. נעהמט מען פראנקרייך, זעהט מען דארטען א העסליכע אויסגעלאסענקייט, א ווילדע הפקרות, א דעגענעראציע אין אלע ווינקעלאך פון לעבען, א געקינצעלטע קינדערלאזיגקייט, א שמוציגע דעקאדענץ אין לעבען און אין דער ליטעראטור, א פארברעכערישער מיליטאריזם און א פינסטערע רעאקציע. נעהמט מען אלע ציוויליזירטע לענדער בכלל, זעהט מען א ביטערען קאמפף צווישען קאפיטאל און ארבייט, א גוואלד־רים צווישען ברידער פון איין שטאם, א גיפטיגע שנאה פון קלאס צו קלאס און דאס זענען דאך אלץ סמנים פון חורבן און אונטערגאנג. דער אונטערשייד איז נאר וואס איין פאלק איז שטארקער, דארף ער מאראליש פוילען א לענגערע צייט אונטער דעם דעמאקראטישען רעזשים און א צווייטער פאלק איז שוואכער, דארף ער וועניגער צייט פוילען; די רוסען האבען געדארפט האבען בלויז עטליכע מאנאטען צו שטעהן אהן א קעניג, אום צו חרוב מאכען זייער מדינה, וועהרענד די מערב־לענדער דארפען דערצו יאהר־צעהנדליגע, גאנצע הונדערט יאהר, אבער זייער חורבן קומט סיי ווי סיי, לאנגזאם, צוביסלאך; ער שטעהט שוין הינטער'ן וואנד, ער קוקט אריין דורך'ן פענסטער און ער רוקט זיך אלץ מעהר אריין, טאקי דורך די שפאלטען אין דער מאראל פון דער באפעלקערונג, וואס זענען געמאכט געווארען דורך דער לאנג־יאהריגער „גליקליכער" דעמאקראטיע.

דאס צייגט, אז די פיעלע רעטער, די סך מושיעים, זענען נור גוט „לשפוט את הר עשו", צו חרוב מאכען לענדער און פעלקער; די דעמאקראטיע, סיי זי ווערט געפיהרט פון די העכערע קלאסען, די יחסנים, און סיי זי ווערט געפיהרט פון די ברייטע מאסען, סיי זי ליגט אין די הענט פון די קאפיטאליסטען און סיי אין די הענט פון דעם פראלעטאריאט, איז דער סוף דערפון גייסטיגע דעמאראליזאציע, בעטרוג און שקלאפעריי; עס ווערען אפגעטהון פארשידענע פארברעכענס אונטער דעם מאנטעל פון פרייהייט; עס ווערט געשווינדעלט מיט קהל'שע געלדער; עס ווערט ענטוויקעלט א סיסטעם פון כאבאר און רויבעריי; עס קריכען ארויף אלערליי דעמאגאגען און פארפיהרער אויף דער מדינה'ס קארק און זיי צייגען א ביישפיעל פאר די מאסען פון שווינדעל, באטרוג, בלאף און גזלן־ברעכעריי, ביז די גאנצע מדינה נעהמט פוילען און דערנעהנטערען זיך צו איהר אונטערגאנג.

און ווען מען פארגלייכט דעם היינטיגען אמעריקאנער יענקי מיט דעם פיוריטאנער פון צוויי הונדערט יאהר צוריק, אדער אפילו פון הונדערט יאהר צוריק, איז ניט שווער צו זעהען, אז די דעמאקראטיע האט קיין גוטעס ניט געבראכט; זי האט די אור־אייניקלאך פון יענע עהרליכע, גייסטיג־געזונטע מענשען, געמאכט

פאַר קריפּעלס, פאַר געלד־גייציגע טראַסטניקעס און האַלד־אַפּניקעס; יעדענפאַלס האָט זי ניט ענטוויקעלט און ניט אַרויסגעבראַכט קיין שעהנערע און בעסערע מענשען און זי האָט אויך ניט געשאַפען קיין זיכערהייט געגען רעאקציע און פינסטערקייט.

איין משיח און איין פּאַרטיי.

אויב אַ פאָלק אָדער אַ גאַנצער וועלט איז באַשערט צו האָבען אַן אמת'ן משיח און אַ ריכטיגע ישועה, קען דאָס נאָר קומען דורך אַן איינציגען מענשען, דורך אַ יחיד אַ רעטער, וועלכער ווערט דערצו באַשטימט פון הימעל. מיר אידען וועלען אַלזאָ איבערקעהרען די שיסעל מיט'ן דעק אַרויף און ניט נור וועלען מיר דורך אונזער משיח רעפאָרמירען אַלע עקזיסטירענדע רעליגיאָנען און גלויבענס, נור מיר וועלען אויך אָפּשאַפען דעם לעכערליכען גלויבען אין דעמאָקראַטיע; מיר וועלען ציינגען דער וועלט, אַז „ברוב עם הדרת מלך'' און ניט „ברוב מלכים הדרת עם''; ניט אין פיעלע רעטער זעהט זיך די שעהנקייט פון אַ פאָלק, נאָר אין אַ גרויס פאָלק אונטער איין איינציגער רעטער; אונזער משיח, וועט זיכער קעניגען אויף דער גאַנצער מענשהייט, ווייל ער וועט איבערציינגען אַלע פעלקער, אַז ער איז דער ריכטיגער רעטער זייערער, אויף וועמען זיי אַלע האָבען אונבוואוסטזיניג געוואַרט; ער וועט זיין דער ביישפּיעל פאַר דער גאַנצער וועלט און דער גייסטיגער פיהרער פון אַלע פעלקער, ער וועט זיי לערנען די אַנערקענונג פון די געטליכע וועגען און די אמת'ע וויסענשאַפט פון לעבען און סיי מיר אידען, סיי אַלע אַנדערע פעלקער, וועלען אַנערקענען זיין גייסטיגע הערשאַפט. אויף יענער צייט, זאָגט דער רמב''ם, (פּרק ב'. הלכות מלכים) אַז: „דאַמאָלסט וועט ניט זיין קיין שווערד, עס וועלען ניט זיין קיין מלחמות, עס וועט ניט זיין קיין קנאה און קאָנקורענץ; די שפע וועט זיין גרויס פאַר אַלעמען גלייך, אַלע פאַרגעניגענס פון לעבען וועלען זיין צוגענגליך פאַר יעדען איינעם, ביליג און פיעל ווי זאַמד און ערד און די מענשהייט וועט זיך באַשעפטיגען בלויז מיט איין זאַך — צו דערקענען די גאָטהייט און צו שטודירען זי.''

נאַטירליך וועלען דאַן די אידען שפּיעלען די גרעסטע ראָלע, זיי וועלען זיין די קליגסטע און געלעהרענסטע מענשען אין דער וועלט; זיי וועלען וויסען די טיעפסטע באַהאַלטענסטע געטליכע סודות און זיי וועלען דערגרייכען די העכסטע מעגליכסטע מדרגה פון גאָט־ערקענטניש און דער מלך המשיח וועט זיין די קרוין פון דעם אידישען קאָפּ, ווי דער נביא זאָגט אויף איהם: ונחה עליו רוח ד', רוח חכמה ובינה, רוח עצה וגבורה, רוח דעת ויראת ד' '', (און עס וועט רוהען אויף איהם דער געטליכער גייסט, אַ גייסט פון קלוגשאַפט און פאַרשטאַנד, אַ גייסט פון גוטען ראטה און פון קראַפט, אַ גייסט פון ערקענטנים און פורכט פאַר גאָט.) און געגען אַזאַ קעניג וועט קיינער ניט רעוואָלטירען, ווייל די גאַנצע וועלט וועט זיין פול מיט וויסענשאַפט ווי דער ים איז פול מיט וואַסער; דאַמאָלס וועלען מיר אויך ניט ברויכען קיין דעמאָקראַטישע רעזשימען, ווייל דער אמת'ער דעמאָקראַטיזם וועט זיין איינגעפונדעוועט אין יעדער מענשליכער האַרץ און מען וועט איבערהויפּט פאַרשפּאָרען רעגיערונגען און פּאָליציי, ווייל עס וועלען קיין פאַרברעכער און קיין אָרדנונגס־שטערער ניט זיין.

און פונקט ווי עס וועט זיין איין איינציגער משיח, אַזוי וועט ביי אונז אידען זיין איין איינציגע פּאַרטיי; איין כלל ישראל מיט איין תורה, מיט איין אמת, מיט איין נוסח התפלה, מיט איין סאָרט אויפפיהרונג אין לעבען.

פּאַרטייליכקייט ביי אַ פאָלק איז ניט פאָלקאָמענהייט; דאָס מיינט בלאָנדזשען, ניט וויסען דעם אמת'ן אמת; אָפטמאָל איז דאָס פּשוט שווינדעל, ווייל געוויסע פּאַרפיהרער ווילען ווערען פיהרער, גרינדען זיי אַ נייע פּאַרטיי, וויסענדיג אַז זי איז געבויעט אויף פאַלשע יסודות, נאָר זוכענדיג דורך איהר כבוד, מאַכט אָדער געלד; די פאָלקאָמענהייט פון אַ פאָלק באַשטעהט דעריבער דערין, אַז ער זאָל קיין פאַרשידענע פּאַרטייען ניט האָבען, נאָר אַלע זאָלען דיענען צו אַן איינציגען אמת.

די חכמי התלמוד גיבען אונז וועגען דעם אַ בריליאַנטענעם מאמר. רייךענדיג וועגען דער צייט איידער משיח וועט קומען, ברענגען זיי דעם פּסוק „ותהי האמת נעדרת'', (דער אמת איז געוואָרען פאַרשוואונדען) און זיי דרש'ענען דערויף אַז דאָס מיינט נעמליך, דאָס דער אמת וועט דאַמאָלס ווערען צוטהיילט אין פיעלע

סטאַדעס און אַזוי אַרומגעהן. (אמרו דבי רב, מלמד שנעשית עדרים והולכת לה.) זיי מאַכען אַלזאָ פון דעם וואָרט „נעדרת. „עדרים'', און עס איז דאָך גאָר פּונקט פאַרקעהרט פון דעם נביא'ס מיינונג, ווייל אויב דער אמת זאָל אַרומגעהן אין סטאַדעס, קען מען דאָך דערויף ניט זאָגען, אַז דער אמת פעהלט גאָר אין גאַנצען, אָבער אין דעם קונציגען דרש ליגט אַ זעהר טיעפער געדאַנק, ווייל אין דער ווירקליכקייט קען ניט זיין קיין גרעסערער שקר, ווי אַ סך סטאַדעס אמת'ען; ווען יעדער איינער שרייט אַז נור אין זיין סטאַדע איז דער אמת, פעהלט טאַקי דאַמאָלסט דער אמת גאָר אין גאַנצען.

אַזוי ווי מיר געפינען איצט דאָס אידישע פאָלק צוטהיילט אין חסידים, מתנגדים, מזרחים, ציונים, פּועלי ציון, גענאָסען, סאָציאַליסטען, מענשעוויקעס, באָלשעוויקעס און אַנדערע, איז דאָס אַבסאָלוט ניט קיין פאָלק; דאָס זענען אַלץ באַזונדערע סטאַדעס, וואָס יעדע איינע שרייעט, אַז נור זי אַליין טראָגט דעם אמת בּיי זיך; דאָס איז אַלזאָ אַלס גאַנצע דער גרעסטער שקר און מיר זעהען טאַקי, אַז מיט אַזאַ מיש־מאַש־יודענטהום קען מען ניט געהן צום טיש, אָבער ווען אַלע אידען זאָלען האָבען איין אמת, וואָלט בּיי אונז ניט זיין מעהר ווי איין פּאַרטיי, און דאָס וועט פּאַסירען ווען משיח וועט קומען, ווען אַלע אידען וועלען לערנען איין תורה, בּיי איין רבּי'ן און מיט איין איינציגען פּירוש אויף איהר.

מיר קומען אַלזאָ צום באַשלוס, אַז פון אַלע „וועלט־משיחים'', סיי די שוין־געקומענע און סיי די ערוואַרטעטע, איז ניטאָ וואָס צו ערוואַרטען קיין גאולה.

אַז דער איינציגער וועלט־משיח דאַרף ערשט קומען, אַז ער וועט זיין דער משיח, וועמען דאָס אידישע פאָלק ערוואַרטעט, אַז ער וועט זיין אַ יחיד, אַ מענש מיט אַ געטליכען גייסט אין זיך, און ער וועט ווערען דער איינציגער גייסטיגער פיהרער פון דער גאַנצער וועלט.

אַז די איצט־פאַרהייליגטע דעמאָקראַטיע בּיי די פעלקער, און די זאָ־גענאַנטע פּאַרטיי־משיח'יזמען, זענען בּלויז דער רעזולטאַט פון אַ צושפּאָלטענעם אמת אין אַ סך טהיילען, וועלכע שטעלען צוזאַמען אַן אַלגעמיינעם גרויסען שקר.

און אַז די צייט ווען עס וועט ענטפּלעקט ווערען דער גרויסער ריכטיגער אמת וועט זיין דאַמאָלס, ווען משיח וועט קומען און ווען די גאַנצע וועלט וועט זיין איי־בּערפילט מיט וויסען און פאַרשטאַנד, האָבּענדיג אַנערקענט דעם אמת וועגען דער איין־גאָטהייט, וועגען דעם אויסדערוועהלטען אידישען פאָלק, וועגען דער געטליכער תורה און וועגען דעם, אַז די דעמאָקראַטיע דאַרף זיין בּיי יעדען מענשען אין האַר־צען, און ניט אויף'ן פּאַפּיר און בּיים שטימקאַסטען.

אָט אויף יענער צייט זאָגט דער נביא: „ומלאה הארץ דעה את ד' כמים לים מכסים!''

קאַפּיטעל ב'.

די ראיה אויף ביאת המשיח.

כי עוד חזון למועד ויפח לקץ ולא יכזב, אם יתמהמה חכה לו
כי בוא יבוא ולא יאַחר. (חבקוק ב'. ג')

האָפנונג און וואָס דאָס באַדייטעט אין דער נאַטור.

פאַר דעם פרומען, גלויביגען אידען, איז איי־גענטליך גאָרניט נויטיג צו זוכען ראיות אויף ביאת המשיח, פאַר איהם זענען גענוג די פאַרשפּרעכונ־גען פון דער תורה, פון די נביאים און פון די חכמי התלמוד, און דאָס וואָס דער גלויבּען אין בּיאת המשיח איז איינער פון די עיקרים פון אונזער אמונה, אָבער דער אמת איז, דאָס מען קען דערויף געפינען ראיות אַפילו אויסער די ריינע אמונה־קוועלען און וועלכע קענען באַפעסטיגען דיעזען עיקר היהדות אויך אין די הערצער פון ניט־פרומע אידען.

די ערשטע ראיה איז דערפון וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט אימער געהאָפט אויף משיח'ן און בּכלל האָפט עס נאָך דערויף עד היום; די נאַטור האָט אונז באַ־שענקט מיט אַזאַ עדעלען אינסטינקט, אַז מיר האָפען אימער נאָר אויף מעגליכע

זאכען און וואס קליגער א מענש איז, אלס מעגליכער איז זיין האפנונג און ווען א גאנץ פאלק האפט, איז די האפנונג זיכער א מעגליכע, ובפרט ווען דאס האפענדע פאלק איז א קלוגס, איז זיין האפנונג אודאי און אודאי א מעגליכע.

דאס אידישע פאלק, איז זיכער ניט קיין פאלק פון נאראנים, און גדולים האבען מיר געהאט אמת'ע גייסטיגע ריזען, און זיי אלע האבען אזוי אונצווייפעלהאפט געהאפט אויף משיח'ן, איז דאס א נאטור־סמן, אז די זאך איז מעגליך און מוז קומען. מיר זעהען ווי דאס זעלבע פאסירט מיט אלע אנדערע מענשליכע האפנונגען; מענשען האבען אימער געהאפט צו קענען פליהען אין דער לופט ווי פויגלען און צו קענען שווימען אונטער'ן וואסער ווי פיש און דיביידע האפנונגען זענען מקויים געווארען דורך די עראפלאנען און סאבמארינס; ריכטיגער געזאגט, וואלט עס קיינמאל ניט געקענט פאסירען, אז מענשען זאלען ערפינדען די צוויי דערמאהנטע מעגליכקייטען, אויב די מענשהייט זאל פאר יאהר־הונדערטע פריהער ניט געווען האפען דערויף; די האפנונג פון מיליאנען מענשען צו קענען פליהען און טויכען, האט שפעטער געגעבען געבורטה צו אזעלכע נשמות, ווע מעם באזיצער האבען די ביידע זאכען ענטדעקט.

דער מענשליכער געדאנק איז א קראפט, וועלכע קען שאפען אויך אונזעהבארע פאר אונז זאכען און געדאנקען פארפלאנצען זיך אזוי ווי אלע לעבעדיגע ברואים און פלאנצען טהוען עס; די נאטור וועלכע לאזט ניט קיין שום זאך געהן פארפאלען, לאזט אויך ניט אונזערע האפנונגען פארפאלען געהן, נור זאמעלט זיי אויף אין דעם משך פון א לאנגער צייט און באשאפט פון זיי א נשמה, וועלכע האט די פעהיגקייט צו פארווירקליכען די אלע האפנונגען.

און פונקט ווי די נאטור גיט אריין אין יעדען לעבעדיגען מין נאר אזא זריעה וועלכע איז נויטיג צו אויפהאלטען דעם באטרעפענדען מין, אזוי גיט זי אריין אין דעם מענשליכען געדאנק נור אזעלכע האפנונגען וועלכע קענען מיט דער צייט ארויסברענגען נור די נויטיגע פאראויס־באשטימטע גייסטיגע גאונים.

פון די מענשליכע נקמה־געפיהלען, ווערט ערגעץ געבארען א גרויסער קריעגספיהרער; פון די מענשליכע טרעהרען, זיפצען און קרעכצען, ווערט ערגעץ געבארען א גרויסער אידעאליסט, וועלכער זוכט צו באגליקען די מענשהייט דורך עפעס א הויך־מאראלישען אידעאל; דורך די האפנונגען פון קראנקע געזונד צו ווערען, ווערט געבוירען א גרויסער מעדיצינער און אזוי מיט אלע מענשליכע געדאנקען און האפנונגען.

און ווען דאס אידישע פאלק האט זייט יאהר־טויזענדע אימער געהאפט אויף א משיח, אימער פארגאסען טרעהרען, געבעטען אויף דער עטאבלירונג פון יושר און גערעכטיגקייט אויף דער וועלט, מוז פון דיעזע אלע האפנונגען אמאל באשאפען ווערען אזא גרויסע נשמה, ווע מעם בעזיצער וועט דיעזע אלע האפנונגען פארווירקליכען.

דאס איז אויך דער געדאנק פון דעם מאמר חז"ל: „הקב"ה מתאוה לתפלתם של צדיקים", (גאט גלוסט די תפלות פון די עהרליכע לייט.) ער וויל די דאזיגע תפלות האבען, ווייל ער ברויך עס צו באשאפען פון זיי אזעלכע נשמות, וועלכע זאלען משפיע זיין גוטעס אויף דער וועלט. דערמיט ערקלעהרט זיך אויך דער אידישער לאנגער גלות און אונזערע שרעקליכע ליידען; די וועלט האט נויטיג א משיח, וועלכער זאל באזיצען אזא נשמה וואס זאל קענען אפשאפען יעדען סארט גלות און יעדען סארט ליידען, אבער אום צו באשאפען אזא נשמה, מוז מען א גרויסע צאהל תפלות, א סך ליידען, א סך טרעהרען, א סך זיפצען און א סך האפנונגען אויף אזא משיח, דעריבער האט מען געמוזט האבען אזא פאלק, וואס זאל ליפערען דיעזע אלע מאטעריאלען פאר יענער משיח־נשמה און מיר אידען זענען דערצו אויסגעקליבען געווארען, ווייל מיר זענען מסתמא מעהר פאסיג פאר דעם.

די אידישע האפנונג אויף משיח'ן, איז דעריבער ניט קיין פאנטאזיע, נאר א נאטירליכער פאקט; די גאטהייט וויל באשאפען א משיח, האט זי אונז אריינגעגעבען די האפנונג אויף איהם און טאקי מיט דער זעלבער האפנונג העלפען מיר שאפען דעם משיח.

ס גאנץ פאלק האט אן אינסטינקט, אזוי ווי יעדער יחיד האט עס, און עס קען זיך ניט נארען, עס קען קיין טעות ניט מאכען; דער אינסטינקט ביי א פאלק פיהרט איהם אלזא צו זיין צוועק און האפנונג אזוי ווי דער אינסטינקט ביים יחיד

טהוט עס און דעריבער איז די אידישע האפנונג אויף משיח'ן, איינער פון די גרעסטע באווייזע, דאס אזא משיח וועט אמאל געבארען ווערען און די אידישע האפנונג פארווירקליכען.

די גאנצע מענשהייט נויטיגט זיך אין א משיח.

עס איז א היסטארישער אמת, אז זייט די מענשהייט עקזיסטירט ראנגעלט זי זיך מיט זיך זעלבסט, ליידעט פון זיך זעלבסט און זוכט מיטלען ווי צו איינפיהרען רוה, פריעדען, גערעכטיגקייט און גליק אויף דער וועלט.

דיעזער קאמפף געגען דעם טייפעל אין דעם מענשען, האט שוין דעריבער ארויסגעבראכט אלערליי אמת'ע און פאלשע מיטלען, אלערליי רעטער, נביאים, רעליגיאנס־גרינדער, געזעלשאפטס־רעפארמער, פילאזאפען און אנדערע סארטען אויפטהוער און וועלט־באזארגער, וועלכע האבען געזוכט צו באגליקען די מענשהייט און איינפיהרען א גן עדן אויף דער וועלט.

די מעהרסטע מלחמות און אלערליי אונטערדריקונגען, זענען דער רעזולטאט פון א שלעכטער, ניט פאלקאמענער לעבענס־סיסטעם אויף דער וועלט; דערפון ליידעט יעדע מדינה באזונדער און די גאנצע וועלט בכלל. יעדער יחיד און יעדער פאלק איז ניט זיכער מיט זיין חלק באקוועמליכקייט אין לעבען; ער האט מורא אז אן אנדער יחיד, אדער אן אנדער פאלק וועט פארכאפען צופיעל און גארנישט איבערלאזען פאר אנדערע. ווייל די סיסטעם אין דער וועלט איז אזא, דאס יעדער איינער כאפט און ווער עס איז א גרעסערער כאפער, יענער לעבט גליקליכער און בעסער ווי אנדערע, וועלכע קענען ניט אזוי גוט די קונץ פון כאפען, ווען עס זאל אבער עקזיסטירען אזא סיסטעם, וואו קיינער זאל ניט וועלען כאפען צו־פיעל און וואו אלע זאלען זיין אבסאלוט זיכער מיט זייער חלק געגום אין דער וועלט, וואלט מען פארשפארט די מורא פאר דעם מארגען און עס וואלט ניט געקומען צו סכסוכים און מלחמות, ווייל באמת האט די וועלט פון אלעם, גענוג פאר אלעמען.

די וועלט ווערט דאבריי פון טאג צו טאג אלץ ערגער און אלץ מעהר זוכט זי מיטלען ווי צו פטור ווערען פון די צרות, אלץ מעהר רעפארמער און נייע וועלט־איבערקעהרער בעווייזען זיך יעדען מאל; עס איז שוין ניטא קיין צאהל צו די פיעלע „איזמען", וועלכע ווילען אלע ראטעווען די וועלט, דער סאציאליזם, דער באלשעוויזם, דער פאטשיסיזם און פיעלע אנדערע עהנליכע בעוועגונגען, זענען בלויז דער רעזולטאט פון דער משיח־זוכעניש וואס געהט אן ביי דער מענשהייט אזוי שטארק; די פעלקער, ניט קוקענדיג אויף זייער אמונה אין א הימלישען משיח, זוכען זיי פון דעסטוועגען א באלדיגען אירדישען משיח, ווייל זיי ווערען דערשטיקט אונטער דער דריקענדער לעבענס־סיסטעם פון דער געזעלשאפט אין יעדען לאנד און פון דער אינטערנאציאנאלער קאנקורענץ פאר מאכט צווישען פאלק און פאלק; מיט איין ווארט, די מענשהייט זוכט און דארף א משיח, וועל־כער זאל ביי איהר איינפיהרען רוה, ארדנונג, פריעדען און גערעכטיגקייט און עס איז ניטא קיין צווייפעל, אז עס האלט מיט איהר „ענטוועדער־אדער", ענטוועדער אזא משיח וועט זיך בעווייזען און ברענגען די ישועה, אדער די וועלט וועט מוזען חרוב ווערען, ווייל די מענשען וועלען זיך איינער דעם צווייטען פערניכטען!

דאס וואס די מענשהייט זוכט א משיח און נויטיגט זיך אין איהם, איז א צווייטע שטארקע ראיה, אז א משיח מוז קומען און אז דאס איז ניט קיין פוסטע פאנטאזיע ביי דער וועלט, אדער ביים אידישען פאלק, די צרה איז נור וואס ביז איצט האבען זיך אלץ געמעלדעט פאלשע משיחים אנשטאט דעם אמת'ן, וועלכער וועט ווארשיינליך קומען ווען די צרות אויף דער וועלט וועלען שוין דערגרייכען זייער העכסטע שטופע.

די שנאה צום אידען און דער חורבן־ציוויליזאציע.

מיר האבען אין אונזער ערשטען קאפיטעל בע־וויזען די ריכטיגקייט פון דעם געדאנק, אז רעטען די וועלט קען נור א יחיד און ניט קיין רבים; א משיח קען נור זיין איין איינציגער גדול הדור און ניט קיין פארטיי, ווייל אזוי איז שוין אלע מאל אין דער נאטור דער פאל, אז דער משיח

פון יעדען איינצעלנעם פאַך איז אַ יחיד; די גרעסטע ערפינדונגען אין דער וועלט וועלכע האָבען געבראַכט אַן איבערקעהרעניש אין אירגענד וועלכער פאַזע פון לעבען, זענען אימער ערפונדען געוואָרען דורך אַ יחיד און ניט דורך אַ חברה, וועט די העכסטע און גרעסטע וועלט־איבערקעהרעניש אודאי און אודאי קומען דורך אַ יחיד, דורך דער ערשיינונג פון איין גרויסען משיח, וועלכער וועט מאַכען אַ סוף צו די מענשליכע צרות און איינפיהרען דעם אמת'ן פריעדען אויף דער וועלט.

דער בעסטער סמן צו אויסגעפינען אויב אַ געוויסע נייע משיח־אידעע איז די אמת'ע אָדער ניט, איז טאַקי דורך באַטראַכטען אויב איהר באַשאַפער און טרעגער איז אַ יחיד אָדער ניט; אַזוי לאַנג ווי אַ נייער משיחיזם האָט עטליכע, כמעט עהנ־ליך־גרויסע טרעגער, ווי למשל דער באָלשעוויזם, וועגען וועלכען מען קען ניט זאָגען ווער עס איז גרעסער אין איהם, טראָצקי אָדער ליעניען, צי למשל דער ציוניזם, וואו אַ ווייצמאַן, אַ סאָקאָלאָוו, אַ מאַקס נאָרדאו, אַ בראַנדיס, זענען כמעט אַלע פון דער זעלבער גרויס אין איהם, איז דאָס אַ סמן, אַז דיעזע באַוועגונגען זענען ניט דער משיח, נור ערשט דאַן ווען עס וועט זיך בעווייזען אַ טרעגער פון אַ משיח־אידעע, וועלכער וועט זיין אַ יחיד במינו, „משכמו ומעלה גבוה מכל העם", אַזאַ איינער וועלכער וועט שטעהן מיט פיעלע קעפּ העכער פון אַלעמען, אַזוי אַז קיין שום מענש וועט צו איהם ניט קענען גלייך זיין און אַז די גאַנצע וועלט זאָל איהם אַנערקענען אַלס דעם גרעסטען און זיך לאָזען פיהרען פון איהם אַהן דעם קלענסטען ווידערשטאַנד, יענער מענש וועט האָבען אין זיך דעם סמן פון משיח'ן און ער וועט דאָס שפּעטער זיכער איבערצייגען דורך ברענגען די אמת'ע גאולה פאַר דער גאַנצער מענשהייט.

און אַזוי שנעל ווי מיר קומען צו דער איבערצייגונג, אַז דער וועלט־משיח מוז זיין אַ יחיד, מוזען מיר אויך גלויבען, אַז ער וועט זיין אַ איד, ווייל דאָס אידישע פאָלק האָט שוין ביז איצט גענוג איבערצייגט די וועלט, אַז ווען עס קומט צו גייסטיגע וועלט־איבערקעהרער, האָבען מיר אידען די מאָנאָפּאָל אויף זיי; פון משה רבנו ביז איינשטיינען, פון ישוע הנוצרי ביז טראָצקין און פון די נביאים ביז קאַרל מאַרקסען, זענען זיי אַלע געוועזען אידען אָדער געבאָרענע אידען, ווייל נור דאָס אידישע פאָלק איז מסוגל צו ארויסגעבען יעדען סאָרט גייסטיגע ריעזען.

די וועלט ווייסט דאָס און זי פיהלט אינסטינקטיוו, אַז אויך דער ענדליכער משיח וועט זיין אַ איד און דעריבער איז די שנאה־קנאה צו אונז אַזוי גרויס; דעריבער זוכט מען אונז צו פערטיליגען און צו האַלטען אין דער גרעסטער שקלאַ־פעריי. פרעה ווייסט דורך זיין שטערנזעהעריי, אַז פון דעם אידישען פאָלק וועט ארויסוואַקסען אַ משה, אַן ערלעזער וועלכער וועט באַפרייען די אידען און מאַכען מצרים צום נאַר, זוכט ער דעריבער צו דערטרינקען אַלע אידישע קינדער און צו פאַרקנעכטען די ערוואַקסענע דורך צווינגען זיי קנעכטען ליהם און מאַכען ציגעל. דיעזע היסטאָרישע וואָרהייט ציהט זיך ביז אויף היינטיגען טאָג; די פעלקער אי־בעראַל האָבען אַליין ניט קיין צוטרוי צו זייער ציוויליזאַציע, זיי זעהען ווי זי ווערט חרוב און האַלט זיי אין באַגראָבען אונטער איהרע חורבות, און זיי זעהען אויך, אַז די איינציגע מענשען, וועלכע קענען דורך דעם חורבן און טראָץ דעם חורבן אַדויפשטייגען און ווערען די רעטער פון דער וועלט, זענען די אידען; זיי זעהען פאַר זיך אַ טראָצקי'ן און שרעקען זיך פאַר נאָך אַ גרעסערען אידישען צו־שטערער און בויער ווי טראָצקי, דעריבער ווערט דער האַס צו אונז טיעפער, שאַרפער און גרעסער; דעריבער ווערט דער אַנטיסעמיטיזם אימער גרויזאַמער.

דאָס איז אַהן צווייפעל נאָך אַ גרויסע ראיה, אַז משיח מוז קומען, ווייל די גאַנצע וועלט איז אין דעם מודה אונאָפיציעל. ווען די וועלט זאָל ניט פיהלען אינסטינקטיוו און ניט האָבען דעם גלויבען, אַז ביי אידען וועט ענדליך געבאָרען ווערען אַ נייער משה, וואָלט זי אונז צו רוה און אפילו אונזער נאָמען ניט דערמאָהנען, אַבער וואָס נידעריגער עס זינקט די ציוויליזאַציע, אַלץ מעהר ווערט געטראָגען דער אידישער נאָמען אויף אַלעמענס ליפּען, אַזוי ווי מיר זאָלען באמת שולדיג זיין אין דעם: די וועלט האָט אַ קלאָהרען פאָרגעפיהל, אַז דאָס אידישע פאָלק דאַרף אויפשטעהן תחיית המתים און ווערען דערהויבען דורך אַ נייעם משיח וואָס וועט פון אונז אויפשטעהן, איז דאָס מעהר ווי גענוג, אַז די רשעים צווישען דער מענשהייט זאָלען אונז וועלען פייניגען שטאַרקער און אַז זיי זאָלען

גלויבען נארישערהייד, דאס זיי וועט געלינגען אונז צו דערשטיקען און צו דער־טרינקען.

כל זמן דער וועלט געהט גוט און זי לעבט זיך רוהיג פיהלענדיג איהר מאכט און זעהענדיג דעם אידען ליגענדיג אין שטויב, איז נאך פאר אידען מעגליך צו אטהעמען: די וועלט הערט דאן אויף צייטווייליג צו גלויבען אין דעם אידענ'ס מעגליכער צוקונפט און זי לאזט איהם געמאך, אזוי צו זאגען, זי טשעפעט זיך ניט צו איהם צופיעל; עס ווערט געשאפען א מיינונג, אז די אידישע האפענונג איז א לעגענדע, אז די נביאים זענען פאעטען־ליטעראטען, און אז די הייפעלע ארימע שנארער און פעדלער פון דעם אידישען פאלק, וועלען שוין אזוי פארבלייבען אייביגע לייהם־קנעטער ביי דער מעכטיגער מצרים־וועלט, אבער אזוי שנעל, ווי די לופט ווערט אויפגעטרייסעלט און עס קומט אן עת צרה, ווערט דער איד אויסגעוואקסען ביי אלעמען אין די אויגען און מען דערזעהט אין איהם דעם קאנקורענט, דעם יורש פון זיינע בעלי בתים און די שנאה צו איהם דערגרייכט דאן איהר העכסטע שטופע.

די שטערענזעהעריי פון די מאדערנע פרע'ס איז פונקט אזוי ריכטיג ווי אמאל און ווען א גאנצע וועלט גלויבט אז אידען האבען נאך עפעס צו זאגען דער מענשהייט, איז דאס שוין ניט קיין נארישע אוטאפיע פון אידישע „בטלנים“, נור א זיכערע וועלט־נבואה, וועלכע וועט מוזען מיט דער צייט ווערען א פאקט.

די מערקווירדיגע משיח־ליטעראטור.

דער לעצטער און וויכטיגסטער באוויז, אז די משיח־אידעע איז ניט קיין פאלשע איינריידעניש, נור א באגרינדעטער גלויבען, ווייל דאס וועט באמת מוזען פארווירקליכט ווערען, איז די מערקווירדיגקייט פון דער משיח־ליטעראטור פון אונזער תלמוד און מדרשים, וועלכע האט אזוי פיעל זאכען ריכטיג פאראויסגעזאגט און וועמעס איינצעלהייטען וועגען די ימות המשיח זענען ניט אונמעגליך אפילו היינט צו טאג נאך אזוי פיעל יאהר־הונדערטע פון ציוויליזאציע און פראגרעס.

לויט דער משיח ליטעראטור וועט די וועלט בשום אופן ניט האבען קיין רוה און פריעדען טראץ איהרע אלע אנשטרענגונגען און איהר פראגרעסירען; ארץ ישראל וועט קיינמאל ניט ווערען אימעצענס. נור דער יעניגער וועלכער וועט אין איהר וואהנען, וועט זי ניט באהערשען און ווער עס וועט זי באהערשען וועט אין איהר ניט וואהנען, און בויען דאס לאנד וועט קיין איינער פון זיי ביידען און זי וועט פארבלייבען א פוסטקע, א חורבה ביז אידען וועלען זיך ווידער א נעהם טהון צו בויען זי.

און מעג איינער יא וועלען גלויבען אין דעם תלמוד, אדער ניט, קען ער אבער ניט אפלייקענען דעם פאקט, אז די אלע אויבענדערמאהנטע פאראויסזאגונגען זענען מקויים געווארען: די וועלט האט שוין פיעל פראגרעסירט, געשאפען די העכסטע ציוויליזאציע און קיין רוה מיט פריעדען האט זי ניט און קען דאס ניט ברענגען; ארץ ישראל, ווידער, איז טאקי פוסט און וויסט און קיינער קען היינט ניט זאגען באמת, אז זי בעלאנגט צו איהם; זי איז ניט דעם טערק'ס, ניט ענגלאנד'ס, ניט סיריענ'ס, ניט די אראבער'ס, נור מען האלט זיך ערשט ביים ארומרייסען וועגען איהר, פונקט ווי מיט יאהר־הונדערטע און יאהר־טויזענדע צוריק.

דאס זעלבע איז מיט די איינצעלהייטען ווי די ימות המשיח וועלען אויסקוקען, וועלכע אונזערע חכמי התלמוד גיבען־אן מיט אזא זיכערהייט ווי דאס וואלט שוין האבען געוועזן פאסירט; קיינער קען ניט זאגען, אז די דאזיגע איינצעלהייטען זענען שוין ניט מעגליך אין אונזערע צייטען, ווייל מיר זעהען גאר אדרבה, אז כאטש זיי זענען ניט געוועזן מעגליך עטוואס פריהער, ווערען זיי מעגליך אצונד.

לויט'ן שכל הישר האט שוין איצט געדארפט זיין אז אונמעגליקייט דאס וואס אימעצען האט אמאל געקענט אריינפאלען אין קאפ צו פאראויסזאגען וואס עס וועט פאסירען מיט צוויי טויזענד יאהר שפעטער; די מענשהייט האט שוין געהאט גענוג צייט און צוויליזאציע צו אפשאפען די אלע אמאליגע איבלען פון מלחמה, הונגער, אונטערדריקונג, אלערליי מענשליכע פערברעכענס און אפילו אידענהאס, און ווען מיר זאלען איצט האבען אזא צייט, אין וועלכער יענע אלע

פאראויסגעזאגטע איבלען זענען שוין טאקי אפגעשאפט און אונמעגליך. וואלטען מיר קענען זאגען, אז די משיח־ליטעראטור איז פון אונז אריבערגעוואקסען געווארען און זי איז ניט מעהר ווי א געוועזענער וואונש פון געוויסע מענשען, וועלבער איז ניט מקויים געווארען, אבער דאגעגען זעהען מיר, אז די איבלען זענען נאך דא און אפילו די פאאר איבלען וואס זענען ביז איצט ניט געוועו, זענען אין אונזערע טעג ערשט געבארען געווארען.

די מעגליכקייט פון א גרויסער וועלט־קריעג צווישען מזרח און מערב, איז נאך דא און ערשט לעצטענס איז זי ניי־געבארען געווארען. (מלחמת גוג ומגוג.)

די רעגיערונגען זאלען ווערען אין גאנצען גאטלאז, (שתתהפך המלכות למינות) איז ערשט אין אונזערע טעג געווארען א לעבעדיגער פאקט, ווי מיר אלע ווייסען, אז דאס איז די רוסישע סאוועט־רעגיערונג, וועלכע לייקענט אפיציעל אין דער עקזיסטענץ פון דער גאטהייט און וועלכע דראהעט. צו איינפיהרען אנדערע סאוועט רעגיערונגען איבער דער גאנצער וועלט.

אז גרויסע רעגיערונגען וועלכע זענען צופיעל אנטיסעמיטיש, זאלען פלוצלונג צוזאמענברעכען, האבען מיר אויך געזעהען מיט אונזערע אויגען, טאקי אין דער זעלבער רוסלאנד און דייטשלאנד. (עד שתכלה המלכות הזלה בישראל.)

אז מען זאל אפשאפען געלד, פארניכטען די פרוטה, (עד שתכלה פרוטה מן הכיס.) זעהען מיר איצט אויך כמעט אין גאנץ מזרח־אייראפע; די פרוטה איז דארטען פערניכטעט און דער חשבון פון געלד געהט־אן אויף מיליאנען און ביליאנען, וועלכע זענען אגב אויך ווערטהלאז.

אז מענשען זאלען אין דעם צוואנציגסטען יאהר־הונדערט דורכמאכען אזא שרעקליכען הונגער ווי אין רוסלאנד, פאסירט אויך אין אונזערע צייטען. (עד שיבוקש דג לחולה ולא ימצא.)

אז דער יקרות איבעראל זאל שטייגען הימעל־הויך טראץ דער גרויסער געדעטעניש; אז ווייז און שנאפס זאלען זיין צו קריגען וויפיעל מען וויל, נור עס זאל קאסטען פאבעלהאפטע פרייזען, זעהען מיר איצט אין אמעריקע מיט דעם פאל פון די ספעקולאנטען־טראסט־קאמפאניס און דער פראהיבישאן. (הגפן יתן פריו והיין ביוקר.)

דער שפיץ איז, דאס די אלע פאראויסגעזאגטע צרות פאר די ימות המשיח, זענען נאך אין דער מאדע און אויב זיי זענען נאך ניטא, ווערען זיי ספעציעל געבארען אין אונזער צייט, באווייזט דאס, אז דאס אנקומען פון משיח'ן איז נאך ביט אויסער ארדנונג, מען קען נאך ניט זאגען, אז ס'איז געקומען א נייע צייט מיט נייע אומשטענדען וועלכע מאכען אין גאנצען אונמעגליך די ביאת המשיח, צוליעב דעם וואס די פאראויסגעזאגטע קאנדיציעס וועגען זיין אנקומען, זענען שוין פארשוואונדען.

און ווען צו דעם אלעמען בעטראכט מען נאך דעם פאקט, אז דאס אידישע פאלק, וועלכע האט די משיח־אידעע ארויסגעבראכט, לעבט נאך ביז היינטיגען טאג, ליידעט נאך ווי אימער און לאזט זיך ניט פארניכטען דורך קיינע מיטלען אין דער וועלט, מוז עס קלאהר ווערען פאר יעדען איינעם וואס האט נאך מארך אין קאפ, אז משיח דארף קומען, מוז קומען און ער וועט זיכער קומען, און אין דער שפראך פון דעם נביא חבקוק.

„אבוואהל די זעהונג איז פאר שפעטער, און די רייד ציעלען צו א ווייטער צייט, וועט עס ניט ענטוישען; אויב עס וועט דויערען לאנג —ווארט אויף איהם, ווייל קומען קומט ער זיכער און ער וועט זיין באשטימטע צייט ניט פארזאמען!"

קאפיטעל ג'.

די ימות המשיח.

קול דודי הנה זה בא, מדלג על ההרים, מקפץ
על הגבעות; הנה זה עומד אחר כתלנו, משגיח
מן החלונות מציץ מן החרכים.
(שיר השירים ב'. ח'.)

ווארום משיח איז ביז איצט ניט געקומען.

עס פארבלייבט פאר אונז צו ערקלעהרען די דריטע טהייל פון דער משיח־פראגע און נעמליך, ווען וועלען מיר שוין קענען זאגען מיט בארעכטיגונג, אז מיר האבען ענדליך דערלעבט די ימות המשיח און ניט מאכען דאביי קיין טעות, ווי דאס האט שוין מיט אונז פיעלע מאל פאסירט אין דער אלטער פארגאנגענהייט.

ווי שוין געזאגט אין אנפאנג פון דיזען העפט, מיינט ניט דער פארפאסער צו זאגען נביאות אויף'ן קץ, עס ווייסט ניט וועגען דעם מעהר ווי אימעצער אנדערש און ער קען נור אויסדריקען א מיינונג, וועלכע ער באגרינדעט אויף די געשעהענישען פון דער איצטיגער צייט, אבער דאס איז בשום אופן ואופן ניט עפעס אנדערש ווי א געוועהנליכע מיינונג פון א יחיד און קיינער איז ניט מחוייב צו איינשטימען מיט איהם און צו ענטוישט ווערען חלילה, אויב די מיינונג זאל זיך שפעטער ארויסצייגען אלס טעות'דיגע.

על פי שכל מעג דער איד איצט גלויבען, אז די ימות המשיח זענען שוין געקומען, אבוואהל זיי קענען זיך ציהען לענגער ווי מען דענקט. מיר האבען צו אזא גלויבען יעדענפאלס מעהר רעכט ווי ווען עס איז פריהער.

געוועהנליך הערט מען ביי אונז באמערקונגען, אז די איצטיגע אידישע צרות, זענען ניט קיין סמן אויף די ימות המשיח, ווייל אידען האבען שוין איבערגעלעבט אזעלכע צייטען עטליכע מאל, ווי בשעת דעם גירוש שפאניען, אין דער צייט פון די גזירות הרועים, אין די יאהרען פון מסע הצלב פון ת"ח ות"ט און אויך אין אנדערע פעריאדען, און אויך דאמאלס האבען מיר געהאפט אויף משיח'ן און ער איז ניט געקומען, טא ווארום זאלען די צרות זיין א סמן אויף די ימות המשיח? מיט וואס איז די איצטיגע פורעניות אנדערש ווי יענע, די פריהעריגע?

דער אמת איז אבער, אז ערשט איצט קענען מיר פערשטעהן, ווארום משיח איז ניט געקומען אין די פריהעריגע צייטען פון פורעניות אויף אידען און אז דאמאלס איז טאקי ניט געווען די ריכטיגע צייט, וועהרענד איצט איז די לאגע אין גאנצען אן אנדערע און די צייט איז אבסאלוט רייף פאר ביאת המשיח.

מיר אידען זענען אלע מאל רייף געווען פאר משיח'ן; ווען ער זאל ניט געוועזן קומען, וואלט ער אימער געווען האבען אלע אידען אלס זיינע נאכפאלגער. אבער די וועלט אין אלגעמיין איז ביז איצט ניט געווען רייף פאר דער משיח'ס צייט; זי איז געשטאנען צו נידעריג אין'ם גייסטיגען זין און צו פעסט און זיכער אין דעם מאטעריעלען זין.

מיט הונדערטע יאהרען צוריק, ווען עס איז נאך ניט געווען קיין פרעסע און קיין דרוקערייען בכלל, זענען אפילו די איצטיגע ציוויליזירטע פעלקער געווען העכסט אומוויסענד, ווילד, בארבאריש און ערשט אין דעם פראצעס פון ווערען; ניט זיי האבען געוואוסט וועגען א משיח, ניט זיי האבען איהם געהאפט, ניט זיי וואלטען איהם אנערקענט, ווען ער זאל אפילו געווען קומען, און אויסער אלעמען איז די וועלט דאמאלס געווען א געמיש פון א סך בעזונדערע, גאנץ־אפגעשלאסענע וועלטלאך; יעדע מדינה איז געווען אפגעשלאסען פון אלע אנדערע, יעדע אומה האט נור פערשטאנען איהר אייגענע שפראך און אויף איהרע שכנישע פעלקער האט זי געקוקט ווי אויף שונאים, מורא געהאט ניט צו פערשלונגען ווערען פון זיי און זוכענדיג צו איינשלינגען אנדערע.

ביי זיך אין דער היים, האט יעדע מדינה געלעבט מעהר־ווייניגער רוהיג און געווען צופריעדען, און וואס אויף דעם אויסערען שטח פון דעם ערד־קוגעל קומט פאר, האט זי ניט געוואוסט און ניט געהאט קיין פערשטאנד צו אינטערעסירען

זיך דערמיט; אין יענע צייטען, אויב אידען האבען געליטען א ביטערען גלות, זענען זיי געווען די איינציגע ליידענדע אין דער וועלט; זייער אומגליק איז גאר אדרבה געווען די פרייד פון אנדערע; די ווילדע בארבארען פון יענע צייטען האבען געפיהלט אזוי גוט און לוסטיג, אז זיי פלעגען זיך גאר אמוזירען מיט די אידישע צרות, אבער זיי אליין האבען ניט געפיהלט, אז עס פעהלט זיי עפעס, כאטש זיי האבען באמת אליין אויך קיין סך ניט געהאט.

און ווען משיח זאל דאמאלס געווען קומען, וואלט ערשטענס די וועלט ניט געוועוסט ווער ער איז און צו וואס מען דארף איהם; צווייטענס וואלט עס גענומען יאהרען-לאנג ביז די גאנצע וועלט זאל זיך גאר דערוויסען, אז עפעס א משיח אזא איז געקומען, און דריטענס וואלט עס על פי טבע זיין אונמעגליך צונויפקלייבען אלע אידען פון די גלות-לענדער, ווייל די קאמוניקאציע און טראנספארט-מיטלען זענען געווען שרעקליכע, כמעט נול און עס וואלט זאגאר שווער זיין צו לאזען די אידען גופא וויסען, אז משיח איז שוין דא; ווי וואלט מען דערגרייכט די אידען אין אביסיניען, אדער אין כינע, וואו מען דענקט, אז זיי זענען פאראן, און וואס וואלט כינע אליין געוואוסט פון משיח'ן, ווען זי איז געווען ארומגעצוימט מיט א וואנד און ניט געקומען אין קיין שום באריהרונג מיט דער וועלט אויף יענער זייט וואנד, און אזוי מיט א סך אנדערע לענדער.

די גאנצע וועלט איז איצט ווי איין הויז.

אנדערש איז אבער די לאגע אצונד, זינט די דרוקעריי איז ענטדעקט געווארען, זענען אלע פעלקער געווארען מעהר-וועניגער ענטוויקעלט; זיי האבען אלע דעם תנ"ך אין איבערזעצונג, זיי ווייסען שוין ווער משיח איז און וואס מען קען פון איהם ערווארטען; אלע פעלקער זענען פערבונדען צווישען זיך דורך אמבאסאדארען, דורך א נאציאנען-ליגע און דורך אנדערע דיפלאמאטישע וועגען; די פרעסע איז ענטוויקעלט איבעראל און יעדע וועלט-נייעס ווערט אין א שטונדע צייט בעקאנט געמאכט אין אלע ווינקעלאך פון דעם ערד-קוגעל און דאס וויכטיגסטע פון אלעס איז, וואס איצט דארף די גאנצע וועלט א משיח; איצט איז ניטא קיין איינציגע מדינה, וועלכע נויטיגט זיך ניט אין איהם; איינע דארף בעפרייעט ווערען, א צווייטע דארף איהם אום ניט צופאלען ווערען אלס אימפעריע, א דריטע האט אינערליכע צרות פון קלאסען-קאמפף און קען פון דער פאסטקע ניט ארויס, און אלע ציטערען פאר מלחמה, ניט וויסענדיג מיט וואס דאס קען זיך ענדיגען.

די גאנצע וועלט איז געווארען ווי איין הויז; דער טעלעגראף און די טע-לעגראף-אגענטורען ריידען אלע שפראכען און איצט ווען משיח זאל קומען, וועט די גאנצע וועלט וויסען דערפון צו דער זעלבער שטונדע; זיין קומען וואלט געהאט דעם גרעסטען פרסום און די וועלט וואלט זיך מיט איהם פשוט מחיה זיין.

און ווען עס וועט קומען צו א קבוץ-גליות, זענען איבעראל פאראן באהנען און שיפען, וועלכע קענען אין עטליכע וואכען אריבערברענגען אלע אידען פון דער וועלט נאך ארץ ישראל; מיט איין ווארט, די צייט איז אין אלעם רייף פאר די ימות המשיח, און אלע פעלקער זענען רייף פאר בעגריסען אזא צייט און פאר בעגרייפען אלעם וועגען איהר.

דערפון קענען מיר פערשטעהן, אז אונזערע אור-עלטערען פון מיטעל-אלטער, האבען טאקי באמת ניט געהאט די לאגישע בערעכטיגונג פאר ערווארטען משיח'ן יעדען טאג; זיי האבען בלויז געהאט דאס רעכט צו האפען, אז ער וועט אפשר קומען על פי נס, זיי האבען זיך קיינמאל ניט פארגעשטעלט, אז די וועלט וועט אויסזעהן אזוי ווי איצט, האבען זיי נאטירליך ניט געקענט וויסען, אז אנ-דערע, שפעטערע צייטען וועלען זיין רייפער און מעהר פאסיג פאר די ימות המשיח, אבער מיר, די אידען פון דיעזען דור, קענען שוין פערגלייכען אונזער צייט מיט זייערער און מיר קענען פערשטעהן ווארום משיח איז דאמאלס ניט געקומען און אז איצט קען ער שוין לכל הדעות קומען יעדען טאג.

די הויפט-אויפגאבע פון משיח'ס צייט, איז צו ברענגען א גאולה שלמה פאר דער גאנצער מענשהייט און דאס איז נור מעגליך איצט, ווייל פריהער איז גאר ניט געווען אזא זאך ווי א „גאנצע מענשהייט", נור עס איז געווען א צו-ברעקעלטע מענשהייט, וועמעס נאהענטסטע טהיילען זאגאר זענען געווען ווייט

איינס פון דאס צווייטע כרחוק מזרח ממערב; דער גואל קען איצט קריגען דעם גויטיגען פרסום, ער וועט קענען ריידען צו דער גאנצער וועלט; ער וועט קענען לערנען די גאנצע מענשהייט; זיין יעדעס ווארט, זיין יעדער שריט און טריט און זיין יעדע טהאט, וועלען נאכגעפאלגט ווערען פון אלע מדינות, פון אלע פעלקער און צו דעם זעלבען מאמענט; איצט ווען משיח זאל קומען, וועט עס זיין ניט נור פאר דעם אידישען פאלק, נור פאר אלע פעלקער און ער וועט האבען די מעגליכקייט צוזאמענצוריידען זיך מיט אלע פעלקער, ווייל די גאנצע וועלט איז ווי איין גרויסע הויז מיט א סך צימערען.

דער ציוניזם אלס טהייל פון'ם פרסום.

ווי בעקאנט הערשט אין דעם אידישען לאגער אן אלטע מחלוקת אויב דער ציוניזם איז א כשר'ע בעוועגונג אדער ניט; אונזערע פרייערע עלעמענטען שטעלען אין קאן די גאנצע אידישע גאולה אויף דעם ציוניזם, גלויבענדיג, אז זי וועט קומען בדרך הטבע, דורך א גראדענווייזער אידישער איינוואנדערונג אין ארץ ישראל און דורך דער הילף פון די אומות העולם.

דאגעגען די פרומע אידען, וועלכע גלויבען אין משיח'ן, טענה'ען, אז דער ציוניזם איז א פערפיהרעריש ליכט, אן אור מתעה און זיי האלטען זיך פיינדליך צו איהם, אפט זאגאר בעקעמפפענדיג די בעוועגונג.

דער אמת איז, אז ביידע מאכען א טעות אין דער ריכטיגער בעדייטונג פון דעם ציוניזם, ווייל ניט ער קען אריינפיהרען די אידען אין ארץ ישראל און זיי דארטען ברענגען די גאולה און ניט ער קען דעם אידישען פאלק פערפיהרען און א סך קאליע מאכען; די בעוועגונג איז אהן צווייפעל אן אקט פון דער השגחה פרטית, אבער איהר צוועק איז אין גאנצען אן אנדערער און נעמליך, צוליעב פרסום פאר דער אידישער גאולה.

דער ציוניזם האט אויפגערייצט אלע פעלקער, געשאפען א גרויסע געגנערשאפט צו דעם געפלאנטען אידענשטאט; סיי די קריסטען און סיי די מחמד'אנער קאכען זיך איצטער און ווילען בשום אופן ניט דערלאזען, אז אידען זאלען צוריק קריגען זייער לאנד, כאטש מישטיינס געזאגט, וואס די ציוניסטען פאדערען אין גאנצען! דעם הר הבית ניט, די אלע הייליגע קברים ניט, קיין אייגענע רעגיערונג ניט, נור, ווי די ציוניסטען אליין זאגען עס, „לאזט אונז אריין אין ארץ ישראל וועלען מיר די מדינה אויפלעבען ניט נור פאר אונזער בענעפיט, נור אויך פאר דעם בענעפיט פון די אראבער און פאר דער טובה פון ענגלאנד!״

די וועלט ווייסט איצט זעהר גוט, אז אפילו ווען די ציוניסטען זאלען האבען דעם גרעסטען זיעג, וועלען מיר דארטען גארניט אויספיהרען; זי ווייסט איצט, אז וועגען אפגעבען אידען פאלעסטינע, ווי מען האט למשל אפגעגעבען פוילען צו די פאליאקען, איז קיין רייד ניט; וועגען אומקעהרען אידען זייער הייליגע שטאדט ירושלים, איז אפילו קיין טראכטען ניטא; וועגען ערלויבען אידען צו רעגירען זייער לאנד דענקט מען ניט. נור עס רעדט זיך בלויז וועגען פרייער אידישער איינוואנדערונג אין לאנד אלס אין אן ענגלישער קאלאניע און אפילו דאס גיט מען אונז נאך אויך ניט, איצט שטעלט זיך פאר, ווי גרויס עס וועט זיין דער פרסום אין דער וועלט, ווען משיח וועט קומען און מאכען פון גאנץ ארץ ישראל א ריכטיגע אידישע מדינה ווי ס'איז אונז פאראויסגעזאגט געווארען!

דער ציוניזם האט ארויסגעבראכט די פיעלע דעבאטעס וועגען ארץ ישראל און די געגנערישע שטעלונג פון אלע פעלקער און לענדער; אפילו אין אינדיען איז מען איצט גוואלדיג פעראינטערעסירט צו ניט-דערלאזען די אידען אריינרוקען זיך אין ארץ ישראל, ווייל דאס איז געגען די מוסולמאנישע אראבער, און וואס שטארקער עס איז די וועלטליכע געגנערשאפט, אלץ גרעסער וועט זיין די איבעראשונג, ווען משיח וועט דאס אלעס בעזייטיגען און זיך אויסלאכען סיי פון אונזערע שונאים, וועלכע זוכען צו צושטערען די גאנצע מעגליכקייט פון א אידישער פאלעסטינע, און סיי פון אונזערע „פריינד״, וועלכע ערלויבען אונז יא צו האבען א שטיקעל דריסת הרגל אין ארץ ישראל, נור טאקי ניט מעהר ווי דאס!

דער איינציגער פאקט, וואס משיח וועט בעווייזען צו מאכען פון ארץ ישראל אן עכטע אידישע מדינה, ווי ענגלאנד איז ענגליש, וועט שוין גענוג זיין צו בעקומען פאר איהם אנערקענונג ביי דער גאנצער וועלט, און דער ציוניזם האט

ארויפגעבראכט די אידישע פראגע אויף דער טאגעס־ארדנונג פון דער וועלט, און ער האט בעוויזען ווי אונמעגליך עס איז אזא זאך; ווי די גאנצע וועלט שטערט אונז אין דעם; דער ציוניזם האט כלל וכלל ניט פעראייניגט דאס אידישע פאלק, אבער ער האט פעראייניגט די אראבער, די קאטאליקען און די אלע אנטי־סעמיטען, אז זיי זאלען ארויס אין אן אפענעם קאמפף געגען אידען און בכדי משיח זאל זיי אלעמען שפעטער בעזייטיגען און בעזיעגען און דערמיט מקדש השם זיין.

אויסער דעם האט דער ציוניזם געשאפען א פאלשטענדיגען ליסט פון אלע אפאזיציאנעלע קרעפטען סיי ביי אידען און סיי ביי אנדערע פעלקער, וואס דאס איז העכסט נויטווענדיג פאר משיח'ן צו האבען שווארץ אויף ווייס ווען ער וועט איה"ש אין גיכען אנקומען.

ווען משיח זאל געווען קומען איידער די באלפור־דעקלאראציע איז געגעבען געווארען און איידער דער ציוניזם איז געבארען געווארען, וואלט ער זיכער אויפגענומען ווערען מיט אפענע ארעמס און מיט א „יחי המלך!" פון אלע שונאי ישראל און פון אלע אידישע כופרים בעיקר; די אומות העולם וואלטען דאן געקענט זאגען, אז זיי זענען העכסט צופריעדען וואס דער איד בעקומט ענדליך צוריק זיין היים און זיי זענען בערייט מיטצוהעלפען מיט אלעס מעגליכעס; די אראבער פון ארץ ישראל וואלטען אויך ארויסקומען אנטקעגען משיח'ן מיט געזאנג און טענץ און איהם לאזען וויסען, אז זיי פיהלען זיך גליקלאך, וואס זייערע ברידער, די אידען, קומען צוריק אהיים און ווילען איצט לעבען צוזאמען ווי איין משפחה מיט זיי, די אראבער, וועלכע האבען זיך פשוט אויסגעקוקט די אויגען, אז די פערלארענע אידען זאלען שוין צוריק קומען און אויפלעבען דעם גאנצען אריענט. דאס זעלבע וואלטען אויך טהון די אידישע כופרים און אונזערע אסימילאטארען מכל המינים. זיי וואלטען קומען צו משיח'ן מיט א פרעהליכען פנים און פאר איהם מודה זיין, אז זיי האבען טאקי ניט געגלויבט אין משיח'ן, אבער אין הארצען האבען זיי געוואונשען, אז הלואי קומט ער און הלואי ווערען אידען אויסגעלייזט פון גלות און איצט פרעהט זיי מי יודע ווי, וואס ער, משיח, איז טאקי געקומען און זיי ווערען בעלי תשובה מיט א פרעהליכען גליקליכען הארצען.

און משיח וואלט דאס אלעס הערען; די שקרים וואלטען איהם עקלען, אבער אויפצייגען זיי פאר אלעמען וואלט ער ניט קענען; ער וואלט נאך גאר מוזען מאכען קאנצעסיעס צו די אלע דערמאהנטע שונאי ישראל פון אויסוועניג און פון אינוועניג, ווייל אויב ניט, וואלט עס אויסקוקען, אז ער אליין איז ניט אין גאנצען פאר אמת'ער גערעכטיגקייט.

איצט אבער, ווען דער ציוניזם האט גערופען אלע אידען צו ארבייטען פאר ארץ ישראל און ווען די באלפור־דעקלאראציע האט דאס זעלבע געדארפט טהון צווישען די אומות העולם, האט די גאנצע וועלט ארויסגעלעגט די אפענע קארטען אויף'ן טיש, און מען ווייסט ריכטיג ווער איז ווער און וואס איז וואס; איצט ווייסט מען וועלכער איד עס האט בעקעמפפט דעם ציוניזם, ווייל דאס איז פאר איהם געווען ניט גענוג משיח־מעסיג און ווער עס האט איהם בעקעמפפט, ווייל דאס איז פאר איהם געווען צופיעל משיח־מעסיג; מען ווייסט אויך ווי מאנכע אומות העולם האבען דירעקט אינטריגירט געגען ארץ ישראל; מען ווייסט אויך מיט וועלכען „ברידערליכען" געפיהל די אראבער האבען אונז בעגעגענט; איצט איז אלעס פערשריבען אויף'ן רעקארד שווארץ אויף ווייס און ווען משיח וועט קומען, וועט ער קענען האנדלען מיט יעדען איינעם לויט זיין פערדיענסט און די גאנצע וועלט וועט מוזען צוגעבען, אז ער האנדעלט מיט גערעכטיגקייט.

> זכו עם ענני שמיא, לא זכו עני ורוכב על החמור.

דער ציוניסטישער פערדיענסט אויף דער אידישער גאס ווערט זעהר שעהן בעצייכענט אין דעם געבראכטען תלמודישען מאמר „אויב זיי וועלען זוכה זיין, וועט משיח ארונטערקומען אויף א הימלישען וואלקען און אויב זיי וועלען ניט זוכה זיין וועט ער קומען אלס ארימאן רייטענדיג אויף אן עזעל!"

מיר וועלען דאס ערקלעהרען מיט א ביישפיעל.

אין דער טעגליכער פרעסע פון ניו יארק איז אמאל געווען בעשריבען די פאלגענדע פאסירונג: א רוסישער עלטערער איד איז פלוצלונג און אונערווארטעט אנגעקומען קיין אמעריקע, וואו ער האט געהאט א פינף אדער זעקס ערוואקסענע פערהייראטע זיהן און טעכטער. ער האט זיי ערקלעהרט, אז ער איז אויף דער עלטער געבליבען עלענד און אהן פרנסה, האט ער קיין אנדער אויסוועג ניט געהאט ווי נור צו פערקויפען דאס ביסעל בעלי־ביתישקייט אויף הוצאות הדרך און קומען צו זיי, צו די קינדער.

צום האפען פאר באגעגענען דעם טאטען, זענען א פאאר קינדער געקומען און די איבעריגע ניט; ביים ערשטען מיטינג פון דער פאמיליע וועגען דער פראגע וואס צו טהון מיט'ן טאטען, האבען איינינע געזאגט, אז מען דארף איהם אנדינגען ערגעץ קעסט און יעדער איינער זאל דערויף געבען א פאאר סענט צושטייער און א פאאר האבען זיך דערפון ענטזאגט, ערקלעהרענדיג, אז דער טאטע האט קיין רעכט ניט געהאט צו קומען ניט־אנגעפרעגטערהייד און זאל ער איצט טהון וואס ער וויל.

מיט איין ווארט, עס איז דעם אלטען נעבאך געווען פינסטער און ביטער צו זעהן און צו הערען ווי ביליג ער איז ביי זיינע אייגענע קינדער און ער האט זיך אנגעליטען ביי זיי גענוג צרות, בזיונות און עגמת נפש, ביז ער האט ריכטיג אויסגעפונען ווי ווייט פערדארבען יעדער קינד זיינער איז, ווער פון זיי עס וויל איהם העלפען און קען טאקי ניט און ווער עס קען און וויל ניט. ענדליך האט ער זיי פערטרויעט דעם סוד, אז ער האט מיט זיך געבראכט אין אמעריקע ארום א פופציג טויזענד דאלער קעש, נור ער האט זיך אומישנע פערשטעלט פאר אן ארימאן, כדי צו אויסגעפינען ווער זיינע קינדער זענען.

דאס זעלבע איז מיט'ן כביכול און מיט זיין גאולה. ווען ער זאל וויסען, אז די אידען און די וועלט זענען „זכו", אז זיי אלע זענען טאקי פיינע מענשען, ווילען באמת די עטאבלירונג פון א אידישער היימלאנד אין ארץ ישראל, נור ס'איז פאר זיי אונמעגליך מיט אייגענע כחות דורכצופיהרען, וואלט ער ארונטערגעשיקט זיין משיח רייטענדיג אויף די וואלקענס אין פולען פראכט און גלאנץ; דער רבוש"ע וואלט גלייך ארויסגעציינט זיין רייכטהום און קומען ווי א רייכער טאטע דארף באמת קומען צו קינדער. ווען דער כביכול ווייסט אבער, אז „לא זכו": ער ווייסט, אז דער פאבסט איז געגנעריש צו א אידישער היימלאנד, פראנקרייך וויל ניט, איטאליען ברעקעלט זיך, די אראבער זענען גרייט אויסצוקוילען די אידען, און די אידישע רייכע באנקירען, רעפארמער, גנאסען און סתם כופרים בעיקר, זענען גאר אין כעס למאי מען דערמאהנט דעם נאמען ארץ ישראל, האט ער די גאולה אהער ארונטערגעלאזען אלס „עני ורוכב על החמור", ער האט אנגעטהון אויף איהר דעם שוואכען, ארימען און האלב־צוריסענעם ציוניסטען־מאנטעל און זי פערדעלט אין דעם ארום צווישען זיינע קינדער און לאנדסלייט, פאזירענדיג אלס נעבאך הילפלאזער ארימאן און אויסגעפינענדיג דערביי ווער איז באמת ווער. נור שפעטער, ווען מען וועט שוין האבען אלעם אויסגעפונען און פערצייכענט שווארץ אויף ווייס, וועט ער ארונטערווארפען פון איהר די שמאטעס און ארייינשיקען דעם אמת'ן משיח, וועלכער וועט זאגען צו דער וועלט, „אט איז מיין רייכטהום! איך האב כך וכך, איך פערמאג אזא און אזא קראפט, איך קען אויספיהרען אין איין מאמענט, אז ארץ ישראל זאל אפגעלעדיגט ווערען פון אלע ניט־אידען, אז די וועלט זאל דעם אידישען פאלק נאך בעצאהלען שאדענערזאץ און איצט קומט אלע אהער און ציינט מיר אייערע תביעות ווארום איך זאל דאס ניט טהון! ציינט מיר צוליעב וועלכע מעשים טובים איך זאל אייך געבען א חלק אין דער גרויסער ירושה, וואס איך האב געבראכט מיט זיך!"

און צו די אידען גופא וועט ער זאגען: „קינדערלאך, איצט ווייס איך ריכטיג ווער איהר זענט. אט דער איד איז א זעהר פרומער, פון די שלומי אמוני ישראל, ער האט דעם ציוניזם ניט אנערקענט אלס טאטען און געווארט אויף מיר מיט א הארץ פול טרויער און גלויבען, אז ענדליך וועל איך קומען; איהם האט זאגאר געקרענקט צו זעהען ווי אנדערע פאראדירען אין מיין נאמען, איז דאך זעלבסטפערשטענדליך, אז ער איז א טהייערער איד, א טרייער זוהן און ער פערדיענט די בעסטע טהייל ירושה, די שענסטע פאלאצען אין ירושלים גופא, נאהענט צו מיר און צום געטליכען בית המקדש.

אַט דיעזער איד איז אַ מזרחי; ער האָט אויך ניט געוואָלט אַנערקענען דעם ציוניזם סתם אַזוי, נור געפאָדערט סמנים, געוואָלט, אז דער ציוניזם זאָל אַרויס־ציִיגען רעספעקט צו דער תורה, איז ער אויך אַ טהייער קינד ביי מיר און איך האָב צו איהם קיין טענות ניט. זאָל ער זיין נאָהענט ביי מיין רעכטער האַנד, די גנות ופרדסים פון דער ירושלים׳ער סביבה דאַרפען בעלאַנגען צו איהם, כדי ער זאָל זיך געפינען נאָהענט צו דעם מקום התורה והמקדש, פאַר וועלכע ער האָט אַזוי ערנסט און אויפריכטיג געקעמפט און געוועהטאָגט.

אַט איז אַ איד אַ ציוניסט. צו דער תורה איז ער געווען קאַלטליך, אָבער בויען ארץ ישראל האָט ער געוואָלט מיט׳ן גאַנצען הארצען; ער האָט געשטיצט די ציוניסטישע בעוועגונג, די אַלע ארץ ישראל־פאָנדס, געקויפט שערס, שקלים און געגעבען מעשר פאַר בנין הארץ, איז ער אויך א טרייער זוהן, כאָטש אַביסעלע אַ פערביסענער; ער דאַרף קריגען די פעטע פעלדער פון יהודה און גליל, לעבען רוהיג און צופריעדען „איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו״ און קומען דריי מאָל אַ יאָהר קיין ירושלים, ווייל צופיעל ליעב האָבען די קדושה האָט ער דאָך קיינמאָל ניט, וועט דאָס פאַר איהם גענוג זיין.

אָט איז א איד אַ פועלי־ציוניסט, ער האָט אויך געוואָלט ארץ ישראל, נור אויסדריקליך אַ נייע ארץ ישראל מיט א נייער תורה; ער האָט געוואָלט האָבען אַן ארבייטער־לאַנד, די קדושה און די תורה האָט ער גענצליך ארויסגעלאָזט פון זיין חשבון, אָבער ער איז פאָרט געבליבען אַ איד, וועל איך איהם געבען פעלדער און וועלדער, בערג און טהאָלען, מינען און זאַלץ גריבער אין אַלע לענדער אַרום ארץ ישראל, אין סיריען, אין מעסאָפּאָטאַמיען, אין דעם לבנון און אין דעם נגב; ער וועט דאָרטען לעבען גליקלאַך און צופריעדען און טאָמער וועט זיך איהם דאָס האַרץ פערבענקען נאָך דער קדושה און דער תורה פון ירושלים, וועט ער מוחל זיין קומען פון ווייט, זיך לאָזען קאָסטען הוצאות און טורח הדרך און עס אַרט מיך ניט, אַז ער וועט קומען איין מאָל אין א יאָהר, כאָטש ער וועט ביי מיר אימער זיין אַן אָנגעלעגטער גאַסט סיי ווי סיי.

אָט זענען אידען געגאָסען, כופרים בעיקר, שונאים פון א אידישער היימ־לאַנד, ביטערע בעעקמפפער פון ציוניזם, זיי קומט אַבסאָלוט גאָרניט; אין ארץ ישראל האָבען זיי ניט קיין חלק ונחלה, זיי האָבען זיך דערפון אליין ענטזאָגט, אָבער „ישראל אף על פי שחטא, ישראל הוא״, אידען זענען זיי פאָרט, קענען זיי איצט פאַרטרעטען די אידישע אינטערעסען אין די גלות לענדער: ווערען דאָרטען די אַגענטען פאַר דעם ארץ ישראל׳דיגען עקספּאָרט און אימפּאָרט; לערנען דאָר־טען מיט די אומות העולם, שפּיעלען ביי זיי אַ שטיקעל ראָליע און איין מאָל אין לעבען קומען זעהען ירושלים אויך; זיי קענען אָבער ווערען בעלי תשובה און בּיסלאַכווייז אַרויפאַרבייטען זיך און דאַן וועלען זייערע קינדער און קינדס־קינדער שוין קענען ווערען ריכטיגע ארץ ישראל בירגער.

נאַטירליך מיינט דאָס ניט, אַז משיח וועט טאַקי אזוי זאָגען, אַז ער וועט אַזוי האַנדלען און אזוי מאַכען די חלוקה, נור דאָס איז בלויז בדרך משל, אום צו ציִיגען אומגעפעהר ווי אַזוי ער וועט קענען האַנדלען מיט אַלעמען, לויט יעדען איינעם׳ס פאַרדיענסטען, נאָכדעם ווי איצט ווייסט מען שוין וועגען יעדען אידען און וועגען יעדען פאָלק וואָס און ווער זיי זענען.

דער ציוניזם איז אַלזאָ געקומען אַלס פּרוביר־שטיין דורך וועלכען עס האָבען זיך זעלבּסט אויסגעסאָרטירט אַלע קלאַסען אידען און אַלע פעלקער; דער ציוניזם האָט דערנעהנטערט די נאָהענטע און דערווייטערט די ווייטע און דערמיט אויס־געברוקירט דעם בעסטען וועג פאַר משיח׳ן, פאָרבערייטעט פאַר איהם א גרויסע טהייל פון זיין אַרבייט; איצט ווען ער וועט איה״ש קומען, וועט איהם קיינער ניט קענען אָפּנאַרען, ווייל דער רעקאָרד פון יעדען אידען און פון יעדער ניט־אי־דישער אומה איז שוין פאַרשריבען געוואָרען מיט אַזאַ אייביגען כתב, וועלכער קען ניט אָפּגעמעקט ווערען...

אַגיטירען געגען דעם ציוניזם, איז דעריבער ניט כדאי, מען דאַרף דערויף קוקען ווי אויף א פאַרזוך פון בנין הארץ, אָבער וואָס מען איז מחוייב צו באַ־קעמפען אין דעם ציוניזם, איז זיין גאולה־אינהאַלט און דעם חלול הקודש וועלכען ער פראַקטיצירט אויף געוויסע אופנים; ריכטיגער געזאָגט, איז דער ציוניזם כשר בלויז אַלס פּאָליטישע באַוועגונג, און אַלס אַגענטור פאַר ברענגען אידען נאָך

ארץ ישראל און זיי באַזאָרגען מיט ערד אָדער מיט אַנדערע פּרנסות, אָבער אַזוי שנעל ווי ער פאַרנעהמט זיך מיט קינדער־ערציהונג און מיט אַנדערע עהנליכע זאַכען, וועלכע ריהרען אָן אונזער תורה און אונזער אמונה, טרעט ער איבער זיין באַשטימטען צוועק און מוז אין דעם ביטער באַקעמפט ווערען, ווייל דערצו איז ער ניט פּאַסיג און אויף דיעזען געביעט איז ער געפעהרליך צוליעב דעם פאַקט וואָס ער ווערט דירעקטירט פון פרייגעזאַנענע און אָפט זאָגאַר פון פאַלשטענדיגע אַטהעאיסטען.

יעדענפאַלס זענען דער ציוניזם און די באַלפור־דעקלאַראַציע שטאַרקע באַווייזע אויף די ימות המשיח, ווייל זיי זענען נויטווענדיג נור אין דער ערב־משיח'ס־צייט און נור פאַר דעם אויבענדערמאָהנטען צוועק, אָבער ניט אַלס דירעקטע גאולה־ברענגער, ווייל פאַר דער גאולה זעלבסט האָבען זיי גאַרנישט אויפגעטהון, קענען ניט אויפטהון און די אַנפיהרער דערפון האָבען ניט דעם גרויסען זכות צו אייפטהון עטוואָס פאַר דער גאולה, זיי זענען בלויז די דיענער וועלכע האָבען פאַרבאַרייטעט די אינסטרומענטען, מיט וועלכע דער אמת'ער פּראָפעסאָר וועט זיך שפּעטער באַנוצען פאַר מאַכען די גרויסע אָפּעראַציע!

דער אונטערגאַנג פון דער ציוויליזאַציע.

נאָך אַ סמן אויף דער מיינונג אַז מיר לעבען איצט אין דער צייט פון דער אתחלתא דגאולה, איז דער גרויסער חורבן פון דער ציוויליזאַציע און די דראָהענדע געפאַהר פון אַ נייער וועלט־קריעג.

די איצטיגע ציוויליזאַציע ליגט שוין אין חורבות און איז אַרום און אַרום באַנקראָט, עקאָנאָמיש, פּאָליטיש און מאָראַליש. עס צייגט זיך אַרויס, אַז די הויכע וויסענשאַפט מיט אַלע נייע ענטדעקונגען, זענען בלויז די מיטלען פאַר ברענגען דעם חורבן שנעלער; די ציוויליזאַציע האָט אויף אַ האָאָר ניט אויסגעעדעלט דעם מענשליכען כאַראַקטער; זי האָט ניט פאַרניכטעט די חיה אין דעם מענשען, זי האָט איהם בלויז באַזאָרגט מיט שטאַרקערע צייהנער צו קענען בייסען בעסער און רייסען בעסער.

איידער עס האָט אויסגעבראָכען די וועלט־קריעג פון 1914, האָט עס אויסגעקוקט, אַז די ציוויליזאַציע איז געקומען צו פאַרבלייבען שטעהן און פּיעלע האָבען זאָגאַר גערעכענט, אַז אַ מלחמה איז אונמעגליך, ווייל די מאָדערנע מאָרד־אינסטרומענטען זענען אַזעלכע שרעקליכע, דאָס קיין שום רעגיערונג וועט ניט וואַגען צו באַנוצען זיך דערמיט, אָבער די מלחמה האָט יאָ אויסגעבראָכען און מען האָט בשעת דער מלחמה אויסגעפונען נאָך שרעקליכערע מאָרד־אינסטרומענטען און מען האָט זיי באַנוצט אָהן דער קלענסטער ריקזיכט, מען האָט נאָך געהאַט פאַרדרוס, למאי עס פעהלען אויס נאָך מעהר־געפעהרליכע מאָרד־וואָפען און דער סוף איז געווען, אַז אין דער מלחמה זענען פאַרניכטעט געוואָרען ביז פופציג מיליאָן מענשען; עס איז אונטערגעגאַנגען די פרייהייט, צובראָכען געוואָרען די מאָראַל, אָפּגעווישט געוואָרען דער רחמנות־געפיהל, געשטאָרבען די דעמאָקראַטיע און פון דעם אַלעמען, איז געקומען דער ערגסטער חורבן פאַר דער ציוויליזאַציע, אַזוי אַז איצט איז קלאָהר פאַר יעדען איינעם, דאָס זי געהט אונטער אפילו ווען קיין צווייטע וועלט־קריעג זאָל ניט אויסברעכען, ובפרט נאָך אַז אַ נייע וועלט־קריעג איז אויך ניט אויסגעשלאָסען.

מיר זעהען אויך, אַז אין דעם חורבן העולם, זענען צוערשט געפאַלען די צוויי גרעסטע מדינות, וועלכע זענען געוועזן דער נעסט פון אַנטיסעמיטיזם — רוסלאַנד און דייטשלאַנד, און וועלכע זענען אימער געווען די הויפּט־געגנער פון אַ אידישער היימלאַנד אין ארץ ישראל.

מיט דעם פאַלען פון דיעזע צוויי מדינות, איז מערב־אייראָפּע געוואָרען פּיעל שוואַכער, וועהרענד דער אָריענט האַלט אין ווערען שטאַרקער און ער וועט זיך באַלד קענען פאַרמעסטען מיט'ן מערב, נאָך וואָס ער גאַרט און שטרעבט אגב אורחא.

און ווען מען דערמאָנט זיך, אַז אונזער משיח־ליטעראַטור האָט דאָס אַלעס פאַראויסגעזאָגט, און כמעט מיט אַ צעהן־צוועלף יאָהר צוריק האָט דאָס אויסגעקוקט משוגע און אונגלויבליך, איז דאָס איצט אַ פערווירקליכטער פאַקט, מוז מען אַנ־

פאנגען גלויבען אז די ימות המשיח זענען גראדע איצט און אז מיר לעבען ערב דער גאולה שלמה.

די ציוויליזאציע איז געווען דער איינציגער קאנקורענט צו אונזער אידישער תורה; די מעהרסטע מענשען פון דער גאנצער וועלט האבען געגלויבט, אז די ציוויליזאציע האט בטל געמאכט און דערשלונגען די אלטע אידישע ירושה, אבער אויך דיעזער איינציגער קאנקורענט אונזערער, וואלגערט זיך איצט אין שטויב א דער׳הרג׳עטער און געשענדעטער, וועהרענד די אידישע תורה איז נאך שטארקער געווארען דערפון, ווייל זי האט טאקי אליין פאראויסגעזאגט דעם אונטערגאנג פון דער ציוויליזאציע.

אנדערע צייכענס אויף דעם באחרית הימים.

עס זענען פאראן איצט פיעלע אנדערע היסטארישע צייכענס וואס דייטען אן זעהר שארף, אז מיר אידען האלטען ביים ערלעזט ווערען פון אונזער גלות און ביים צוריק אויפלעבען אלס א זעלבסט־שטענדיגע נאציאן, אבער איינער פון די וויכטיגסטע און שארפסטע צייכענס, אויב ניט דער וויכטיגסטער, איז די אידישע גרופירונג אין סאסייעטעס, לאדזשעס, פאראיינען, יוניאנס און אזוי ווייטער, א גרופירונג וואס געהט אן כסדר פאר די לעצטע פאאר צעהנדליג יאהר און וועלכע איז אין די פריהערדיגע דורות ניט געווען במציאות אויף דער אידישער גאס. אין יענע אלע יאהרען פון אונזער גלות, האבען אידען בלויז געהאט בשותפות׳דיגע שוהלען און צדקה־חברות. אויסער דעם, זענען זיי ניט געווען פאראייניגט אין קיין שום זאך. דאס גאנצע יודענטהום האט געטראגען אויסערליך איין כאראקטער איבעראל, געווען פון איין פארב, אדער ווי מען זאגט אין העברעאיש מעור אחד.

אינערליך זענען אין אלע צייטען געווען ביי אונז אידען מיט פארשיעדענע שטרעמונגען און שטרעבונגען, אבער די אנהענגער פון יעדער שטרעמונג זענען צווישען זיך ניט געווען פאראייניגט, יעדער איד האט זיך געלעבט ביחידות אין זיין אייגענער וועלטעלע, כאטש אלע צוזאמען האבען זיי באלאנגט צו איין קהלה וועלכע איז געווען די אפיציעלע פארטרעטערין פון זיי אלעמען.

אין די לעצטע צוואנציג יאהר האט זיך אבער אנגעפאנגען די גרופירונג. דא אין אמעריקא ווי אויך אין איראפא האבען זיך געגרינדעט פיעלע באזונדערע כתות און פארטייען, אזוי אז איצט איז כמעט אונמעגליך צו געפינען א אידען וואס זאל ניט באלאנגען צו א געוויסען „איזמוס״ אנפאנגענדיג פון די ארטהאדאקסען, און ביז די אנארכיסטען.

פערזאנען פון איין אידעאל און איין ארט דענקען האבען זיך גענומען דערנעהנטערען איינע צו די אנדערע; יעדע אידישע קהלה האט זיך אלזא צוטהיילט אויף פיעלע פראקציעס מיט באוואוסטזיניגע צוועקען און פאדערונגען; די קהלה איז שוין ניט די פארטרעטערין פון דער גאנצער אידישער באפעלקערונג, זי קען אין אלעמענס נאמען ניט ריידען און ניט האנדלען, און ווען זי דארף עטוואס דורכפיהרען פאר׳ן כלל, קען זי שוין ניט פארופען אן אסיפה פון פראמינענטע בעלי בתים, ווי דער מנהג פלעגט זיין אמאל, נור זי מוז פאררופען די פארשטעהער פון אלע פראקציעס און פארטייען און דאן ערשט דארף עס קומען צו קאמפראמיסען, טאמער קומט עס ניט און די פארטייען פארבלייבען צופיעל איינגע׳עקשנט, בלייבט די קהלה מאכטלאז און קען זיך פון ארט ניט ריהרען.

עס שיינט דעריבער, דאס ווען דער נביא יחזקאל האט געמאהלען זיין פאנטאסטישע צוקונפטס־בילד וועגען די עצמות היבשות וואס וועלען זיך פלוצלונג נעהמען דערנעהנטערען איינע צו די אנדערע און אויפכאפען זיך אלס לעבעריגע מענשען, האט ער עס געזעהען דעם איצטיגען דור מיט אונזער גרופירונג.

יענע בילד וואס ער מאהלט פאר אונז איז פיליכט די שעהנסטע און שטארקסטע מענשליכע זעהונג וואס איז ווען אויסגעדריקט געווארען פון אימיצען איןווארט אדער בילד און זי ווערט נאך איצט מאיעסטעטישער דערמיט וואס זי פאנגט אן צו ווערען א ווירקליכקייט

זענען מיר אידען דען ניט געווען ווי יענע טרוקענע ביינער אין דעם טהאל, צעווארפען איבער דעם ערד־קוגעל אלס איינצעלנע אפגעריסענע גליעדער פון א געוועזענעם קערפער?

און איז דען ניט די יעצטיגע גרופירונג אונזערע אזוי עהנליך צו יענער גרופירונג פון די פארטריקענטע ביינער, ווי דער נביא שטעלט עס אונז פאר?

צוערשט דערנעהנטערען זיך ביי אונז די עצמות היבשות, דאס זענען די יוניאנס, לאדזשען, ארדענס און סיק־בענעפיטס, וועלכע זענען זעהר טרוקען און האבען מאטעריאליסטישע צוועקען אין זינען. דאן נעהמט זיך אנציהען אויף זיי א נעץ פון אדערען, דאס איז ווען זיי נעהמען אן א געוויסע שטעלונג צו וועלט־אידעאלען. דאן ציהט זיך אן א הויט אויף זיי, דאס איז ווען זיי פאראינטערעסירען זיך אין ספעציעל־אידישע פראגען ווי נאציאנאליזם, שפראכען־פראגען, ערציהונג אדער ערלייכטערונג אין גלות דורך אויסקעמפען גלייכע בירגער־רעכטע. צולעצט קומט עפעס וואס באלעבט די צוזאמענגעשטעלטע קערפערס וועלכעס קען מיינען די נאציאנאל־געזאנענע פראקציעס, די פאדערונג פון א טעריטאריע פאר אידען אדער פאלעסטינא אלס היים פאר אונז.

מיר האבען ערשט איצט אליין געזעהן ווי גרופען ארבייטער וועלכע האבען זיך צוערשט גרופירט פאר ריין עקאנאמישע צוועקען, זענען ביסלעכוויז געווארען נאציאנאליסטען און שפעטער גאנצע ציוניסטען, וועלכע שטעלען איצט א פאדערונג צו דער וועלט מען זאל פאלעסטינא אפגעבען פאר אידען.

איז עס דען ניט נאטור־טריי, ווי יחזקאל הנביא׳ס בילד, אז צוערשט דערנעהנטערען זיך די טרוקענע ביינער איינע צו די אנדערע, נאכהער קומען די אדערען, נאכהער די הויט, נאכהער ווערט א נשמה אריינגעבלאזען אין די טויטע גופים.

אין דער אידישער גרופירונג קען מען אלזא זעהען יענעם באחרית הימים וואס דער גרויסער נביא האט אזוי וואונדערבאר פאעטיש געמאהלען מיט טויזענדער יאהרען צוריק, מיר גרופירען זיך, מיר שליסען זיך אן איינע אן די אנדערע, מיר שטעלען צוזאמען גאנצע קערפערס, צוערשט זענען מיר נאך אלץ טרוקענע ביינער, שפעטער ווערען מיר ריכטיגע גופים מיט אדערען, פלייש און א הויט אויף זיך און ענדליך קומט אויך אריין די נשמה אין אונז.

און אויב מיר האלטען שוין ווירקליך ביי דעם גליקליכען באחרית הימים, מיינט עס אז מיר וועלען קירצליך אין גאנצען אויפלעבען, אלע צוזאמען אויפלעבען און ווידער א לעבעדיגע נאציאן ווערען.

פיעלע דענקען, אז ווייל די אידען האבען אזוי פיעל פארשיעדענע מיינונגען צווישען זיך און אזוי פיעל מחלוקת און רייסערייען, וועלען זיי דעריבער ניט קענען לעבען גוט אלס פאראייניגטער גאנצער פאלק. דער אמת איז אבער, דאס אונזערע רייסערייען זענען דוקא אונזער מעלה און זיי צייגען גראדע ווי גרויס עס איז די צוגעבונדענקייט פון יעדען אידען צו זיין פאלק.

עס ווערט דערצעהלט א וויץ אז א פאאר פאלק וועלכע האט זיך אימער ארומגעקריעגט צווישען זיך, איז אמאל געטאדעלט געווארען פון א פריינד און יענער פריינד האט זיי אנגעצייגט אויף א קאץ מיט א הונד וואס זענען ביידע געלעגען אונטער׳ן טיש און ביידע רוהיג געדרעמעלט.

— שעהמט זיך, — האט ער צו זיי געזאגט, — אפילו אייער קאץ מיט׳ן הונד לעבען בשלום, וועהרענד איהר, זייערע בעלי בתים, רייסט זיך ארום טאג ווי נאכט! —

אויף דעם האט איהם געענטפערט איינער פון דער פארעל, דאס ווען ער זאל די קאץ מיט דעם הונד צוזאמענבינדען, וואלטען זיי זיך נאך ערגער ארומגעריסען.

דאס זעלבע איז וועגען אידען און אנדערע פעלקער.

די מיטגליעדער פון יעדער נאציאן זענען ניט אזוי ענג פארבונדען צווישען זיך ווי די אידען. ביי זיי גריסט מען זיך מיט א גוט־מארגען, מען רעדט א פאאר ווערטער וועגען וועטער אדער ספארט און גענוג, זייערע אלגעמיינע אינטערעסען ווערען באזארגט פון דער רעגיערונג און קיינעם ארט ניט אויב יענער האט אנדערע מיינונגען וועגען געוויסע זאכען. ביי אידען זענען אבער אלע מיטגליעדער ווי איין גוף מיט איין נשמה; זיי זענען ענג פארבונדען איינע מיט די אנדערע און דעריבער רייסען זיי זיך אזוי שטארק ארום.

ביי אונז אידען, ווען איינער גלויבט דאס זיין אידעאל קען ראטעווען דאס פאלק, וויל ער אלעמען באגליקען דערמיט. ער צורייסט זיך דעם גארגעל שריי־

ענדיג, דאָס זיין אידעאַל איז דער בעסטער, עס געהט איהם פשוט אין לעבען, אַז אַלע אידען זאָלען אַנערקענען זיין אידעאַל, און ווילען זיי ניט איינעהמען די מעדיצין וואָס ער גיט זיי, איז ער בערייט אַריינצוגיסען עס מיט גוואַלד אין זייערע העלזער, ווייל ער גלויבט אַז דאָס וועט זיי רעטען, און ער איז בלוטיג פאַראינטערעסירט אַז זיי זאָלען למען השם גערעטעט ווערען.

עס זאָל אָבער קומען צו אַזאַ פונקט, וואו מיר אַלע זאָלען האָבען די זעלבע מיינונג, וואָלט אונזער אַרומרייסעניש אויפהערען, דאָס הייסט, אַז ווען אַלע טרו־קענע ביינער וועלען עררייכען די לעצטע שטופע, ווען דער גאַנצער עולם וועט שוין האָבען דעם לעבענס־גייסט אַריינגעבלאָזען אין זיך, וועט דער יעצטיגער חסרון, דאָס אַרומרייסען זיך, פאַרשווינדען און בלייבען וועט דוקא די מעלה פון אונזער צוגעבונדענקייט איינער צום צווייטען.

עס איז גענוג צו באַטראַכטען וואָס פאַר אַן אחדות עס הערשט צווישען יעדער אידישער קאָלאָניע אין פאַלעסטינאַ און ווי ווייט דער ערפאָלג איז דאַר־טען געוואַקסען, אום צו איינזעהן ווי ריכטיג עס איז דער פאַקט דאָס אידען מיט איין אידעאַל טהוען אויך פיעל מעהר ווי אַנדערע פעלקער וואָלטען קענען אויפ־טהון אונטער די זעלבע אומשטענדען, אַלעס וואָס עס פאָדערט זיך ביי אונז, איז בלויז אַז מיר זאָלען אַלע באַגייסטערט זיין פאַר איין און דעם זעלבען אידעאַל און דיעזעס וועט לייכט עררייכט ווערען, ווען יעדע אידישע גרופּע וועט דורכ־מאַכען אַלע פעריאָדען פון דער עצמות־היבשות־אויפלעבונג.

אין דער אידישער גרופּירונג זעהען זיך דעריבער די צייכענס פון דעם באחרית הימים. יעדע נייע אָדער אַלטע אידישע גרופּירונג איז אַ שריט נעהענ־טער צו אונזער אַלגעמיינער אויפלעבונג, מעג אפילו אַ געוויסע גרופּע, אין אַנ־פאַנג פון איהר עקזיסטענץ, זיין אַ דירעקטע אָדער אונדירעקטע שטערונג צו אונ־זער אויפלעבונג אַלס פאָלק.

זיי וועלען אַלע קומען נעהענטער צו דעם אידישען לאַגער און זיך פאַראיי־ניגען מיט איהם, איינינגע פריהער, איינינגע שפּעטער, אָבער קומען וועלען זיי.

דער נביא יחזקאל האָט אונז פאַראויסגעזאָגט, דאָס אַזוי וועט עס זיין און מיר קענען איצט זעהען אַז דאָס וואָס ער האָט געזאָגט איז ריכטיג, זיין גרויסע רייכע נבואה וועגען די עצמות היבשות איז ניט נאָר געווען אַ קונסט־ווערק, נור אויך אַ טיעפער בליק אין דער צוקונפט.

און יענע צוקונפט שיינט צו זיין די געגענוואַרט.

שלום־וואָרט.

פון אַלעס וואָס מיר האָבען ביז איצט ערקלעהרט אין דיע־זען העפט, קומען מיר צום פאָלגענדען סך הכל:

אַז משיח דאַרף קומען און מוז קומען.

אַז די גאַנצע וועלט נויטיגט זיך אין איהם ניט ווייניגער ווי מיר אידען.

אַז ער וועט זיין אַן איינצעלנע פּערזאָן מיט אַן אויסערגעוועהנליכער געט־ליכער קראַפט אין זיך, דורך וועלכער ער וועט קענען באַאיינפלוסען די גאַנצע וועלט און ווערען איהר גייסטיגער פיהרער און באַהערשער.

אַז ער קען ניט זיין אימעצער אַנדערש ווי אַ איד און אַז ער וועט קודם אויסלייזען דאָס אידישע פאָלק פון גלות, צוריק אויפבויען ארץ ישראל אַלס ריין־אידישע מדינה, אויף די פּרינציפּען פון תורה און קדושה, און פון ארץ ישראל וועט לערנען די גאַנצע מענשהייט ווי צו פיהרען זיך, ווי צו לעבען, ווי צו אַנער־קענען אחדות הבורא און ווי צו דיענען גאָט מיט'ן גאַנצען האַרצען, ניט בלויז מיט'ן מויל.

אַז ביז איצט האָט ער ניט געקענט קומען ווייל די צייט איז ניט רייף גע־ווען דאַפיר און ווייל ער וואָלט ניט געקענט פיעל אויפטהון פאַר דער וועלט אונ־טער די פריהעריגע אומשטענדען, וועהרענד די איצטיגע צייט איז דורך און דורך רייף פאַר זיין אָנקומען און מיר האָבען אַ לאָגישען רעכט צו ערוואַרטען איהם יעדען טאָג.

מיר ווייסען בקבלה, אַז משיח דאַרף קומען, מיר פיהלען מיט אונזערע אַלע חושים, אַז סיי מיר אידען און סיי די גאַנצע וועלט נויטיגען זיך איצט אין איהם, און אַצונד צייגען זיך שוין אויך די סמנים פון דער אתחלתא דגאולה, אַז משיח האַלט אין אָנקומען.

איצט מעגען מיר דאריבער ערווארטען משיח'ן יעדען טאג, אדער גרויסע וועלט־פאסירונגען, וועלכע דארפען פארקומען ערב זיין אנקומען, און די פראגע: „מתי תמלוך בציון?" מיט איהר ענטפער „בקרוב בימינו לעולם ועד תשכון", מעגען מיר באטראכטען עפעס מעהר ווי אן איינפאכע מליצה; עס איז ווי שלמה המלך זאגט אין שיר השירים:

„איך הער די שטימע פון מיין פריינד ווי ער קומט־אן; ער שפרינגט איבער די בערג און פעלזען־שפיצען; ער שטעהט שוין הינטער דער וואנד, קוקט אריין דורך די פענסטער און שפאלטען!

לאמיר האפען, אז ער וועט באלד אנקומען!

פון תנ"ך

באחרית הימים נבואות

איבערזעצט פון בר צבי

ישעיה קאפיטעל י"א

און ס'וועט ארויסקומען פון ישי'ס שטאם א צווייג א קליינער;
א רוט פון זיינעווארצלען, וועט ארויסשפראצען, א שעהנער,
און רוהען וועט אויף איהם גאט'ס גייסט און קראפט,
פיעל חכמה און פארשטאנד אין אלעס וואס ער שאפט;
א גייסט פון גבורה און פון גוטען ראטה,
פון וויסענשאפט און פורכט פאר גאט אין יעדער טהאט.
ער וועט באגייסטערט זיין מיט פורכט פאר גאט,
מיט מורא פאר'ן געטליכען געבאט,
און ער וועט משפט'ן ניט־דארפענדיג גאר זעהען,
אויב ס'איז און ווי אזוי די עולה איז געשעהען;
ער וועט באשטראפען ניט באדארפענדיג גאר הערען,
קיין עדות, קיינעמ'ס שווערען.
און דאך וועט ער צו יעדער צייט,
מיט רעכט און יושר אורטהיילען די ארמע־לייט;
פאר אונטערדריקטע, מיט גערעכטיגקייט ענטשיידען,
פארגיטיגען זיי אלע ליידען.
מיט שטראף־רייד פון זיין מויל, וועט ער די וועלט צושלאגען,
די רשעים און טיראנען אויסראטען, פאריאגען,
מיט בלויז אן איינציג בלאז פון זיינע ריינע ליפען.
גערעכטיגקייט וועט זיין ביי איהם דער גארטעל פון די היפען;
אמונה וועט ארומגארטלען ביי איהם די לענדען,
און ער וועט ביידע זאכען פאר דער מענשהייט'ס גליק פארווענדען.
און ס'וועט דער וואלף דאן וואהנען מיט דער שעפס אינאיינעם,
דער טיגער מיט דער ציעג וועל'ן לאגערען ווי ליעבע שכנים,
א קאלב, א יונגער לייב און א געשטאפטעס פיה
וועל'ן פון א קליינעם אינגעל לאזען פיהרען זיך אהן מיה;
א קוה וועט פאשען זיך צוזאמען מיט א בער,
צוזאמען קעלבען זיך, ניט לעבען פיינדליך מעהר,
און אויך דער לייב וועט מילד זיין פונקט אזוי,
ער וועט, ווי רינדער, לעבען בלויז פון עסען שטרוי,

און קליינע קינדער וועלן שפּיעלען זיך מיט שלאַנגען;
אין שלאַנגען־נעסט אַריינשטופּען די הענט, זיי צו דערלאַנגען,
דער זויגלינג וועט די קאָברע־שלאַנגען גלעטען, טאַפּען,
די הענטלאַך אויסשטרעקען, זיי כאַפּען;
אויף גאַר דער וועלט און אויך אויף מיינע בערג די הייליגע,
וועל'ן מעהר ניט זיין קיין גוואַלדטהאַטען אונצעהליגע,
קיין מענש וועט מעהר ניט שלעכטעס טהון און ניט זיין פאַרדאָרבען,
אוים מערדער און אוים קרבן,
ווייל בלויז אויף וויסענשאַפט וועט זיין געשטעלט,
די גאַנצע וועלט,
ווי ס'איז מיט וואַסער צוגעדעקט דער תהום
פון ים און שטראָם.

* * *

אין יענעם טאָג וועט ישי'ס שטאַם, דער צווייג פון צווייגען,
אַלס פאָהן פאַר אַלע פעלקער הויך און העכער שטייגען,
די אַלע וועלטליכע נאַציאָנען,
וועל'ן איהם מיט עהרענפורכט דערמאָהנען:
צו איהם וועל'ן אַלע ווענדען זיך נאָך לעהרע,
זיין וואָהנונגס־פּלאַץ וועט זיין באַדעקט מיט עהרע.

* * *

און עס וועט זיין אין יענעם טאָג, וועט עס אַזוי פּאַסירען,
אַז גאָט וועט ווידער זיינע הענט צופיהרען,
און אויסלייזען די אידען די פאַרטריבענע,
פון איבעראַל וואו ס'וועלען זיין פאַרבליבענע,
ער'ט אויסלייזען דאָס רעשטעל אידען וואָס וועט נאָך פאַרבלייבען,
פון אַלע לענדער רופען זיי און קלייבען,
פון אַלע מדינות אויף דעם אָריענט,
וואָס זענען איצט צו אַלעמען באַקענט,
אַלס אשור, פּתרוס, כוש, מצרים,
און אַנדערע מדינות דאָ אַרום ירושלים,
אויך אַלע אידען סתם,
פון וויטע אינזלען אויף'ן ים.
און ער וועט אויפהויבען אַ פאָהן צו די נאַציאָנען,
אַ שפּאָגעל־נייאינקע, אַן אונבאַקאַנטע צווישען פאָהנען,
און אונטער איהר וועט ער צוזאַמענקלייבען אַלע אידען,
דעם וויט־פאַרשטויסענעם ישראל־פאָלק, דעם גלות־מיעדען;
ער וועט צוזאַמענבערענגען אַלע יהודה'ס קינדער, די צוזייהטע,
פון אַלע עקען וועלט, וואו זיי געפינען זיך צושפּרייטע,
און ס'וועט שוין מעהר ניט זיין ביי זיי קיין דאָבעל־מדינה,
אפרים און יהודה, — ביידע פול מיט קנאה־שנאה;
דאָס צוקינפטיגע אידענטהום וועט מעהר ניט זיין צוריסען,
פון קריעג און שנאת־חנם וועט עס שוין ניט וויסען.
צוזאַמען, זייט ביי זייט, וועל'ן אַלע אידען פליהען,
צום פּלשתים־לאַנד, (צו פּאַלעסטינאַ) מחנות־וויז זיך ציהען;
צוזאַמען וועלען זיי פאַרנעהמען אַלע מזרח לענדערייען,
פון פרעמדע שטאַמען, זייער מאָרגענלאַנד באַפרייען,
נאָך אדום און נאָך מואב אויסשטרעקען די האַנד
און אויסשפּרייטען אויף אַלע זייטען זייער אידיש לאַנד,
און די פאַרבליבענע, די פרעמדע שכנים, דאָ און דאָרט
וועל'ן שטעהן אונטער דעם אידענ'ס איינפלוס, צוהערען זיין וואָרט,
און גאָט וועט אויסטריקענען דאָן דעם ים־צונג פון מצרים,
צו שאַפען פאַר זיין פאָלק אַ וועג אַ פרייעם,

ער'ט אויפשטורמען די וואסערען און זיי צושפאלטען,
אויף קליינע טייכען וואס ענטהאלטען
פון ביידע זייטען צווישען זיך,
א וועג אויף דורכצוגעהן מיט שיך.
יא! גאט וועט מאכען פאר דעם רעשטעל פון זיין אידישער נאציאן,
א וואסער־וועג, אן אויסגעטראטענעם, ווי ער האט דאס אמאל געטהון,
צום זעלבען פאלק, צו זיין ישראל דעם געליעבטען,
ארויספיהרענדיג איהם פון לאנד עגיפטען.

ישעיה קאפיטעל כ״ו, כ״ז.

אין יענעם טאג וועט מען אין לאנד יהודה אימער זינגען, —
אט דיעזער פרעהליכער געזאנג וועט דארטען קלינגען:
ס'איז אונזער שטאדט, די שטארקסטע אין דער וועלט,
גאט'ס הילף האט דא אלס פעסטונג און אלס באטערעע זיך געשטעלט,
צועפענט אלע טהויערען! זאל דא אריין
דאס פאלק וואס איז גערעכט און האט אין גלות־צרות און אין פיין,
געהיט דעם גלויבען אין זיין גאט,
ערפילט דעם הימלישען געבאט.
און דער וואס גלויבט אין גאט און אויף איהם האפט,
דער ווערט געהיט פון איהם, אין רוה און פריעדען אימער שלאפט,
אויף פריעדען איז זיין גאנצע וועלט געבויעט,
ווייל ער אין גאט האט זיך פארטרויעט.
הערט אויס, איהר אלע! האפט אויף גאט ביז אייביג,
אויף איהם פארלאזט זיך און זייט גלויביג!
ווייל נור אויף גאט אליין, פארלאזען זיך, איז קלוג,
ער איז א פעלז אן אייביגער, ביי איהם ניט מעגליך איז באטרוג
דען ער האט איינגעבויגט די יעניגע וואס זיצען אין דער הויך,
די פעסטונג־שטעדט צובלאזען ווי א רויך,
די שטארקסטע פעלקער, זייער גאנצע מאכט,
האט ער דערנידעריגט און ביז צו דר'ערד געבראכט;
זיי זאלען וואלגערען זיך און פון שוואכע זיין צוטראטען,
פון ארימע, געדריקטע — זיין געברענט, געבראטען.
דער וועג פון דעם גערעכטען ציהט זיך גלייך און לאנג,
אה, גאט! ס'איז דו, וואס צייכענסט אן זיין גאנג,
און דעמאלט אויך ווען דו פארשלעפסט אונז אויף דעם וועג פון שטראף,
צו דיר, אה גאט! מיר האפען אהן א סוף.
דיין נאמען און דיין אנדענקען, מיר האלטען טהייער
און ליעבען דיך מיט אונזער גאנצען נשמה־פייער.
אה, גאט! מיין הארץ האט דיך געזוכט און וועגען דיר געטראכט,
אין מיינע פינסטערסטע מאמענטען דא, אין מיטען נאכט,
און אזוי לאנג ווי ד'וועל מיין גייסט אין מיר נאך שפירען,
וועל איך דיך זוכען און מיין האפנונג ניט פארלירען.
דען ווען דו שיקסט דיין שטראף־געריכט ארונטער אויף דער וועלט,
ווער'ן אלע איינוואהנער מיט דעם געפיהל פון עהרליכקייט באזעעלט;
און ווען די גאנצע וועלט פיהלט ביטער, שלעכט,
דאן הויבט זי אן צו טראכטען פון גערעכטיגקייט און רעכט.
ווען די רשעים זאלען אייביג זייער גליק געניסען,
דאן וואלטען זיי פון יושר און פון רעכט ניט וועלען וויסען;
אין לאנד, וואו רעכט דארף שטעהן פון אלעם העכער,
וואלט יעדער רשע בלייבען אייביג א פארברעכער,

ער מוז, ער זאָל אַמאָל דערפיהלען,
גאָט'ס גרויסקייט און גאָט'ן ווילען.

* * *

אָה, גאָט! דיין האַנד ערהאָבען איז און מעכטיג,
דאָך זעהען עס ניט פיעלע און פאַרבלייבען נידערטרעכטיג.
שוין אָבער צייט זיי זאָל'ן עס זעהען און דערפיהלען זייער שאַנד,
באַגרייפען דיך און אויך דיין אייפערזוכט צו דיין נאַציאָן און לאַנד,
שוין צייט דיין צאָרן זאָל א ברענענד פייער ווערען
און דיינע פיינד פאַרברענען און פאַרצעהרען.
אָה, גאָט! פאַר אונז נור, פאַר די אידען,
זאָלסטו באַשטעלען ענדליך פריעדען,
ווייל אויך פאַר אַלע ז י נ ד פאַר אונזערע האָסטו דאָך אונז באַצאָהלט,
און שענקען גנאָדע ניט געוואָלט.
אָה, גאָט, וואָס דו אַליין האָסט איבער אונז געשאַפט,
זעה, פרעמדע האָבען אונז באַהערשט, פאַרשקלאַפט,
און דאָך האָב'ן מיר אויף אַנדערע דיך ניט פאַרביטען,
בלויז דיך, דיין נאָמען, פלעגען מיר דאָ היטען;
פיעל אונטערדריקער, שולדיגע אין אונזער פיין און נויט,
פאַרשוואונדען זענען און אויף אייביג טויזט:
פאַרניכטעט איז שוין דאָ ניט איין נאַציאָן, ניט איין טיראַן,
קיין זכר ניט פאַרבליבען, ניט פאַראַן,
ווייל דו האָסט זיך דערמאָהנט, דיין שטראָף באַוויליגט
און זיי פאַרניכטעט און פאַרטיליגט;
זיי אויסגעראָטען פון דער וועלט ביז איינעם,
ניט איבערלאָזענדיג פון זיי דאָ קיינעם;
האָסט בלויז צוביסלעך צוגעגעבען צו דיין אייגענער נאַציאָן,
בכדי זי זאָל ניט אונטערגעהן ווי יענע, האָסטו דאָס געטהון,
האָסט אָבער צוגעגעבען איהר צוביסלאַך מענשען, זי פאַרמעהרט,
ווייל נור דורך איהר ביזטו געוואָרען איבעראַל באַעהרט,
האָסט זי צושפּרייט מיט דיעזען צוועק,
איבער דער גאַנצער וועלט פון עק צו עק.
אָה, גאָט! זיי האָבען דיך דערמאָהנט אין יעדער נויט,
ביים לעבען און ביים טויזט,
און דיך מיט שטילע תפלות אזוי אָפט,
געבעטען יעדען מאָל ווען דו האָסט זיי באַשטראָפט,
יאָ, אָפט געהערט האָסטו די אידישע געשרייען.
ווי קינפעטאָרינס, וועלכע ליידען גרויסע וועהען
און וועלכע שרייען אין קאָנוואולסיעס אויף'ן העכסטען קול,
אזוי אויך זענען מיר געווען דאָ פיעלע מאָל,
און אַלץ נור צוליעב דיר, אָה גאָט, האָב'ן מיר געליטען,
ווייל מיר האָב'ן דיך אויף קיינעם ניט פאַרביטען.
אָך, יאָ! מיר האָבען דאָ געשוואַנגערט און געוועהטיגט,
אין א געבורט זיך שטאַרק גענויטיגט,
געגאַנגען זעהר שווער צו קינד
און דאָך געבוירען פוסטען ווינד;
קיין ברעקעל ישועה ניט געקענט דערלעבען,
קיין זאַך ערדייכט אין אונזער שטרעבען,
ס'איז ניט ערפילט געוואָרען אונזער קללה
די וועלט-שלינגער זאָל'ן כאַפּען א מפלה.
דאָך גלויבען מיר, אַז אויפלעבען וועל'ן נאָך די טויזטע,
אַז אויפשטעהן וועלען דיינע לעבעדיגע מתים, די צוזייהטע.

* * *

ערוואַכט און זינגט און גיט צו גאָט א לויב,
איהר אַלע, וואַלגערענדע זיך אין שטויב!

זייל ער וועט אייך א טוי פון לעבן
צו ענדע געבן.
די ערד וועט דאן ארויסוואַרפן די מתים איהרע
צום אויפלעבן און זאָגן שירה.
און דאן, אָה, פאָלק מיינס! געה באַהאַלט זיך גיך אין דיינע קאַמערן
און הינטער זיך די טיהר זאָלסטו פארקלאַמערן;
באַהאַלט זיך און וואַרט אוים די שלעכטע טעג און יאָהרען
ביז איבערגעהן וועט אויף דער וועלט די צייט פון צאָרן.
דען גאָט וועט דאן ערשיינען פון זיין פלאַץ אין הימעל,
אום אָפּצוטרייסלען פון דער וועלט דעם שמוץ און שימעל,
אום אָפּצורעכענען זיך מיט די פעלקער פאַר די זינד
ווי זיי האָבען פארדיענט.
די ערד וועט אויפדעקען דאָס אונשולדיג־פאַר־גאָס'נע בלוט
און לייקענען אין די פאַרברעכענס וועט ביי קיינעם זיין קיין מוט.
זי וועט ארויסגעבען די אַלע מערדערייען, זיי אַנטפּלעקען,
קיין איינציגען ערמאָרדעטען ניט אויסבאַהאַלטען און פאַרדעקען.
אין יענעם טאָג וועט גאָט ארונטערשיקען אויף דער ערד,
זיין גרויסע, שטאַרקע און אכזריות'דיגע שווערד,
און אָפּצאָהלען וועט ער דעם ריעזען־פאָלק — דעם שלאַנג,
וואָס ליגט זיך אויסגעצויגען ווי א שטאַנג,
ערקלעהרענדיג גאַנץ אָפען: „ד'לאָז ניט געהן,
ס'מעג עהרליך זיין, צי ניין!"
ער וועט באַצאָהלען אויך דעם ריעזען־שלאַנג וואָס דרעהט זיך,
דעם פאַלשען פאָלק וואָס זאָגט אייך: „אָה, זייט רוהיג, געהט זיך!"
זיין צונג מיט זיסינקע דבורים טריפט,
נור הינטען־אום שיסט ער אריין זיין גיפט.
ער וועט באַצאָהלען אויך דעם קראָקאָדיל אין ים,
וואָס איז א פיש מכלומרשט, אָבער אין דער ווירקליכקייט א סם;
אין יענער צייט, מיין פאָלק, באַהאַלט זיך אין די קאַמערן
און הינטער זיך די טהיר זאָלסטו פארקלאַמערן.

נחמו נחמו עמי

ישעיה'ס טרייסטווערטער פון עטליכע און צוואנציג הונדערט יאהר צוריק, וועלכע פאסען זיך מעהר פאר דער יעצטיגער צייט ווי ווען עס איז פריהער.

איבערזעצט פון **ב. צ.**

טרייסט זיך, טרייסט זיך, אָה מיין פאָלק! זאָגט גאָט,
רעדט צום הארצען פון דער הייליגער ירושלים־שטאָדט,
זאָגט איהר, אַז איהר זינד איז שוין פארגעבען,
דאָפּעלט איז איהר שטראָף געוועזען דאָ אין לעבען.

אין דער מדבר שרייעט א שטימע: „רייניגט אָפּ דעם וועג!
אין דער וויסטעניש גלייכט אויס פאַר אונזער גאָט א שטעג,
טאָהלען זאָלען זיך דערהויבען, הויכע בערג זאָל'ן זינקען,
קרומע וועגען זאָלען גלייך ווערען און בערגלאַך — שרינקען,
און ענטפּלעקען וועט זיך גאָטעס כבוד, אַלע זאָלען זעהען,
אַז גערעדט האָט גאָט און ס'מוז געשעהען".
סשרייט א שטימע: „רוף!" נו זאָג איך, „וואָס זאָל זיין מיין רוף?"
„שריי, אַז גראָז איז יעדעס פלייש, א פלאַנצע יעדער גוף,
גראָז פארטריקענט, פלאַנצען וועלקען, אָבער גאָטעס וואָרט
איז דאָ אייביג ווי די וועלט, יאָ, אייביג דאָ און דאָרט!

אויף א הויכען באַרג שטעל ציון זיך אַרויף,
מעכטיג קלינגען זאָל ירושלים'ס שטימע און איהר רוף,
שרייט אָהן מורא צו יהודה'ס שטעדט,
אָט איז אייער גאָט, קומט אַלע זעהט!
קומען וועט ער מיט א שטאַרקער האנד, מיט מאַכט,
האָבענדיג באַלוינונג און זיין ווערק מיט זיך געבראַכט,
ווי א פאַסטוך וועט ער פאַרזיכטיג זיין שטאַדע שאָף פארוואַלטען,
אַלע יונגע שוואַכע שעפּעלאַך ביי זיך אין בוזים האַלטען.

האָט דאָ ווער, ווי גאָט, געעקנט דאָס וואַסער מעסטען?
האָט דאָ ווער פארשפּרייט די הימלען אויפ'ן שפּאַן אָמבעסטען?
האָט דאָ ווער געצעהלט די שטויבעלעך פון גאַר דער וועלט,
אָדער אויפ'ן וואָג־שאָל יעדען הויכען באַרג געשטעלט?
האָט דען אימעצער אַמאָל געגעבען איהם א ראַטה?
און מיט וועמען האָט ער זיך גע'עצה'ט? איבער וועלכער טהאָט?
ווער האָט איהם געלערענט פון גערעכטיגקייט דעם וועג?
ווער האָט איהם אזוי פיעל שכל דאָ געגעבען, אָהן א ברעג?

ס'איז ביי איהם א פאָלק — א טראָפּען וואַסער, פּונקט אַלץ־איינס,
און אַן אינזעל, — בלויז א זעמדעלע, א שטויבעלע א קליינס,
גאַר דאָס לבנון־האַלץ, איז ניט גענוג פאַר איהם ס'זאָל ברענען,
אַלע חיות, אַלס קרבנות, וואָלטען קלעקען איהם ניט קענען,
אַלע פעלקער זענען דאָך ביי איהם א גאַרנישט און א נישט,
רעכענען זיך וועניגער ביי איהם ווי פּוסט און וויסט.

און צו קענט איהר דען צו אימעצען פארגלייכען גאָט?
ווער און וואו אַן עהנליכען געשטאַלט און צורה האָט?
קענט איהר דען פאַרגלייכען איהם צו גאָלד'נע געטער,
אָדער צו די קונסט־ווערק אַנדערע פון האָלץ און ברעטער?
ווייסט איהר ניט, האָט איהר דען ניט געהערט פון לאַנג,
האָט איהר ניט פאַרשטאַנען נאָך די וועלט, איהר גאַנג?
ער איז דאָס, וואָס זיצט דאָרט אויף דעם צירקעל פון נאַטור,
און אויף אונז, די קליינע היישעריגען, פיהלט זיך דאָ זיין שפור.

ווי א לייליך שפרייט ער אויס די הימלען איבער אונזער וועלט,
און פאַרוואַנדעלט אונזער ערד פאַר אונז אין א געצעלט,
ער איז דאָס, וואָס נעהמט אַוועק פון פרינצען דעם טיטול,
ער איז דאָס, וואָס מאַכט די הערשער פון דער וועלט צו גול,
ניט געזייהט און ניט געפלאַנצט, אָהן וואָרצלען זענען זיי,
ס'גיט א בלאָז און זיי צוטריקענען, צופליהען זיך ווי שטרוי.

„און צו וועמען קענט איהר גלייכען מיך!'' זאָגט גאָט
זעהט די זון און שטערען ווי זיי אַרבייטען לויט זיין געבאָט,
ער איז דאָס, וואָס שיקט אַרויס פלאַנעטען אָהן א צאָהל,
און ער רופט זיי יעדע איינע מיט'ן נאָמען אַלע מאָל,
און זיין מאַכט די גרעסטע איז אין גאָר דער וועלט,
קיין פלאַנעטע אויף איהר פאָסטען קיינמאָל פעהלט!

זאָגט ניט, יעקב און ישראל, גאָט האָט אייך פאַרגעסען!
אַז פאַרבאָרגען איז איהם אייער וועג און אינטערעסען,
אַז ער וועט גערעכטיגקייט אייך קיינמאָל שוין ניט געבען,
קענט איהר דען ניט גאָט, וואָס אייביג וועט ער לעבען?
ער, באַשאַפען האָט אַיעדען ווינקעלע פון לאַנד,
קיינמאָל ווערט ער מיעד, אונענדליך איז זיין גרויס פאַרשטאַנד,
ער גיט קראַפט דעם מיעדען, גבורה צו דעם שוואַכען,
און דעם יונגען און געזונטען קען ער קראַפטלאָז מאַכען,
שטאַרקע שטרויכלען זיך און ווערען מיעד
און זיי פאַלען אָפט אויף יעדען שריט,
אָבער אימער ווערט די קראַפט באַנייעט,
ביי די האָפענדע אויף גאָט צו יעדער צייט,
ווי די אָדלערס הויבען זיי די פליגלען און זיי פליהען,
אונערמידליך קענען זיי זיך אימער פאָרווערטס ציהען!

פאָרוואָרט

געבּרויכענדיג בּיי דיעזער העפט דעם נאָמען „אדם העליון‟, איז דערמיט בּלויז געמיינט די העברעאישע איבּערזעצונג פון „אויבּער־מענש‟, אָבּער ניט די בּעדייטונג פון דיעזען נאָמען אין דער קבּלה, וואו מיט „אדם העליון‟ ווערט גאָר בּעצייכענט די געטליכקייט און דער מענש ווערט אָנגערופען „אדם התחתון‟.

קבּלה איז פּאָזיטיוו די העכסטע און וויכטיגסטע וויסענשאַפט אין דער וועלט, און דער קבּלה־בּעגריף וועגען גאָט און דעם אידישען „אויבּער־מענש‟ איז אָהן צווייפעל דער ריכטיגער, און יעדער מענש אין דער וועלט, איד אָדער ניט־איד, וואָלט עס בּעדאַרפט וויסען און פערשטעהן, אָבּער ליידער ווערען גראָדע די וויכטיגסטע זאַכען אין דער וועלט פערקוקט און מיר זעהען עס אין יעדען ווינקעלע פון לעבּען, אויף יעדען געבּיעט.

די אידישע תורה, איז די אונוויכטיגסטע זאַך בּיי אַלע פעלקער; די אידישע רעליגיאָן שפּיעלט די קלענסטע ראָליע; די אידישע נאַציע איז די אונטערדריקטעסטע און די אַממעהרסטען מבוזה׳דיגע צווישען אַלע נאַציעס; די עהרליכסטע מענשען אין יעדער נאַציע, זענען די פערפאָלגטעסטע, נור אַלעס וואָס איז גרעבּער, חוצפּה׳דיגער און ערגער, פערכאַפּט דעם אויבּען־אָן און די מעהרסטע מענשען זענען אַזוי פערנאַרישט, אַז זיי מיינען טאַקי בּאמת, דאָס יעדע בּלאָטע וואָס בּלאַנצט איז גינגאָלד.

בּיי אידען גופא, הערשט אויך דער זעלבּער טרויעריגער כּלל; וואָס פּראָסטער עס איז א מנהג, אַלץ טהייערער האַלט איהם דער עולם, וואָס פלאַכער עס איז א געוויסער למוד, אַלץ מעהר אָנגענומען איז ער, און די אורזאַכע איז, וואָס אויף גוטעס זענען ניטאָ קיין סך מבינים און ווייל די אמת׳ע בּני־עליה זענען זעלטען צו געפינען, בּלויז עטליכע איינציגע אין א דור.

די אָריגינעלע אידישע תורה איז אין איהר אָנפאַנג דורכאויס קבּלה, דורכאויס געטליכער גייסט, נור עס ציהט זיך פון די עולמות עליונים פון העכער צו נידעריגער און פון עדעלער צו גרעבּער, אַזוי אַז אפילו די תורת משה אַליין איז שוין נור די חומר׳דיגע פאָרמע פון דער אמת־געטליכער תורה און אַזוי זענען אויך די מצוות אַלע; זייער שורש איז אין די עולמות עליונים און צו אונז האָט מען בּלויז אַרונטערגעשיקט דעם חומר׳דיגען גוף פון יעדער מצוה; תפילין, ציצית, אתרוג, סוכה, מזוזה און עהנליכע מצוות זענען דאָ בּיי אונז ניט מעהר ווי גשמיות׳דיגע זאַכען, אָבּער זייער גייסטיגער שורש אין די עולמות עליונים, איז אַזוי גרויס און פון אַזאַ גוואַלדיגער בּעדייטונג, אַז מען קען זיך דאָס קוים פאָרשטעלען און דערפאַר זאָגען אונז די חכמים, אַז ווער עס איז זיך מקדש דאָ אויף דער וועלט אַבּיסעל, איז מען איהם מקדש אויף יענער וועלט א סך, און דאָס אַלעס ווערט קלאָהר און פערשטענדליך ווען מען לערנט די קבּלה, וועלכע איז אויך, ווי שוין געזאָגט, דער גייסטיגער עיקר פון אונזער תורה, און טאַקי דעריבּער ליגט עס פערשטויסען אין א ווינקעלע און קיינער קוקט זיך ניט אום דערויף.

אין דיעזען העפט ווערט דעריבּער אַרויסגעבּראַכט דער קבּלה־תמצית וועגען דעם „אויבּער־מענש‟, אָבּער בּלויז דער פאַרטיגער בּאַגריף וועגען דעם, ניט דער שטודיום וואָרום דאָס איז אַזוי, און ווי אַזוי מען דערגעהט צו דיעזען בּעגריף שטופּענווייז, ווייל דערצו מוז מען לערנען קבּלה גופא און צוערשט האָבּען די נויטיגע קענטעניש און די פעהיגקייט, ווי אויך די ריכטיגע קדושה, אָהן וועלכע דריי כּלים ס׳איז גאָר לכתחלה ניט מעגליך צוצוטרעטען דערצו, פּונקט ווי א מענש מיט גראָבּע פּויערשע הענט קען זיך ניט נעהמען צו ניזשען קליינינקע פּערל אויף א דינינקען זיידען־פאָדים.

דיעזער העפט צייגט אָן יעדען אידען ווי צו דערגרייכען די מדרגה פון דאָס וואָס מיר רופען דאָ „אדם־העליון‟, אָדער אין אידיש „אויבּער־מענש‟ און דער יעניגער ווער עס בּעזיצט אַן עדעלע נשמה אין זיך, וועט עס זיכער בּעגרייפען און פון דאָס געזאָגטע וועט ער פערשטעהן פיעלעס וואָס איז ניט דערזאָגט געוואָרען און וואָס שיינט אַליין אַרויס צווישען די שורות.

דער פּערפאַסער.

שיר הכבוד

אַן עהרען־געזאַנג צו גאָט, איינע פון די שעהנסטע אידישע תפלות, וועלכע איז אין איהר העבּרעאישען אָריגינאַל דורכגעוועבּט מיט אמת׳ע פּערל־אויסדריקע.

אידיש פון ב. צ.

זיסע ליעדער וועל איך זינגען,
אויסוועבּען געזאַנגען,
ווייל צו דיר, אָה גאָט! מיין זעעלע
ווערט פון בּענקעניש צוגאַנגען.
ס׳גלוסט מיין זעעלע, אין דעם שאָטען
פון דיין האַנד, זיך צו פערשטעקען,
אום די מיסטעריעזע סודות
דאָרטען צו ענטדעקען.
ווען איך רייד פון דיין גרויס עהרע,
פאַנגט מיין האַרץ אָן בּרומען,
ד׳ווער פון בּענקשאַפט נאָך דיין ליעבּע
גאַנץ און גאָר אַרומגענומען,
און איך רייד פון דיר, מיין ליעבּער,
מיט רעספּעקט א סך, דעריבּער,
און צו עהרע פון דיין נאָמען,
מיינע ליעבּעס־ליעדער שטראָמען.
ד׳וואָלט דערצעהלען דיין גרויס עהרע,
האָבּ איך קיינמאָל דיך ערבּליקט;
ד׳וואָלט פערצערטלען דיך מיט נעמען,
— דיך צו קענען בּין איך ניט בּעגליקט.
דורך די הייליגע פּראָפעטען,
דיינע דיענער דאָ אין לעבּען,
האָסטו אונז א קליין ערקענטניש
פון דיין הערליכקייט געגעבּען.
לויט דער שטאַרקייט פון דיין ווירקונג,
לויט דיין געטליכער פערוואַלטונג,
האָבּ׳ן זיי דיך פערגלייכט, געמאָהלען,
דיר געגעבּען א געשטאַלטונג.
מ׳האָט צו פיעלעס דיך פערגליכען,
אָבּער דיך אַליין קען קיינער,
מ׳שטעלט דיך פאָר לויט דיינע טהאַטען,
דיך אַליין בּעגרייפט קיין איינער.
מ׳האָט פון דיר געגעבּען פיעלע
פאָרשטעלונגען און געשטאַלטען,
דאָך, דיין איינהייט איז פערבּליבּען
אין זיי אַלע דאָרט בּעהאַלטען.
מ׳האָט אין דיר געזעהען אַלטקייט,
און אויך יוגענד — צוויי עקסטרימען,
דיינע האָהר אַלס ווייסע־שוואַרצע,
פלעגען זיי פאַר אונז דאָ ריהמען.
אַלטקייט, ווען דו ווערסט א ריכטער,
יוגענד, ווען דו פיהרסט א קריעג,
אַלס א העלד אין שלאַכט־פעלד,
טריאומפירענד אין זיין זיעג;
מיט א רעטונגס־העלמעט,
אויף זיין קאָפּ געבּונדען,
אין זיין קאַמף, דעם הייליגען,
מעכטיג מיט פיעל מוטה געצונדען.
ליכטשטראַהלענדע טהויען,
פינקלען אויף זיין קאָפּ,
ס׳רינען פון די לאָקען,
נאַכט־טראָפּענס אַראָפּ.
און מיט מיר ער ריהמט זיך,
ווייל ער האָט מיך גערן,

אַלס אַ קרוין אַ שייִנענדע,
וועט ער פאַר מיר ווערען.
גינגאָלד רייִנער איז זייִן קאָפּ,
פינקעלט, בליצט,
אויף׳ן שטערן איז זייִן הייליג נאָמען
אויסגעקריצט.
מיט אַ וואונדערשעהנעם גלאַנץ,
עהרענפול איז ער בע׳חנ׳ט,
ס׳האָט זייִן אומה מיט אַ קרוין
איהם בעקרוינט.
בחור־יוגענדליכע לאָקען,
דעקען צו זייִן קאָפּ,
זייַדענע און שוואַרצע
שעהן געגרייַזעלט ביז אַראָפּ.
זאָל זייִן וואָהנונג, וואו געטראָהנט האָט
צדק, יושר, פּראַכט,
אַלס זייִן גרעסטע שמחה,
ווידער ווער׳ן געמאַכט.
זאָל זייִן אויסדערוועהלטע נאַציע,
זייִן די קרוין דאָרט אין זייִן האַנד,
זאָל זי שייַנען פּראַכטפול,
ווי דער קעניגליכער באַנד!
ער האָט אונז אַמאָל געטראָגען,
אַלס אַ קרוין אויף זיך פערקניפּט,
אונז געעהרט, געהאַלטען טהייער,
ווייל ער האָט אונז דאַן געליעבט.
ס׳פלעגט זייִן שעהנקייט אונז בעשעהנען
און אויך מיר בעשעהנט האָב׳ן איהם,
ער פלעגט זיך דערנעהנטערען
אויף דעם רוף פון אונזער שטים.
קלאָהר־ווייס רויטליך איז דייִן קלייד,
אויסגעפאַרבט פון בלוט אויף רויט,
קומענדיג פון „אדום"
— איהם צוטרעטענדיג אויף טויטט.
און דעם תפילין־קשר
משה׳ן צייגסטו אָן,
מיט די אויגען זעהט ער,
גאָט׳ס געשטאַלט און טראָהן.
ס׳צייגט, דו האָסט געליעבט אונז,
און אַז דער וואָס האַלט זיך קליין,
ווערט צום סוף דערהויבען,
און געריהמט פון דיר אַליין,
פון דייִן וואָהנונג פול מיט רוהם,
וואָס בעריהמט איז אומעדום.
אָה, דו אמת־זאָגער! שעפער
פון די אַלע מענשען־דורות!
היט דייִן פאָלק וואָס לערנט,
פאַרשט אין דייִנע תורות!
זאָל מייִן ליעד צו דיר דערגרייכען,
מייִן געזאַנג צו דיר זאָל קומען,
זאָל מייִן לויב דיר זייִן אַ קרוין,
און מייִן תפלה ווי פּאַרפיומען.
זאָלען זייִן אין דייִנע אויגען,
אַט דעם אָרימאַנ׳ס געזאַנגען,
ווי מען וואָלט דיר, מיט אַ קרבן,
אַ לוים־שיר דערלאַנגען.
זאָל מייִן ברכה דיך דערגרייכען
צו דייִן קאָפּ, בעשעפער גרויסער!
אַלערהעכסטער, אַלגערעכטער,
אַלץ־פערזאָרגער, אַלץ־ווייסער!
שאָקעל צו דייִן קאָפּ, אל תמים,
נעהם עס צו ווי גוטע בשמים!
זאָל׳ן דיר ליעב זייִן מייִנע רייד,
דען מייִן זעעלע לעכצט צו דיר
פערבענקטערהייד!

דער צוועק פון אונזער לעבען.

מה אנו מה חיינו ?

די מדרגות פון לעבען.

לעבען צו לעבען איז ניט גלייך, אבוואהל יעדע לעבעדיגע בעשעפעניש האט אין זיך א פונק פון דאס וואס מיר רופען „לעבען״. אויף'ן תהום פון ים לעבען אזעלכע בעשעפענישען, וועלכע זעהען קיינמאל קיין ליכט ניט, הערען קיין גערויש ניט, זיי ווייסען נור פון צוויי זאכען, פון דעם וואס לאזט זיך קייען און פון דעם וואס לאזט זיך ניט קייען, זיי ווייסען אפילו ניט אויב עס זענען פאראן אזעלכע בעשעפענישען ווי זיי אליין, א שריט ווייטער פון זיי.

דאס הייסט אויך א בעשעפעניש און אויך א לעבען, עס גיט אבער אין ים נופא א העכערער סארט לעבען, און נעמליך פון די פערשיעדענע פיש ביים אויבען פון וואסער, פיש וועלכע קענען שוין אמאל ארויסשטעקען דעם קאפ און זעהען ליכט, כאפען א בליק אויף דער זון, אנווארימען זיך אין דער ווארימער לופט, אדער אריינכאפען א טראפען רעגען־וואסער אין מויל.

נאכהער פאנגען זיך אן די פערשיעדענע לעבענס אויף דער יבשה, צוערשט די שקצים ורמשים, די שלענג, די חיות, די פויגלען, די בהמות און ביז דער בחיר היצורים, דעם מענשען, און פון יעדען מין זענען פאראן א סך מדרגות, נידעריגע, העכערע און נאך העכערע סארטען לעבענס, צעהלענדיג אזוי מיליאנען און מיליאנען מדרגות פון לעבען, פריהער די מדרגות פון העכערע מינים און נאכהער די מדרגות פון העכערע ברואים אין יעדען מין.

דאס זעלבע איז אויך מיט דעם מענשען. מיר ווייסען אז אין דער וועלט געפינען זיך מענשען פון פערשיעדענע ראסען און פערשיעדענע קאלירען און אין יעדער ראסע, זענען נאך פאראן פערשיעדענע פעלקער מעהר־ציוויליזירטע, ווע־ניגער ציוויליזירטע, אדער גארניט קיין ציוויליזירטע, און אין יעדען פאלק זענען ערשט פאראן יחידים העכערע סארט מענשען, פיהרער, רעגירער, לעהרער, קינסטלער, און אויך נידעריגערע, אזוי־גערופענע, מאסען־מענשען.

מיר זעהען אלזא, אז דאס לעבען אויף דיעזער וועלט איז איינגעטהיילט אין פערשיעדענע מדרגות, געהענדיג פון גאנץ נידעריג צו גאנץ הויך, און אז אפילו דער מענשליכער מין פאנגט אן זיין בראשית פון גאר ווילדע געווילד־אונוויסענדע פראים, שטייגענדיג דורך פערשיעדענע מעלות אלץ העכער און העכער ביז דעם טיף פון דעם העכסטען ציוויליזירטען ווייסען מכשף, וועלכער גנב'עט ביי דער נאטור די טיעפסטע סודות און קען זיך שוין ארונטערלאזען אין ים ווי א פיש, אדער אויפהויבען זיך צו די וואלקענס ווי אן אדלער.

וואס איז דער צוועק פון דעם מענשען ?

עס איז פאר אונז, אגב אורחא, גאנץ קלאהר, אז דא אויף אונזער ערד־קוגעל איז דער מענש דער גרעסטער יחסן פון אלע ברואים, ווייל ער האט דעם גרעסטען שכל און ער בעהערשט די גאנצע נאטור מיט אלעם וואס זי פערמאגט, עס הייסט אלזא, אז דער וועלט־בעשעפער האט בעשאפען א גאנצען ערד־קוגעל מיט מיליאנען ברואים און פלאנצונגען, מיט קויהלען, מעטאלען, פייער, וואסער, ווינד, רעגען, זון־שיין און אלץ צוליעב'ן בחיר היצורים, צוליעב דעם מענשען, וועלכער דארף דאס אלעם פאר זיין געברויך און מיט וועלכע ער בענוצט זיך טאקי, היינט אויב צוליעב דעם מענשען איז בעשאפען געווארען אזא ריעזיגע וועלט, מוז דאך דער מענש האבען עפעס א גרויסע אויפגאבע אויף זיך אין דער נאטור, ווייל ווי קען עס מעגליך זיין, אז מען זאל שאפען אזא וועלט צוליעב א קליינער מענשליכער בריאה און די בריאה אליין זאל זיין נוצלאז און אבסאלוט אונוויכטיג פאר דעם בעשעפער ?

אויב א מענש זאל אויף זיך ניט האבען קיין שום פליכט, אויסער ווי צו בעזארגען זיך אליין מיט א בעקוועמערען און בעסערען לעבען, וואס דאס איז אייגענטליך דער גאנצער אויפטהו פון דער ציוויליזאציע, צוזאמען אפילו מיט דעם אידעאלען קאמף פאר מעהר פרייהייט און גלייכהייט אויף דער וועלט, דאן איז עס דאך א וויץ מצד דעם בעשעפער, גראדע ווי עס וואלט זיין א וויץ צו

אויפשטעלען א פאבריק מיט טויזענדע מאשינען פאר דעם צוועק צו שאפען א
זייפען־בלאז, וואס זאל אליין הנאה האבען פון זיך פאר א ווייל און פלאצען.

מיר אלע זענען מודה, דאס געבארען געווארען זענען מיר אויב ניט „בעל
כרחה", איבער געוואלד, איז אבער יעדענפאלס אהן אונזער צושטימונג... — א
געהיימע נאטירליכע קראפט נעהמט גאנץ זעלבסטשטענדיג (אהנע זיך מיט אונז
צו בעראטהען) און פערפערטיגט אונזער קליינעם קערפעריל אין אונזער מוטערס
בויך, דאן בעזארגט זי אונז אויך מיט א גייסט וועלכער איז געוויסערמאסען גאנץ
פערשיעדען און אייגענארטיג ביי יעדען מענשען בעזונדער. מיר ווערען געבארען
יעדער איינער מיט ספעציעלע אינדיווידועלע פערלאנגען, קאפריזען און פעהיג־
קייטען; מיט א קלענערען אדער גרעסערען שכל און מיט פערשיעדענע איינגע־
בארענע נייגונגען. ווען מיר פאנגען אן צו דענקען און פיעל ווייניג צו פערשטע־
הען, ערבליקען מיר פאר זיך פיעלע זאכען וואס געפעהלען אונז און וועלכע פער־
שאפען אונז פערגעניגען; און מאכען אונז פיהלען גליקליך. צו דער זעלבער צייט
דערוויסען מיר זיך אויך פון אלע יענע זאכען וואס שמעקען אונז ווייניג; פון די
פערשיעדענע יסורים און ליידען וואס די וועלט פערמאגט און פון אלע יענע אומ־
שטענדען און צושטענדען וואס מאכען אונז פיהלען אומגליקליך. מיר ווארפען
זיך באלד אריין אין דעם שרעקליכען קאמף אום'ס „דא־זיין" אדער ריכטיגער
געזאגט, אין דעם קאמף פאר די ערצבערונג פון דעם זאגענאנטען גליק. (פאר
דעם „דא־זיין" וואלטען מיר גאר ניט ברויכען אזוי פערצווייפעלט צו קעמפען,
עס איז בלויז פאר דעם פערלאנג צו געניסען אלע לוקסוסען פון'ם „דא־זיין").
אין דעם קאמף זעהען מיר ווידער, דאס זעהר ווייניגע ערדרייכען זייער צוועק
און קומען ארויס זיעגער, ווערענד די מעהרהייט מאטערט זיך אומזיסט, לעגט
אוועק איהרע לעצטע קרעפטען, ארבייט ווי פערד און ערדרייכט גאר ניט, נור
ביידע, די געווינער אזוי גוט ווי די פערליערער, שטארבען אוועק, איינער פריי־
הער, איינער שפעטער, האבענדיג אלזא אפגעקעמפט א גאנצען לעבען אומזיסט
און אומנישט אדער אין בעסטען פאל, פאר א זעהר קורץ־ווייליגען גליק. (אויב
מען קען עס גאר אזוי אנרופען, עס איז נאך א גרויסע פראגע!)

עס לאזט זיך אבער קוים גלויבען, אז דער גאנצער צוועק פון יענער געהיי־
מער קראפט, וועלכע בעשאפט אונז, איז בלויז צו האלטען אונז א קורצע צייט
אויף דיעזער וועלט, צו מאטערען אונז מיט בעגערען וועלכע ווערען ניט ערפילט
אדער וועלכע ווערען יא ערפילט נור בלויז אויף אזוי פיעל אום צו צורייצען אונ־
זער אפעטיט, און ווייטער גאר ניט.

פאר דער אונענדליך טיעף־זיניגער, אונבעגרייפליך קלוגער נאטור, קומט עס
אויס צו דום, צו לעכערליך, צופיעל מעשה קונדס און צוועקלאז. ווען מיר זאלען
גלויבען ווי די אמאליגע גריכען אין פערשיעדענע געטער, גוטע און שלעכטע, ווען
מיר וואלטען גלויבען, דאס די פערשיעדענע נאטירליכע כחות, עקזיסטירען
זעלבסטשטענדיג, ניט אין איינקלאנג און ניט אין צוזאמענהאנג צווישען זיך,
וואלטען מיר קענען דענקען, דאס איין קראפט אזא דארט אין הימעל ערגעץ,
אדער איין גאט בעשאפט דעם מענשען, בעשטימענדיג איהם צו לעבען אייביג
אדער זעהר לאנג, צו זיין פאלשטענדיג גליקליך און הנאה האבען פון יעדען טאג
פון'ם לעבען, נור א צווייטע פיינדליכע קראפט, אדער אן אנדער גאט, א שלעכ־
טער, צושטערט אלע פלענער פון דעם ערשטען גוטען גאט, אזוי אז פון דעם הער־
ליכען וואונש פון דעם גוטען גאט לאזט זיך גאר אויס א בוידעם, און אנשטאט
א לאנגען לעבען פול מיט גליק און גענוס, געפינט גאר דער מענש קורצע יאהרען
מיט א קוואל פון יסורים. אבער אין קיין פיעל־געטעריי גלויבען מיר דאך ניט,
און וועגען די פערשיעדענע כחות פון דער נאטור, האבען מיר זיך שוין וויסענ־
שאפטליך איבערצייגט אויף זיכער, דאס זיי אלע זענען צווישען זיך געשלאסען
ווי די רינגלאך פון א קייטעל; אז אלעס אין דער נאטור ארבייט געמיינשאפט־
ליך מיט א וואונדערבארער אחדות, מיט אזא עכטען אקארד, אזוי ענג צוזאמענ־
געהאנגען און ווי אונטער א קאנטראל פון איין זעלבסטשטענדיגער שטרענגער
קראפט, די נאטור בעשאפט דעם מענשען און אויך זיין פערניכטונג. זי וויים זאגאר
פאראויס און גאנץ פינקטליך, פון וואס פאר א קראנקהייטען און יסורים יעדער
מענש וועט ליידען און פון וועלכער סארט קראנקהייט ער וועט שטארבען, זי
וויים עס, ווייל זי אליין פארבערייטעט מעהרסטענס די אלע זאכען אין זיין קער־
פער נאך פון געבורט אן: די זעלבע נאטור וועלכע פעראורזאכט און זעהט דעם

געבורט, זעהט אויך די אלע פלאגעניש, צרות, מאטערניס און נאכהער דעם טוידט פון די מיליאנען בעשעפעניסען, און ניט נור ווערט עס פון איהר גוט־געהייסען, נור זי גיט נאך שטרענג אכטונג, דאס קיין בעשעפעניס זאל דאביי קיין אויסנאהם זיין; אז אלע און אלעם זאלען מוזען שטארבען. די וויסענשאפט דערצעהלט אונז, דאס די נאטור, דיעזע ריעזיגע מאכט, עקזיסטירט שוין פיעלע יאהרען, זי האלט אין איין ארבייטען און איבערארבייטען, זי בעשאפט גאנצע וועלטען און אויף זיי מיליארדען בעשעפעניסען, מענשען, חיות און אינזעקטען, צו דערזעלבער צייט פיהרט זי אויך א ריעזיגע בעל־הבית'ישקייט, שאפענדיג אויך די נויטהיגע שפייז פאר זיי און אנדערע נויטהווענדיגע זאכען, ווי פרוכטען, געמייזען, גראזען האלץ, קוילען און ד. ג.; פון צייט צו צייט פערניכטעט זי דאס אלעם און שאפט ווידער אנדערע בעשעפעניסע און אנדערע שפייז; דיעזע אלע זאכען ווערען אזוי פינקטליך און ערענסט אויסגעפיהרט, מיט אזא וואונדערבארער ארדנונג און אונטער אזא שטרענגער השגחה, דאס מיר קענען עס גאר ניט גענוג בעוואונדערען. עס איז דאך אבער אזוי אונגלויבליך, אזוי אונמעגליך, דאס דיעזע אלע זאכען זאלען געטהון ווערען גלאט אזוי זיך אהן א פלאן און אהן א תכלית. מא וואס מיינט זי און וואס בעצוועקט זי מיט דיעזער שטענדיגער, אונענדליכער, האלסייל בעשאפונג און פערניכטונג, פון אלץ און פון אלעמען? און הויפטזעכליך, וואס מיינט זי מיט דער קורצער, כמעט אונגלויבליכער, עקזיסטענץ פון אונז מענשען? עס איז דאך אזוי לעכערליך זיך איינצושמועסען, דאס די נאטור שאפט אונז בלויז צו לעבען און געניסען, (א שפאס ווי פיעל מיר לעבען דאס, און ווי פיעל מיר געניסען!) ווי קענען מיר גלויבען אין אזא בעהויפטונג וואס האלט אזוי ווייניג אויס די לאגיק און וועלכע קען נישט צופריעדענשטעלען זאגאר אונזער קליינינקען בעגרעניצטען פערשטאנד? ווי קענען מיר, בלויז דערפאר ווייל מיר פערשטעהען ניט די ריכטיגקייט, בעהויפטען, דאס די וועלט און אלעם וואס עס טרעפט און פאסירט אויף איהר איז בלויז א צופאל, א ניט־אויסגערעכענטע זאך, אלעם איז בלויז צונויפגעווארפען, צוזאמענגעמישט אהן א טאלק און אהן א שום צוועק? וועלען מיר דען האבען די העזה צו בעהויפטען דאס זעלבע וועגען א נייעם סארט מאשין וועלכען מיר זעהען צום ערשטען מאל און ווייסען ניט צו וואס דאס איז? וואלטען מיר דען געזאגט, דאס די אלע רעדלאך, שרייפלאך, צייהנער, האלץ און שטיקלאך מעטאלען זיינען בלויז צופעליג צונויפגעווארפען און צוזאמענגעשטעלט געווארען אהן א בעשטימטען צוועק, פאר עטוואס? ווי קענען מיר מיט אזא נארישער חוצפה לייקענען אין דער צוועקמעסיגקייט פון אזא גרויסער וועלט, ווען עס וואלט געווען נאריש דאס צו טהון אפילו אין בעצוג צו אן איינפאכער אונבעקאנטער מאשין? די גרעסטע וויסענשאפטס־לייטע גיעבען צו, דאס די שאפענדע קראפט, ווער און וואס זי זאל ניט זיין, א גאט, אדער וואס איהר ווילט נור אליין, איז אלס א גאנצע זאך אונענדליך קלוג און וואונדערבאר שכל'דיג.

די וואונדער פון דער נאטור.

מיר מענשען האבען געמוזט דורכלעבען טויזענדער יאהרען בעפאר מיר האבען געקענט אויסגעפינען בלויז א קליינינקען טהייל פון די געטליכע סודות און געזעצען און זאגאר דיעזען קליינינקען טהייל ווייסען מיר אויך נור אויבערפלעכליך, און ווייט ניט אלזייטיג און דאביי שטאלצירען מיר מיט דעם אזוי געוואלדיג גרויס, ווייל מיט דער איין ביסעלע טהוען מיר שוין אויך אויף כמעט וואונדער. מיר אלע זיינען דאביי מודה, דאס אפילו מיט טויזענדער יאהרען שפעטער וועלען מיר אלץ נאך ניט האבען ענטדעקט אלע נאטורס סודות און איהרע וואונדערליך־קונציגע געזעצען: מיר דארפען בלויז בעטראכטען אונזער אייגענעם קערפער מיט זיינע קינסטליך איינגעארדענטע גליעדער, מיט דער שכל'דיגער ערפינדונג פון א הארץ, א מאגען, אונזער געדאנק, אונזערע חושים, די אפאראטען צום זעהען, הערען און שמעקען, אום צו איבערצייגען זיך, דאס ביי דער נאטור איז יעדער גליעד דאס לעצטע ווארט פון טעכניק, דאס העכסטע פון ערפינדונג; פון אונזערע אייגענע גליעדער קענען מיר זיך איבערצייגען, דאס ניט איין ביינדעלע, ניט איין אדעריל, ניט איין ברעקעלע מוסקעל איז איבעריג, אהן א צוועק ניט אם פלאץ, א טעות, אדער פערזעהען, יעדעס פיצעלע האט זיין אויפגאבע, זיין צוועק, בעשטימט פאראויס און צוגעפאסט פאר א געוויסער ארבייט, פאר א געוויסער פליכט און ווי

אלע צוזאמען ארבייטען זיי אזוי קונציג, אזוי גרויסארטיג; אונזער וואונק, אונזער שמייכעל, אונזער לאך, אונזער כעס, אונזער ליעבע, אונזער האס און אונזער שרעק ווי קינסטליך זיי ווערען פאָטאגראפירט אויף אונזער געזיכט, דורך די טויזענדער פיינסטע אדערלעך און מוסקולען, וואס ארבייטען אזוי מאָמענטאל, אזוי פינקטליך.

עס גלויבט זיך ניט בשום אופן, אז א קראפט וועלכע קען שאפען אזא קונציגע שטיקעל מאשין ווי אונזער קערפער, א נאטור וועלכע קען שאפען נאך א גרעסערען וואונדער, א באציל, א מיקראָב, א בעשעפענים, וועלכע איז אזוי גוואלדיג קליין, דאס מיר קענען זי קוים בעמערקען דורך די בעסטע פערגרעסערונגס־גלעזער, און דיעזער קליינינקער נפש׳ל האט אויך א מיילכעל, אויגעלעך, א מאגענדעל, בעשטעהט אויך פון זכר און נקבה, (וועלכע ליעבען זיך נאך פריוואט), און זיי בעהעפטען זיך, לעגען אייעלעך און פרוכפערען זיך; א מאכט וואס קען בעשאפען אזעלכע וואונדער זאל אליין ניט וויסען צוליעב וואס זי דארף דיעזע וואונדער און דאס זי זאל עס אלעס האבען בעשאפען אהן א צוועק, אהן א פארוואס און אהן א פארוועו!

ווי קען עס מעגליך זיין, דאס אזא וואונדערבארע שכל׳דיגע מאכט, וועט פאר מיליאנען יאהרען שאפען און פערניכטען אונז מענשען, בלויז אום מיר זאלען א לעב טהון, זיך אנפלאגען, זיך פערליעבען אין אונזערע סיידים, קיידים, און ראזעס, ווערען צו זיי באלד גלייכגילטיג, ליעבען אונזערע פריינד, האסען אונזערע שונאים, בעפריעדיגען זיך מיט גוט עסען, גוט טרינקען און שעהנע טהעאטערע און דאן שטארבען, צופוילט ווערען און ווי גארניט געוועזען אויף דער וועלט? ווי קענען מיר מודה זיין אין דער נאטורס הויכער חכמה, אנערקענען איהר אונבעגרענעצטען שכל און צו דערזעלבער צייט בעהויפטען, דאס זי איז אזוי נאאיוו־נאריש צו בעשאפען אונז מענשען בלויז צוליעב אונזער אייגענער צוועקלאזער עקזיסטענץ און דאביי נאך מאכען דעם דושאב אזוי פארטאטשנע, דאס מיר זעלבסט, אויף ווען עמען איהר גאנצע מיה און ארבייט געהט אוועק, זאלען ניט זיין צופריעדען מיט דיעזער ארבייט און אויסזעצען אין איהר טויזענדער פעהלערען? ווי קענען מיר מודה זיין, אז נישט איין טהייל פון אונזער קערפער, איז איבעריג. אהן א צוועק, אהן א תכלית, און דאביי בעהויפטען, דאס דער גאנצער מענש מיט אלע זיינע איברים האט קיין צוועק, קיין בעשטימונג, פאר עטוואס? ווי קענען מיר בעוואונדערען די קינסטליכקייט פון אונזער קערפער, צו באשטימען, אז ער איז געשאפען ביי א קינסטלעריין־קראפט, און צו דערזעלבער צייט בעהויפטען דאס די זעלבע קינסטלעריין נאטור האט ניט געוואוסט ווי צו מאכען דיעזען קערפער לעבען און עקזיסטירען מעהר אנגענעהם, מעהר גליקליך, ווייל דער אמת איז דאך דאס אונזער לעבען איז ניט אהין און ניט אהער און מוז פון אונז מענשען קריטיקירט ווערען.

ממה נפשך! ווייל די נאטור אונזער גליק, מיר זאלען לעבען אין פערגעניגען און זיך אימער אמוזירען, טא צוליעב וואס האט זי בעשאפען די פאקען מיט די מאזלען, די מאגען־קאטארם מיט דער שווינדזוכט, די ציינהן־וועהטאג מיט די אלע איבעריגע טויזענדער קראנקהייטען; די אומגליקס־פעלע מיט די עגמת־נפש׳ן, די הילפלאזע קינדהייט מיט דער האפנונגסלאזער שוואכער עלטער, די עקאנאמישע צרות מיט די אלע אנדערע טויזענדע מחבלים, וועלכע מאכען פון אונזער גליק אן אומגליק און פון אונזער לעבען א גיהנום? וואלט זי דען ניט געקענט אזוי בעשאפען דעם מענשען, ער זאל ניט דארפען ליידען פון דעם אלעם, ער זאל ניט קרענקען, ניט ליידען, ניט זיין אזוי עגאאיסטיש, דאס ער זאל דעם צווייטען פערשאפען יסורים; ער זאל זיין אזוי געבארען, דאס ער זאל כסדר קענען לעבען אין נחת און זאל ניט דארפען זיין אויסגעזעצט צו אלע שלעק און יסורים? אלא וואס דען, זי וויל מיר זאלען זיך דוקא מאטערען און דוקא ליידען און פלאגען זיך, טא ווארום ליידעט איין מענש מעהר ווי דער אנדערער, און וואס איז דאס גלאט פאר א שכל צו בעשאפען ברואים און מאטערען זיי? איז זי ברוטאל? איז זי בלוט־דורשטיג? וואס קען זי האבען דערפון, דיעזע נאטור, וועלכע שיינט צו זיין צו אלעם ערשטען א שטרענגע בעל הבית׳טע, וועלכע טהוט קיין זאך סיידען עס ברענגט איהר נוצען אין איהר אייביגער בעל־הבית׳ישקייט? וואס זוכט זי צו שאפען דורך אונזערע צרות? עס איז אלזא דום און לעכערליך צו גלויבען, דאס אונזער געבארען ווערען און עקזיסטענץ איז גאר אהן אן אורזאכע,

נור סתם אזוי זיך, לגמרי אָהן א צוועק, גלאַט אזוי זיך, מיר ניט, דיר ניט, ווי מאַנכע בעהויפּטען עס, די נאַטור הינקט ניט אויף איין פוס, זי געהט מיט פעסטע טריט אויף ביידע פיס גלייך און קוים מערקען מיר, אַז די עקזיסטענץ־בערעכטיגונג פון אַנדערע זאַכען, פון יעדער קלייניגקייט, ליעגט אין דעם צוועק צו וועלכען זיי זענען געשאַפען, דאַן זענען מיר מענשען, אָהן ספק, אויך קיין אויסנאַהמע, אונזער עקזיסטענץ־בערעכטיגונג איז אויך צוליעב א געוויסען נאַטור־געזעץ, וועלכער בעצוועקט מיט אונזער דא־זיין א געוויסען פּלאַן, פערפאָלגט א געוויסען תכלית, ניט געפינענדיג אפילו פאַר נויטהיג אונז מענשען עס צו ערקלעהרען. עס איז בלויז אונזער קינדערישער עגאָאיזם, וועלכער מאַכט אונז לייקענען אין זאַכען וואָס מיר פערשטעהען ניט, עס איז אונזער אונוויסענהייט וועלכע דיקטירט אונז צו געבען דער נאַטור קרעדיט פאַר איין זאַך און ניט אַנערקענען איהר גרויסע אַרבייט פאַר א צווייטער זאַך. ווי באַלד די נאַטור קליגט זיך אזוי מיט אַלערליי שמד־שטיק אויפצוהאַלטען יעדען מין, ווי באַלד זי איז אזוי טיעף פעראינטערעסירט אין דער אונאויפהערליכקייט פון אונזער עקזיסטענץ בעווייזענדיג די גרעסטע וואונדער אין דער קונץ פון פאָרטפלאַנצונג און אַפּהיטענדיג עס ווי דעם טהייערסטען אוצר, טהוט זי עס מסתמא ניט אומזיסט, און קוים איז איהר אינטערעס אין אונזער עקזיסטענץ אזוי גוואַלדיג גרויס, דאַן מוז דער צוועק אויך זיין זעהר א גרויסער, עס איז אונמעגליך די נאַטור זאָל זיין אזוי קלוג און פּראַקטיש פון איין זייט און אזוי לייכטזיניג פון דער אַנדערער זייט; זי זאָל זיין א קינסטלערין בלויז ביז א געוויסען גראַד און דאַן זאָל זי פּלוצלונג ווערען נאַריש־לעכערליך און ניט וויסען וואָס זי טהוט, קוים קען זי אזוי קלוג שאַפען, קען זי עס אויך מיט שכל בענוצען, קוים איז זי אזוי ערענסט און ערהאַבען אין פּראָדוצירען, איז זי פונקט אזוי ערענסט און גרויסאַרטיג אין פערברויכען, זי שאַפט קיינע זאַכען צום צייט פערטרייב אָדער צום שפּיעלען זיך, אַלעס ווערט געבאָרען צוליעב א געוויסען צוועק, אַלעס דאַרף זי, יעדער זאַך ווערט בעשאַפען מיט דער אַבזיכט, עס זאָל אויספילען א געוויסען פּלאַץ, עס זאָל טראָגען אויף זיך אַן אַמט, ערפילען א געוויסע פליכט, און מיר מענשען מוזען אויך אַלזאָ האָבען א געוויסע אויפגאַבע אויף זיך, אויך דורך אונז שטרעבט די נאַטור עטוואָס צו עררייכען, עס בלייבט נור איבער פאַר אונז מענשען, אַלס פערשטענדיגע ברואים, צו זוכען און פאָרשען, צו טרייען געפינען יענעם געהיימען צוועק צוליעב וועלכען מיר עקזיסטירען און אין פאַל מיר קענען איהם ניט געפינען איז שוין פיעל בעסער און שעהנער צו ערקלעהרען זיך אין אונוויסענהייט, צו זאָגען „מיר וויסען ניט”, איידער צו פּלאַפּלען מיט דער זיכערהייט פון א קינד, וועגען נעכטיגע טעג, צו ערקלעהרען מיט דער מיענע פון א גרויסען אויטאָריטעט דאָס עס איז גאָר ניטאָ קיין צוועק דאַביי אין אונזער עקזיסטענץ און דאָס עס לוינט זיך גאָר אין גאַנצען ניט צו קלעהרען פון דעם.

מאַטעריע און גייסט.
קערפּער און נשמה.

אַט די גרויסע פראַגע, וואָס איז דער צוועק פון אונזער לעבען, האָט אימער געמאַטערט די גרעסטע דענקער פון דער וועלט און די קליגסטע פון זיי האָבען בעשלאָסען, אַז דער צוועק פון אונזער לעבען איז די נשמה אין אונז; דאָס הייסט, אַז מיר ווערען געבאָרען און לעבען בלויז אום צו טהון גוטעס צו אונזער נשמה, צו ערציהען זי און צו אוועקשטעלען זי אויף א הויכער שטופע פון ענטוויקלונג. דאָס איז אויך די מיינונג פון אַלע בעסערע רעליגיאָנען און עס איז קיין צווייפעל ניט, אַז דיעזע בעהויפּטונג איז דער בעסטער און ריכטיגער ענטפער אויף דער פראַגע, „צו וואָס לעבען מיר?”

לאָמיר בעטראַכטען דעם ענין פון קערפּער און גייסט אַביסעל קלעהרער און זיך בעקענען דערמיט נעהנטער:

גוף און נשמה, זעעלע און קערפּער. ביידע עקזיסטירען, ביידע זענען טהעטיג און ביידע האָבען פערשיעדענע פערלאַנגען. דער קערפּער זוכט גוט אָפּצועסען, גוט אָפּצוטרינקען, גענוג און בעקוועם זיך אויסצושלאָפען, ער זוכט צופריעדענצושטעלען זיינע אַנדערע ליידענשאַפטען, ווי רויכערען, טאַנצען, געניסען פון ליעבע און דאָס גלייכען. די נשמה וויעדער זוכט אַנדערע, ספּעציעל איהרע פערגניגענס, ווי גוטע מוזיק, העכערע בילדונג, גערעכטיגקייט, נייע איינדריקע, ענטדעקונגען, ערפינדונגען, זעהען טהעאַטער, לאַכען פון א גוטען וויץ אָדער אויס־

ווינען זיך פון א טראַגעדיע. ווער איז דאָ פון זיי ביידע דער ריכטיגער מיוחס? ווער עקזיסטירט דאָ צוליעב וועמען? אַז ביידע זאָלען עקזיסטירען יעדערער צו־ליעב זיך, איז אונוואַהרשיינליך און זאָגאַר אונמעגליך. עס איז ענטוועדער ווי מאַנכע גלויבען, דאָס די נשמה איז דער טפל און דער גוף דער עיקר, אָדער ווי אַנדערע ווילען עס, דאָס דער גוף איז דער טפל און די נשמה דער עיקר. די ערשטע בעהויפּטען, דאָס די נשמה איז די „סטים" וואָס מאַכט די מאַשין אַר־ביימען, זי העלפט בלויז דעם קערפּער צו לעבען און עקזיסטירען, זי מאַכט איהם קאַמפּס־פעהיג ער זאָל קענען בעקומען וואָס ער האָט נויטיג אזוי לאַנג ווי ער לעבט, ביז ער ווערט פערניכטעט דורך אַן עקסידענט, אָדער ביסלאַכווייז צו־שטערט דורך אַלטקייט, ווען די נשמה האָט שוין מעהר ניט וואָס צו טהון, און זי שטאַרבט אָפּ צוזאַמען מיט איהר בעל הבית, דעם קערפּער, אָט פּונקט ווי עס שטאַרבט אָפּ די טהעטיגקייט פון א מאַשין וואָס ווערט צובראָכען אָדער גלאַט אזוי אָפּגעשטעלט. די צווייטע ווידער זאָגען, דאָס דער קערפּער איז ניט מעהר ווי א קלייד, א וואָהנונג אין וועלכער די אונשטערבליכע נשמה ווערט געצוואונגען פון דער נאַטור אריינצוגעהן, זיך דאָרט צו בעזעצען אויף א קורצער צייט, וואו זי מוז דורכלעבען און דורכמאַכען געוויסע ערפאַהרונגען ביז די ריכטיגע בעל־הבית'טע, די זעלבע נאַטור, דענקט אַז ס'איז שוין גענוג און רופט זי אַרויס פון קערפּער צוריק, איבערלאָזענדיג די קלייד אויף הפקר.

מאַטעריע און גייסט, גוף אָדער נשמה? איבער דיעזער אַלטער פראַגע רייכען זיך אַרום די גרעסטע וויסענשאַפטס־לייטע שוין פון יאָהר־טויזענדע און ביז היינטיגען טאָג, אייניגע האַלטען מיט דער נשמה, און אַנדערע מיט'ן גוף, די ערשטע פּרעדיגען דאַביי א שטרענגע מאָראַלע ערציהונג פאַר דער נשמה, אַן איידעלע אויסבילדונג, גוטע האַרמלאָזע טהאַטען, א ריינעם געוויסען און אַן איינפאַכען לוקסוסלאָזען לעבען. די צווייטע ווידער גלויבען אין „אכל ושתה כי מחר נמות" (עסען היינט און טרינקען היינט ווייל מאָרגען קענען מיר נאָך שטאַרבען!) לעבען א גוטען טאָג אזוי לאַנג ווי עס לעבט זיך און אריינכאַפּען וואָס מעהר פערגעניגענס פון קערפּער, ווייל דיעזער לעבען איז אַלץ וואָס מיר פערמאָגען און אויסער דער ביסעל עולם הזה עקזיסטירט פאַר אונז קיין זאַך, ניט ביים לעבען און ניט נאָך'ן טוידט. וואָס מעהר מען טיעפט זיך אַריין אין די ביידע בעהויפּ־טונגען אַלץ מעהר ווערט מען איבערצייגט אין דער ריכטיגקייט פון דער ערשטער און אין דער פאַלשקייט פון דער צווייטער בעהויפּטונג, ווען מיר זאָלען אָננעה־מען, דאָס דער נאַטירליכער צוועק פון דעם מענשען איז בלויז די עקזיסטענץ פון זיין קערפּער מיט דער נשמה אַלס א בעהעלפּער, סעקרעטער, פערטהיידיגער, בע־זאָרגער, צושטופּער און דאָס גלייכען. שטעלען זיך אוועק די פאָלגענדע מורא'־דיגע קשיות:

ערשטענס — ווי קומט עס, דאָס די נשמה האָט איהרע אייגענע פּערזענליכע פערלאַנגען וועלכע זענען אַבסאָלוט זעלבסטשטענדיג און זאָגאַר דירעקט געגען די אינטערעסען פון איהר בעל הבית־קערפּער, ווי צום ביישפּיעל איהר פּראָטעס־טירען אין דער פאָרמע פון געוויסענביסע געגען יעדען פערברעכען, וועלכער גרייכט ביי מאַנכע, זאָגאַר פאַלשטענדיגע אַטהעאיסטען, צו אַזא שטופע, דאָס זיי זענען זיך זעלבסט מודה אין א בעגאַנגענעם מאָרד, וויסענדיג אַז זיי וועלען דאַביי פער־לירען דאָס לעבען גאָר אין גאַנצען און זייענדיג צופריעדען דערמיט אַבי צו בע־רוהיגען דעם גוואַלדיגען פּראָטעסט פון זייער נשמה, בעצאָהלענדיג אַלזאָ מיט'ן לעבען פון בעל הבית פאַר א קאַפּריז פון זיין שקלאַף? ווי קומט עס גלאַט דאָס מיר אָפּפערען אזוי אָפט אונזערע קערפּערליכע פערגעניגענס, צוליעב דער בעגייס־טערונג פון דער נשמה, צו קויפען מאַנכעס מאָל א גוטען בוך ווען מיר נויטהי־גען זיך אין שיך, צו לעזען און שטודירען, אַנשטאַט זיך צו אַמוזירען און געני־סען? ווי קומט צו אונז די מדה פון רחמנות, אוועקצוגעבען א צווייטען דאָס לעצטע וואָס מיר פערמאָגען, וואָס מיר דאַרפען עס געברויכען פאַר דעם אייגע־נעם קערפּער און אָפט אויך ריזיקירען דעם גאַנצען לעבען פאַר דער רעטונג פון א צווייטען אָדער א גאַנצען כלל? וואָרום ווערט אונזער נשמה אויפגעטרייסעלט און אויפגעציטערט פון אַן אומרעכט און בעגייסטערט פון דעם טריאומף פון גע־רעכטיגקייט? וואָרום קענען מיר זיך איבערהויפּט נישט בעפרייען פון דער גאַנ־צער מאָראַל וועלכע שטערט אזוי פיעל דעם געזונד און דער רוהע פון אונזער קערפּער. מיר גיבען אוועק געלד, מיה און צייט אויף אַלערליי אידעאַלען פאַר

וועלכע מיר ארבייטען, פערנאכלעסענדיג דעם קערפער און אלץ צוליעב דער בע־פריעדיגונג פון דעם שקלאף, צוליעב א שטיקעלע שפייז פאר דער נשמה? ווי באלד די נשמה עקזיסטירט נור צוליעב דעם קערפער, טא ווי קומט צו איהר פער־זענליכע פערלאנגען און נאך אזעלכע, וועלכע זיינען גאר אין ווידערשפרוך און געגען די אינטערעסען פון'ם קערפער?

צווייטענס — אויב דער צוועק פון אונזער עקזיסטענץ זאל זיין בלויז דער קערפער און זיינע פערגניגענס, טא ווארום האט די נאטור אוועקגעשטעלט אזוינע שטרענגע גרענעצען צו די זעלבע פערגעניעגענס טאקע? ווארום האט זי בעשרענקט אין אונז די מעגליכקייט פון זיי צו געניסען? און וועהרענד זי לאזט אונז אמוזירען זיך מיט גייסטיגע שפייז, מיט נשמה־פערגעניעגענס, אהן קיין שום בעגרעניצונג, וועהרענד זי ערלויבט אונז צו געניסען פון זיי ווי פיעל מיר ווילען, זי לאזט אונז לערנען, פארשען, בערייכערען דעם גייסט און טהון גוטעס, אהן א שיעור און אהן א ברעג, און וואס מעהר מיר לעהרנען, וואס מעהר גוטעס מיר טהוען, פיהלען מיר זיך אלץ גליקליכער, אלץ צופריעדענער, ווערען מיר אבער פון איהר געשטראפט ווי די גרעסטע גנבים, אויף דעם געביעט פון קערפערליכע פערגעניגענס. זי האט אונז בעשרענקט אין דעם גענוס פון עסען, טרינקען און דאס גלייכען, אונטער א געפאהר קראנק צו ווערען אדער זאגאר שטארבען פון אן איבע־ריגען ביסען, צופיעל טרינקען אדער צופיעל אנדערע גענוסען, און אויף דיעזען אופן, איז די אגיטאציע פאר א גרעסערען קערפערליכען גענוס, אייגענטליך ניט מעהר ווי אן אגיטאציע פאר דער פערמעהרונג פון קראנקהייטען, פאר דער פער־מעהרונג פון מענשליכע ליידען און יסורים, פאר דער פערשנעלערונג פון דעם מענשענ'ס סוף און פאר דער רואינירונג פון זיין קערפער נאך אין דער פריהעס־טער יוגענד, (מערקט אייך דאביי, דאס די פיהרונג פון די נשמה־ערציהער פער־זיכערט כמעט אימער אן אריכת ימים מיט א פאלשטענדיגען געזונדען קערפער.)

דריטענס — ווי קומט עס, דאס דער קערפער אונזערער, ירום הודו! דער גאנצער בעל הבית און „קנאקער", זאל האבען אזא מיאוס'ען סוף, אזא אבשיי־ליכע ענדע, דאס אין בלויז עטליכע טעג נאכדעם ווי זיין „אומווירדיגע", „אונ־וויכטיגע" נשמה טראגט זיך אפ פון איהם, זאל ער זיך פערוואנדלען אין אזא רואינע, זאל פון איהם ווערען אזא תל־עולם, ער ווערט פונקט אזוי ווי די נבלה פון א שרץ עקעלהאפט־אפשטויסענד, אין קאליר אזוי גוט ווי אין ריח, אנפאנ־גענדיג באלד צו פוילען, פער'עפושט צו ווערען, און ווען בעגראבען, פון מיאוס'ע ווערים אויפגעפרעסען. (א פיעל מיאוס'ערער סוף אלס אן איינפאכער בוים האט).

און פערטענס — ווען מיר נעהמען אן, דאס די נשמה איז אין אונז בלויז צו העלפען דעם קערפער אין זיינע אינטערעסען, טא צוליעב וואס האבען מיר מענ־שען נויטהיג אזא גרויסען גייסט, אזא ענטוויקעלטען אינטעלעקט און אזוי פיעל פערשטאנד? לעבען דען ניט די חיות מיט א קלענערען שכל, בלויז מיט'ן אינ־סטינקט? געפינט דען ניט די קוה איהרע גראז און וואסער אהנע צו לערנען געאגראפיע און היסטאריע? בויען דען ניט די פויגלען זייער נעסט און די ביה־נען זייער ביהנשטאק אהנע צו לערנען ארכיטעקטור און געאמעטרי? טא צוליעב וואס ברויכט דער מענש מעהר שכל ווי א חיה? (איז עס ניט צוליעב די עקסטרא צרות און ליידען וואס דאס פערשאפט איהם?).

מיט דער בעהויפטונג אבער פון די נשמה־אנהענגער, פאלען דיעזע פראגעס גלייך אוועק, אלעס ווערט אזוי לייכט ערקלעהרט, און אלעס הארמאנירט אזוי און איז אין איינקלאנג מיט דער גאנצער נאטור. ווען מיר נעהמען אן דעם גע־דאנק, דאס דער צוועק פון אונזער לעבען איז די נשמה, און דער קערפער איז בלויז די וואהנונג אין וועלכער זי האלט זיך אויף, איז שוין גאנץ נאטירליך, דאס די נשמה זאל האבען איהרע פערלאנגען און דאס זיי זאלען גראדע זיין געגען די אינטערעסען פון קערפער; עס ווערט שוין רעכט ווארום מיר ווערען אזוי ענט־ציקט און אויפגעציטערט פון שלעכטעס, די נשמה וועלכע איז די הויפט־מאכע־ריז, מאכט אונזער קערפער פיהלען ווי זי וויל און ניט ווי איהם, דעם קערפער, געפעהלט, און אבוואהל אין קלייניגקייטען לאזט זי זיך בעאיינפלוסען פון קער־פער, טהוט זי עס אבער זעהר זעלטען ווען עס קומט צו גרויסע זאכען. ווען דער קערפער וויל א גרויסע זינד בעגעהען, שטעלט זי זיך אנטקעגען און לאזט ניט און ווען דער קערפער איבערוועלטיגט זי און בעגעהט דאך א גוואלדטהאט ווי מארד און אז. וו.. קומט זי נאכהער און פאדערט חשבון, זי זעצט זיך אן אויף'ן

קערפּער ווי א פּיאַווקע, גריזשעט איהם, פּלאַגט איהם, מאַטערט איהם און צווינגט איהם צו בעגעהען זעלבסטמאָרד, איבערגעבענדיג זיך צו דער גערעכטיגקייט; דער שקלאַף מוז מיט זיין לעבען בעצאָהלען פאַר דער שאַנדע און וועהטאָג וואָס ער האָט פערשאַפט צו זיין בעל הבית; דער קערפּער מוז זיך זעלבסט בעשטראָפען. דעם אייגענעם לעבען פערליערען אין דער טיעפער חרטה פאַר ניט פאָלגען זיין הערשער, די נשמה. דאַן ווערט אויך רעכט וואָרום די נאַטור האָט אונז אַזוי בעגרענעצט אין דעם נענוס פון פערגעניגענס מיר זאָלען ניט קענען געניסען צו פיעל, זי וויל מיר זאָלען עסען און טרינקען בלויז גענוג צו דערהאַלטען זיך ביים לעבען, מיר זאָלען געניסען פון דער ליעבע גענוג צו פאָרטפּלאַנצען אונזער מין אָבער ניט מעהר. זי פערלאַנגט פון אונז דאָס מיר זאָלען ערציהען די נשמה און געניסען דאָביי גייסטיגען פערגעניגען אַזוי פיעל ווי מיר ווילען. פאַר דעם בעשטראָפט זי אונז קיינמאָל ניט, וועהרענד פאַר נעהמען צו פיעל אָדער בלויז מעהר ווי נויטהיג פון קערפּערליכען פערגעניגען בעשטראָפט זי אונז אָהן רחמנות.

עס ווערט שוין אויך אוים קשיה וואָרום האָט אונזער קערפּער אַזאַ מיאוס'ען סוף, ווייל אונזער ריכטיגער „איך" איז די נשמה. דער קערפּער איז בלויז דער בגד, די שאָלעכץ אין וועלכען זי איז אָנגעטהון און אַלס אַזעלכען ווען מען דאַרף איהם ניט מעהר, וואַרפט מען איהם אימער אַרויס אָהנע צערעמאָניעס, גאָר ניט בעליידיגענדיג דאָביי אפילו אויף א האָהר די פּערזאָן וואָס האָט איהם געטראָגען, וועהרענד דער בוים, אָדער די חיה, זענען טאַקי ניצליך צוליעב זייער קערפּער, דאָס האָלץ, די פעל, דאָס פלייש, און דעריבער איז זייער גוף אויך נאָך'ן טוידט געברויכבאַר און ניצליך.

מיר מוזען אַלזאָ קומען צום בעשלוס אַז דער מענש איז ניט בעשאַפען געוואָרען סתם אַזוי זיך, נור מיט דעם צוועק צו ענטוויקלען זיין נשמה צו א הויכער שטו־פּע, און דאָ שווימט אַרויף די גרויסע פראַגע, וואָס הייסט ערציהען די נשמה? מיינט עס צו דערגרייכען א הויכען גראַד וויסענשאַפט? מיינט עס צו ווערען א גרויסער דאָקטאָר, אינזשעניר, אַסטראָנאָם, אָדער פילאָזאָף? מיינט עס אפשר צו זיין א כלל־טהוער, א פערזאָרגער, אַן אידעאַליסט און בכלל א גוטער מענש וואָס ברענגט נוצען צו דער וועלט?

אין אַנדערע ווערטער: אַזוי ווי מיר זעהען, אַז די מענשען זענען פערשיע־דען און פיעלע שטייגען אַרויף אויף דעם הויכען שטאַפּעל פון בעריהמטהייט און ניצליכקייט, טאָ וועלכער סאָרט מענש פון זיי, קען אָנגערופען ווערען דער העכ־סטער, דער אדם העליון, וועלכער שטייגט אין איינקלאַנג מיט דעם אמת'ן צוועק צו וועלכען דער וועלט־בעשעפער זאָל איהם האָבען בעשאַפען?

ווער איז דער אדם העליון און ווי ווערט מען עס?

קאַפּיטעל ב.

דער אדם העליון, (איבער־מענש.)

ואתם הדבקים בד' אלהיכם חיים כלכם היום.
(דברים ד'. ד'.)

ווי די גאַטהייט בעזאָרגט אונז מיט אַלעס.

ווען מיר לעבען זיך, ווי דער שטייגער איז, פערהאָוועט און פעריאָגט יעדערער אין זיין אַרבייט אָדער געשעפט, בעטראַכטען מיר גאַרניט דעם גרוי־סען וואונדער, ווי די גאָטהייט בּאַזאָרגט אונז איבעראַל מיט טויזענדע לע־בענס־בעקוועמליכקייטען און מיט פערשיעדענע מענשען פאַך־לייט, וועלכע קומען אונז אַזוי צוניץ, ווען מיר נויטיגען זיך אין זיי. אויסער וואָס די נאַטור גיט אַרויס אַזוי פיעל פערשיעדענע שפּייזען, כדי עס זאָל זיין א גרויסער אויסוואָהל נאָך יעדען אייגענעם געשמאַק און געזונד; אויסער וואָס עס געפינען זיך אַזוי פיעל מעדיצינישע מיטלען, וועלכע ראַטעווען אונז אין צייט פון קראַנקהייט, זענען מיר אויך בעזאָרגט אין יעדען דור און כמעט אין יעדען פּלאַץ, מיט אַלערליי מענ־שען וואָס ברענגען אונז די גרעסטע נוצען, ווי דאָקטוירים, אינזשינערען, קויהלען־גרעבער, שוסטער, שניידער, שמיעדען, זייגער־מאַכער און אַזוי ווייטער; הייגט

זואו זענען די ערפינדער, וועלכע געפינען פאַר אונז אוים אזוי פיעל ניצליכע זאַ־
כען און די פערשיעדענע קולטורעלע טהוער, שרייבער. לעהרער, זינגער, אקטיאָ־
רען און עהנליכע!
מען דאַרף ניט פערגעסען, אַז יעדער מענש איז פעהיג און ווי געבאָרען צו
א געוויסער זאַך, אזוי אַז אַנדערע מענשען קענען מאַנכעס מאָל בשום אופן ניט
טהון זיין אַרבייט. עס זענען פאַראַן מענשען, וועלכע וואָלטען קיינמאָל ניט קע־
נען עסען אַ שטיקעל פלייש, ווען עס זאָלען ניט זיין קיין שוחטים וואָס קוילען
פאַר זיי א רינד אָדער א הוהן, ווייל ניט יעדער איינער האָט דאָס האַרץ צו קוי־
לען א לעבעדיגע בעשעפעניש, אָבער דער שוחט איז פון געבורטה בעשטימט
דערצו, און אזוי איז אויך דער דאָקטאָר וואָס מאַכט אונז אַן אָפּעראַציע ספּע־
ציעל בעגאַבט מיט דעם נויטיגען מוטה דערצו, און אזוי זענען אויך אַלע אַנדערע
סאָרטען פאַך־לייטע ספּעציעל פעהיג פאַר זייער פאַך, וועהרענד אַנדערע קענען
דאָס ניט טהון. עס איז אַלזאָ דער געטליכער חסד וואָס בעזאָרגט אונז מיט דיעזע
אַלע זאַכען און מענשען לויט אונזער נויטבעדערפטיגקייט; ער שאַפט פאַר אונז
פיהרער און לעהרער, פּראָפעסאָרען און ערפינדער, און ער שאַפט פאַר אונז אויך
קויהלען־גרעבער און האָלץ־העקער, ווייל באמת וואָלט דאָך גאָר על פי שכל קיי־
נער ניט געדאַרפט וועלען ווערען א קויהלען־גרעבער, בשעת די וועלט פערמאָגט
אזוי פיעל לייכטערע און שעהנערע פּראָפעסיעס, אָבער די מענשהייט איז אזוי
איינגעאָרדענט, אַז שווערע אַרבייטער, וועלכע נויטיגען זיך דאָ גראָדע א סך,
זענען פאַראַן א סך, וועהרענד ערפינדער און פּראָפעסאָרען, וואָס מען קען אויס־
קומען מיט בלויז עטליכע אין א דור, זענען פאַראַן בלויז וויפיעל מען דאַרף. דער
וועלט־בעשעפער גיט אַכטונג, אַז מיר זאָלען האָבען אַלץ וואָס מיר דאַרפען און
דער כלל האָט עס טאַקי; אפילו מיט זינגער און שפּיעלער בעזאָרגט ער אונז,
שאַפענדיג איינציגע אין יעדען דור וואָס האָבען דעם טאַלאַנט דערצו און דעם ווי־
לען, אָדער זיי ווערען געצוואונגען צוליעב אומשטענדען צו געבען דער מענשהייט
דעם נענוס פון זייער טאַלאַנט.
דאָס אַלעס פערזאָרגט פאַר אונז דער וועלט־בעשעפער, און עס איז אויך
געווען זיין חכמה צו איינפיהרען געלד אויף דער וועלט, דורך וועלכע די מענשען
ווערען געצוואונגען צו ברענגען נוצען פאַר זיך און פאַר אַנדערע, בשעת די חיות,
למשל, ווייסען ניט פון דעם און יעדע חיה לעבט טאַקי דערפאַר בלויז פאַר זיך
אַליין.
אַט דיעזען גרויסען וואונדער מערקען דאָ זעהר ווייניגע, אָבער עס איז דאָך
א פאַקט, אַז דאָס דאַרף גוואַלדיג בעוואונדערט ווערען. אויב מיר זאָלען זיך ארייג־
טיעפען אין דעם, און מען וואָלט וועגען דעם דאָזיגען ענין אַליין קענען אָנשריי־
בען צעהן גרויסע ביכער.
און דעריבער איז עס אויך א פאַקט, אַז פונקט ווי דער וועלט־בעשעפער
האָט אונז בעזאָרגט מיט מענשען־ערפינדער, מענשען־אַרבייטער און מענשען־
קינסטלער, האָט ער אונז אויך בעזאָרגט מיט מענשען־לעהרער, וועלכע האָבען אונז
אָנגעצייגט דעם צוועק פון אונזער לעבען, אין אַנדערע ווערטער: ער האָט אונז
בעזאָרגט מיט געלעהרטע און חכמים, וועלכע האָבען אונז אָנגעצייגט ווי צו לע־
בען אויף דער וועלט און דערגרייכען א הויכע גייסטיגע שטופע, נור עס איז די
בחירה ביי יעדען איינעם צו פאָלגען די חכמים אָדער ניט, און די רעזולטאַטען
פון יאָ־פאָלגען אָדער ניט־פאָלגען זענען געווענדעט ביי יעדען מענשען לויט זיין
אייגענעם אויסוואַהל.
מיר ווייסען, למשל, אַז שכור'ן, הולטייעווען, גנב'ענען, מאָרדען און עהנ־
ליכע זאַכען, זענען זעהר שעדליך פאַר א מענשען, אָבער מאַנכע ווילען דערפון
ניט ווייסען, ליידען זיי טאַקי צוליעב זייער נאַרישקייט.
מיר ווייסען ווייטער, אַז שטודירען, אַרבייטען, עהרליך זיין, מעסיג זיין און
געווינען א גוטען נאָמען, איז זעהר ניצליך פאַר יעדען מענשען, אָבער פון דעסט־
וועגען קומען ניט די דאָזיגע גוטע זאַכען אַליין פון זיך, נור מען מוז האָבען דעם
פערשטאַנד צו דורכפיהרען עס און צו האַלטען זיך אָן דעם, און ווער עס טהוט
אזוי, יענער האָט דעם בענעפיט דערפון, וועהרענד די יעניגע, וועלכע טהוען עס
ניט, זענען זיי אויף צרות.
דער מענשליכער וואויל־זיין איז, אַלזאָ, געשטעלט געוואָרען דורכאויס אויף
בחירה, אויף אויסדערוועהלען פאַר זיך די בעסערע זייט פון אַלעס, דעם „סור

מרע ועשה טוב״, אויב די זאַך איז שלעכט, זאָל מען פֿון איהר אַנטלויפֿען, און אויב זי איז גוט, זאָל מען צו איהר קלעפּען.

מיר מוזען דעריבער קומען צו די פֿאָלגענדע צוויי בעשליסע:

1) אַז דער וועלט־בעשעפֿער האָט מיט אונז געטהון אַ חסד און אָנגעצייגט אונז דורך פֿערשיעדענע מיטלען אַלעס וואָס איז גוט און אַלעס וואָס איז שלעכט.

2) אַז ער האָט עס אין גאַנצען איבערגעלאָזען צו אונזער אייגענער בחירה צו אויסדערוועהלען אָדער פֿערוואַרפֿען יעדען אָנגעצייגטען וועג.

דער וועג צום אדם העליון איז אָנגעצייגט געוואָרן.

דער געטליכער חסד האָט אונז אויך ניט איבערגעלאָזען צו טאַפּען אין דער פֿינסטער דעם וועג וואָס פֿיהרט צום אדם העליון, נור ער האָט אונז בעזאָרגט מיט חכמים און גרינדער פֿון רעליגיאָנען מיט געטליכע הייליגע מענשען און מיט אַ גאַנצער ליטעראַטור ספרים אויף צו דערהויבען אונזער גייסט, און וואו עס ווערט אָנגעצייגט וואָס דער אמת׳ער צוועק פֿון אונזער לעבען איז און ווי אַזוי יעדער איינער קען דערגרייכען די שטופֿע פֿון דעם אמת׳ן אדם העליון. עס איז אָבער די נאַרישקייט פֿון פֿיעלע מענשען ניט צו איינזעהען דאָס, אָדער ניט צו וועלען גלויבען אין דעם.

פֿיעלע מענשען שטעהען אויף אין דער פֿריה פֿון שלאָף, צינדען אָן די גאַז צו אָפּקאָכען קאַווע, זיי רופֿען אָפּ דורך׳ן טעלעפֿאָן זייער אָפֿיס אום צו אויסגעפֿינען וואָס פֿאַר אַ טעלעגראַמעס עס זענען אָנגעקומען וועגען נייע אָרדערס אויף סחורה, אָבער אָנטהון תפילין און דאַוונען פֿאָלט זיי גאָרניט איין אין קאָפּ, כאָטש דער אמת איז, אַז דער זעלבער וועלט־בעשעפֿער וואָס האָט אַרונטערגעשיקט מענשען צו איינפֿיהרען די גאַז, דעם טעלעפֿאָן און דעם טעלעגראַף, האָט אויך אַרונטערגעשיקט מענשען, וועלכע האָבען איינגעפֿיהרט דעם דאַוונען און די תפילין. און דאָס איז נאָך אפשר וויכטיגער פֿאַר׳ן מענשען ווי זיין אָפֿיס מיט די טעלעגראַמעס מיט די ביזנעס, אָבער אין דעם גאַז, אין טעלעפֿאָן און טעלעגראַף, גלויבט דער „קלוגער״ סוחר אונזערער, און אין די תפילין מיט׳ן דאַוונען גלויבט ער ניט.

אויב עס זאָל זיך אַלזאָ אויסלאָזען, אַז דאַוונען און לעגען תפילין איז העכסט וויכטיג, ווי מיר וועלען דאָס שפּעטער פּראָבירען צו בעווייזען, איז גאָט ניט שולדיג, וואָס מאַנכע ווילען זיך דערמיט ניט בענוצען; עס איז דורכאויס געווענדעט אָן יעדען איינעמ׳ס אייגענער בחירה, דער אַרטיקעל איז דאָ, פּונקט ווי די גאַז און דער טעלעפֿאָן, אַי וואָס, איינער וויל דערפֿון ניט וויסען, וויל זיך דערמיט ניט בענוצען, איז דער שאָדען זיין אייגענער און ער איז אַליין דער טפּש וואָס האָט זיך געמאַכט דעם שאָדען.

עס איז געווען דער געטליכער גייסט, וועלכער האָט געצוואונגען געוויסע מענשען, און זיי גענעבען די פֿעהיגקייט, צו ענטדעקען גאַז, טעלעפֿאָן און טעלעגראַף, און עס איז געווען דער זעלבער געטליכער גייסט, וועלכער האָט געצוואונגען אַנדערע מענשען, און זיי געגעבען די פֿעהיגקייט, צו ענטדעקען די נויטווענדיגקייט און ניצליכקייט פֿון דאַוונען און לעגען תפילין, טאָ וואָרום זאָלען מיר זיך מיט די רעזולטאַטען פֿון דעם ערשטען סאָרט ערפֿינדער יאָ בענוצען און מיט די רעזולטאַטען פֿון דעם צווייטען סאָרט ערפֿינדער, זאָלען מיר זיך ניט וועלען בענוצען?

דער איינציגער תירוץ דערויף איז, וואָס די רעזולטאַטען פֿון דעם ערשטען סאָרט ערפֿינדונגען, קענען מיר אַלע גלייך זעהען און פֿערשטעהן זייער פּראַקטישען ווערטה, וועהרענד די רעזולטאַטען פֿון דעם צווייטען סאָרט ערפֿינדונגען, קענען מיר ניט זעהען און קענען ניט פֿערשטעהן זייער ווערטה פֿאַר אונז, אָבער דאָס וואָס מיר זעהען עס ניט איז ניט קיין סמן, אַז ס׳איז טאַקי ניטאָ, אַ מענש זעהט אויך ניט וואָס מאָרגען וועט זיין און פֿון דעסטוועגען איז דער מאָרגען פֿול מיט פּאָזיטיווע פֿאַסירונגען, גוטע און שלעכטע.

פּראַקטישע מענשען זוכען טאַקי צו פֿערזיכערען זיך, ווי ווייט זיי קענען, אַז דער מאָרגען און דער איבער־אַ־יאָהר, זאָלען זיי ניט פֿערשאַפֿען קיין צרות אין לעבען, טאָ וואָרום אויך ניט בעזאָרגען זיך, אַז דער מאָרגען און דער איבער־אַ־יאָהר זאָלען ניט ברענגען קיין צרות נאָך׳ן טוידט, ווייל ס׳איז דאָך פּונקט אַזוי מעגליך צו זיין מאָרגען אַ טוידטער ווי צו זיין אַ לעבעדיגער?

אָביסעל ווייטער וועלען מיר ערקלעהרען, וועלכער וועג עס איז דער

יעניגער וואָס פיהרט צום אדם העליון און וואָרום דאָס איז אזוי און ניט אַנ־דערש, אָבער דערווייל ווילען מיר בעטאָנען דעם פאַקט בדרך כלל, אַז דער וועג איז אונז אָנגעצייגט געוואָרען און אַז ס'איז דורכאויס געוואונדעט אַז אונז אַליין צו האָבען דעם שכל און די ריכטיגע בחירה אויף איינצוזעהען דעם גוטען וועג און אויף בענוצען זיך מיט איהם, אזוי אַז ווען איינער טהוט עס ניט און פער־שטעהט ניט דעם בענעפיט וואָס ער פערלירט דורך דעם, איז אין דעם שולדיג זיין אייגענע אונוויסענהייט, אָדער זיין אייגענע נאַרישקייט.

וועלכער וועג פיהרט צום אדם העליון?

די פראַגע איז איצט, וועלכער וועג פיהרט באמת צום אדם העליון? וואו און ווען האָט עס אונז דער בע־שעפער אָנגעצייגט דעם דאָזיגען וועג, און ווער זענען עס יענע גליקליכע, וועלכע געהען אויף איהם?

איידער מיר ווילען ענטפערען אויף דיזע פראַגעס, איז נויטיג פאַר אונז צו געדענקען דאָס וואָס מיר האָבען געזאָגט אין אָנפאַנג פון דיזען העפט, אַז אַלע עקזיסטירענדע וועזענס אויף דיזער וועלט, קומען אין מדרגות און אין יע־דען מין בעזונדער, איז פאַראַן א העכסטע מדרגה, די קרוין פון יענעם מין. צווי־שען אַלע שטערען וואָס מיר זעהען אין הימעל, איז די וויכטיגסטע און ניצליכ־סטע פאַר אונז, די זון; צווישען אַלע שטיינער, זענען די יחסנים די עדעל־שטיי־נער; צווישען די מעטאַלען — גאָלד, צווישען די תבואות — ווייץ, צווישען די פרוכטען — די וויינטרויבען, צווישען זינג־פויגעלאַך — דער נאַכטיגאַל, צווישען חיות — דער לייב, און אזוי איז מיט יעדען מין וואָס געפינט זיך דאָ אויף דער וועלט, דערפון איז געדרונגען, אַז אויך צווישען אַלע פעלקער מוז זיך אודאי גע־פינען א יחסן־פאָלק, פונקט ווי ביי יעדען פאָלק בעזונדער געפינען זיך יחסנים איינצעלנע.

אצונד ווילען מיר זעהען, וועלכע הויכע גייסטיגע שטופע גיט דעם מענשען דאָס רעכט צו אָנרופען זיך אדם העליון, און ווען מיר טראַכטען זיך אריין אין דעם, געפינען מיר, אַז דאָס קען זיין איינע פון די פאָלגענדע דריי: הויכע פראַק־טישע וויסענשאַפט, א הויכע מאָראַל און אידעאַליזם, אָדער דער העכסטער סאָרט גאָטעס־דיענסט.

די ערשטע איז דאָס אָבער ניט און קען דאָס ניט זיין, ווייל זי פערנעהמט זיך בלויז מיט קערפערליכע בעקוועמליכקייטען; אויב א מענש איז א גרויסער אינזשעניר און בויעט א באַהן, א בריק, א שיף, אָדער א סאָבמארין, איז ער דער־מיט זיכער ניט קיין אדם העליון, כאָטש ער בעזיצט א זעהר הויכען גראַד ווי־סענשאַפט; דער זעלבער מאַן קען גאָר בענוצען זיין קונסט, פאַר מלחמה־צוועקען און טויטען דערמיט אומשולדיגע מענשען, אָדער ער קען סתם זיין א שלעכטער מענש, א חיה רעה בצורת אדם און אַזאַ נפש קען זיכער ניט הייסען „אדם העליון".

די צווייטע, די שטופע פון הויכער מאָראַל און אידעאַליזם, קען דאָס אויך ניט זיין, ווייל אין דעם האָט דער מענש אַלס שותף די חיות ובהמות; מען דאַרף ניט קיין העכערע מאָראַל ווי ביי א טויב, אָדער ביי א לעמעלע; מען דאַרף ניט קיין עהרליכערע בעשעפעניש ווי א קוה און מען דאַרף ניט קיין מעהר טרייע, מעהר אידעאַלע בעציהונג צום צווייטען, ווי די בעציהונג פון א הונט צו זיינע בעלי־בתים מיט זייער פאַמיליע. און אפילו ווען איינער איז זיך מקריב פאַר זיינע מיטמענשען קעמפענדיג פאַר זייער פרייהייט און גליק, איז דאָך דאָס אויך ניט מעהר ווי צו מאַכען בעקוועמער פאַר די מענשליכע קערפערס, צו בעקומען פאַר זיי בעסערע לעבענס־בעדינגונגען און דאָס איז ניט דער וועג צום אדם העליון; מאָרגען קען א געוויסע מדינה איינפיהרען אמת'ע גלייכהייט און פרייהייט פאַר אַלעמען, וועט זי שוין ניט האָבען מעהר קיין פּלאַץ פאַר אידעאַליסטישע קעמפער, אָדער אמאָל וואָהנט א מענש ערגעץ אויף אַן אינזעל ווייט פון א ישוב, קען ער שוין בשום אופן קיין אדם העליון ניט ווערען, ווייל ער האָט ניט די מעגליכקייט צו קעמפען פאַר אירגענד וועלכען אידעאַל, דער אמת איז אָבער, אַז יעדער מענש און וואו ער זאָל זיך ניט געפינען, אפילו איינער אַליין אין א וואַלד, דאַרף אויך קענען דערגרייכען די שטופע פון אַן אדם העליון.

פערבלייבט אַלזאָ די דריטע זאַך, דער העכסטער סאָרט גאָטעס־דיענסט, דאָס נעהמט שוין אריין אויך מאָראַל, אידעאַליזם און אַלע גוטע מדות; דאָס איז ניט בלויז א זאַך צו מאַכען בעקוועמער דעם קערפער, נור אויך, און הויפּטזעכליך, צו

אויפהויבען דעם גייסט, און אין דעם האט דער מענש ניט קיין שותפים צווישען קיינע אנדערע לעבעדיגע ברואים, ווייל נור דער בחיר היצורים קען דיענען גאט און זיך דערנעהנטערען צו איהם.

עס הייסט דעריבער, אז ביי יעדען פאלק זענען נור יענע יחידים אויף דעם וועג צום אדם העליון, וועלכע גיבען זיך אפ מיט געטליכקייט און פיהרען א הייליגען געטליכען לעבען, און צווישען אלע פעלקער איז נור יענער פאלק אויף'ן ריכטיגען וועג צום אדם העליון, ווער עס האט די אמת'ע געטליכע תורה, נעמליך, דאס אידישע פאלק, ווי ס'איז בעוויזען געווארען אין אונזער העפט „תורה און רעליגיאן".

מיר קענען זיך אלזא אויסמאהלען אין געדאנק דעם געטליכען וועג און ווי אויף איהם ציהט זיך א לאנגע שורה פון מענשען, די רעליגיעז־געזאנענע פון אלע פעלקער און פון אלע גלויבענס; צו ערשט געהען די אלע עכט־פרומע אידען, הינטער זיי, די פרומע פון אנדערע מעהר־ווענינער אנשטענדיגע רעליגיאנען און הינטער זיי די פרומע געצענדיענער; דיעזע אלע זענען אויף'ן וועג צום אדם העליון, מיט דעם אונטערשייד וואס די ערשטע שטעהען נאהענט צו איהם, אדער ממש אויף זיין פלאץ, יעדערער לויט זיין מדרגה, וועהרענד אלע אנדערע זענען בלויז אויף דעם זעלבען וועג, אבער נאך הינטערשטעליג און העט העט וויט פון זייער צוועק.

ווי אזוי רעליגיאן און געטליכע ערקענטניש פיהרט אונז צו דער מדרגה פון'ם אדם העליון, פערבלייבט אונז נאך צו בעווייזען, אבער קודם ווילען מיר פעסט־שטעלען דעם פאקט, אז דאס אידישע פאלק שטעהט אין דיעזער הינזיכט בראש, ווייל מיר זענען געוועזן די ערשטע און די איינציגע צו מקבל זיין די געטליכע תורה און די אנדערע פעלקער געהען הינטער אונז אין אונזערע טריט, אדער קלעהרער גערעדט, מיר זענען דערמיט דער אתה־בחרתנו־פאלק צווישען אלע פעלקער, די זון צווישען די קליינע שטערן, דער דימענט צווישען די פראסטע שטיינער.

אזוי שנעל ווי איינער גיט־צו, אז ס'איז פאראן א גאט אויף דער וועלט און אז ער האט בעשאפען א יחסן־פאלק צווישען די פעלקער, מוז ער גלייכוויז צושטימען, אז דער יחסן־פאלק זענען מיר אידען, ווייל מיר שטעהען נעהענטער צו גאט ווי אלע; מיר זענען די ערשטע און די איינציגע צו פערשפרייטען אויף דער וועלט דעם גלויבען אין איהם און די איינציגע וואס צאהלען פאר דעם מיט בלוט, מיט טרעהרען, מיט יסורים און ליידען אין יעדען ווינקעלע פון'ם ערד־קוגעל, וואו מיר געפינען זיך נור.

און ווי מיר האבען שוין בעוויזען אין די ערשטע צוויי העפטען, איז פאראן א גאט אויף דער וועלט און פאראן א געטליכע תורה, טאקי די תורה וואס מיר אידען האבען; עס ווערט דעריבער קלאהר, אז מיר זענען גאט'ס אויסדערוועהלטער פאלק, דעריבער זענען מיר די אונדירעקטע מיסיאנערען צווישען די ציוויליזירטע קריסטליכע פעלקער, וועלכע שטעהען נעקסט צו אונז מיט א מדרגה נידעריגער, וועהרענד די קריסטליכע פעלקער טהוען די זעלבע מיסיאנערען־ארבייט צווישען די געצענדיענערישע פעלקער, וועלכע שטעהען נעקסט צו זיי מיט א מדרגה נידעריגער. עס קען אלזא ערווארטעט ווערען, אז מיט דער צייט וועלען אלע פעלקער דערגרייכען אונזער איצטיגע מדרגה, פריהער וועלען אונז דעריאגען די קריסטען און נאכהער אלע אנדערע, וועהרענד מיר אידען, וועלען דאן שטעהן נאך העכער, זייענדיג דער פריסטער־פאלק פאר אלע פעלקער און בעקומענדיג דעם פולען געטליכען און מענשליכען שכר פאר אונזערע ליידען ביז מיר האבען די מענשהייט ארויפגעפיהרט אויף'ן ריכטיגען וועג.

דער וועג צום אדם העליון איז דעריבער די אידישע תורה און מיר אידען זענען דערווייל די איינציגע וועלכע האבען דעם גליק צו קענען געהן אויף דיעזען געטליכען און ערהאבענעם וועג.

וואס גיט אונז די אידישע תורה?

גרויס, אונגעהייער־גרויס, זענען די נוצען און די רייכטהימער, וועלכע ליגען פאר אונז אין דער תורה; זיי גיבען אונז דאס העכסטע, דאס שעהנסטע און דאס בעסטע וואס א מענש קען זיך נור ווינשען אין לעבען, גליק רוה און צופריעדענהייט אויף ד י ע ז ע ר וועלט און אייביגען לעבען און פערגעניגען אויף יענער וועלט;

די תורה איז אגב ווי א מעדיצין וואס איז פארגעשריבען פון א גרויסען פראפעסאר און וועלכע קורירט אייך אויס נור דאמאלס, ווען איהר טרינקט זי כסדר און פינקטליך לויט דעם פארגעשריבענעם ארדער פון דעם פראפעסאר, אבער נים ווען איהר נעהמט דערפון אן איינציגע אדער עטליכע טראפענס און פערוואַרפט עס, אדער ווען איהר נעהמט עס ניט איין לויט די פארשריפטען און ווילט געזונד ווערען דערפון מעשה־נס.

עס זענען פאראן מענשען, וועלכע האבען געלערענט נור אביסעלע תורה, אדער זיי האבען עס שלעכט געלערענט, אדער זיי האבען געלערענט גוט און אזוי פיעל, אז זיי זענען שוין געוועזן אויף'ן וועג צו געזונד ווערען, נור זיי האבען דאס פלוצלונג אויפגעגעבען און דעריבער זענען דיעזע אלע לייטע פערבליבען קראנק, כאראליש פערקריפעלט און פיעלע פון זיי קריטיקירען נאכהער די תורה און ריידען אויף איהר שלעכטס, ווי אויך אויף די גרויסע פראפעסארען, וועלכע רעקאמענדירען די תורה; פון אזעלכע מענשען טאהר זיך קיינער קיין ראיה ניט ארונטערנעהמען, אדרבה, זיי קענען נאך דיענען אלס פערשטארקערונג פאר דער אמת'דיגקייט פון אונזער תורה, ווייל די תורה האט טאקי בפירוש פאראויסגעזאגט וועגען זיך, אז פאר מאנכע קען זי ווערען א סם חיים, א זעלטען־גוטע רפואה, און פאר מאנכע קען זי ווערען א סם המות, אן אמת'דיגער גיפט פאר זייער גייסט; מיר זעהען דאס אויך בחוש, אז דער יעניגער, וועלכער האט די תורה אמאל געלערענט און איז געווארען אן אפיקורס, איז ער טויזענד מאל ערגער פון דעם אפיקורס וואס האט גארניט געלערענט די תורה, אדער ווי די וועלט זאגט א ווערטעל: „א גאט'ס גנב איז פיעל ערגער פון א פראסטען גנב!"

עס איז אויך קיין וואונדער ניט ווארום די זעלבע תורה זאל אויף איינעם ווירקען גוט און אויף א צווייטען שלעכט; דער רעזולטאט איז אמאל געווענדעט אן דעם מקבל פונקט אזוי גוט ווי אן דעם געבער, מיר ווייסען למשל, אז לייוועגט ווערט געמאכט ווייס דורך דעם וואס מען שפרייט עס אויס אונטער די שטראהלען פון דער זון, וועהרענד דער מאן וועלכער טהוט די ארבייט פון ווייסען דעם לייוועגט, ווערט אונטער די זעלבע זון־שטראהלען שווארץ, עס זענען די זעלבע שטראהלען, אבער זייער ווירקונג איז פערשיעדען לויט דעם מקבל אויף וועמען זיי פאלען, און די וויסענשאפט ווייסט גענוי אין וואס די פערשיעדענהייט בעשטעהט.

בנוגע דער פערשיעדענער ווירקונג פון דער תורה אויף מענשען, איז דער אינטערשייד אין דעם, וואס איינער פאלגט די פראפעסארען פינקטליך און דער צווייטער פאלגט זיי ניט; איהר מוזט דעם פראפעסאר צוערשט פאלגען בלינד, איידער איהר פאנגט אן צו פיהלען די גוטע רעזולטאטען פון זיינע פארגעשריבענע היילונגס־מיטלען, אבער ווען איהר פערווארפט זיינע מיטלען גלייך אין אנפאנג, אדער ווען איהר האלט זיך ניט שטרענג אן זיינע פארשריפטען ביים בענוצען די מיטלען, קענט איהר ניט געזונד ווערען, און אייער קריטיקירען דעם פראפעסאר איז אונבערעכטיגט און ווערטהלאז, ובפרט נאך אז איהר פערבלייבט קראנק און קענט קיין אנדערע בעסערע מיטלען ניט קריגען, איז אודאי און אודאי א סמן, אז פאלגענדיג דעם פראפעסאר וואלט איהר אפשר טאקי יא געזונד געווארען.

מיר וועלען דעריבער אין גאנצען אפרוקען אן א זייט די לייקענער, די אפלאכער, די געגנער און בעקעמפער פון דער אידישער תורה און מיר וועלען דא ערקלעהרען וואס עס זאגען די יעניגע, וועלכע האבען געהאט די ערפאהרונג אויסגעהיילט צו ווערען דורך איהר און וואס נאכהער האבען זיי אונז פערזיכערט אין איהר אמת'דיגקייט און גרויסער וויכטיגקייט. מיר מוזען דאך על כל פנים מודה זיין, אז אונזערע נביאים, תנאים, אמוראים, גאונים און די שפעטערע גדולי ישראל, ווי דער רמ'בם, דער בעל הכוזרי, דער בעל העיקרים און עהנליכע, האבען ערשטענס געלערענט און געקענט די תורה, צווייטענס האבען זיי שטרענג אפגעהיט די אלע פארשריפטען פון דער תורה, לעבענדיג לויט דעם שולחן ערוך ביז זייער לעצטען אטהעם־צוג, און דריטענס. אז זיי זענען חלילה ניט געוועזן קיין ליגנער און קיין בייזוויליגע פערפיהרער, און יענע אלע קדושים וטהורים פערזיכערען אונז, אז ניט נור איז אלעס וואס זיי זאגען דער ריינער אמת, נור אז יעדער איינער פון אונז קען זיך אליין איבערצייגען אין דעם, אויב ער וועט נאכ־

פאלגען זייער ביישפיעל און לעבען על פי חוקי התורה פונקט ווי זיי האבען דאס געטהון.

און זיי פערזיכערען אונז, אז די תורה גיט אונז די פאלגענדע אונגעהייער־גרויסע בענעפיטען:

1) זי היט אונז פון אריינברענגען אירגענד וועלכען שמוץ אין אונזער קערפער סיי דורך שפייז און סיי דורך צופיעל מותרות און גאראנטירט אונז דערמיט אריכת ימים, געזונד און א נארמאלען צושטאנד אין אלע הינזיכטען.

2) זי ערדעלט אויס אונזער גייסט און פערוואנדעלט אונז אין העכערע וועזענס, אנפילענדיג אונזער הארץ מיט די שעהנסטע בלומען פון אידעאליזם, מענשען־ליעבע, גערעכטיגקייט, מאראל, שלום און אלע אנדערע ערהאבענע מדות, פערוואנדלענדיג אונז אין מענשען־מלאכים, אנשטאט מענשען־טייוואלים.

3) דאס לערנען און שטודירען די תורה איז אן און פאר זיך דער גרעסטער פערגעניגען אין דער וועלט, ווייל דאס עפענט פאר אייך אויף אלע טהויערען פון הכמה און וויסענשאפט און איהר הויבט־אן צו איינזעהען ביסלעכווייז די גרויסע ליכט וואס ליגט אין דער תורה און ווי אזוי זי ברענגט אייך ביידע וועלטען. לערנענדיג די תורה און לעבענדיג לויט איהרע פארשריפטען, עררייכט מען רוח הקודש, אדער אפילו נבואה, אויב מען איז דערצו ראוי דורך האבען דערגרייכט א הויכע מדרגה.

4) דורך מקיים זיין די תרי"ג מצוות ווערט דעם פרומען אידענ'ס נשמה בעהעפט מיט דעם וועלט־בעשעפער נאך דא ביים לעבען און דערמיט דערגרייכט זי די העכסטע מעלה וואס א לעבעדיגער מענש קען דערגרייכען, דערמיט ווערט דער מענש אן אדם העליון, און צוליעב דיעזען צוועק איז דא בעשאפען געווארען די גאנצע וועלט מיט דעם גאנצען מענשליכען מין, און עס איז ניטא קיין שום אנדער וועג, קיין שום אנדער מיטעל אין דער וועלט צו בעהעפטען די געטליכע נשמה אין אונז מיט דער גאטהייט, אויסער ווי דורך מקיים זיין די תרי"ג מצוות פון דער תורה.

די וויכטיגקייט פון די תרי"ג מצוות.

עס וואלט זיין אונמעגליך צו געבען דא די גאנצע אפהאנדלונג פון אונזערע הייליגע ספרים, דעם תלמוד, דעם זוהר און אנדערע, וועגען דעם וועזען פון אונזער נשמה, וואס זי איז באמת און ווי אזוי דאס ווערט בעוויזען אלס ריכטיג, דאס מוז יעדער מענש אליין לערנען און שטודירען אין די אריגינעלע פלעצער, ווייל זיי זענען צו פיעלע און צו טיעף אין מאנכע הינזיכטען און ליידער איז ניט יעדער פון אונז זוכה דערצו, פונקט ווי ניט יעדערער פון אונז איז זוכה צו זיין א מיליאנער, אדער א דיפלאמאט, נור מיר וועלען דא איבערגעבען דעם סך הכל פון אלעם וועגען אונזער נשמה, וועט דאן קלאהר ווערען פאר יעדען איינעם די וויכטיגע ראליע וואס די תרי"ג מצוות שפיעלען דא אין אונזער לעבען.

קודם ווערט פעסטגעשטעלט, אז אין אונזער קערפער געפינען זיך באמת צוויי נשמות, איינע וועלכע איז דער לעבענס־גייסט וואס מיר געפינען איהם ביי יעדער לעבעדיגער בעשעפעניש, בהמה, חיה, פויגעל אדער פיש, און די צווייטע איז דער געטליכער פונק וועלכער בעלייכט אונזער לעבענס־גייסט און מאכט פון איהם א העכערע בריאה.

דער לעבענס־גייסט אין'ם מענשען איז דער פערבינדער צווישען גוף און דעם געטליכען פונק, ווייל דער געטליכער פונק איז צו עדעל צו קענען בעהעפטען זיך מיט דעם גראבען חומר פון אונזער קערפער, דעריבער ווערט ער צוזאמענגעבונדען מיט דעם לעבענס־גייסט, וועלכער געפינט זיך אין אונזערע נערווען און אין די קנאכען, אזוי אז ביידע צוזאמען פערוואלטען דאן דעם חומר און דערפון קומט אפט ארויס דער קאמף אין אונז צווישען גוטעס און שלעכטעס, ווייל דער פראסטער לעבענס־גייסט ציהט אונז צו די אינסטינקטען פון דער חיה ובהמה, בשעת דער געטליכער פונק שלעפט אונז ארויף צום הימעל, צו העכערעס און צו אלעם וואס איז מעהר־וועניגער געטליך.

דעריבער זעהען מיר אויך, אז ביי גאר יונגע קינדער וואו די צוויי נשמות האבען זיך נאך ניט צוזאמענגעבונדען, אדער ביי גאר אלטע לייט וואו דער צוזאמענבונד איז אפגעשוואכט געווארען צוליעב געוויסע אורזאכען, אדער ביי מענשען אין צייט פון א שווערער קערפערליכער אדער גייסטיגער קראנקהייט, איז

דאַן דער מענטש אין דער בחינה פון אַ בהמה; קינדער, אַלטע עובר בטל׳ניקעס, קראַנקע און משוגעים ווייסן ניט וואָס זיי עסן און וואָס זיי טהוען, זיי שעהמען זיך ניט, ווייסן ניט פון מורא און זענען אין פיעלעס ענליך צו אַ בהמה וחיה, דאָס איז ווייל דער צוזאַמענבונד צווישען דעם געטליכען פונק און דעם לעבענס-גייסט איז אין זיי שוואַך אָדער גענצליך איבערגעריסען.

דער געטליכער פונק, אַז און פיר זיך, דאָס וואָס מיר רופען „די געטליכע נשמה", איז דער אמת׳ער מענטש און אָט דיעזע נשמה בעשטעהט פון רמ"ח איברים ושס"ה גידים, (248 גליעדער און 365 נערוועו,) ריכטיג ווי דאָס וואָס אונזער קערפער האָט און עס איז טאַקי די נשמה, וואָס האָט דעם מענשליכען געשטאַלט, און דער גוף איז אַ קלייד פאַר איהר; יעדער גליעד און נערוו איז אונז, איז ריכטיג צוגעפאַסט צו אַן ענליכען גליעד אָדער נערוו אין אונזער נשמה, און פונקט ווי די מענשליכע גליעדער און נערוועו מוזען פון אונז אימער גע־שפייזט ווערען, אַזוי מוזען אויך די גליעדער און נערוועו פון אונזער נשמה גע־שפייזט ווערען, אָבער זייער שפייז איז אַ גייסטיגע, נעמליך, די מצוות פון דער תורה, יעדע מצוה איז בעשטימט צו שפייזען אַ געוויסען נשמה-גליעד אַזוי אַז אונזערע 248 מצוות-עשה זענען די שפייז פאַר דער דאָזיגער צאָהל נשמה-גליע־דער און אונזערע 365 מצוות לא תעשה זענען די שפייז פאַר דער זעלבער צאָהל נשמה-נערוועו, צוזאַמען איז עס 613 מצוות, אָדער ווי מיר רופען זיי, די תרי"ג מצוות.

אויב אַ איד איז עובר אויף אַ מצוה, ווערט ביי איהם דער נשמה-גליעד וועלכער איז שייך צו דער בעטרעפענדער מצוה, אָפגעשטאָרבען און ווען איינער איז עובר אויף דער גאַנצער תורה, ווערט ביי איהם זיין גאַנצע געטליכע נשמה אָפגעשטאָרבען, אָבער דאָס מיינט ניט, אַז די נשמה פערלאָזט איהם, אָדער אַז די אָפגעשטאָרבענע נשמה-גליעדער פאַרלאָזען איהם, נור עס מיינט, אַז זיי ווערען צייטווייליג איבערגענומען פון דער קליפה רחמנא לצלן; אַנשטאָט צו ציהען זייער חיונה פון דער געטליכער קדושה, ציהען זיי דאָס פון דער טומאה און אַזוי ווערט אַזאַ נשמה פעראומרייניגט און נאָך׳ן מענשענס טויט מוז זי געלייטערט און געברענט ווערען, ביז די טומאה געהט פון איהר אַדוים און די נשמה ווערט צוריק ריין ווי געוועזן.

דיעזע בעהויפטונג, וועגען די תרי"ג מצוות און זייער ווירקונג, אַזוי ווי מיר מאַכען זי דאָ, טרוקען, אָהן בעווייזע און אָהן ערקלעהרונגען, איז בעצוועקט בלויז פאַר די יעניגע, וועלכע פיהלען אין זיך דעם געטליכען פונק; וועלכע זענען אַליין בעלי־אמונה, נור עס פעהלט זיי פשוט דער וויסען וואָס די מצוות בעדייטען, אַבוואָהל זיי טהוען וואָס די תורה פאַרלאַנגט פון זיי; פאַר דיעזע מענשען איז גענוג וואָס דאָס ווערט אָנגעגעבען אין׳ם נאָמען פון אונזערע אַלע הייליגע ספרים, ווייל זיי ווילען וויסען און ניט אַרגומענטירען, אָבער וואָס אַנבעלאַנגט די צווייפלער, וועלכע זוכען בלויז בעווייזע, וועלען אונזערע טרוקענע בעהויפטונגען זיכער ניט זיין גענוג פאַר זיי, עס איז אָבער אַ פאַקט, אַז ס׳איז בשום אופן ניט מעגליך צו ערקלעהרען דאָ די גאַנצע טהעאָריע לויט וועלכער דאָס ווערט בע־וויזען קלאָהר ווי דער טאָג, ווייל דאָס וואָלט מיינען צו געבען דאָ אַ פולען קורס פון דער קבלה און דאָס איז ניט דער צוועק פון דיעזער העפט, עס איז אויך ניט פאַראַן אין איהם גענוג פלאַץ פאַר אַזאַ גרויסער און טיעפער וויסענשאַפט ווי די קבלה; עס איז אָבער גענוג צו זאָגען, אַז ווער עס וויל די קבלה לערנען, קען דאָר־טען געפינען די אַלע איינצעלהייטען פון אונזער ערקלעהרונג וועגען די תרי"ג מצוות און טאַקי אַ גאַנצען ים דערפון, ממש אַזוי ברייט און אַזוי טיעף ווי דער ים, און ווער עס וויל ניט, אָדער קען ניט אַריינדרינגען אין די טיעפענישען פון דער קבלה, נור ער וויל מען זאָל דאָס איהם ערקלעהרען אין פשוט׳ע ווערטער, איז פונקט ווי אַן אונוויסענדער מענש זאָל וועלען, אַז מען זאָל איהם ערקלערען אַ שווערע אַלגעבראַאישע פּראָבלעם, אָדער די איינשטיין טהעאָריע וועגען רע־לאַטיוויטעט אין איינפאַכע ווערטער, און ער זאָל זאָגען, אַז אויב ניט וויל ער אין דעם ניט גלויבען; מיט אַזאַ מענשען איז ניטאָ וואָס צו דיסקוטירען, ער וועט שוין פערבלייבען אַן אונוויסענדער זיינע אַלע יאָהרען.

וועגען די תרי"ג מצוות און זייער ווירקונג, קען מען אָנשרייבען אַ צעהנ־דליג דיקע ספרים, בלויז איבערגעבענדיג בקיצור דאָס וואָס אונזערע פערשיעדענע גדולי ישראל האָבען וועגען דעם אָנגעשריבען, אָבער אום צו געבען דעם לעזער

א שטיקעלע בעגריף, א מקצת מן המקצת פון א בעגריף וועגן דער ווירקונג און דעם ווערטה פון די תרי"ג מצוות, וועלען מיר דא איבערגעבען אין קורצען א פאאר ווערטער וועגן דעם דאזיגען ענין פון דעם של"ה הקדוש, וועלכער ברענגט עס אלס א שלום־פאלגערונג נאך א לאנגער, טיפער און בעלעהרענדער אפהאנדלונג וועגן דעם.

וואס זענען באמת די מצוות און עבירות?

„זייט וויסען, מיינע קינדער, שרייבט דער דערמאהנטער הייליגער צדיק הדור, אז די מצוות, וועלכע זענען אונז געגעבען געווארען אויף דיעזער וועלט, כדי צו קריגען פאר זיי שכר אויף יענער וועלט, אדער חלילה בעשטראפט ווערען פאר זיי דארטען אויב מיר פאלגען זיי ניט אויס, איז די בעלוינונג און שטראף פאר זיי ניט קיין קאנדיציאנעלע נור א נאטירליכע; עס איז ניט ווי די געזעצען פון א קעניג, וועלכע שרייבען פאר, אז פאר אויספאלגען אדער ניט־אויספאלגען זיי וועט מען בעקומען א געוויסע בעלוינונג אדער שטראף, נור דאס איז א נאטירליכער שכר ועונש, ווי למשל געזונדהייט אויב מען לעבט נארמאל און קראנקהייט אויב מען מיסברויכט די נאטור פון דעם אייגענעם קערפער; ווען איהר געהט ווינטער ווארים אנגעטהון, קענט איהר ניט דערפרוירען ווערען, ווען איהר זייהט אייער פעלד, קענט איהר נאכהער שניידען; ווען איהר שטופט די האנד אין פייער, מוז זי פערברענט ווערען און אזוי ווייטער; די נאטור בעלוינט און בעשטראפט דעם מענשען דורך זיינע טהאטען גופא, און ניט דורך א זייטיגער זאך, ווי למשל פריזאן פאר גנבה, די תליה פאר מארד, אדער געלד־שטראף פאר ברעכען אן אנדער געזעץ.

„שכר מצוה — מצוה, ושכר עבירה — עבירה"; די בעלוינונג פאר א מצוה אדער די שטראף פאר אן עבירה ליגען אין זיי גופא; יעדע מצוה און יעדע עבירה דא אונטען, האט איהר ווארצעל אויבען אין דער גייסטיגער וועלט; ווען דער מענש טהוט דא א מצוה, בעהעפט זיך זיין נשמה אויבען מיט דעם גייסטיגען ווארצעל פון דער מצוה, און ווען ער טהוט אן עבירה, בעהעפט זיך זיין נשמה מיט דעם גייסטיגען עבירה־ווארצעל דארטען אויבען; דאס איז ווי די משנה זאגט אונז „ואין אתה בא לידי עבירה", וועסטו ניט ארייינפאלען אין די הענט פון דער עבירה, דאס מיינט אין די הענט פון דער קליפה וועלכע איז דער גייסטיגער ווארצעל פון יעדער עבירה. דאס איז אויך די ריכטיגע מיינונג פון די ברכות און קללות אין דער תורה; זיי זענען ניט קאנדיציאנעל, אז פאר מצוות גיט מען רעגען און גערעטעניש, אדער פאר עבירות בעשטראפט מען מיט טריקעניש און הונגער־יאהרען, נור די מצוות גופא זענען די צנורות, די רעהרען דורך וועלכע עס גיסען זיך ברכות, וועהרענד די עבירות זענען די רעהרען דורך וועלכע עס גיסען זיך קללות; אט דעריבער זענען די אלע ברכות און קללות פון אונזער תורה, נאטירליכע; ווען די מענשהייט זינדיגט און בעגעהט עבירות, עפענען זיך אויף די רעהרען פון צרות און אומגליקען, עס קומען דאן מלחמות, חורבנות, וועלטאיבערקעהרענישען, טוידט און פערניכטונג, וועהרענד בשעת א מדינה אדער א פאלק טהוט מצוות, עפענען זיך דערמיט די צנורות פון חסד און עס קומען ארונטער ברכות, זאטקייט, פריעדען און גליק.

די מצוות און עבירות זענען אלזא אליין די שליסלען וועלכע עפענען די קוואלען פון גוטעס און שלעכטעס." (עד כאן דער של"ה).

עס קומט דעריבער אויס, אז דער יעניגער וועלכער טהוט מצוות , ווערט א שותף צו דער געטליכקייט אין ארונטערברענגען ליכט און גוטעס פאר דער וועלט, בשעת דער בעל עבירה, ווערט דער אינסטרומענט פון דער קליפה צו ברענגען חושך און פערניכטונג פאר "אלעס און אלעמען; די מענשהייט בכלל האט נור אבער איינע געצעהלטע מצוות און עבירות, די אלגעמיינע געזעצען פון מאראל, די מצוות בין אדם לחבירו און זי קען זיך דורך זיי דערנעהנטערען צו דער געטליכקייט בלויז אויף אביסעל; זיי קענען מיט זייערע מצוות ארונטערברענגען בלויז אירדישען פערגעניגען, שלום, א רוהיגען לעבען, געזונדהייט, רייכטהום, מאכט; זיי שאפען פאר זיך א גליקליכע עולם הזה, אזוי צו זאגען און דאס איז אגב זייער גאנצער שכר; זיי זענען ווי די דיענער אין א קעניגליכען הויף וועמעס פליכטען עס זענען בעגרעניצט און דערפאר בעקומען זיי נור גוט עסען און טרינקען, מיט גוטער בעלוינונג און געלד, אמאל אויך געוויסע מתנות, אבער זיי בעקומען קיינ־

מאָל ניט קיין טיטולען; זיי קענען ניט ערווערבען פאַר זיך דעם אַדעל־שטאַנד ווי געוויסע בעאַמטע, דיפּלאָמאַטען, מיליטער־לייט, אָדער וויסענשאַפטס־לייט, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט אַ העכערער סאָרט דיענסט פאַר דעם קעניג און וועלכע ווערען דערהויבען אָפט ביז צו ווערען די צווייטע אָדער דריטע האַנד פון דעם קעניג.

אום צו שטייגען הויך אין דעם קעניג׳ס דיענסט, מוז אַמאָל דער מיליטאַריסט זיך וואַלגערען אין פעלד, ליגען אין טרענטשעס, ריזיקירען זיין לעבען, אויסגעריסען ווערען אויף פערשיעדענע אופנים, אָבער גראַדע דערמיט ערווערבט ער זיך די העכסטע טיטולען, דעם גרעסטען כבוד און מאַכט, ווערהענד די אַנדערע אונטערטהאַנען פון לאַנד זיצען זיך רוהיג יעדערער אין זיין היים און קומען אָפּ מיט צאָהלען קליינע געלד־צינזען; זיי לעבען רוהיגער פון דעם מיליטאַריסט, האָבען עולם הזה די גאַנצע צייט, אָבער דערפאַר פערבלייבען זיי אימער איינפאַכע אונטערטהאַנען און קענען זיך צו קיין גרויסעם קיינמאָל ניט דערדיענען.

די אומות העולם זענען די איינפאַכע מאַסען פון דער הימלישער קעניגרייך; זיי האָבען נור קליינע צינזען צו צאָהלען, גאַנץ פּראָסטע און געצעהלטע געזעצען צו אָפּהיטען און דעריבער איז אַלץ וואָס זיי קענען דאָ ערוואַרטען, ניט מעהר ווי עולם הזה, ווערהענד דאָס אידישע פאָלק איז די הימלישע אַרמעע; מיר האָבען אויף זיך אַ דיסציפּלין, אַ גאַנצע תורה מיט תרי״ג מצוות; אַלערליי בעשרענקונגען און פערשיעדענע פליכטען; אָפט קומט אונז אויס צו ליגען אין טרענטשעס, צו פערגיסען אונזער בלוט, צו פאַלען אַלס קרבנות אויספיהרענדיג די הימלישע דיסציפּלין, אָבער דערפאַר שטעהען מיר נאָהענט צום הימלישען קעניג, טראָגען זיין יוניפאָרם און פיהלען זיך נאָהענט צו איהם; דאַגעגען ווען מיר ערפילען ניט אונזערע פליכטען, ווערען מיר שטרענג בעשטראָפט פאַר דעם, אַבוואָהל אַנדערע פעלקער ווייסען ניט פון אַזעלכע פליכטען און ווערען ניט בעשטראָפט פאַר ניט ערפילען זיי, ווייל זיי זענען דערפון לכתחלה פטור.

די מצוות און עבירות פון אונזער תורה, זענען אַלזאָ די דירעקטע צנורות צווישען אונז און דער געטליכקייט, זיי דערנעהנטערען אונז צו דער געטליכער קדושה איברים־וויז; יעדע מצוה און יעדע עבירה ענטשפּרעכט דער ענטוויקלונג פון אַ געוויסען גליעד אין אונזער נשמה און דאַרף איהם בעלעבען, בעלייכטען און פעראייניגען מיט דער געטליכער ליכט, וועלכע איז דער גייסטיגער שורש אויבען אין הימעל פון דער בעטרעפענדער מצוה דאָ אונטען, און אויב מיר היטען ניט די מצוות, פערשמוצען מיר אונזער נשמה, פערלעשען איהר ליכט, מיר פערקניפּען זי ר״ל מיט דער טומאה און מיר מוזען נאָך׳ן טוידט געלייטערט ווערען צוליעב דעם.

וועגען דער ריינינגונג פון דער געטליכער נשמה נאָך׳ן טוידט און די רעזולטאַטען דערפון פאַר דעם מענשען, וועלען מיר ריידען מעהר באריכות אין אונזער נעקסטער העפט „שכר ועונש״, דערווייל בענוגענען מיר זיך מיט דעם וואָס איז שייך צו אונזער ענין, נעמליך, אַז די תרי״ג מצוות זענען די שפּייז פון אונזער נשמה און נור דורך האַלטען זיי פּינקטליך ווערט אונזער געטליכע טהייל בעלעבט פון דער קדושה און דער מענש ווערט בעהעפט נאָך ביי זיין לעבען מיט דער גאָטהייט; ער בעקומט אין זיך דעם רוח הקודש; ער דערזעהט דאַמאָלס די וועלט אין איהר ריכטיגען קאָליר און קען איהר געבען די ריכטיגע אָפּשאַצונג.

דאָס וואָס יעדער איד קען ניט מקיים זיין אַלע תרי״ג מצוות, ווייל מאַנכע פון זיי איז אונמעגליך צו מקיים זיין, ווי למשל אויב איינער האָט ניט קיין זיהן און קען זיי ניט מל׳ע זיין אָדער מאַכען אַ פּדיון הבן, אָדער ווען זייענדיג אין חוץ לארץ, קען מען ניט מקיים זיין די מצוות פון תרומה, מעשר, בכורים, קרבנות און עהנליכע, פערזיכערען אונז די חז״ל, אַז ווען איינער בעלעבט די גליעדער פון זיין נשמה מיט די מצוות וואָס ער קען יאָ מקיים זיין, לייכטען די אַנדערע נשמה־גליעדער אַליין פון זיך, אָדער זיי ציהען זייער חיונה דערפון וואָס אַן אַנדער איד איז מקיים יענע מצוות, ווייל כל ישראל ערבים זה בזה און דער זכות פון איינעם איז אַלע מאָל מגין אויף׳ן צווייטען.

דערפאַר זאָגט מען ביי אונז, אַז „רשעים בחייהם קרואים מתים״, די רשעים זענען נאָך לעבעדיגערהייד טוידטע, ווייל זייער נשמה איז טוידט, זי בעקומט ניט איהר גייסטיגע געטליכע שפּייז און זי שטאַרבט פאַר הונגער; זי ווערט אָפּגעריי־

סען פון איהר קוואל, זי איז דאן בלינד, טויב און קריגט ניט מעהר די געטליכע השפעה אויף זיך, נור זי ווערט געפיהרט פון דער טומאה און פון דער קליפה, וועלכע פילען דא אן יעדען פלאץ, וואו עס פעהלט די געטליכקייט און וועלכע זענען פעראנטווארטליך פאר אלע צרות און אומגליקען אויף דער וועלט, ציהענדיג זייער שורש פון דעם טוידט און פון דעם גיהנום.

דאגעגען איז דער מענש, וועלכער פאלגט אוים די תר"ג מצוות, לעבעדיג און ער ציהט זיין השפעה פון דעם איביגען לעבענס-קוואל, פון גן-עדן; ער ווערט בעהעפט מיט דער גאטהייט און פיהלט זי אויף יעדען שריט, ווי די תורה זאגט עס אונז טאקי: „ואתם הדבקים בד' אלהיכם חיים כלכם היום". (און איהר וועלכע זענט בעהעפט אן אייער גאט, זענט אלע לעבעדיג.)

קאפיטעל ג.

דער געטליכער סוד.

„ראיתי בני עלייה והן מועטין".
(סוכה מ"ה.)

דער פאראלעל צווישען אן עפעל-בוים און א מענשען.

פון די פאריגע ארגומענטען האבען מיר פרובירט צו איבערציייגען, דאס דער צוועק פון אונזער לעבען איז די נשמה און איהר ערציהונג, און דאס דער קערפער איז בלויז דער פלאץ אין וועלכען זי האלט זיך אויף, די שאלעכץ אין וועלכער דער נוס געפינט זיך. די פארגעבראכטע ארגומענטען זענען נאך אפשר ניט שטארק גענוג צו איבערציייגען עס פאלשטענדיג, אבער ווען דאס זאל לייכט קענען ערקלעהרט ווערען, וואלט דאך גאר ניט נויטיג זיין צו שרייבען גאנצע ווערק וועגען דעם. יעדער איינער קען אבער שטודירען די דאזיגע פראגע לערנענדיג די אידישע תורה, וועט ער זיך איבערציייגען, אז אלעס איז ריכטיג, נור אויב ער טהוט עס ניט, מוז ער כאטש גלויבען אנדערע מענשען וועלכע האבען דאס יא געטהון. דערווייל אבער לאמיר עס אננעהמען פאר ריכטיג און פארשען א ביסעל ווייטער.

מיר אלע ווייסען, דאס דער קערפער איז געווים שטערבליך, מיר זעהען עס מיט אונזערע אויגען, טאג טעגליך שטארבען מענשען, זייערע קערפערס ווערען בעגראבען אין דער ערד וואו זיי ווערען בעמיש אויפגעלייזט אויף די פערשיעדענע עלעמענטען פון וועלכע דער קערפער איז צוזאמענגעשטעלט. דאן מערקען מיר אויך, דאס מיט דעם אנפאנג פון דעם קערפער'ס עקזיסטענץ ענטוויקעלט זיך אין איהם א נשמה, וועלכע איז אין אנפאנג אונערפאהרען (ביי א קינד) נאכהער קריגט זי ביסלעכווייז מעהר און מעהר ערפאהרונג ביז זי דערגרייכט א געוויסען צושטאנד (ביי א מאן) און דאן רייסט זי זיך פלוצלונג אפ פון קערפער און ווערט נעלם, קיינער ווייסט ניט וואוהין. עס ווידערהאלט זיך דא כמעט די זעלבע זאך וועלכע מיר זעהען ביי א פרוכט-בוים. אן עפעל, צום ביישפיעל, פאנגט זיך אן צו ענטוויקלען גלייך נאך'ן געבורטה פון די בלעטער און בליהונג, ביסלעכווייז וואקסט ער אוים ביז זיין פולער גרוים און ווען ער ווערט ענדליך פערטיג, שטארבען די בלעטער אפ, און ער אליין רייסט זיך אפ פון בוים און פאלט ארונטער. די בלעטער פון'ם עפעל בוים זעהען ניט און ווייסען ניט וואוהין דער פארטיגער עפעל איז פלוצלונג פערשוואונדען, (פונקט אזוי ווי מיר מענשען זעהען ניט וואוהין אונזער נשמה ווערט נעלם) די נאטור, ווי געזאגט, וויל נישט ארויסגעבען איהרע צוועקען. די בלעטער זעהען ניט, ווייל זיי האבען פשוט קיין אויגען ניט, דער מענש וועלכער האט שוין כלומרשט יא אויגען, זענען זיי אבער פלייש-אויגען און זעהען ניט אלעס. מיר וועלען זיך אבער בענוצען דערמיט וואס מיר קענען נאכפאלגען דעם שיקזאל פון'ם עפעל אויך נאך זיין ארונטערפאלען מיר וועלען עס פארזיכטיג בעטראכטען אום צו זעהען אויב עס איז ניט מעגליך צו ציהען א פאראלעל צווישען עפעל און מענש; אויב דער שיקזאל פון אונזער נשמה נאך איהר אפרייסען זיך פון'ם קערפער, איז ניט עהנליך צום שיקזאל פון'ם עפעל נאך זיין ארונטערפאלען פון בוים.

די בלעטער, ווי געזאגט, ווייסען ניט וואס איז געווארען מיט'ן עפּעל, פלוצלונג א שארך און ניטא! ניט געווארען דער עפּעל! מיר מענשען וועלכע קענען אבער זעהען, ווייסען עס יא, מיר ערבליקען אונטער'ן בוים די אלע אראפּגעפאלענע הונדערטע עפּעל וועלכע ליגען זיך אויף דער ערד גאנץ רוהיג, נאכדעם ווי זיי זענען ארונטערגעפאלען פון'ם אונטען, אויבען און העכסטען שפּיץ פון בוים. פון דער נאהענטען קענען מיר שוין אויך אביסעל בעסער זיי בעטראכטען. מיר בעמערקען, דאס מאנכע פון זיי, זענען העכסט צייטיג, רייף, זיי זענען ארונטערגעפאלען נאכדעם ווי זיי האבען דערגרייכט אזא צייט, ווען זיי האבען שוין מעהר נישט געהאט וואס צו טהון אויף'ן צווייג; מאנכע ווידער, זענען נאך גאנץ יונג, ניט צייטיג, זיי וואלטען נאך געדארפט בלייבען א לאנגע צייט אויף'ן בוים, צו ציהען די זאפט פון די צווייגען און בלעטער, נור צופעליגער־ווייזע, דורך אן עקסידענט, א גרויסען ווינד אדער א קלאפּ מיט עפּעס, זענען זיי אפּגעריסען געווארען יונגערהייד און ארונטערגעפאלען פאר דער צייט. מיר זעהען אויך, דאס מאנכע עפּעל זענען שעהן, ריין, גאנץ אונבעריהרט, אונבעפלעקט, פול מיט ריינעם גוטען זאפט און מיט געזונדע פרישע יאדרעס; מאנכע ווידער זענען צופרעסענע, מיט וואונדען אויף זייער גאנצען קערפּער און אינוועניג פול מיט ווערים, וועלכע האבען פערצעהרט דעם גאנצען זאפט און פערדארבען די יאדרעס, מאכענדיג זיי אונפעהיג צו ארויסברענגען נייע עפּעל־בוימער, צו שאפען נייע דורות פאר דער אנהאלטונג פון דעם עפּעל־געשלעכט.

מיר בעמערקען ווייטער ווי דער גערטנער קומט צוגעהן, קלייבט אויס די גאנצע, רייפע און ריינע עפּעל, פערפאקט זיי זארגפעלטיג אין א כלי, וועהרענד די ווערעמדיגע און מאנכע אונצייטיגע לאזט ער איבער צו זייער אייגענעם שיקזאל וואו זיי ווערען נאך מעהר צופרעסען, נאך מעהר פערפוילט.

ליעבער לעזער! ווען אונזערע פלייש־אויגען זאלען פלוצלונג אנפאנגען צו זעהען אלעם וואס עס קומט פאר אין דער וועלט, ניט נור די זאכען וועלכע קענען אנגעטאפּט ווערען מיט די פינגער, און וועלכע זענען נאהענט צו אונז, נור אויך אלעם וואס קען מיט'ן אויג ניט געזעהען ווערען נור בלויז מיט'ן פערשטאנד, ווער וויים און ווער קען מיט זיכערהייט זאגען, דאס מיר וואלטען ניט ערבליקט פונקט דאס זעלבע וואס מיר זעהען ביים עפּעל, אויך אין בעצוג צו אונזערע נשמות? פיעלייכט וואלטען מיר דערזעהען די הונדערטע טויזענדע אפּגעריסענע נשמות וועלכע זענען ווי די פערשיעדענע ארונטערגעפאלענע עפּעל. צווישען זיי מאנכע רייפע, צייטיגע, אויסגעלעבטע, שעהנע, ריינע, ניט קיין פערשמירטע, ניט קיין צועסענע, וועלכע זענען עס די נשמות פון אונזערע גוטע, עהרליכע, בראווע מענשען, וואס האבען אויסגעלעבט זייערע יאהרען און געשטארבען ווען פאלשטענדיג רייף פון א נאטירליכען טוידט, גוט ענטוויקעלט און אונבעפלעקט, און מאנכע, ווידער, יונגע אפּגעריסענע לעבענס, יונגינקע נשמה'לאך, וועלכע זענען דורך עקסידענטס ווי קראנקהייטען, אדער זעלבסטמארדען אפּגעריסען געווארען פון לעבען פאר דער צייט. מיר וואלטען אויך, פיעלייכט, דערזעהען די צופוילטע, צוגעסענע, די פון ווערים צופרעסענע נשמות פון די טארקוועמאדאס, סטאליפּינס, פאבעדאנאסצעווס און ד. ג., מיר וואלטען דאן פיעלייכט אויך דערזעהען ווי די נאטור קלייבט זיי איבער; ווי זי טראגט זארגפעלטיג אוועק די גוטע ריינע נשמות, פאר א געוויסען צוועק, צוליעב א פאסענדען תכלית, און ווי זי לאזט איבער די ווערעמדיגע, זיך צו טרינקען אין זייער שמוץ, צו ווערען צופרעסען פון די עקעלהאפטעסטע ברואים און פון שימעל, אדער זי גיט זיי אוועק צו חזרים און אנדערע אזעלכע ברואים. צו דען ווייל מיר קענען דאס אויבענדערמאהנטע ניט זעהען מיט אונזערע פלייש־אויגען, דארפען מיר עס ניט גלויבען? גלויבען מיר דען ניט אין אנדערע זאכען וועלכע מיר זעהען אויך ניט מיט אונזערע אויגען? די אמאליגע וואוילע יונגען, די זא־גענאנטע אפּקורסים אונזערע האבען זיך עפענטליך אויסגעלאכט אויך פון יענער תלמודישער בעהויפּטונג דאס יעדער מענש איז ארומגערינגעלט מיט מיליאנען אונזיכטבארע משחיתים, פון דעסטוועגען איז עס יעצט פאלשטענדיג בעשטעטיגט געווארען פון דער נייעסטער וויסענשאפט און די יעצטיגע באקטעריאלאגיע איז ניט מעהר און ניט ווע־ניגער ווי די קונסט צו קעמפען טאקי געגען אט יענע משחיתים, די מיקראבען און באצילען ווי זיי רופען זיך יעצט, פון וועלכע די כלמר'שטע חכמים, אפּיקורסים האבען זיך אויסגעלאכט, און וואס זיי קענען דאס יעצט בעטראכטען דורך די

פערנרעסערונגס־גלעזער. אונוויסענדע און מענשען מיט נראָבע קעפּ, גלויבען קיינמאָל ניט אַ זאַך וועלכע זיי קענען ניט זעהען מיט זייערע אייגענע אויגען. די נאַטור זעלבסט איז אָבער נאָך אַלעמען גאָר ניט אַזוי שלעכט צו אונז, און אָבוואָהל זי האָט אונזער אויג בעגרענעצט, האָט זי אונז דערפאַר נעגעבען אַ מעגליכקייט צו זעהען מיט'ן שכל פיעל ווייטער און פיעל מעהר, עס איז אַלזאָ ניט איהר שולד, דאָס מאַנכע ווילען זיך דערמיט ניט בענוצען און קוקען אויף אַלעם מיט זייערע פלייש־אויגען. מיט דעם שכל האָט מען די גרעסטע ערפינדונגען אַרויסגעבראַכט און מיט דעם שכל, קען יעדער מענש זעהן טויזענדער זאַכען, וועלכע ער קען ניט זעהן מיט זיינע אויגען.. זאָלען מיר זיך מיט דעם ניט בענוצען? זאָלען מיר זיין ווי יענער בלינדער וועלכער האָט ניט געגלויבט אין דער עקזיסטענץ פון קאָלירען בלויז דערפאַר ווייל ער האָט זיי ניט געקענט אונטערשיידען דורך טאַפּען? יענער בלינדער אָבער איז דאָך לכל הדעות געווען אַ נאַר, ניט אַנערקענענדיג די עקזיסטענץ פון פאַרבען, האָט ער שוין אויך געלייקענט אין דער עקזיסטענץ פון זעהען. און פונקט אַזעלכע נאַראָנים, זענען אויך די אַלע יעניגע וועלכע ווילען ניט אַנערקענען קיין זאַך אויסער דאָס וואָס זיי אַליין קענען זעהען און אַנטאַפּען. ניט אַנערקענענדיג די קראַפט פון אַן אַנדער סאָרט זעהען ווי מיט איינפאַכע אויגען, לייקענען זיי שוין אויך אין דער עקזיסטענץ פון'ם שכל, עס איז דאָך אָבער טאַקי נור און דוקא בלויז מיט אַט די זעלבע אויגען פון'ם שכל, דאָס מיר דערזעהען צוערשט די וויכטיגסטע זאַכען, עס איז געווען מיט די אויגען פון שכל, דאָס מיר האָבען צום ערשטען מאָל ערבליקט אַ מיקראָב און דאַן ערשט האָט עס אויך די פלייש־אויג געקענט דערזעהען; (די זעלבע אויג וועלכע אַלע נאַראָנים האָבען.) עס איז בלויז מיט די אויגען פון שכל דאָס מיר שטודירען די גאַנצע נאַטור, מיר ציהען שליעסע און נייע לעהרען. שטודירענדיג דעם אויג, האָט מען ערפונדען אַ קאַמערא צום פאָטאָגראַפירען, שטודירענדיג דעם אויער, האָט מען געמאַכט דעם טעלעפאָן מיט דעם פאָנאָגראַף, שטודירענדיג די פליהענדע פויגעל מאַכט מען מאַשינען צום פליהען, און שטודירענדיג דעם עפּעל אָדער אַנדערע זאַכען אין דער נאַטור, קענען מיר פיעלייכט דערגעהען דעם סוד פון דער נשמה.

יאָ, יאָ, ליעבער לעזער! אפילו פון'ם עפּעל קענען מיר עטוואָס לעהרנען ווען מיר זאָלען נור דענקען גענוג און בעטראַכטען איהם מיט די אויגען פון שכל.

מיר זעהען למשל, דאָס ווען מען זאָל ניט פוצען, ניט רייניגען, ניט פערהיטען די צווייגעלעך און די בלעטער פון די פיעלע פערשיעדענע געגענשטאַנדען וואָס זוכען זיי צו פערדאַרבען, וואָלטען אַלע עפּעל געווען אָם ענדע ווערעמדיג און צופוילט, ווארום זאָלען מיר דערפון ניט לעהרנען, דאָס אויך אונזער גוף מוזען מיר היטען און פוצען אום אונזערע נשמות זאָלען ניט פערווערימט ווערען? מיר זעהען אויך ווי דער גערטנער נעהמט אַרונטער יעדען יאָהר אַן ערנטע, נאָך יעדען מאָל ווי די בלעטער וואַקסען אָן, ענטוויקלען זיך, פאַלען נאָכהער אַרונטער און ווערען צופוילט; נאָך יעדען דיעזען פיערפאַכיגען פּראָצעס. נאָך יעדען דור בלעטער נעהמט ער אַרונטער אַן אוראַזשאַי אַ געוויסע צאָהל עפּעל וועלכע זענען רייף און גאַנץ, ניט קימערענדיג זיך אַ האָהר וועגען די אַלע אַנדערע עפּעל מיט דער גאַנצער פּראָצעדור, ווארום זאָלען מיר דערפון ניט דרינגען, דאָס אויך דער וועלט־גערטנער, די נאַטור, נעהמט אַרונטער נאָך יעדען דור פון אונז מענשען אַן ערנטע, אַ געוויסע צאָהל רייפע, גוט ענטוויקעלטע און ניט בעשעדיגטע נשמות? דאָס אונזער געבאָרען ווערען, לעבען און פערלאָרען ווערען, אונזער גאַנצע עקזיסטענץ, אונזער גרויסע צאָהל, די גאַנצע פּראָצעדור פון דער ענטשטעהונג, שטערבען, לעבען און אָפּשטאַרבען פון אַ גאַנצען דור איז בלויז צוליעב יענע עטליכע אונבעשעדיגטע רייפע נשמות, וועלכע וועלען אַרויסקומען אַלס אַזעלכע פון דיעזען גאַנצען טאַראַראַם פון די אַלע מיליאָנען מענשען פון יעדען דור? ליידער אָבער זענען די מעהרסטע מענשען פונקט אַזוי אונוויסענד ווי די בלעטער און צוגלייך מיט זיי ווייסען זיי קיין זאַך וועגען זייער אויפגאַבע אין דיעזען לעבען, מיר מענשען זאָרגען בלויז וועגען דעם מאָמענט ניט אַכטענדיג און ניט טראַכטענדיג וועגען דעם צוועק. אַלס פערשטענדיגע בּרואים וואָלטען מיר אָבער ניט געדאַרפט זיין אַזוי נאַכלעסיג און הילפלאָז ווי די עפּעל, מיר קענען דאָך אַזוי לייכט אַרויסהעלפען דעם גערטנער־נאַטור אין זיין אַרבייט, אייננאָרדנען אונזער לעבען אין איינשטימונג מיט דעם צוועק פון לעבען וואָדורך מיר

וואלטען געהאלפען ארויסצוברענגען וואס מעהר און שעהנערע פרוכטען, צו ענטוויקלען וואס שעהנערע נשמות וועלכע זאלען ארויסקומען גאנצע, צייטיגע און ניט צופרעסענע פון ווערים. אויב דאס איז דער וואונש און פערלאנג פון דער נאטור, דאס אונזערע נשמות זאלען גראדע „אזוי" זיין און ניט אנדערש מוז עס אויך ווערען אונזער וואונש, ווייל עס איז דא בלויז איין איינציגער לאגישער וועג אויף וועלכען מיר קענען און מוזען געהען און דאס איז, העלפען דער נאטור אין איהר ארבייט צו ברענגען אונז צו דער העכסטער שטופע פון אונזער בעשטימונג.

דער נסיון פון לעבען און ווי דאס ארבייט.

וויסענדיג אז דער צוועק פון דעם מענשען איז צו ארויפארבייטען זיין נשמה און אז דער וועלט-בעשעפער בענוגענט זיך אין יעדען דור מיט א געוויסער קליינער צאהל „ארויפגעארב'יטע" רייפע נשמות, קענען מיר אנפאנגען צו פערשטעהן דעם גאנצען סדר העולם און עס וועלען אונז פערענטפערט ווערען פיעלע מאדנע קשיות, ווי למשל, ווארום פלאגען מיר זיך? ווארום איז אונזער לעבען אזוי קורץ? ווארום איז מעהרסטענס דעם צדיק שלעכט און דעם רשע גוט? און עהנליכעס.

די ערקלעהרונג דערויף לויט אונזער תלמוד, מדרשים און אנדערע שפעטערע הייליגע ווערק, קען סומירט ווערען ווי פאלגט:

דער סוד פון דעם וועלט-בעשעפער אין דיעזער וועלט וואס ער האט בעשאפען, בעשטעהט אין איין איינציגען ווארט און דאס איז „בחירה". ער האט מיליארדען מלאכים, וועמען ער האט בעשאפען און וועלכע טהוען זיין ווילען יעדערער לויט זיין בעשטימונג פון געבורטה, ווייל אנדערש קענען זיי ניט טהון; א מלאך קען זאגאר קיין צוויי שליחות ניט ערפילען, ווייל ער ווערט בעשאפען מיט א געוויסער אויפגאבע און ווייסט ניט פון צו זיין בעסער אדער ערגער, מעהר אדער ווייניגער ווי דאס וואס ער איז.

דער וועלט-בעשעפער האט אבער געוואלט אויך האבען א בריאה וואס זאל זיך אליין בעשאפען און פערוואנדלען אין א מלאך; ער האט געוואלט האבען אזא בעשעפעניש, וועלכע זאל האבען אליין די בחירה צו זיין גוט אדער שלעכט, וואס זאל אליין אויסגעפינען די געטליכע גרויסקייט, ניט זעהענדיג עס אפען, ווייל אזא סארט בעשעפעניש, איז דאך נאך פיעל גרעסער פון א מלאך, וועלכער זעהט די גאטהייט און איז דערצו נאך אזוי בעשאפען, אז ער זאל איהר דיענען טריי.

צו דיעזען צוועק האט די גאטהייט ארויסגעלאזען אויף דער וועלט א צאהל נשמות, וועלכע זענען ניט מעהר ווי קליינע געטליכע פונקען און ער האט בעשטימט פאר זיי צו געבארען ווערען אלס מענשען, צו לעבען א געוויסע צייט, נאכהער צו שטארבען, נאכהער ווידער געבארען צו ווערען און אזוי דורכצומאכען הונדערטע אדער פיליכט טויזענדע גלגולים און מיט יעדען גלגול זאלען זיי שטייגען אלץ העכער און העכער, זוכענדיג אימער מיט די אייגענע קרעפטען ארויפצוארבייטען זיך. און לויט ווי יעדער דור אדוואנסירט אביסעל און פראגרעסירט, ענדערט פאר איהם די גאטהייט די אומשטענדען, זיי זאלען זיך צופאסען צו זיין פראגרעס, אבער אין יעדען דור פערבלייבט די בחירה ביי יעדען איינעם, לויט זיין מדרגה, צו שטייגען העכער.

גאר די ערשטע מענשען, זענען געווען ווילדע און זיי האבען אין גאנצען ניט געוואוסט וואס הייסט צו קאנטראלירען די ליידענשאפטען, ביז עס האבען זיך געפונען איינצעלנע, וועלכע האבען געשאפען א סארט געצענדיענסט און געוויסע געזעצען וועגען וואס מען מעג טהון און וועגען דעם וואס מען טאהר ניט טהון; עס איז אלזא ענטשטאנען דערמיט די ערשטע מעגליכקייט פאר די מענשען צו פאלגען די נייע געזעצען אדער ניט; ס'איז געווען דער ערשטער גראד פון דער מענשליכער בחירה.

שפעטער זענען די מענשען געשטארבען און נאכהער צוריק געבארען געווארען און מיט יעדען נייעם דור זענען זיי געווארען מעהר ענטוויקעלט, בעקומען מעהר פליכטען, מעהר ווידערשטאנדס-קראפט צו זייער לוסט פאר ניט ערפילען די פליכטען און מעהר רייצונגס-מיטלען פאר ברעכען די פליכטען. דער מענש פון פאר עטליכע טויזענד יאהר צוריק האט געהאט נויטיג פאר זיין לעבענס-מיטעל, לאמיר זאגען, א סטאדע שאף פון א פאר צעהנדליג קעפ, איז פאר איהם

געווען א נסיון צו זעהען ווי זיינער א שכן האט אזא סטאדע און אז ער זאל זיך איינהאלטען ניט צו דער'הרג'ענען דעם שכן און איהם ירש'ענען. אצונד אבער אין אונזערע יאהרען, ווען דער מענש איז מעהר ציוויליזירט און אום צו מאכען אן אנשטענדיגען לעבען, דארף ער שוין צעהן טויזענד דאלער, וואלט פאר איהם א קליינע סטאדע שאף ניט זיין קיין נסיון, זעהט ער שוין איצט א שכן וואס פערמאגט א גרויסע פאבריק אדער סטאר און ער האט ווידער די בחירה צו בלייבען עהרליך און אונטערוואַרפען זיך צום שיקזאל, אדער צו ווערען א גנב, א גזלן, און זוכען ווערען אזוי רייך ווי זיין שכן.

און אויף דיעזען אופן האט יעדער מענש אין יעדען דור זייט די וועלט עקזיסטירט, געהאט אלערליי נסיונות, יעדערער לויט זיין גראד. דער גאר פראסטער האט געקענט אויסהאלטען דעם עקזאמען דורך היטען זיך פון מארד, דער העכערער סארט מענש האט עס אויסגעהאלטען דורך היטען זיך פון ווערען א גנב, נאך א העכערער — פון זאגען א ליגען, נאך א העכערער — פון שלעכטס טהון זיינע אייגענע קנעכט, נאך א העכערער — דורך טהון מענשען טובות, נאך א העכערער — דורך מקריב זיין זיך פאר יענעם און אזוי האט יעדער דור אלץ מעהר און מעהר און העכער געשטיגען אין זיין סארט בחירה, ביז איצט אין אונזערע יאהרען, ווען צו זיין אן אנשטענדיגער מענש, מיינט צו זיין מאראליש אויף'ן העכסטען אופן, ווי למשל צו ליעבען דעם צווייטען ווי זיך אליין.

ווער עס בעהערשט זיינע ליידענשאפטען און קען ביי זיך פועל'ן צו לעבען לויט דיעזער העכסטער מאראל, האט איצט אויסגעהאלטען זיין עקזאמען און אין דעם נעקסטען גלגול, וועט ער שוין געבארען ווערען פאר נאך א גרעסערען נסיון, וועהרענד די יעניגע וועלכע האלטען ניט אויס דעם נסיון, וועלען צוריק געבארען ווערען אין א נידעריגערער מדרגה און זיי וועלען מוזען אנפאנגען זייער ווייטערע ענטוויקלונג, דארטען וואו זיי האלטען איצט. ס'איז אלזא רעכט, אז איינער וועלכער האט בעגאנגען אין אונזערע טעג א מארד, זאל אין זיין נעקסטען גלגול געבארען ווערען ערגעץ צווישען די ווילדע אין אפריקע און דארטען אנפאנגען פון דאס ניי זיין קאריערע, ביז ער וועט אפשר מיט טויזענדע יאהרען שפעטער קומען צוריק צו דער מדרגה וואו ער האלט איצט, ווייל די גאטהייט האט א סך צייט און קען ווארטען.

דאס וואס דעם צדיק איז שלעכט און דעם רשע איז גוט, איז א טהייל פון דעם נסיון צו וועלכען די מענשען זענען אויסגעזעצט, דאס מאכט פיעלע צו דענקען, אז גאט איז אומגערעכט, אדער אז די וועלט פיהרט זיך אהן א בעל הבית און נאטירליך דארפען זיי נאך זיין שטארקער אין זייער בחירה צו פערבלייבען אנשטענדיג טראצדעם אלעמען.

צו זיין א איד איז דער העכסטער נסיון.

די אלע נסיונות פאר דער מענשהייט זענען בעשטאנען אין צוויי זאכען, מאראל און די ערקענטניס פון גאט; אין די ערשטע צייטען פון דער וועלט-געשיכטע זענען אבער די ביידע זאכען נאך געשטאנען אויף א זעהר נידעריגער מדרגה, שפעטער, ווען עס זענען שוין געווען מעהר יחידים, וועלכע האבען געקענט דערגרייכען א גאנץ-הויכע מדרגה, האט דער וועלט-בעשעפער ארויסגעפיהרט אויף דער סצענע דעם אידישען פאלק, געבענדיג איהם די געטליכע תורה וועלכע ענטהאלט די העכסטע מדרגה סיי פון מאראל און סיי פון געטליכער דערקענטניש; דאס איז געווען דער ציעל צו וועלכען די גאנצע מענשהייט האט געדארפט נעהמען שטרעבען; עס איז שוין דאן צייט געווען פאר דער מענשהייט צו אויפהויבען זיך פון דער געצענדיענסט און זייער גערונקענער מאראל און אנפאנגען דיענען דעם איינציגען אמת'ן גאט, און ניט נור דורך ווערען מאראליש אין זייערע זיטען, נור טאקי דורך דערנעהנטערען זיך צו דער גאטהייט אויספאלגענדיג די תרי"ג מצוות, ווי מיר האבען דאס פריהער ערקלעהרט.

צו זיין א איד איז דאן געווארען דער גרעסטער נסיון אין דער וועלט און ס'איז ביז היינטיגען טאג אזוי; ערשטענס איז מען דורכדעם אויסגעזעצט צו דער שנאה פון אלע פעלקער, וועלכע רודף'ן אונז אויס קנאה און אויס טויזענד אנדערע אורזאכען, צווייטענס איז סתם שווער צו זיין א ריכטיגער איד, ווייל מען מוז זיך ענטזאגען פון א סך לעבענס-פערגעניגענס און זיין כסדר געבונדען הענט און פיס. א איד קען ניט יוצא זיין מיט בלויז אפהאלטען זיך פון זינד.

ווי למשל זיצען פערברענגען אין א קלאַב, אָדער פערנעהמען זיך מיט ספּאָרט־זאַכען, וואָס בשעת ער טהוט עס, בעגעהט ער ניט קיין פערברעכענס און בעולה׳עט קיינעם ניט, נור א איד מוז גאָר זיין פרייע צייט פערברענגען אין דאַווענען און לערנען; ער טאָהר קיין דברים בטלים ניט ריידען, טאָהר קיין לצנות ניט פּראַווען און טאָהר זיך בכלל צופיעל מותרות ניט פערגינען, אויסער ווען דאָס איז פערבונדען מיט א דבר מצוה, און דאָס אויסצופיהרען, בפרט נאָך זייענדיג אין גלות, איז אונגעהייער שווער, ובפרט נאָך אַז מיר ליידען שוין אזוי פיעל יאָהרהונדערטע און מען דאַרף נאָך אַלץ טרויען דעם רבונו של עולם אויף קרעדיט, אַז סוף כל סוף וועט ער אונז פערגיטיגען, וואָס ניט יעדער איד קען דאָס גאָר בעגרייפען, אויב ער איז ניט אַן אמת׳ער בן־תורה.

דער אמת איז, דאָס צו זיין א איד, ווען מען ווייסט ריכטיג וואָס דאָס איז אַזוינס, איז דוקא גאָרניט קיין נסיון, נור א הימלישער פערגעניגען, אָבער אום צו דערגרייכען אָט דעם אמת, איז א נסיון גדול ונורא, און פון דעסטוועגען זענען אין יעדען דור געווען א סך אַזעלכע גרויסע אידען, און זיי זענען איצט אויך פאַראַן, דערצו איז דאָס גאַנצע אידישע פאָלק גייסטיג אזוי הויך, אַז ביי אַ געוויסען מאָמענט, קענען מיר אלע אין אַ קורצער צייט פאַרוואַנדעלט ווערען אין קדושים וטהורים. ווען למשל עס קומט משיח און בעשטעטיגט די ריכטיגקייט פון אונזער תורה ונביאים, איז יעדער איד גענוג גייסטיג הויך, צו ווערען איבער נאַכט א ווירדיגער מיטגליעד פון דעם עם קדוש, ווייל די קדושה געפינט זיך אין יעדען אידען, נור זי איז בעדעקט מיט דעם שטויב פון גלות און צווייפעל; מיר זענען אַן אַרמעע פון פעהיגע סאָלדאַטען, וועלכע צווייפלען אין זייערע וואַפען, אָבער קוים זאָל מען אונז ציינגען, אַז די וואַפען זענען גוט און קענען בענוצט ווערען מיט ערפאָלג, ווייסען מיר אַלע ווי צו בענוצען זיך מיט זיי און אין א טאָג ווערען מיר צוריק די גרעסטע זיעגער.

וואָס אַנבעלאַנגט יעדען איינציגען אידען און אין דעם איצטיגען מאָמענט ווען מיר זענען אזוי פערצווייפעלט און צוטומעלט, דאַרפען מיר געדענקען, אַז אונז האָט דער וועלט־בעשעפער ערוועהלט אַלס ביישפיעל פאַר אַלע פעלקער, אַז אונזער תורה איז די יעניגע וועלכע פיהרט דעם מענשען צו דער מדרגה פון דעם אדם העליון און אַז ווען איינער פון אונז ענטזאַגט זיך פון דעם כבוד, מיינט עס, אַז ער האָט ניט אויסגעהאַלטען דעם בחירה־עקזאַמען און אַז ער וועט צוליעב דעם מוזען דורכמאַכען מעהרערע ווייטערע גלגולים ביז ער וועט ענדליך יאָ אויסהאַלטען דעם עקזאַמען, אָדער ער וועט זיך זעלבסט אַרונטערזעצען פון דער גדולה, פאַלען נאָך נידעריגער ווי ער איז און מוזען אָנפאַנגען צוריק פון א פלאַץ, וואו ער איז שוין געווען אמאָל, אָדער גאָר אין גאַנצען אַריינפאַלען צו א נידעריגערען פאָלק און פערלירען זיינע פערדיענסטען וואָס ער האָט אַלס איד און מאַרטירער.

צו זיין אַן אדם העליון, איז ניט קיין פליכט, נור א פּריווילעגיע און אום צו ווערען דאָס, דאַרף מען האַלטען פאַר דעם גרעסטען גליק, מען מוז אָבער פערשטעהן צו האָבען דעם חשק דערצו; מען דאַרף זיך איבערציינגען, אַז דאָס איז דער געטליכער סוד אויף דיעזער וועלט און דאָס איז נור מעגליך דורך זיין א גאַנצער איד, דורך שטודירען די אידישע תורה און דורך לעבען לויט איהרע פאָרשריפטען.

און אזוי ווי דער סוד בעשטעהט נור אין דעם, אַז דער מענש זאָל זיך דערנעהנטערען צו דער גאָטהייט און בעגרייפען וואָס דער צוועק פון אונזער לעבען איז, דעריבער איז ביי אונז פאַראַן די תשובה און חרטה אויף אַלע פערגאַנגענע זינד; קוים האָט איינער אויסגעפונען דעם אמת, ווייסט ער שוין דאָס און ס׳איז קיין אונטערשייד ניט וואָס ער האָט דאָס פריהער ניט געוואוסט, ער קען אַלעס מתקן זיין דורך ווערען צוריק א ריכטיגער איד, דורך אָפּהיטען די תרי״ג מצוות, היטען שבת, דאַווענען, לעגען תפילין און טהון אַלע אַנדערע זאַכען וואָס א איד דאַרף טהון אום צו זיין א איד.

„יש קונה עולמו בשעה אחת״, מאַנכער קויפט זיך איין עולם הבא אין איין־איינציגער שטונדע, דאָס פּאַסירט אין דער שטונדע, ווען ער טהוט תשובה און נעהמט אויף זיך צו זיין א איד אויף להבא און דאָס איז זיכער דער גרעס־

טער געטליכער חסד מיט אונז, מען דארף נאר שכל האבען צו בענוצען זיך דערמיט.

שלום־ווארט.

פון דעם אלעמען, וואס מיר האבען ביז איצט גערעדט איז צו זעהען, אז דער צוועק פון דער גאנצער וועלט־בעשאפונג איז דער מענש, דער צוועק פון דעם מענשען, איז דער אדם העליון, און אז דערגרייכען די דאזיגע העכסטע שטופע, קען מען נור דורך היטען די תרי״ג מצוות פון דער געטליכער תורה. דאס וואס מענשען דענקען נאך, אז די העכסטע שטופע אין לעבען, זענען די הויכע וויסענשאפטען, אדער די הויכע מאראל, איז א טעות אין חשבון און דאס שטאמט דערפון וואס יענע אלע מענשען, זענען נאך ניט רייף אין זייער וויסען און בעגריפען: זיי זענען ווי א קליין קינד, וועלכער רופט אן יעדע פרוי וואס ער זעהט מיט דעם נאמען „מאמע״, ווען ער ווערט אבער עלטער, ווייסט ער שוין, אז א מאמע האט ער נור איינע, וועהרענד די איבעריגע פרויען זענען פרעמדע.

די אלע חכמות און אידעאלען פון דער מענשהייט, זענען ניט די אמת׳ע מאמע, נור סתם גוטע שכנות, אבער די אמתע מאמע איז די געטליכע תורה און זי פערמאגט שוין אין זיך אלע אנדערע וויסענשאפטען און אלע העכסטע אידעאלען.

די וויסענשאפט און די מאראל, זענען הויכע שטופען פון ענטוויקלונג: זיי זענען אויך א לייטער אויף וועלכען מען קען ארויפשטייגען צו דער מדרגה, ווען מען קען שוין אנפאנגען דערנעהנטערען זיך צו דער גאטהייט, אבער ערשט דאמאלס, ביי יענער מדרגה ענדיגט זיך דער לייטער און מען מוז נעהמען דעם צווייטען לייטער — די געטליכע תורה און די תרי״ג מצוות, ווארום אויב ניט, מוז מען פון דעם ערשטען לייטער אויך ארונטערפאלען: ציוויליזאציאנען קענען אונטערגעהן צוזאמען מיט דער וועלט און די וויסענשאפט איז סתם א שוואכע זאך, ווייל דאס וואס היינט ווערט בעטראכט אלס דאס בעסטע אין איהר, קען מארגען ליגען אין שמאטעס: די גרויסע קעראסין־לאמפען ווערען ארויסגעשמיסען דורך עלעקטריק און די עלעקטריק קען מארגען ארויסגעשמיסען ווערען דורך ראדיום און אזוי איז מיט יעדער זאך, די באהנען און שיפען וועלען אפשר ארויסגעשטויסען ווערען דורך לופט־מאשינען, און די גאנצע אסטראנאמישע וויסענשאפט קען ווערען צונישט דורך עפעס א נייער ענטדעקונג, אבער מען קען ניט ארויסשטויסען די געטליכע תורה און דעם רוח הקודש וואס מען דערגרייכט דורך אויספאלגען די געטליכע מצוות.

דאס אידישע פאלק האט דעם גליק געהאט צו בעקומען די געטליכע תורה, דאס אידישע פאלק איז אויך פאראויסגעזאגט געווארען, אז ער וועט די תורה ניט האלטען פעסט גענוג, אז ענדליך וועלען מיר פערטריבען ווערען אין גלות און ליידען די גרעסטע צרות, נור אז מיט דער צייט וועלען מיר צוריק אויפגעריכט ווערען און אונזערע פייניגער וועלען פאר אלעם טהייער בעצאהלען: דאס מעהרסטע האט ביז היינטיגען טאג אויסגעהאלטען ריכטיג ווי פאראויסגעזאגט, אזוי אז די געטליכע ישועה, וועט מסתמא אויך מקוים ווערען: דאס צייגט אז דער אידישער גאט איז דער אל עליון, זיין תורה, — די תורה עליונה, זיין פאלק — דער עם עליון און אז יעדער איד קען ווערען אן אדם העליון.

מיר דרוקען דא דעריבער די געטליכע פאעמע פון משה רבינו. די שירת האזינו, וועלכע ער האט אונז איבערגעלאזען פאר זיין טוידט, און וואו ער זאגט עדות, אז די תורה איז די גרעסטע געטליכע מתנה פאר דעם אויסדערוועהלטען אידישען פאלק, פערזיכערענדיג אונז, אז מיר ביידע, די תורה און איהרע טרעגער, זענען אייביג, און אז אלע אנדערע געטער, אנדערע תורות, אנדערע פעלקער, זענען בלויז צייטווייליגע און האבען ניט קיין ממשות.

דאס אידישע פאלק איז קליין, אבער מיר זענען דער עיקר פון אלע פעלקער!

דעם אדם העליון דארף מען זוכען מיט ליכט, אבער ער איז דער עיקר צווישען אלע אידען!

„ראיתי בני עלייה והן מועטין!״

לאמיר זוכה זיין צו געצעהלט ווערען צווישען דיעזע וועניגע!

האזינו

איבערזעצט פון ב. צ.

א.—

פערנעהמט איהר הימלען, דאס וואס איך וועל ריידען
און הערען זאל די ערד וואס זאגען וועט מיין מויל;
(איך שטעל אייך יעצט אלס מיינע עדות — ביידען,
וויל אייביג וועט זיך וויקלען אייער צוקונפטס-קנויל.)

ב.—

מיין לעהרע טריפט בעלעבענד ווי א רעגען,
ווי טוי, בעפרוכפערענד ז'מיין יעדעס ווארט.
ווי ווינד, וואס ברענגט דער לאנקע גליק און זעגען,
ווי שפריי-רעגען וואס קוויקט די גראזען דא און דארט.

ג.—

ווען איך וועל אויסרופען דא גאטעס נאמען,
איהם עהרען זאלט איהר, אויסשרייענדיג „אמן!"

ד.

אלמעכטיג שטארק איז ער, דאך ניט געפעהרליך,
וויל פאלקאם איז זיין טהאט און פינקטליך אויף'ן האהר,
זיין פיהרונג איז געזעצליך, שטרענג און עהרליך;
ער שטראפט ניט לויט זיין מאכט, נור לויט דער דין שרייבט פאר.
א גאט, וואס מ'קען איהם טרויען, קיינמאל איז ער שלעכט,
ער טהוט קיין עולה, אימער עהרליך און גערעכט.

* * *

ה.—

און ווערט איהר ווען פערדארבען, וועמען שאדט איהר?
ניט איהם, נור זיך אליין, ס'איז אייער אייג'נער מום,
און קיינעם, אויסער זיך אליין, פערראטה איהר,
דער קרומער דור האט בלויז זיך זעלבסט געמאכט פאר קרום.

ו.—

ווי קענט איהר גאט דען אפטהון עטוואס, זינדער?
אה ניכטסווירדיגעס פאלק, ווי נאריש! דו פערגעסט,
אז ער איז דאך דיין פאטער און דיין גרינדער,
ער מאכט דיך פאר א פאלק און גרייט דיר אן א נעסט.

ז.—

געדענקט די וועלט-געשיכטע און שטודירט זי,
און פרעג דיין טאטען, אויסקינפט ביי איהם נעהם,
דערגעה ווי גאט זיין וועלט פיהרט און רעגירט זי,
פרעג אויך די זיידעס וואס זיי וויסען וועגען דעם.

ח.—

ווען גאט נעהמט טהיילען לענדער צו נאציאנען,
פונאנדערשיידענדיג די פעלקער אויף דער וועלט,
ז'ער שטעלענדיג די גרעניצען אזוי געזאנען,
אז לויט דער צאהל פון אידען, זיין זאל'ן זיי געשטעלט.

ט.—

וויל גאט האט אויך א חלק אין די לענדער,
דאס איז זיין פאלק, די אידען וועלכע וואהנען דארט,
צו זיי געקניפט איז ער מיט שטארקע בענדער
און רעכענט זיך מיט זייער צאהל אין יעדען ארט.

י.—

אין מדבר האָט ער נאָך דעם איד געפונען
אין וויסטעניש, אין ווילדערניש, וואו ס'קלאָגט דער ווינד.
און דאָרטען האָט די גאָטהייט איהם געוואונען
(געצייגט די תורה, ט'ער זי צוגעכאַפּט געשווינד.)
אַרומגערינגעלט איהם דאָרט מיט א גלויבען,
ערצויגען איהם, געלערענט איהם אויף יעדען שריט,
געפּפלעגט זיין גייסט און זיין פערשטאַנד דערהויבען
און ווי דאָס שוואַרץ־אַפּעל פון אויג איהם דאָרט געהיט.

יא.—

ווי ס'וועקט דער אָדלער אויף זיין נעסט ביים קומען,
די יונגינקע עמפּפאַנגען זאָלען איהם אָהן שרעק,
ווי ער פליהט אום אויף זיי געהיט, בענומען
און אויף די פליגלען זיינע טראָגט ער זיי אוועק.

יב.—

אַזוי האָט גאָט מיט צערטליכקייט געטראַגען
געפיהרט די אידען אין דער מדבר, גאַנץ אַליין
געהיט, געשיצט זיי, קיינער קען ניט זאָגען
אַז אימעצער געקענט האָט געגען איהם בעשטעהן.

*   *   *

יג.—

א הויכען באַרג־לאַנד מאַכט ער דיך בעזיצען,
וואו עסען וועסטו זיסע פרוכטען פון דיין בוים,
וועסט זויגען האָניג פון די פעלזען־שפּיצען
פון קיזעל־שטיינער צאַפּען בוימעל פאַר דיין היים.

יד.—

אויך רינדען־פּוטער, שאָפען־מילך און לעמער,
באַראַנען־שמאַלץ און בעק און חלב־פעטע ווייץ,
אויך וויין פון רויטע טרויבען אויף'ן עמער,
פון אַלעם וועסטו האָבען, לעבען דאָרט פון גרייטס.

טו.—

נור ווען א איד ווערט פעט, צובריקעט ער זיך,
ביזט פעט און גראָב געוואָרען, ס'טו פערלאָזען גאָט,
און דאַמאָלס, איז אָט ווזו דו גיסט א קעהר זיך
פערשעהמסטו דיין בעשעפער, מאַכסט איהם גאָר צו שפּאָט.

טז.—

איהר נעהמט דערצאָרנען איהם מיט פרעמדע געטער
איהם בייז מאַכען דורך שאַנדטהאַטען, דורך עקעל, שמוץ,

יז.—

דורך אָפּפערען צום טייפעל, צו פערעטהער
צו געטשקעס, וועלכע ברענגען ניט קיין ברעקעל נוץ,
אַלץ נייאינקע, ערשט דאָ ניט לאַנג ערפונדען,
וואָס דיינע עלטערען האָב'ן קיינמאָל ניט געדאַכט,

יח.—

דיין שעפער ז'פון געדאַנק ביי דיר פערשוואונדען
פערגעסען א י ה ם , וואָס האָט צום לעבען דיך געבראַכט.

יט.—

און גאָט דערזעהען האָט עס, און זיין צאָרען
אויף דיינע זיהן און טעכטער האָט זיך שטאַרק צוברענט,

כ.—

ער זאָגט: איך קעהר זיך אָפּ פון זיי פאַר יאָהרען
אָט ווי איך זאָל זיי גאָר ניט האָבען ווען געקענט,
און לאָמיך זעהען וואָס פון זיי וועט ווערען,
ס'א דור וואָס אַלעס איז ביי איהם פערקעהרט, צודרעהט,
און קינדער — ד'גלויב זיי ניט אויף זייער שווערען,

זיי זענען פאַלש און אונפערטרויעליך ביז'ן טוידט.

כא.—

זיי האָבען מיך דערצאָרענט מיט אַזעלכעס
וואָס אונווירדיג איז, און ביי זיי איז עס א גאָט
מיט דומהייטען און נאַרישקייטען, וועלכעס
קיין שטיקעל זין און ברעקעל אינהאַלט אין זיך האָט.
דערפאַר וועל איך זיי אויף דעם זעלבען אופן
דערצאָרענען און שמייסען מיט דער זעלבער רוט,
צו אונווירדיגעס וועל איך זיי פערקויפען.
אַן אויסוואורף־פאָלק וועט באָדען זיך אין זייער בלוט.

כב.—

א פייער פון מיין האַס האָט זיך צופלאַקערט,
א העליש פייער וואָס האָט לאַנד און פרוכט פערברענט;
ס'האָט אַלעס מיט'ן וואָרצעל אויסגעאַקערט,
זאָגאַר די בערג פער'שרפה'עט מיט'ן פונדאַמענט.

כג.—

איך וועל פערפיעלפאַכען אויף זיי דאָס שלעכטע.
אַריינשיסען אין זיי ביז צו דער לעצטער פייל;

כד.—

געשוואָל'ן פון הונגער, וועלען זיי געפעכטע
מיט בייזע גייסטער מוזען פיהרען יעדע ווייל.
פון רויב טהיערען בעפאַלען און צוריסען,
פון בייזע שלאַנגען זיין וועל'ן זיי געביסען.

כה.—

אין דרויסען שניידט דאָס שווערד גאָר אָהן רחמנות,
און אין די הייזער פאַלען מענשען אויס פון שרעק;
בחורים, מיידלאך זיינען די קרבנות,
דער גרייז און זויגלינג, יעדער איינער פאַלט אַוועק.

כו.—

און ד'האָב געדענקט אין גאַנצען זיי פערניכטען,
קיין שום געדעכטעניש ניט בלייבען זאָל פון זיי;

כז.—

ווען ניט דער פיינד, ד'האָב פורכט זיין פאַלש־בעריכטען,
אַז ער אַליין דאָס אַלעס האָט געטהון אַזוי;
ער זאָל ניט ריהמען זיך אַליין, זיין האַנד און מאַכט,
ניט ווּיסענדיג, אַז איך האָב גאָר דערצו געבראַכט.

כח.—

ווייל יענער פאָלק, וואָס וועט פערניכטען גאָטעס לאַנד,
האָט זעהר ווענינ שכל, ס'פעהלט איהם אויס פערשטאַנד.

כט.—

ווען ער איז קלוג, וואָלט ער דאָך גוט בעגרייפען
דעם אידענס סוף, און דאַן צו זיך אַליין געזאָגט:

ל.—

„ווי קען איין (1) מענש א טויזענד מאַכען לויפען,
פון צווייען בלויז, זאָל'ן צעהן טויזענד זיין געיאָגט?
אויב ניט דערפאַר, דער איד דערשראָקען איז, אַנטלויפט,
ווייל גאָט האָט איהם צום שונא אין די הענט פערקויפט".

לא.—

דעם שונא'ס גאָט איז מאַכטלאָז דאָך צו זיענען,
ווען אונזער גאָט זאָל דאָס ניט וועלען — זאָגען „ניין!"
נור ווייל דער גאָט פון אידען האָט געשוויגען,
גע'משפט האָט דער שונא אונז דערפאַר אַליין.

*   *   *

לב.—

דאָס אַלעס איז, ווייל דיינע וואָרצעל־ריטער
פון'ם סדום ועמורה־וויינשטאָק ציהען זייער שטאַם,

וואָס זייער פּרוכט פערבלייבט אויף אייביג ביטער,
די בלעטער זיינען גאַל, די טרויבען־הענגלאַך — סם.

לג.—

און זייער וויין איז שלאַנגען וואוטה, — עס ברענט,
עס טוידטעט ווי דער קלאַפּער־שלאַנג אין א מאָמענט.

לד.—

איך קען איהם, אייער שטאַם, ער ליגט בעהאַלטען
אין מיינע אוצרות דאָרט אין הימעל אונטער שלאָס.
פּער׳חתמ׳עט אייער יחוס דעם פּערגאַלטען
האָב איך ביי זיך, פּערצייכענט אַלעס אות באות.

לה.—

און ד׳האַלט מיין לוין און ראַכע פאַר די צייטען,
ווען אייער פוס וועט זיך א גליטש טהון, געב׳ן א פאַל,
דאָס וועט דעם טאָג פון אייער בראָך בעדייטען,
די בייזע צוקונפט וועט דאַן קומען מאָמענטאַל.

* * *

לו.—

ווען גאָט וועט פאַלשטענדיג זיין פאָלק בעשטראָפען,
וועט ער זיך דאַן דערבאַרימען אויף זיינע קנעכט,
ווייל ער וועט זעהען ווי ער האָט זיך איבערטראָפען,
ווי מאַכטלאָז, אָפהענגיג זיי פיהלען זיך, ווי שלעכט.

לז.—

און זאָגען וועט ער דאַן: „נו רופט די געטער,
וואָס איהר האָט זיך אויף זיי פערלאָזען ביז אהער.
אַז זיי זאָל׳ן העלפען אייך און זיין די רעטער;
וואָס איהר געאָפּפערט האָט צו זיי און וואָס נאָכהער

לח.—

געגעסען ט׳איהר די פעטס פון די קרבנות.
געטרונקען פון די פיעלע גיס־אָפּפער דעם וויין;
געלויבט זיי און געגעבען זיי מתנות
יעצט זאָל׳ן זיי העלפען אייך, א שטיקעל שוץ אייך זיין!

לט.—

און איצטער זעהט, אַז איך בין איך — מיר געגען
קען קיינער שטעלען זיך; איך טוידט און איך בעלעב,
ד׳ פערוואונד און הייל, איך דאַרף דאָ קיינעם פרעגען,
איהר קענט מיר קיינמאָל שטערען דאָס, צו וואָס איך שטרעב.

מ.—

ד׳קען אויפהויבען מיין האַנד צום הימעל, זאָגען הויך:
די הימלען זענען אייביג —אייביג בין איך אויך!

מא.—

ווען איך דעם קלינג פון שווערד פאַנג אַן צו שאַרפען
און ס׳נעהמט זיך פאַר גערעכטיגקייט מיין שטאַרקע האַנד,
דאַן ציטערען די געגנער מיינע דאַרפען,
מיין בייזע ראַכע בושעוועט דאַן נאָאַנאַנד.

מב.—

מיט בלוט, די פיילען מיינע מאַך איך שכור,
דאָס בלוט פון טוידטע און געפאַנגענע אין קריעג,
מיין שווערד פרעסט פלייש, פערצעהרט עס גאַנצע שטיקער,
צושמעטערענדיג קעפ פון פיינד וואָס איך בעזיעג.

* * *

מג.—

אה פעלקער! מאַכט דאָס פאָלק פון גאָט צו זינגען,
ווייל ראַכע איז די שטראָף פאַר אַלעס וואָס איהר טהוט.
און טהייער צו בעצאַהלען ט׳ער אייך צווינגען,
פאַר גאָטעס לאַנד און פאַר זיין פאָלק׳ס פערגאָסען בלוט...